STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

NO. 04445

# NISHT FARENDIKTE BLETLEKH

Lili Berger

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לילי בערגער

# נישט פאַרענדיקטע בלעטלער

דאָס בוך איז דערשינען מיט דער הילף פון געזעל־
שאַפטלעכן עסקן חיים קערבער אין אָנדענק
פון זיין פרוי שרה קערבער (געבוירן פּאַצאַנאָווסקאַ).

לילי בערגער

# נישט פאַרענדיקטע בלעטלעך

(ראָמאַן)

פאַרלאַג „ישׂראל־בוך"
הילפספאָנד פאַר ייִדיש־שאַפונג
תל־אביב, תשמ"ב — 1982

Lili Berger

# PAGES INACHEVÉES

(Roman)

©
Copyright by Lili Berger

**Printed in Israel, 1982**
**נדפס בישראל, תשמ״ב**

Israel-Book Publishing House
4, Itamar Ben-Avi Str. Tel-Aviv, P. O. B. 1777

**פאַרלאַג „ישראל־בוך״**
**הילפספאָנד פאַר יִדיש־שאַפונג אין לאַנד**
**רחוב איתמר בן־אבי 4, תל־אביב, ת. ד. 1777**

דפוס „אורלי״ — פרידמאַן, תל־אביב, טלפון: 332062

איך דריק אויס מיין דאַנק די אַלע פערזאָנען, וואָס האָבן געקענט אסתר פרומקין פון נאָענט אָדער פון ווייט און האָבן באַוויליקט זיך צו טיילן מיט מיר מיט זייערע זכרונות, אויסקונפטן וועגן איר; אַ יישר־כוח אויך די, וואָס האָבן מיר איבערגעגעבן ידיעות, איינצלהייטן וועגן די סאָוויעטישע לאַגערן פון דער געגנט, ווו אסתר האָט געשמאַכט די לעצטע יאָרן פון איר לעבן. אַ באַזונדערן דאַנק דעם לייטער פונעם בונדישן אַרכיוו פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג א"נ פון פראַנץ קורסקי אין ניו־יאָרק, דעם טיכטיקן הלל קעמפינסקי, וואָס האָט מיר צוגעשטעלט וויכטיקע דאָקומענטן וועגן אסתר פרומקין, אויך אַ טייל פון אירע שריפטן. די דאָזיקע אַלע דאָקומענטן און אויסקונפטן האָבן מיר געהאָלפן שאַפן דעם ראָמאַן.

די מחברין

# במקום אַ הקדמה

דער טעלעפאָן האָט געקלונגען. כ׳האָב נישט באַלד אויפגעהויבן דאָס טרײַבל. כ׳האָב געהאַט געבעטן נישט צו קלינגען. מ׳הערט אונטער דורכן טעלעפאָן. ווי מ׳זאָל זיך נישט היטן, גליטשט זיך עפּעס אַראָפּ פון צונג, בפרט ווען יענע פּלאָפּלערקע הייבט אָן רעדן. דאָס איז זיכער זי, זאָשקע, זי איז אין גאַנצן צעטומלט, דאַרף זיך אַראָפּרעדן פון האַרץ. מ׳האָט זי מיט אַ טראַסק אַרויסגעוואָרפן פון דער אַרבעט. איר אַרישער נאָמען פון דער צײַט פון דער אָקופּאַציע האָט איר איצט נישט געהאָלפן. מ׳האָט אויפגעדעקט איר ייִדישן נאָמען — ווײַנטרויב.

דער טעלעפאָן האָט עקשנותדיק ווײַטער געקלונגען. כ׳האָב נישט גערן אויפגעהויבן דאָס טרײַבל און דערהערט אַן אומבאַקאַנטע, מענערישע שטימע. אַ ייִדיש מיט אַ שאַרפן רוסישן אַקצענט.

— יאָ, דאָס בין איך. ווער רעדט?

— ס׳רעדט... איך בין דער, וואָס קאָרעספּאָנדירט מיט אײַך, פון מאָסקווע, דער וועמען איר שיקט ביכער...

— פּראָפעסאָר פּאַלקין?

— דאַ, דאַ, ניעט, איך הייס נישט אַזוי, אַן אויסגעבאָרגטער נאָמען, איך הייס קאַלעמבערג, דאָקטער קאַלעמבערג, דאָקטער מעדיצין. פאַר מיר האָט איר געשיקט דעם נומער פון אײַער טעלעפאָן.

— כ׳האָב געשיקט דעם נומער טעלעפאָן פּראָפעסאָר פּאַלקינען. ווער זענט איר דאָקטער קאַלעמבערג?

— איך בין דאָס דער... איך וועל אײַך אַלץ אָביאַסניאַען ווען מיר וועלן זיך טרעפן. זאָגט מיר ווען? ווו? איך וויל וואָס גיכער זיך זען מיט אײַך, איך וועל אײַך אַלץ אָביאַסניאַען...

כ׳האָב גאָרנישט פאַרשטאַנען. דער טאָן איז געווען אַן אויסערסט פרײַנדלע־כער, אַן אויפריכטיקער, בעטנדיקער. ער האָט געבעטן וואָס גיכער זיך צו זען. ניין, ס׳איז נישט קיין פּאַסטקע. ווער איז ער אָבער? כ׳האָב באַקומען בריוו

פון מער ווי אַ צענדליק סאָוויעטישע ייִדן; כ׳האָב אויף זייער בקשה געשיקט ייִדישע ביכער. ס׳האָט זיך אײַנגעשטעלט אַ פרײַנדלעכער בריוו־אויסטויש. די מענטשן זענען מיר געוואָרן נאָענט. צווישן זיי איז קיין קאַלעמבערג נישט געווען. צו וואָס אָבער אַזוי פיל אַרײַנטראַכטן? ס׳וועט זיך באַלד אויפקלערן.

מיר האָבן זיך אָפּגערעדט צו טרעפן דעם זעלבן טאָג בײַם טויער פון גענשער בית־עולם, ער האַלט זיך אויף נישט ווײַט פון דאָרטן. ער וויל סײַווי כ׳זאָל אים צופירן צום אוהל־פּרץ. אויב, וואָס־ווען, וועט עס זײַן אַ גוטער אויסרייד. דער בית־עולם איז הײַנט דאָס בעסטע אָרט אויף טרעפונגען, אויף דורכשמועסן זיך.

דער טאָג איז אַ פרילינגדיקער, אַ זוניקער, כמעט אַ זומערדיקער. אין 1968 האָט דער פרילינג אין פוילן זיך אַרײַנגעשטעלט פרי, שטופּנווייז צעגרינט און צעבליט זיך אין זײַן גאַנצער פּראַכט. צומאָל די ווילד־גראָזן, די ווילד־געוויקסן אויף די ליידיקע חרוב־פּלעצער פון צעשטערטן געטאָ אַרום בית־עולם האָבן זיך שוין היפּש צעוואַקסן. דער הימל אַ העל־בלויער הענגט הויך איבער דער שטאָט, איבערן בית־עולם. די יונגע, פרילינגדיקע זון ברענט נישט, זי וואַרעמט מאַמיש, צערטלט, פּאַריאָגט דעם אומרו, דאָס שווערע ייִדישע געמיט.

כ׳האָב זיך צוגעאײַלט. דער נײַגיר האָט מיך אונטערגעיאָגט. כ׳בין געקומען פריִער ווי די אָפּגערעדטע שעה. אַ מאַן איז געשטאַנען בײַם טויער פון בית־עולם. כ׳האָב זיך משער געווען, אַז דאָס איז ער. אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט אַן אָנגעבויגענער פּלייצע, ווי אַ משׂא וואָלט אויף איר געלעגן, מיט אַ קאָפּ שיטערע ווײַסע האָר, אַ צעשניטן, צעאַקערט פּנים, זעט ער אויס ווי אַ מענטש, וואָס האָט אַ לאַנג לעבן שווער געהאָרעוועט, לכל הפּחות ווי ער וואָלט אין זײַן לעבן קיין האָניק נישט געלעקט. אין וואָסער עלטער קאָן ער זײַן? ער זעט אויס אויף אַן אַלטן מענטש, נאָר ווער קאָן דאָס וויסן? דער בליק, די לעבעדיקע אויגן, דער אָפענער שמייכל זענען נישט פון קיין זקן, ווי עס זעט אויס דאָס צעקנייטשטע, קרענקלעך־בלאַסע געזיכט.

ער האָט מיר לאַנג און פרײַנדלעך געדריקט די האַנט.

— דאָס זענט איר? כ׳האָב אײַך פון דער ווײַטנס דערקענט, אַנגעשטויסן זיך, אַז דאָס זענט איר. איך הייס איליאַ קאַלעמבערג. כ׳האָב געשריבן צו אײַך אונטער אַן אַנדערן נאָמען. מײַן פרײַנד, פּראָפעסאָר פּאַלקין, האָט מיר אויסגעבאָרגט אי זײַן אַדרעס, אי זײַן נאָמען. ער איז מײַנער אַן אַלטער פרײַנד, מיר קענען זיך נאָך פון דער שול־באַנק, פון די סטודענטישע יאָרן.

— פֿאַר וואָס האָט איר נישט געשריבן אונטער אײַער אייגענעם נאָמען, אויף אײַער אייגענעם אַדרעס? — בין איך געוואָרן נײַגיריק.

ער האָט זיך צעשמייכלט מיט אַן אומעטיקן שמייכל.

— צוליב אַ לאַנגער געשיכטע. כ'בין מיט איבער צוועלף יאָר צוריק געקומען פֿון „דאָרטן", געווען „דאָרט" אַ צוואַנציק יאָר.

ער האָט אַקצענטירט דאָס וואָרט „דאָרט".

— אַז מען איז „דאָרטן" געווען אַ צוואַנציק יאָר, איז מען פֿאָרזיכטיק, מ'האָט נאָך אַלץ מורא. ס'איז אפֿשר נישט אַזוי די מורא גופֿא, ווי די געוווינהייט מורא צו האָבן, צו זײַן פֿאָרזיכטיק. אין אונדז, די צוריקגעקומענע פֿון „דאָרטן", איז אינערלעך פֿאַרבליבן עפּעס אַזעלכס, וואָס האַלט אויף דער וואַך, וואָס שושקעט אויפֿן אויער: פֿאָרזיכטיק, מ'האַלט דיך מסתּמא אויפֿן אויג, פֿאַרגעס נישט, אַז ביסט „דאָרט" געווען.

— ווו זענט איר דאָרט געווען?

— ווו נישט? אומעטום, ווו מ'האָט זיך געניייטיקט אין אַ דאָקטער, אַ דאָקטער דאַרף מען אַפֿילו אין יענע גיהנומס. מ'האָט מיך איבערגעוואָרפֿן פֿון קאָלימאַ קיין וואָרקוטאַ, דערנאָך אַפּגעוועזן אַלע יאָרן אין אַ קאַראַגאַנדער לאַגער, צו לאַנג צו דערציילן, צו לאַנג.

מיר האָבן לאַנגזאַם געטראָטן דורך דער הויפּט-אַלייע פֿון בית-עולם; אויפֿן וועג זיך אָפּגעשטעלט, געוויזן אים די מצבה פֿון זעליג סלאָנימסקי, דעם משפּחה-קבר פֿון סטעפּאַניאַ ווילטשינסקאַ, ווו עמעצער פֿון דער לעבנגעבליבענער משפּחה האָט צו דער שוואַרץ-מאַרמאָרנער מצבה צוגעשריבן אירן, סטעפּאַניאַס נאָמען. בײַם אוהל-פּרץ האָט ער אָנגעבויגן דעם קאָפּ ווי פֿאַר אַ פֿרישן קבר, געשטאַנען אַ ווײַלע שווײַגנדיק, דערנאָך אָנגעהויבן וואָרפֿן בליקן אַרום זיך. זײַנע אויגן האָבן זיך אָנגעהאַנגען אין דער מצבה פֿון אסתּר רחל קאַמינסקי, וואָס ליִנקס, האַרט בײַם אוהל. הינטער איר מצבה איז דער קבר פֿון מיכאַליעוויטשן. דאָקטער קאַלעמבערגס בליקן האָבן געבלאָנקעט איבערן שטח מיט די מצבֿות, דערנאָך איבערגעטראָגן די אויגן קעגנאַיבער, געלייענט די אויפֿשריפֿטן אויף די מצבֿות פֿון אַבֿרהם מאָרעווסקי, בערל מאַרק, דעם דיכטער יעקבֿ זאַנשיין. מיר זענען געגאַנגען ביז דער סוף אַלייע, אויף רעכטס — פֿאַרוואַקסענע מאַסן-קבֿרים פֿון דער אָקופּאַציע-צײַט, ווען דער פֿינקערט-וואָגן פֿלעגט צונויפֿקלײַבן די מתים אין געטאָ און זיי אַרײַנוואַרפֿן אין גריבער. אויף לינקס — דער אַלטער טייל פֿון בית-עולם, איינטאָניקע, גרויע מצבֿות צווישן אַ געדיכטן וואַלד ביימער. ער האָט געבעטן אים ווײַזן אַנדערע טיילן פֿון בית-עולם.

— איר וווּנדערט זיך מסתמא אויף מײַן באַציִונג צו קברים, צו מצבות. איר פֿאַרשטייט, „דאָרטן" זענען פֿאַר מײַנע אויגן אויסגעגאַנגען אַ סך, אַ סך מענטשן, אָבער קיין מצבות זענען נישטאָ, קיין קברים אויך נישט. קיין שום סימן, קיין שום צייכן. איבערן טויט האָבן זיי אויך געהאַט די דעה. פֿאַר איין טויטער זיך געהאַט אײַנגעשטעלט, ריזיקירט צו בעטן מ'זאָל איר שענקען אַ קבר. כ'האָב שלעכט אָפּגעשניטן, מ'האָט מיר שיִער נישט צוגערעכנט צו מײַנע פֿאַרברעכנס אַ נײַ פֿאַרברעכן. איר פֿאַרשטייט, כ'האָב געוואָגט אויפֿ־צושרײַבן אויף אַ קליין ברעטל דער געשטאָרבענערס נאָמען: מאַריאַ יאַקאָוולעוונאַ פּרומקינאַ. אפֿשר, אפֿשר וועט מען דערלויבן עס אַרויפֿצושטעלן אויף איר קבר. יענעם טאָג געווען בלויז איין געשטאָרבענע, ס'איז זומער, מ'לאָזט נישט ליגן קיין מתים, מ'וועט זי מקבר זיין אַליין; אפֿשר, אפֿשר וועט מען לאָזן אַ סימן פֿון איר קבר.

דערהערט דעם נאָמען פּרומקינאַ, האָט מיר אַ זעץ געטאָן אין האַרץ. מיינט דאָס אסתּר פּרומקין? כ'האָב זיך טאַקע געהאַט אַ סך נאָכגעפֿרעגט אויף איר. זי האָט זיך פֿון דאָרט נישט אומגעקערט. כ'האָב אַרויסגעפּלאַצט מיט עטלעכע פֿראַגן פֿאַר איין מאָל.

יאָ, ס'איז קיין טעות נישט. ס'גייט אין אסתּר פּרומקין. ער איז געווען איר דאָקטער אין אַ קאַראַגאַנדער לאַגער. זי איז געווען דאָרט דרײַ יאָר. דעם 8טן יוני 1943 האָט זי אין גרויסע יסורים אויסגעהויכט די נשמה, לאַנג זיך גע־מאַטערט, אַפֿילו שטאַרבן איז איר אָנגעקומען זייער שווער. די תּפֿיסות, דער הונגער, די קעלט, די קראַנקייטן האָבן רויִנירט דעם אָרגאַניזם, אָבער נישט דאָס האַרץ. דאָס האַרץ האָט נישט געוואָלט זיך אָפּשטעלן. אַ לאַנגע גסיסה געווען. זי האָט אָבער פֿריִער אירס דערגרייכט: בסוד סודות פֿאַרשריבן, פֿאַרצייכנט און אויסבאַהאַלטן. אַ זעלטן שטאַרקער ווילן. ווען די קראַנקייט האָט איר אַרײַנגענומען אין אײַזערנע צוואַנגען, נישט דערלויבט איר צו פֿאַרענדיקן די באַשרײַבונג פֿון איר לעבן, האָט זי נאָך פֿאַרמאָגט אין זיך גענונג איינפֿאַלע־רישקייט און ווילן איבערצוטראָגן דעם מאַנוסקריפּט פֿון איין באַהעלטעניש אין דער אַנדערער און אויפֿסנײַ באַשווירן אים דאָס אויסבאַהאַלטענע צו ראַטעווען, מיטצונעמען, ווען ער וועט אַרויס פֿון לאַגער. ער האָט מיטגענומען, אויסבאַהאַלטן מיט דער הילף פֿון זײַן פֿרײַנד פֿאַלקין, צוזאַמען איבערגעשריבן די נישט־דײַטלעכע שריפֿט. דורך וועגן און אומוועגן איז דער מאַנוסקריפּט אָנגעקומען צו זײַן היגער שוועסטער. ער האָט זיך לאַנג געקליבן אַהער, גערעכנט דאָ צו טרעפֿן אַלטע פֿרײַנד, וואָס וועלן אַן עצה געבן, און געטראָפֿן צעטומלעניש. זאָל איך אַן עצה געבן ווי אַזוי ווײַטער צו ראַטעווען דעם

מאַנוסקריפּט. פון דאַנען איז פאַרט נענטער און לײַכטער צו דערגיין צו דער וועלט.

מיט נײַגיר און האַרצקלאַפּעניש האָב איך אין אַ פרילינגדיקן פרימאָרגן אָנגעקלאַפּט אין טיר. ס׳האָט געעפנט אַ גרײַז־גרויע פרוי. אין אירע וואַסערדיקע אויגן — אַ געמיש פון שרעק און פרייד. זי האָט געוואַרט אויף מיר. זי רעדט מיט אַ מורמלערײַ ווי זי וואָלט מיר פאַרטרויט גרויסע סודות. וואָלט זי זיך געריכט אויף אַזאַ סומאַטאָכע, וואָלט זי אָפּגערעדט דעם ברודער איצט צו קומען צו גאַסט. אין אַזאַ צײַט! זי האָט שוין געטראַכט דעם מאַנוסקריפּט צו פאַרברענען, נאָר דאָס האַרץ לאָזט נישט. ס׳איז דער אָנדענק פון אסתרן. זי איז אײַנגעבאַקן אין האַרץ, די יונגע חברה אין מינסק האָבן זי פאַרגעטערט. דאָקטער קאַלעמבערג, אויסגעצויגן אויף דער אָטאָמאַנקע, דאָס קרענקלעכע פּנים געל־בלאַס, האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. ער האָט דאָס מאָל געשוויגן, געלאָזט דער שוועסטער דערציילן. דאָס קראַנקע האַרץ האָט דאָס מאָל קאַפּריזעוועט.

אין אַ שפּעטן אָוונט האָב איך דאָס בינטל בלעטלעך פונאַנדערגענומען, אָנגעהויבן לייענען. ס׳איז אָנגעקומען שווער. דאָס ביליקע פּאַפּיר איז פאַרגעלט, די נערוועזע שריפט פאַרבלאַסט. דער קאָפּ איז אויך נישט דערצו. מ׳דאַרף אָנהייבן זיך גרייטן אין וועג. אין אַ פרײַען פרימאָרגן האָט דאָס בינטל בלעטלעך, צוזאַמען מיט אַנדערע מאַנוסקריפּטן און דאָקומענטן באַקומען אַ מקום־מקלט אין קעלער, אונטער אַ שטויס אַלטוואַרג. ווער ווייסט צי אין זייער שגעון קאָן זיי נישט אײַנפאַלן צו מאַכן רעוויזיעס. אין קעלער, אונטער דעם אַלטוואַרג וועט מע נישט זוכן.

די קראַנקע טעג האָבן זיך געצויגן שלאַבעריק און דאַך געלאָפן. יעדער טאָג האָט געבראַכט אַ נײַע צרה, נײַע אויסטראַכטענישן אויפן הייפל פּוילישע ייִדן. וואָס האָב איך מיך צו אײַלן אָפּצושטאַטן נאָך אַמאָל אַ וויזיט בײַ דאָקטער קאַלעמבערג? כ׳האָב צײַט, ער בלײַבט נאָך עטלעכע וואָכן. זאָל איך גאָר באַשטאַטן אין אַ זיכער אָרט דעם מאַנוסקריפּט. ער האָט אין גיכן, צוזאַמען מיט אַנדערע דאָקומענטן, באַקומען אַן אַזיל־אָרט בײַ אַ פּוילישער פרײַנדין. מ׳וועט דערנאָך אַ טראַכט טאָן ווי אַזוי דאָס אַלץ זאָל דערגיין צו מיר נאָך מײַן אויסוואַנדערן.

כ׳בין אַוועק מיט אַ לײַכט האַרץ צו דאָקטער קאַלעמבערג. כ׳האָב געטראָפן זײַן עלטערע שוועסטער אַ פאַרטרויערטע, אַ פאַרוויינטע. איר ברודער איז זינט אַ וואָך נישט געווען צווישן די לעבעדיקע. דאָס קראַנקע האַרץ האָט נישט אויסגעהאַלטן. זי איז געהאַט אַראָפּ עפּעס אײַנקויפן און צוריקקומענדיק

אים געפונען זיצנדיק ביַים טיש מיטן קאָפּ פאַרוואָרפן אויף דער צײַטונג. דער אַרויסגערופענער דאָקטער האָט זי געטרייסט: אַ לײַכטער, שנעלער טויט. אַ האַרץ־אַטאַק. כ׳האָב פאַרשפּעטיקט בלויז מיט פיר טעג צו דער לוויה.

דער אויסבאַהאַלטענער מאַנוסקריפּט איז מיר נאָך טײַערער געוואָרן. ס׳איז אויך אַן אָנדענק, אַ צוואה פון דאָקטער קאַלעמבערג. מ׳דאַרף אים ראַטעווען, פונקט ווי ער האָט אים געראַטעוועט; ער דאַרף, ער מוז דערזען די ליכטיקע שײַן. די אַזיל־געבעריין וועט צוהעלפן. זי זאָגט צו מיט דער האַנט אויפן האַרץ.

דערווײַל זענען די יאָרן געלאָפן. די נײַע היים, דאָס זיסע און פרײַנדלעכע פראַנקרײַך איז ביטער־האַרט, אומפרײַנדלעך צום נײַעם אימיגראַנט. וועגן וואָס פריִער טראַכטן? מ׳דאַרף דערווערבן וווין־רעכט, אַ דאַך איבערן קאָפּ, אַרבעט. אויך די זאָרג פאַרן וואַליזקעלע אין דעם פוילישן אַזיל־אָרט האָט נישט צורו געלאָזט; פון צענדליקער אײַנפאַלן איז געוואָרן אַן אויסגעבלאָזענע איי, פון פילצאָליקע צוזאָגן האָט זיך אויסגעגעלאָזט אַ בוידעם, ביז... ביז ס׳האָט זיך געפונען אַ דרייסטער, מוטיקער מענטש.

זי איז דרייסט און מוטיק, מײַן נײַע פראַנצויזישע פרײַנדין. זי האָט אויך שטענדיק הנאה אָפּצוטאָן אַ שפּיצל די, וואָס דערגייען מענטשן די יאָרן. „כ׳וועל זיי אָנפײַפן, כ׳וועל זיך אַן עצה געבן. זאָרג נישט. כ׳זאָג דיר צו עס צו ברענגען”. זי האָט געהאַלטן וואָרט. געבראַכט. געפאָרן קיין וואַרשע, כלומרשט אויף אַ באַזוך צו מײַן פוילישער פרײַנדין, אָפּגענומען דאָס וואַליזקעלע, אַוועקגעטראָגן צום פראַנצויזישן קאָנסול, אײַנגעטענהט אַזוי לאַנג מיטן פראַנצויזישן דיפּלאָמאַט ביז ער איז אײַנגעגאַנגען עס איבערצושיקן מיט דער דיפּלאָמאַטישער פּאָסט.

# I

ס׳איז ווינטער. דאָס יאָר 1940 רוקט זיך צום סוף. ווײַט פון דאַנען ערשט אָנהייב האַרבסט. דאָ, אין דער ווײַטער קאַראַגאַנדער געגנט, אַ שווערער ווינטער. אַ ווייסע ערד, באַדעקט מיט אַ בלישטשנדיקן, פּוכיקן שניי. אַ ברענענ־דיקער פראָסט, וואָס רײַסט זיך אַרײַן הינטער די שמאַטע־קליידער, בריט דאָס לײַב, שטעכט אונטער די נעגל.

ווײַט פון דאַנען איז מלחמה אויף דער וועלט. דאָ איז אויך מלחמה. דער הונגער, די קעלט, דער שמוציקער, פאַרפּעסטעטער באַראַק פירן מלחמה מיט אונדז לאַגערניקעס, זיי פאַרווינדן, דערהרגענען מענטשן, ווי קוילן און באָמבעס אויף די פראָנטן. און אָט דאָ, אין דער ווײַטער ווײַסער וועלט בין איך, אסתּר פרומקין וועל מאַריאַ יאַקאָוולעוונאַ פרומקינאַ, נישט לאַנג צוריק אַלט געוואָרן זעכציק יאָר. איך, די אַמאָליקע אסתּר, ווי כ׳האָב זיך אַ נאָמען געגעבן אין מײַן פריִער יוגנט, ווען איך בין אַ רעוואָלוציאָנערין געוואָרן, בין אַ זעכציק־יאָריקע. דוכטן דוכט זיך מיר כ׳בין אַלט אַ סך, אַ סך הונדערטער יאָרן. איך טראָג טויזנטער יאָרן געשיכטע פון מײַן יידיש פאָלק. צי אויך דערפאַר פיל איך אַזוי שטאַרק און שאַרף די זעכציק יאָר אויף מײַנע פּלייצעס?

דאָ, אויף פאַרשיקונג, איז דער מענטש אַ נאַקעטער, אַן אומבאַוואָפנטער אַנטקעגן דער חיה־רעה, וואָס ס׳איז דער לאַגער. אַן אַלטער, קראַנקער מענטש איז פילפאַכיק נאַקעט, מאַכטלאָז. איך זאָג דאָס נישט אויס יאוש. צי עקזיסטירט דען יאוש אין לאַגער? דער חיהשער אינסטינקט צו לעבן, דער באַגער אויס־צוהאַלטן, פאַריאָגן יאוש. איך ווייס, איך וועל נישט אויסהאַלטן. די שווערע דיאַבעט־קראַנקייט מיט די בײַ־חולאתן גייען פאָרויס. קיין נייטיקע רפואות זענען נישטאָ. מײַנע פיס זענען געשוואָלן ביז איבער די קניִען. זיי זענען אַרומגעוויקלט מיט שמאַטעס. כ׳מאַך די גרעסטע אָנשטרענגונגען אַריבערצו־שפּרײַזן די לאַגער־זאָנע.

אונטערגעגראָבן איז אָבער בלויז מײַן גוף. אין דער חורבה, וואָס איך בין, לעבט נאָך אַ רעוואָלטירנדיקער גײַסט, אַן אײַזערנער ווילן אַרויסצוברענגען

דאָס, וואָס איך וויל זאָגן. כ׳האָב אַ סך געטראַכט אין די תּפיסות. אַלץ קאָן מען פאַרבאָטן, דערשטיקן, נאָר נישט דאָס טראַכטן. מײַן מוח האָט אומאויפ־הערלעך געאַרבעט. כ׳האָב דורכגעטראַכט. מײַן גרויסער באַגער איז, מײַנע טראַכטענישן זאָלן דערגיין צו די לעבעדיקע. צו די, וואָס זענען אויף דער פרײַ. צי וואָלט נישט געווען אַ צוגאָבשטראָף פאַר מיר זײַ מיטצונעמען אין דער קאַלטער ערד? אין אַ מאַסן־קבר? כ׳האָב שטענדיק אונטערגענומען דאָס שווערסטע, אויך דאָס, וואָס האָט אויסגעזען אוממעגלעך. כ׳האָב געזוכט און געפונען — דוכט מיר — אַ מיטל אַרויסצוזאָגן דאָס דורכגעטראַכטע, די נײַ־געבוירענע געדאַנקען, אויפצודעקן די פאַלשע גענג, דעם געפערלעכן וועג מיט וועלכן כ׳האָב געטראָטן אַן אַנדערהאַלבן צענדליק יאָר.

ס׳האָט מיר נעכטן אָונט, ווען כ׳בין שוין געלעגן אויף דער נאַרע, טאַטיאַנאַ דערציילט, אַז ווען דער קאַנוואָי האָט זיי אינדערפרי געפירט צו דער אַרבעט דורך אַן אַנדער וועג ווי געווײנלעך, האָט זי געזען, נישט ווײַט פון דער זאָנע, אַ קופּע מתים. נישט דער קאַנוואָי, נישט די פרויען־שקלאַפינס האָבן געלייגט אַכט אויפן אויסטערלישן בילד:

פאַרגליווערטע פון פראָסט, אויסגעדאַרטע, זענען זיי אויס ווי אַ שטויס גרויסע, פאַרפרוירענע פיש, — האָט טאַטיאַנאַ מיר אין דער שטיל איבערגעגעבן.

דער שניי האָט זיי פאַרדעקט. בעתן צוריקקער האָט זי מער נישט געזען ווי אַ פאַרשנייט בערגל. דער פראָסט, זעט אויס, איז נעכטן צו שאַרף געווען, די ערד צו האַרט פונאַנדערצוגראָבן. אפשר אויך דערפאַר וואָס אַלעקסיי באַגרע־בער איז קראַנק געווען, געלעגן מיט הויכער טעמפּעראַטור? וואַרטן די געשטאָרבענע מ׳זאָל זיי צוזאַמען פאַרבאַהאַלטן אין דער ערד, אויסגלייכן זי, אָפּווישן די שפּורן. ווען מײַן ריי? ווער קאָן דאָס וויסן? אויך נישט דער דאָקטער, דער אויסגעפּרוווטער לאַגערניק. „די נאַטור, זאָגט ער, באַווײַזט טיילמאָל נסים, אָט, דוכט זיך, דער וועט לאַנג נישט אָנציִען און ער ציט נאָך לאַנג אָן". ס׳קאָן דאָך מיט מיר אויך געשען איך זאָל באַווײַזן אויפ־צושרײַבן אַ ווידוי, צו ווערן די כראָניקערין פון מײַן לעבן.

כ׳וויס, כ׳וויל אונטערנעמען אַזעלכס, וואָס קיינער האָט נאָך אפשר אין די אומשטענדן נישט געקאָנט, נישט געוואַגט אונטערצונעמען. כ׳וויל דערגרייכן דאָס אומדערגרייכבאַרע. מײַנע אַמאָליקע יאָרן תּפיסה, פאַרשיקונגען, יאָרן אומלעגאַל לעבן אונטערן צאַריזם, האָבן עפּעס אויסגעלערנט. ניין, דאָס הײַנטי־קע איז נישט דאָס זעלבע. דאָס אַמאָליקע זעט מיר אויס ווי אַן אידיליע אין פאַרגלײַך צום הײַנטיקן. דערפאַרונגען, ווי בלאָס זיי זאָלן נישט זײַן אין אַ פאַרגלײַך, קאָנען פאַרט דינען. די ריזיקע איז גרויס אָן אַ שיִער. וואָס ריזיקיר

איך אָבער מער ווי אַ טויט־אורטייל? סײַ־ווי טרעט מיר דער טויט אויף די פּיאַטעס. און פֿאָרט דאַרף מען האָבן איבערמענטשלעכע כּוחות, אָן אײַזערנעם ווילן צו פֿאַרצייכענען, ווען איך בלײַב שעהען לאַנג אַליין אין באַראַק, אויסצובאַהאַלטן. מ׳דאַרף קודם אויסראָטן אין זיך די מורא, די שרעק, וואָס האָט זיך אײַנגענעסטעט אין אונדז. דאַרפֿסט יעדע רגע געדענקען, דערמאָנען זיך אַליין, אַז ביסט אַ מענטש און נישט קיין חיה, קיין בהמה, אין וועלכער זיי האָבן דיך פֿאַרוואַנדלט. דער ערשטער שריט איז געהאַט געמאַכט געוואָרן: כ׳האָב באַצוווּנגען די שרעק און געהאַט אויסבאַהאַלטן אין דער לײַסט פֿון מאַנטל צוויי בלײַפֿעדערס, געגנבֿעט בײַ דער אַרבעט אין קאַנטאָר אַ העפֿטל, פֿאַרשטעקט עס אין די שמאַטע־קליידער.

מײַן שכנטע פֿון דער קעגנאיבערדיקער נאַרע, די 53־יאָריקע מאַטעמאַטיקערין יעקאַטערינאַ וואַסילעוונאַ, האָט מיר אַנומלט ווידער געזאָגט: „האָסט אַ גליק צו זײַן קראַנק, צו האָבן קראַנקע, געשוואָלענע פֿיס, מוזט נישט גיין יעדן טאָג צו דער קאַטאָרזשנער אַרבעט. זײַן געיאָגט הין און צוריק אַ וואָסערע אַכט־צען ווערסט״. זי איז אפֿשר גערעכט. ווען דער גאַנג וועקט 6 אַזייגער אינדערפֿרי און איך קוק מיך אײַן אין די בינטלעך שמאַטעס, וואָס קײַקלען זיך אַראָפּ פֿון די נאַרעס מיט מידע, צעקראַכענע באַוועגונגען, גייט מיר דורך אַ שוידער. אין די בינטלעך שמאַטעס זענען פֿאַראַן מענטשן, פֿרויען, וואָס פֿירן מלחמה דער פֿונק לעבן זאָל זיך נישט אויסלעשן. ווען זיי קערן זיך אין אָוונט אום צוריק דערקען איך נישט זייערע פּנימער, דעפֿאָרמירטע פֿון דער קעלט, הונגער, פֿון דער שווערער האָרעוואַניע. האָב איך „גליק״ וואָס איך בין קראַנק, וואָס מ׳האָט מיך אָנערקענט פֿאַר אַ הונדערטפּראָצענטיקן אינוואַליד, אומפֿעיִק צו גיין אויסערן לאַגער אַרבעטן. דאָס „גליק״ דאַרף מען, מוז מען אויסנוצן פֿאַר אַ גוטער זאַך. כ׳האָב פֿון שטענדיק אָן געלעבט פֿאַר אַ זאַך; קיינמאָל נישט געלעבט פֿאַר זיך גופֿא, שטענדיק פֿאַר אַן אַלגעמיינער זאַך. כ׳האָב מיך נאָר צו שפּעט געכאַפּט אַז אַן אַלגעמיינע זאַך קאָן טיילמאָל זײַן פֿאַלש, ווי אַ פֿאַלשע מטבע, וואָס נאַרט אָפּ מיט איר גוטן אויסזען.

כ׳האָב נאָך אַ „גליק״: כ׳האָב געפּועלט מ׳זאָל מיר דערלויבן אַרבעטן אין קאַנטאָר. אַ צוויי־דריי שעה אינדערפֿרי. נאָכמיטאָג בלײַב איך אין באַראַק, איך פֿאַרטרעט כּלומרשט די „דניעוואַלנאַיאַ״, די היטערין. פֿאַראַן טעג, ווען מײַנע פֿיס זענען אַזוי געליימט, אַז ס׳איז מיר שווער אַפֿילו אין קאַנטאָר צו גיין. הײַנט פֿאַרקערט, כ׳האָב נאָך דער פֿרימאָרגנדיקער אַרבעט צומאָל געשפּרײַזט איבערן לאַגער־הויף, אָנגעזעטיקט דאָס אויג מיט דער ווײַסער פֿאַרשנייטער וועלט. כ׳האָב געקוקט דורך די שטעכל־דראָטן אין דער ווײַט.

קוקנדיק אין דער ווײַסער ווײַטקייט זעט עס אויס ווי מ'וואָלט געווען אויף אַן אַנדער פּלאַנעט, אין אַ טויטער וועלט. דאָך איז זי שיין די ווײַסע, טויטע וועלט; ס'איז אַזאַ שיינקייט פון וועלכער ס'פּאַרקלעמט זיך דאָס האַרץ ביז ווייטיק. אַ גרויסער, ווילדער פויגל, מסתּמא אַ סטעפּ־אָדלער האָט דורכגעשוועבט, אַ סבֿרה פאַרבלאָנקעט, אָדער געזוכט שפּײַז. ער האָט אַ ביסל אַראָפּגענידערט, געעפנט דעם רויבערישן שנאָבל און דערזעענדיק מיך — זיך דערשראָקן, מיט פונאַנדערגעשפּרייטע פליגלען אַוועק. מײַן אויסזען האָט מסתּמא אַפילו אויפן רויב־פויגל אָנגעוואָרפן אַ פּחד. כ'האָב אים נאָכגעקוקט אין פלי. צי וועט ער נישט פאַרפרוירן ווערן? מ'האָט מיר דערציילט: ס'געשעט אַ פאַרבלאָנקעט פײגעלע ווערט געפרוירן אין פלי, פאַלט אַראָפּ אַ טויטס. דאָך האָב איך אים מקנא געווען, קוקנדיק אויף אים: ער האָט פליגלען, ער איז אויף דער פרײַ... וואָס פאַראַ גליק!

איך האָב דאָך אָבער אויך „גליק" — כ'האָב פרײַע צײַט, כ'קאָן אין מײַן אַליינקייט שרײַבן, פאַרשרײַבן אַלץ, וואָס כ'האָב דורכגעטראַכט. ווי אַ פעלד־חיהלע בעת אַ יאַגד האַלט איך מיך אויף דער וואַך אין מײַן באַראַק. כ'זיץ בײַ דעם צו־דער־וואַנט־צוגעפעסטיקטן ברעטל, וואָס דינט מיר פאַר אַ טישל, מיט אָנגעשפּיצטע אויערן. אַן עכאָ פון טריט, אַ שאָרך אין טיר אַלאַרמירן; די בלעטלעך מיטן בלײַפעדער ווערן גיך־גיך אַרײַנגערוקט הינטער די שמאַטעס, וואָס פאַרדעקן מײַן לײַב. נעכטן געווען דער אָנהייב. אַ פאַרדעכטיקער אָפּהילך פון טריט האָט אַרויסגעשלאָגן דעם בלײַפעדער פון האַנט.

מײַן שרײַבערישע קאַריערע קומט מיר איצט צו נוץ. כ'האָב שטענדיק געשריבן גיך, לײַכט, כאָטש כ'האָב געלייגט אַ סך אַכט אויף דער פאָרם. איצט נישט, כ'שרײַב ווי ס'גייט און שטייט, אַבי גיך, אַבי אויפשרײַבן דאָס אַלץ, וואָס מאַטערט מיך, וואָס ריזלט אין מיר און לאָזט נישט קיין רו. צי וועט עס אָבער אַמאָל דערגיין צו די לעבעדיקע? דורך מיר זיכער נישט. כ'ווייס, איך מוז דאָ פאַרבלײַבן צווישן אַזעלכע, וואָס טאַטיאַנאַ האָט נעכטן אינדערפרי געזען אָנגעוואָרפן אויף אַ שטויס הינטער די לאַגער־דראָטן. ס'וועלן אַנדערע איבערלעבן, אַרויסגיין. אפשר וועלן זיי עס אַמאָל ברענגען צו די לעבעדיקע, אפשר צו מײַן טאָכטער? טאָכטער מײַנע, איינציקע מײַנע, ווו ביסטו? בלויז דו ביסט מיר געבליבן. ווו? ס'האָט דיך געטראָפן דער זעלבער גורל ווי מיר. פריִער ווי מיר. ביסט אָבער יונג, געזונט, וועסט אויסהאַלטן. איך באַגער אַזוי שטאַרק זאָלסט אויסהאַלטן. אויך פאַר דיר, צוליב דיר זיך אָנגענומען מיט כּוח אײַנצושטעלן צו טאָן דאָס, וואָס איך טו איצט. כ'בין דיר אַזוי פיל שולדיק. שולדיק קעגן אַלע. ווען מ'האָט דיך, פריידל טײַערע, פאַרשלעפּט ערגעץ אין

כּף־הקלע בין איך נאָך אויף דער פֿרײַ געווען, אָבער געווען פּאַראַליזירט פֿון אָנמעכטיקייט. אָנמעכטיק געווען ווי איצט. נישט געקאָנט זיך צומאָל דערוויסן ווו דו ביסט אַהינגעקומען.

*

...הײַנט דער דריטער טאָג פֿון מײַן ריזיקאַלישער אונטערנעמונג. כ׳האָב זיך אָקאָרשט איצט אַרומגעזען, אַז איך שרײַב אין ייִדיש, אין דעם לשון וואָס כ׳האָב שוין שיינע עטלעכע יאָר נישט באַנוצט און וואָס כ׳האָב אַמאָל אַזוי שטאַרק ליב געהאַט, געפּלעגט עס, געשלאָגן זיך פֿאַר זײַן פֿולע רעכט. ס׳איז געקומען פֿון זיך אַליין, דאָס שרײַבן אין ייִדיש, אַזוי נאַטירלעך ווי ס׳איז נאַטירלעך צו האָבן אַ צונג אין מויל. מ׳האָט אונדז דאָס לשון אַרויסגעריסן פֿון מויל, אָבער זינט ס׳איז פֿאַרשטומט געוואָרן, לעבט עס אויך טיף אין מיר. מײַן ייִדיש לשון, כ׳האָב געזינדיקט לגבי דיר; איצט ווערסטו צוריק, ווי אַמאָל, אַ טייל פֿון מיר, דאָס אינטימסטע פֿון מיר. איצט, ווען איך פֿיל דערנענטערן זיך דעם סוף פֿון מײַן לעבן, דריק איך מיך אויס אין דיר, דורך דיר, מײַן ייִדיש לשון. ביסט מיר צוריק מײַן אינטימסטע שפּראַך אין וועלכער ס׳איז מיר צום גינציקסטן אויסצודריקן אַלע צאַפּלענישן פֿון מײַן האַרץ, אַלע פֿאַרבאָר־גענישן פֿון דער נשמה. אַ פֿרומער ייִד זאָגט ווידוי אין לשון־קודש, איך וועל מײַן לאַנגן ווידוי זאָגן אין ייִדיש־קודש. איך באַטראַכט מײַן איצטיקע לעבנס־באַשרײַבונג פֿאַר אַ ווידוי. ייִדיש איז אַ פּאַסיקע שפּראַך פֿאַר אַ דאַיִקער ווידוי. אַ שפּראַך, ווי אַ מענטש, ווערט דורך פֿאַרפֿאָלגונגען, רדיפֿות אַ קדוש.

יאָ, איך באַטראַכט מײַן איצטיק שרײַבן פֿאַר אַ ווידוי. באַשרײַבנדיק מײַן לעבן וויל איך זיך מודה זײַן און מתוודה זײַן אין אַלע מײַנע בלאָנדזשענישן, שלעכטע האַנדלונגען, אין אַלע מײַנע זינד. איך טו דאָס מיט דער האָפֿענונג, אויב ס׳וועט דערגיין צו די לעבעדיקע, וועט עס דורכן ייִדישן כּלל, דורכן ייִדישן, אַרבעטנדיקן פֿאָלק, אויפֿגענומען ווערן מיט פֿאַרשטענדעניש פֿאַר מיר. אַ ווײַטע דערמאָנונג האָט מיך געמוטיקט דערצו. ס׳איז געווען אין דער מוראדיקער לעפֿאָרטאָווער תּפֿיסה, אין איזאָלאַציע, אין דער „אָדינאָטשקע״. אין די שלאָפֿלאָזע נעכט, אין די טויבע, טעמפּע טעג, פֿלעג איך דורכקוקן אַלע ווינקעלעך פֿון מײַן לעבן, פֿאַרשרײַבן אין זכּרון געשעענישן, אַלץ, וואָס כ׳האָב אַמאָל געלערנט, דערמאָנונגען. האָט זיך מיר אויך דערמאָנט דער חרם דרבנו גרשם. רבנו גרשם, דער „מאור הגולה״, ווי מ׳האָט אים אין זײַן צײַט גערופֿן, האָט אַרויסגעגעבן פֿאַר ייִדן פֿיר תּקנות: פֿאַרבאָט צו פֿיל־ווײַבערײַ, צו לייענען פֿרעמדע בריוו, צו גטן אַ פֿרוי קעגן איר ווילן און אויך אַ פֿאַרבאָט

פאַרצוואָרפן, צומאָל צו דערמאָנען, אַ געוועזענעם משומד זיין שמד, נאָך דעם ווי ער קערט זיך אום צו די זייניקע, צו זיין פאָלק. איך קער מיך אום, כ׳האָב מיך שוין פון לאַנג אומגעקערט מיטן האַרץ און מחשבה צו זיך, צו מיין פאָלק, כאָטש אין דער אמתן, בין איך קיינמאָל פון מיין פאָלק נישט אַוועק; איך באַהעפט מיך צוריק מיט מיין באַליבט יידיש־לשון, וואָס איך האָב אַמאָל שטאַרק געפלעגט, פאַרטיידיקט.

★

...כ׳האָב זיך צוגעזאָגט, נאָך אַן איבעררייס צוליב אַ פאַרדאַכט, ווידער אָנצוהייבן. נעכטן נישט געהאַלטן וואָרט. ס׳האָט זיך מיר געדוכט איך הער טריט. כ׳האָב איבערגעריסן. אַ פאַלשער פאַרדאַכט געווען, אָבער צוריק נישט אָנגעהויבן. כ׳בין געווען אויפגערודערט. דאָס האַרץ האָט געפלאַטערט ווי אַ פויגל אין אַן ענגער שטייג. כ׳בין אַרויס אין דרויסן, געלאָזט זיך צום קאַנטאָר, אָנגעבאָטן צוצוהעלפן, כאָטש ווי אַ געהילף קום איך בלויז אינדערפרי. דערנאָך געוואָלט אַ ביסל שפּאַנען איבערן לאַגער־הויף; די לופט איז געווען שאַרף ווי אַ מעסער, די קעלט האָט מיך צוריקגעיאָגט אין באַראַק, אָבער צו מיין געהיימער, פאַרבאָטענער אַרבעט זיך שוין נישט גענומען. מ׳דאַרף זיך אויפצווינגען, זיין שטרענג צו זיך אַליין, אויסרייסן פון זיך די שרעק, די אָפּהענטיקייט, וואָס קומט פון מורא. איך שרייב דאָך אויך אויפצוהאַלטן דאָס פלעמל לעבן, וואָס טליעט אין צעשעדיקטן קערפּער.

היינט פאַלט אַ געדיכטער שניי. ער פאַלט געלאַסן, אָן איילעניש. די נאַכט־זאַווערוכע האָט אָנגעהאַלטן ביז אין פרימאָרגן. ווי אַזוי האָבן די אויס־געמאַטערטע, נישט אויסגעשלאָפענע זיך דערשלעפּט צו דער אַרבעט? ווי אַזוי אַרבעטן זיי אונטער דעם פאַלנדיקן שניי? וואָס וועט מען נאָך אַלץ צוטראַכטן אויסצופּרעסן די כוחות פון מענטשן? צי איז דאָס אַלץ נישט צוגעטראַכט געוואָרן די לאַגערניקעס זאָלן נישט איבערלעבן זייער אורטייל? נישט צוריקקערן זיך און נישט דערציילן? ווען איך טראַכט וועגן מיינע שכנטעס ביי דער אַרבעט אויף דער קעלט, אונטערן שניי, פאַרקלעמט מיר דאָס האַרץ פון ווייטיק און אויך פון חרפּה. נאָך מער דערפאַר וואָס איך בין פּאַרט אַ פּריווילעגירטע. דער שניי פאַלט נישט אויף מיר, די זאַווערוכע רייסט זיך נישט אַריין הינטער מיינע שמאַטע־קליידער, שמייסט נישט מיין לייב. זיצן אין קאַנטאָר, אין באַראַק, איז אַ פּריווילעגיע, אפילו ווען מ׳האָט געליימטע פיס, ווען מ׳איז געשוואָלן. זאָל איך כאָטש די פּריווילעגיע אויסניצן. מ׳דאַרף זיך איילן, עס מאַכן אַזוי ווי כ׳האָב עס פאַרטראַכט: אויסגיסן אויפן פּאַפּיר אַ שטורעמדיק

מענטשלעך לעבן, מײַן לעבן אין זײַנע גילגולים. פון וואָס אָבער אָנהייבן? אפשר פון זיידן? גייט דאָך נישט זעלטן מיר נאָך זײַן ניגון בײַ דער גמרא. אויך אין די תפיסות, אין די פײַנלעכע, שלאָפלאָזע נעכט, פלעג איך מיך אומקערן צו מײַן פריִער יוגנט, צו מײַן קינדהייט, אײַנהערן זיך אין זיידנס תמימותדיקער, אומעטיקער שטימע בײַם לערנען אַ בלאַט גמרא בקול רם. כ׳האָב אים ליב געהאַט מײַן זיידן, ליב געהאַט זײַן ניגון בײַם לערנען. ער האָט מיך נאָך מער ליב געהאַט.

„אַ שאָד, אַ שאָד וואָס מלכהלע איז נישט קיין יִנגל״. אַזוי פלעגט ער זאָגן. איך בין געווען אַ מיידל אָן עילוי; וואָלט איך געווען אַ יִנגל, וואָלט, לויט אים, געוואָרן פון מיר אַ רבי, אַ צדיק, ווייניקסטנס אַ רב. מײַן טאַטע פלעגט מיט אַ שמייכל מסכים זײַן: „זי האָט טאַקע אַ מאַנסבילשן קאָפּ, נאָר, נישקשה, פון אַ מיידל מיט אַזאַ קעפּל קאָן אויך עפּעס אַרויסקומען״, האָט דער טאַטע מיט אַ שמייכל איבערגעחזרט זײַן משׂכּילישן געדאַנק רויִק, שטיל, ער זאָל, חס וחלילה, נישט דערווידערן מיט עפּעס דעם זיידן.

דער זיידע ר׳ אברהם ליפשיץ, דעם טאַטנס טאַטע, איז געווען אַן אמתער למד־וואָווניק. דאָס איז געווען אַ ייִד אַ פאַרחלומטער, אַ נישט־דאָיִקער, געשוועבט שטענדיק אין די עולמות עליונים, שטענדיק געווען אַ גרויסער אביון, אָבער דאָס האָט אים כלל נישט געאַרט. האָבן זיך אַמאָל פאַרוואַלגערט בײַ אים אין קעשענע אַ פּאָר פּרוטות, האָט ער זיי אַוועקגעשענקט ווי אַ נדבה אַ בויט־באַדערפטיקן. אַן אמתער צדיק געווען, דערצו אַ גרויסער למדן, אַ בן־תורה. יום ולילה געזעסן על התורה והעבודה. קיין שום זאַך האָט אים נישט געקאָנט אָפּרײַסן פון דער גמרא. אַ קראַנקער שוין, אין טיפער עלטער, איז ער ווײַטער געזעסן איבער דער גמרא ביז ער איז שטיל אויסגעגאַנגען. אַ שייגעם טאָג האָט מען אים געפונען אַ טויטן בײַם טיש, מיטן קאָפּ פאַרוואָרפן אויף אַ ספר.

זײַן זון דאַקעגן, מײַן פאָטער, אויך אַ למדן, איז שוין געווען אַ משׂכּיל, אַ קענער פון העברעיִש, אָבער אויך אַ ליבהאָבער פון ייִדיש, פון ייִדישער ליטע־ראַטור. אי אַ טראַדיציאָנעלער ייִד, אי אַ הײַנטוועלטיקער. מענטשן פלעגן זאָגן וועגן אים: ר׳ ליפשיץ איז צו גאָט און צו לײַט. אין די פרײַע שעהען האָט ער געשריבן לידער, דערציילונגען אין ייִדיש און אין העברעיִש. די מבינים, די קריטיקער זענען מיר געווען, זײַן ווײַב און די דרײַ טעכטער. פון צײַט צו צײַט פלעגט דער טאַטע בײַ אַ יום־טובדיקן טיש עפּעס פאַרלייענען; נאָכן אויסהערן אונדזער מבינות האָט ער זיך צעלאָזט אין האַרציקע ניגונים, אין זמירות. מיר, די קינדער, די מאַמע, פלעגן אים אונטערהאַלטן. דער טאַטע איז געווען אַ גרויסער ליבהאָבער פון ניגונים, געהאַט אַ שטימע אַ מתיקותדיקע,

וואַרעמע, אַ טיפּע. ווען כ'בין אונטערגעוואַקסן האָב איך געזאָגט דער מאַמען, אַז דער טאַטע האָט זיך אויסגעמיטן מיט זײַן באַרוף, געדאַרפט זײַן אַן אָפּערע־זינגער, וויניקסטנס אַ חזן. ער האָט זיך דאָך אַ ביסל אָפּגענומען, געווען אַ זעלטענער בעל־קריאה, אַ בעל־תפילה. נאָך ליגט מיר אין טעם פון מײַן קינדהייט דעם טאַטנס זינגעוודיק לייענען די מגילה אין בלומקעס קלויז אין אונדזער שטאָט מינסק. אין לוביאַנקאַ, אין דער טויטער אײַנצלקאַמער, אין דעם לעבעדיקן קבר, פלעג איך מיך ראַטעווען מיט אַ דערמאָנונג, פון מאָל צו מאָל האָט אָנגעקלאַפּט אין מײַנע אויערן דעם טאַטנס אַ זיסער ניגון, וואָס האָט געמונטערט.

ס'דערמאָנט זיך דעם טאַטנס אַן אויפטו קעגן אַ גביר, אַ תקיף פון שטאָט. די ייִדן האָבן אים פײַנט געהאַט. ווען די מעשה האָט זיך פּאַרלאָפן בין איך אַלט געווען אַ צען יאָר און בײַגעווען די פּאַרלויפעניש. דער גביר שמואל לוריע, אַ ייִד וואָס האָט ליב געהאַט צו גלעטן מיט דער האַנט דעם גראָבן בויך, איבער וועלכן ס'האָט זיך געבאַמבלט אַ גאָלדענע קייט פונעם זייגער, האָט זיך פּורים אָוועקגעשטעלט נישט צו דערלאָזן דעם טאַטן לייענען אין בלומקעס קלויז די מגילה, באַשר בכן דער טאַטע איז אַ משׂכּיל, באשר בכן ער שרײַבט לידלעך, לייענט פּסולע ביכער. דער טאַטע האָט זיך אָבער נישט געלאָזט שפּײַען אין דער קאַשע, בפרט ער האָט געהאַט די מתפּללים אויף זײַן זײַט. ס'איז געוואָרן אַ טומל, די מתפּללים האָבן אײַנגעשטילט דעם תקיף, דער טאַטע האָט געלייענט די מגילה. ווען ער איז צוגעקומען צו דער שטעל ווו אחשורוש פרעגט אויף המנען „מי הוא זה ואי־זה הוא", האָט דער טאַטע מיט אַ ניגון אַקצענטירט די ווערטער און אָנגעוויזן מיטן פינגער אויפן תקיף לוריע. דער עולם ייִדן האָט פאַרשטאַנען די אַלוזיע, האָט הנאה געהאַט און אויסגעשאָסן אין דער שטיל אין אַ געלעכטער. ווען דער טאַטע, אומקערנדיק זיך אַהיים, האָט די מעשׂה דערציילט דער מאַמען, האָט זי ערשט אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער.

די מאַמע איז געווען אַ זעלטענע פרוי, געשטאַמט פון די באַקאַנטע ווילנער קאַצענעלנבויגנס (מיט דעם נאָמען פלעג איך אונטערשרײַבן מײַנע ערשטע לי־טעראַרישע אַרבעטן). זי איז געווען אַ יפת־תואר, דערצו פול מיט ענערגיע, לעבנסלוסטיקייט. ווי שיין ס'איז געווען איר פּנים, אַזוי שיין איז אויך געווען איר נשמה. געהאַט אַ ברייטן האַרץ, שטענדיק געווען גרייט אַ נויטבאַדערפטיקן צו העלפן. איבער אירע דרײַ טעכטערלעך און דעם טאַטן, האָט זי שטענדיק געהאַלטן אויסגעשפּרייט די מאַמעשע פליגלען, ס'זאָל, חס וחלילה, קיין שטויבעלע אויף אונדז נישט פאַלן. איך האָב איר פאַרשאַפט, פון מײַן פריסטער יוגנט,

די גרעסטע זאָרגן און האַרצקלעמענישן. זי האָט מיך באַשיצט פֿון נאָענט און ווײַט, אין די צאַרישע תּפֿיסות, אויף פֿאַרשיקונגען, אין מײַן אומלעגאַל לעבן. זי האָט אויך אויסגעהאָדעוועט מײַן אײנציק קינד, מײַן פֿריידלען. ביז איר טויט אין 1932 האָט זי נאָך געזאָרגט וועגן מיר. אָ, מאַמע טײַערע, וויפֿל עגמת־נפֿשן האָב איך דיר פֿאַרשאַפֿט! וויפֿל כּוחות האָסטו אַוועקגעלייגט ווען כ׳בין געזעסן אין די צאַרישע תּפֿיסות! האָסט אומעטום אַרײַנגעטראָפֿן. הײַנט וואָלסטו גאָרנישט געקאָנט טאָן פֿאַר מיר. וואָלסט געווען אַזוי אָנמעכטיק, ווי איך גופֿא בין, ווי איך בין געווען ווען מ׳האָט מײַן פֿריידלען אַרויסגעריסן פֿון איר היים. בעסער שוין וואָס קאָנסט נישט זען וואָס ס׳איז געוואָרן פֿון דײַנע קינדער. ווען איך פֿלעג נאָך אַן אויספֿאַרשונג אין תּפֿיסה טיילמאָל אײַנשלאָפֿן אויף אַ קורצער צײַט, פֿלעג איך דיך רופֿן צו הילף: מאַמע! מאַמע! האָב איך געשריִען, ביז מ׳האָט מיך אַרויסגעריסן פֿון קאָשמאַרן שלאָף.

מײַן טאַטע האָט זיך געשפּיגלט אין דער מאַמען. אַ זעלטן האַרמאָניש פּאָרפֿאָלק געווען. אונדזער שטוב אויף אַלט־קאָמאַרעווע אין מינסק געווען אַ וואַרעמע, אַן אָפֿענע. אין פֿאַרגלײַך צו דער אָרעמשאַפֿט אין שטאָט זענען מײַנע עלטערן געווען פֿאַרמעגלעכע. זיי האָבן געהאַט אַ האָלץ־געוועלב. די מאַמע, די אשת־חיל, האָט בײַד חזקה געפֿירט די שטוב־ווירטשאַפֿט, פֿלעגט גיין יעדן טאָג אויף עטלעכע שעה צוהעלפֿן דעם טאַטן. ביידע האָבן זיי באַגערט זייערע דרײַ טעכטער זאָלן זײַן געבילדעטע און האָבן זייערס דערגרייכט. פֿון מיר, דער עלטסטער, האָבן זיי געהאַט צוממיינסטן נחת. (שפּעטער — צוממיינסטן צרות). מ׳האָט געזאָגט: „מלכּה — אַזוי האָב איך געהייסן — איז געראָטן אי אין דער מאַמען, אי אין טאַטן, אַפֿילו אין זיידן״. אויסערלעך אין דער מאַמען. מ׳האָט אויך געזאָגט: „מלכּה איז שיין ווי אַ מלכּה״. מ׳האָט מיר דאָס צופֿיל דערמאָנט. צי האָב איך מיך איבערגענומען דערמיט, ווי ס׳געשעט אין אַזעלכע פֿאַלן? יאָ און ניין. ס׳האָט מסתּמא געשאַפֿן אין מיר אַ זיכערקייט. כ׳בין געווען זיכער, אַז כ׳קאָן אַלץ דערגרייכן. פֿון קינדווייז אָן האָט געברויזט אין מיר אַ שטאַרקע ענערגיע, אַ גרויסער נײַגיר. כ׳האָב אַלץ געוואָלט וויסן, צו אַלץ דערגיין, דערגרונט׳עווען זיך. סודות פֿאַר מיר? פֿאַרבאָרגענע זאַכן? ניין, כ׳מוז זיי אויפֿדעקן. כ׳האָב געוואָלט זען ווי ס׳זעט אויס די זון ווען זי קריכט אַרויס פֿאַרטאָג אויפֿן האָריזאָנט, וואָסער פּנים ס׳האָט דער מילכוועג אויפֿן אויסגעשטערנטן הימל. האָב איך מיך זומער אויפֿגעהויבן פֿאַרטאָג, געוואַרט אין אָוונט ביז האַלבע נאַכט, אַרויסגעגנבעט זיך פֿון שטוב און אָבסערווירט דעם האָריזאָנט, אָדער דעם בײַנאַכטיקן, אויסגעשטערנטן הימל. און וואָס כ׳האָב נאָר געטאָן האָט געברענט אונטער די הענט.

— מלכהלע, טעכטערל, לאַנגזאַמער, לאַנגזאַמער, פֿון דער גיכקייט מישט זיך אַזש אין קאָפּ.

אַזוי פֿלעגט די מאַמע זיך בעטן ביַי מיר. איך האָב אָבער נישט געקאָנט זיַין אַנדערש ווי אַ גיכע, אַ האַסטיקע. כ׳האָב געמוזט אויסלאָדן די קאָכעדיקע ענערגיע. דער אימפּעט האָט געשטעקט אין מיַין נאַטור. אין שולע, בעת די הפסקות, פֿלעג איך נעמען פּאָר די הענט צוויי חברטעס און זיך דרייען מיט זיי אין אַ ראָד, ממש געטראָגן זיי אין דער לופֿטן אויף מיַינע הענט ווי אויף פֿליגלען. פֿאַרענדיקט מיט איין פּאַרטיע, האָט שוין געוואַרט אַ צווייטע אויף מיר. מ׳האָט מיך ליב געהאַט. די לערער האָבן מיך גערימט, געשטעלט פֿאַר אַ ביַישפּיל. כ׳בין געווען אַ גרויסע מתמידה, נאָך אַ גרעסערע שטיפֿערקע, אַ לאַכערקע, אַ זינגערקע.

די ערשטע שולע איז אָבער געווען די שטוב, מיַין ערשטער לערער דער טאַטע. ביז צען יאָר איז די דערציִונג געווען אויסשליסלעך אַ ייִדישע. איין לערער איז געקומען אונדז לערנען העברעיִש, תנ״ך, אַ צווייטער רוסיש. מיַין טאַטע דער העברעיִסט, דער למדן פֿלעגט מיך אין דער פֿריַיער ציַיט פֿאַרהערן, געשעפּט נחת פֿון מיַינע קענטענישן. ער האָט געהאַט אַ ווערטל: „מלכהלע איז מיט הענט און פֿיס אַריַין אין לשון־קודש״. אַז כ׳וועל פֿאַרבליַיבן אַ העברעיִסטקע איז ער זיכער געווען. דעם תנ״ך האָב איך צו 8—9 יאָר געלייענט „ווי אַ וואַסער״. מיט די ביבלישע געשטאַלטן, מיט די ביבלישע סיטואַציעס געווען אַזוי היימיש, ווי כ׳וואָלט געלעבט צווישן זיי. כ׳האָב זיך גאָר יונג אויסגעלערנט לייענען און געלייענט אָן אַ שיעור. „אהבת ציון״ פֿון מאַפּו האָב איך געקענט כמעט אויף אויסנווייניק, רעציטירט גאַנצע שטעלן פֿאַרן טאַטן, און ער, דער העברעיִסט, איז געווען אין זיבעטן הימל, זיכער געווען, אַז זיַין טעכטערל וועט אַמאָל אַליין שריַיבן ביכער. אפֿשר טאַקע אין העברעיִש? פֿאַרוואָס נישט אין העברעיִש און אין ייִדיש? ער איז באַשטאַנען כ׳זאָל שריַיבן אין ביידע לשונות. אַז כ׳וועל זיַין אַ שריַיבער איז ביַי אים קיין ספֿק נישט געווען.

די מאַמע דאַקעגן, האָט גאָר פֿרי אויסגענוצט מיַינע פֿעיִקייטן צו וווילטעטיקע צוועקן. מינסק איז געווען אַ ייִדישע שטאָט, מיט מער ייִדישער ווי נישט־ייִדישער באַפֿעלקערונג. אַן אַמתע עיר ואם בישראל. זי האָט געשמט פֿון דעם אָנהייב פֿון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג און אויך פֿון דער ייִדישער אָרעמשאַפֿט; אַ הייפֿל פֿאַרמעגלעכע ייִדן און אַ גרויסע מאַסע אָרעמע ליַיט, אביונים. מיַין גוטהאַרציקע מאַמע האָט צווישן די שכנים געוווּסט וועמען דער „שוך קוועטשט״, ווער ס׳דאַרף חתונה מאַכן אַ פֿאַרזעסענע טאָכטער און מ׳דאַרף

שאַפֿן אויף אַן אויסשטײַער, ווער ס׳האָט נישט צו מאַכן שבת. האָט די מאַמע געהאַט אַ רשימה פֿון בעלי־ביתּישע שטובן, וווּ מ׳קאָן צונויפֿקלײַבן אַ ביסל מזומן. ווי אַזוי מאַכט מען דאָס? האָט זיך די מאַמע צונויפֿגערעדט מיט דער מוטער פֿון מײַנער אַ חברטע; ביידע האָט מען אונדז אָנגעטאָן שבתדיק, מיר געגעבן אין האַנט אַ יום־טובדיק זעקעלע און געשיקט איבער די הײַזער. איך בין געווען דער בעל־מדבר, מײַן חברטע פֿערעלע איז געווען אַ באַגלייטערין. בײַם אַרײַנקומען האָבן מיר הויך געזאָגט „גאָט העלף!״ און איך בין גלײַך צוגעטראָטן צו דער זאַך: אויסשטערקנדיק צו דער באַלעבאָסטע דאָס טאָרבעלע האָב איך אויסרעציטירט: „אײַער גוט האַרץ וועט בײַ די מענטשן העלפֿן אַרײַנברענגען דעם שבת אין שטוב״. אָדער: „וועט העלפֿן אויסשטאַטן אַן אָרעמע כלה״. קיין נאָמען האָב איך נישט דערמאָנט. לויט דער מאַמען האָט מען געדאַרפֿט האַלטן סוד, אַרויסהעלפֿן מענטשן דיסקרעטערהייט. אָבער די באַלעבאָסטעס האָבן זיך סײַווי אָנגעשטויסן פֿאַר וועמען מ׳דאַרף האָבן אַ „גוט האַרץ״ און אין זעקעלע זענען אַרײַנגעפֿאַלן מטבעות, צײַטנווײַז גראָבע מטבעות, אָפּהענגיק פֿאַר וואָסער צוועק דאָס איז געווען.

די מאַמע האָט אויך אויסגענוצט לטובת הכלל מײַנע גרויסע קענטענישן אין לייענען. צו ימים־נוראים, צו אַנדערע יום־טובים איז די מאַמע געגאַנגען אין דער ווײַבערישער שול. אַרום איר פֿלעגט זיך קלײַבן אַ כאָפּטע ווײַבער, וואָס האָבן נעבעך זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן מיט אַ סידור. פֿרויען, וואָס האָבן נישט געקאָנט נישט לייענען און נישט שרײַבן איז געווען די־והותר. פֿלעגן זיי בעטן די מאַמע: „טוט אונדז די געפֿעליקייט, זאָגט הויך וועלן מיר נאָכזאָגן״. איז די מאַמע געפֿאַלן אויף אַזאַ געדאַנק: זי האָט מיך מיטגענומען אין דער ווײַבער־שול, אַרויפֿגעשטעלט מיך אויף אַ שטול, געגעבן דעם „קרבן־מינחה״ אין די הענט און כ׳בין געוואָרן אַ זאָגערקע. כ׳האָב אַרויסגע־לייענט מיט אַזאַ קלינגעוודיק, בעטנדיק שטימעלע, אַז ס׳האָט גערירט בײַם האַרץ. די ווײַבער האָבן נאָכגעזאָגט און פֿאַרגאָסן טרערן. נאָכן דאַווענען האָבן זיי דער מאַמען אָנגעווונטשן פֿון כל טוב און אויך איך זאָל אויסוואַקסן אַ צדיקת. אַזוי האָב איך, זײַענדיק אַ קינד פֿון 8—9 יאָר אויסגעפֿירט סאָציאַלע פֿונקציעס, באַקענט זיך מיט די גרויסע נויטן פֿון אָרעמע מענטשן.

צו צען יאָר האָט מען מיך אָפּגעגעבן אין אַ רוסישער גימנאַזיע. כ׳האָב גיך באַהערשט די רוסישע שפּראַך, ווי כ׳וואָלט פֿון קינדווײַז אָן דערצויגן געוואָרן אין איר. די וועלט האָט זיך אויסגעברייטערט פֿאַר מיר. אויסערן לערנען אָנגעהויבן אויספֿירן בײַע ווילטעטיקע פֿונקציעס. ווי נאָר ס׳איז געווען אַ שילערין מיט אַ „שווער קעפּל״, סתם אַ הינטערשטעליקע אין לערנען, האָט

מען מיר זי צוגעוואָרפן צו מאַכן מיט איר די „אוראָקן". ס'האָט מיר אונטער־געשמייכלט: איין קלייניקייט, זייַן שטענדיק די ערשטע אין קלאַס, האָבן אַ גוטן שם. די אַמביציע איז געוואַקסן, געוואָלט אַלע איבערשטייַגן אין לערנען. ס'איז מיר נישט אָנגעקומען שווער. ס'האָט נישט געשטערט אַרומצושטיפן; אין אונדזער פרייַנדלעכער שטוב זענען געקומען אַ סך מייַנע חברטעס, מ'האָט געזונגען, געטאַנצט, דערציילט זיך מעשיות. איך האָב שטענדיק געהאַט אַ פולן בויך מעשיות. בין איך אַרייַנגעקומען צו מייַנער אַ חברטע, האָט מען מיך אויפגענומען בכבוד גדול. מ'האָט געוווסט וועגן מייַן קלייַבן געלט פאַר נויטבאַדערפטיקע, וועגן צוהעלפן שוואַכע שילערינס אין די אוראָקן, סתם לערנען שרייַבן אָרעמע קינדער. ס'האָט אויך אָפּגעשייַנט אויף מיר דער גוטער שם פון מייַנע עלטערן.

— אָ, מלכהלע איז דאָ. וואָס מאַכט די מאַמע?

— מלכהלע, אפשר אַ גלעזל טיי? שוין אַזוי לאַנג נישט געקומען צו פּערעלען.

— ס'איז אמת, מלכהלע, אַז דו לערנסט שרייַבן די חברהניקעס? זייער שיין פון דייַן זייַט.

די נייגונג צו לערערייַ האָט געשטעקט אין מיר פון גאָר פרי. געוווען אין שכנות נישט ווייניק אָרעמשאַפט. אָרעמע קינדער זענען אין קיין שול נישט געגאַנגען, בייַ קיין לערער זיך נישט געלערנט. ייִנגלעך זענען געגאַנגען אין חדר. גאָר פרי האָט מען זיי געשיקט אַלס לערן־ייִנגלעך צו שניַידערס, שוס־טערס, אַנדערע באַלעמלאָכעס. צו אונדז איז אַרייַנגעקומען אַן אָרעמע פרוי, אַ מאַמע פון צוויי לערן־ייִנגלעך, מייַן מוטער זאָל איר אָנשרייַבן אַ בריוול צו משפחה. איין מאָל האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— ווען אייַער מלכהלע וואָלט געוואָלט אויסלערנען מייַנע ייִנגלעך שרייַבן, זיי זאָלן נישט זייַן פּינצטער ווי איך, ווי זייער טאַטע, מ'זאָל נישט דאַרפן אָנקומען מיט אַ בריוול צו פרעמדע מענטשן?

איך האָב מער נישט געדאַרפט. כ'האָב נאָר געדאַרפט אַ שטויס דערצו. כ'האָב צונויפגענומען נאָך עטלעכע ייִנגלעך פון זעלבן געסל, באָרוועסע, אָפּגעריסענע. דער זומערדיקער טאָג אין וואַרשטאַט איז געווען אַ לאַנגער, אין אָוונט נאָך דער וועטשערע האָבן זיי זיך צונויפגעקליבן בייַ הערש־מאָטל דעם בעל־עגלה, און איך, די 13—14 יאָריקע לערערין, האָב זיך מיט דער גאַנצער ערנסטקייט גענומען צו מייַן לערערישער מלאכה. מייַנע תלמידים, עטלעכע אין זעלבן עלטער ווי איך, האָבן קיינמאָל קיין פעדער אין האַנט נישט געהאַט גענומען. מייַן ערשטע אַרבעט איז טאַקע געווען זיי צו לערנען

האַלטן די פּעדער. זייער התמדה איז געווען אַזוי גרויס, אַז אין עטלעכע זומער־חדשים האָבן זיי זיך אויסגעלערנט שרײַבן. מײַן לערערישער רום איז געוואַקסן. עטלעכע דינסט־מיידלעך זענען געקומען בעטן מײַן מאַמע איך זאָל זיי אויס־לערנען לייענען, שרײַבן. איינע פון זיי האָט נעבעך געהאַט אַזאַ שווערע האַנט פון דער שטוב־האַרעוואַניע, אַז די האַנט מיט דער פּעדער האָט זיך בײַ איר געטרײַסלט. כ׳האָב געמוזט מיט מײַן אייגענער האַנט פירן איר האַנט מיט דער פּעדער איבערן פּאַפּיר.

ווען כ׳האָב אין עלטער פון 16 יאָר געענדיקט די גימנאַזיע, האָט מען אין שטוב אָנגעהויבן זיך אַרומקוקן וועגן אַ תכלית פאַר מיר. מײַן פאָטער האָט געזען אין מיר אַ קומענדיקן שרײַבער. מסתמא האָט ער געוואָלט פאַרווירקלעכן אין מיר דאָס, וואָס ער האָט אַליין געוואָלט זײַן.

— צוואָס זיך ברעכן דעם קאָפּ וואָס זי וועט זײַן? זי וועט סײַווי זײַן אַ שרײַבער. דער לערער פון ליטעראַטור האַלט שטאַרק פון איר שרײַבן.

מײַן מאַמע, ווי ס׳רוב ייִדישע מאַמעס, האָט באַגערט איך זאָל ווערן אַ דאָקטער, וואָס זי האָט דערגרייכט אין מײַן שוועסטער גיטע. איך אָבער האָב שוין געהאַט אָפּגעמאַכט בײַ זיך: לערערין. מ׳דאַרף ברענגען דעם פאָלק בילדונג, וויסן. כ׳האָב שוין דעמאָלט, אויף מײַן אייגענעם אופן געטראַכט, אַז מען דאַרף ענדערן די וועלט, ס׳זאָלן נישט זײַן קיין הונגעריקע, קיין אומגליקלעכע, קינדער זאָלן קאָנען זיך לערנען און נישט זײַן געצוווּנגען צו שמאַכטן 15—16 שעה אין טאָג אין וואַרשטאַטן. מײַנע גוטע עלטערן האָבן מיר נאָכגעגעבן.

כ׳בין נישט אַלט געווען קיין זיבעצן יאָר ווען כ׳בין אָנגעקומען אויף די העכערע פּעדאַגאָגישע קורסן אין פּעטערסבורג. נעבן דערציִונג, מעטאָדיק, האָב איך ווי אַ ספּעציאַליטעט אויסגעקליבן רוסישע ליטעראַטור, געשיכטע און פרעמדע שפּראַכן. דעם גאַנצן טאָג האָב איך מיט התמדה געלערנט, אין אָוונט שטודירט סאָציאַליסטישע ליטעראַטור, וואָס איז אין געהיים געגאַנגען פון האַנט צו האַנט צווישן דער סטודענטנשאַפט. מיט וואָס פאַרא פלאַם־פײַער פלעג איך שלינגען די פאַרשידענע בראַשורן! איך פלעג ביז שפּעט אין אָוונט, פּונקט ווי מײַן זיידע איבער דער גמרא, זיצן איבער געהיימער ליטעראַטור. די סטודענטן זענען דעמאָלט געווען אַרומגעכאַפּט פון סאָציאַליסטישן געדאַנק. געהיימע קרײַזן זענען אויפגעקומען ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן. מיר האָבן געבערענט מיט האַס צו דער „סאַמאָדערזשאַוויע”. ווען פון אונדז האָט דעמאָלט געקאָנט קומען אויפן זינען, אַז נאָך אַזוי פיל קרבנות פאַר פרײַהייט וועט שפּעטער קומען אַן ערגערע סאַמאָדערזשאַוויע? דעמאָלט זענען מיר געווען פול מיט ברען, באַגײַסטערונג, מיט זיכערקייט, אַז מיר וועלן ברענגען אַ נײַע

וועלט. צווישן די סטודענטקעס האָבן מיר זיך איבערגעגעבן פון מויל צו מויל וועגן די העלדנטאָטן פון ווערא זאַסוליטש, זאָפיאַ פעראָווסקאַיאַ, ווערא פיגנער. ווי שטאָלץ זענען מיר געווען פון די־אַ יונגע, רוסישע פרויען! זאָפיאַ פעראָווס־קאַיאַ, וועמענס פאָטאָגראַפיע כ׳האָב נאָך נישט געהאַט געזען, פלעגט אין מײַן דמיון אויפשווימען ווי אַ בלויער מלאך מיט ווײַסע, צעשפּרייטע פליגלען צו באַשיצן אַלע אונטערדריקטע, געקריוודעטע. ווי מוטיק זי איז געגאַנגען צו דער תליה! וויפל מוט און אָפּפערווילליקייט האָט זי געדאַרפט האָבן אַראָפּצורוי־מען דעם צאַר אַלעקסאַנדער דעם צווייטן! דאָס וואָס זי איז געווען אַ טאָכטער פון אַ צאַרישן גענעראַל, האָט זי נאָך מער אויפגעהויבן אין מײַנע אויגן. דאָס וואָס ווערא פיגנער האָט געשטאַמט פון פריצים, האָט נאָך פאַרגרעסערט איר מסירת־נפשדיקייט. אויף אונדז אַלע, וואָס האָבן קיינמאָל קיין נויט נישט גע־פילט, ליגט אַ הייליקער חוב די נויט אָפּצושאַפן. ווערא פיגנער איז קודם אַוועק אויפן דאָרף היילן קראַנקע פויערים. מיר דאַרפן נאָכטאָן איר בײַשפּיל, זיך פאַרנעמען מיט נויטבאַדערפטיקע, זיך שלאָגן פאַר זייער מענטשלעכע רעכט. וואָס וואָלט איך דעמאָלט נישט געטאָן מ׳זאָל ווערא פיגנער אַרויסרײַסן פון דער שרעקלעכער שליסלבורגער פעסטונג, וווּ מ׳האָט זי פאַרשפאַרט נאָך דעם ווי מ׳האָט זי באַגנעדיקט נאָכן טויט־אורטייל. כ׳האָב געטרוימט צו קאָנען זען אַמאָל ווערא פיגנער, זי אַרומנעמען, צודריקן צום האַרץ ווי אַ שוועסטער. יאָרן שפּעטער, ווען כ׳האָב געלייענט די מעמואָרן פון דער דײַטשישער סאָציאַליסטישער קעמ־פערין לילי בראַון, הגם זי איז געווען פון אַן אַנדער פאַרנעם, האָט זי מיך אויך נישט ווייניק באַפליגלט. מײַן וועג איז שוין דעמאָלט, בעת כ׳בין געווען אַ יונגע סטודענטקע, געווען אַן אַנגעצייכנטער: אָפּגעבן זיך אין גאַנצן דער זאַך פון סאָציאַליזם, מקריב זײַן זיך אויסצולייזן די מענטשהייט, די וועלט, שלאָגן זיך פאַר אַלע אומגליקלעכע און געקריוודעטע.

צי האָט מיך דאָס אַלץ נישט אָפּגעריסן פון מײַן אייגענעם פאָלק, ווי ס׳פלעגט געשען אין אַזעלכע פאַלן? פאַרקערט, כ׳האָב דערזען מײַן אייגן פאָלק צווישן די צומיינסטן אונטערדריקטע, די ייִדישע אַרבעטער צווישן די צומיינסטן געקריוודעטע, דערנידעריקטע. כ׳האָב אין פעטערסבורג אָפּגעזוכט אַ ייִדישע געזעלשאַפט, וואָס האָט געהערט צו די מפיצי השׂכּלה; זי האָט געהאַט פאַר אַ ציל צו פאַרשפּרייטן בילדונג צווישן ייִדן. וועגן דער מפיצי השׂכּלה האָב איך געוווּסט פון מײַן פאָטער. כ׳האָב זיך אָנגעשלאָסן אין איר. דאָס פאַרשפּרייטן בילדונג צווישן ייִדן איז מיר שטאַרק צוגעפאַלן צום האַרץ. וואָס האָב איך אין פעטערסבורג געקאָנט אויפטאָן מער ווי אַרײַנטרעטן אין אַ קרײַז ייִדישע סטודענטן? מ׳האָט שטודירט ייִדישע געשיכטע; כ׳האָב זיך

גלײַך אויסגעטײלט מיט מײַנע קענטעניש, בפרט אין אַלטער ייִדישער געשיכ־טע. כ׳האָב פון מײַן הײם, פון מײַן פאָטער מער אַרויסגעטראָגן ווי דער סטודענ־טישער קרײַז האָט מיר געקאָנט געבן. פונדעסטוועגן בין איך פאַרבליבן, געפילט זיך בײַ זיך, אין אַ ייִדישער סביבה.

— צי וואָלט איר אײַנגעגאַנגען אָנצופירן מיט אַ קרײַז? — האָט מען מיך געפרעגט. זיי ווילן זיך לערנען אַלט־ייִדישע געשיכטע.

כ׳בין אײַנגעגאַנגען. ווי קאָן מען גאָר אָפּזאָגן? פאַרקערט, כ׳בין גליקלעך געווען צוצולייגן אַ האַנט צו פאַרשפּרייטן ייִדיש וויסן, צו זײַן אויך צווישן ייִדן.

איז דאָס אַלץ נישט גענוג געווען פאַר אַ יונג מײדל? פאַר אַ סטודענטקע, וואָס וויל וואָס פריִער פאַרענדיקן איר שטודירן?

ס׳האָט מיך געצויגן צו דער פען, בפרט די פען קאָן אויך זײַן אַ וואָפן צו קעמפן פאַר אַ בעסערער וועלט. מײַן פאָטער האָט זיך נישט טועה געווען, שרײַבן איז געווען בײַ מיר אַ באַדערפעניש. פונקט איז מיר דעמאָלט אונטער־געקומען אַ דײַטשישער טעקסט פון נאָטאַן סאָמועליס „הײַנע און הלוי" מיט אַ היפּש ביסל פערזן פון יהודה הלוי, וועלכע כ׳האָב געהאַט געלייענט אין העברעיִש. מײַן פאָטער האָט זיי מיר געהאַט אונטערגערוקט. ס׳האָט מיך אַ שטויס געטאָן עס איבערצוזעצן. אָבער פאַר וועמען? מ׳האָט מיך אינפאָרמירט, אַז די ייִדיש־רוסישע צײַטשריפט „קניזשקי וואָסכאָדאַ" דרוקט גערן ליטעראַ־רישע טעקסטן. כ׳בין דעמאָלט געווען פול מיט באַשעפטיקונגען ווי אַ מילגרוים מיט קערנער און זיך דאָך גענומען צו דער איבערזעצונג. אין אָנהייב יאַנואַר 1900 האָב איך דערזען מײַן איבערזעצונג אָפּגעדרוקט אינעם זשורנאַל. כ׳האָב נאָך נישט געהאַט די דרייסטקייט אונטערצושרײַבן מײַן פולן נאָמען, אונטער־געצייכנט בלויז מ. ל. אָט אַזוי האָב איך מײַנע ערשטע ליטעראַרישע טריט געשטעלט אין רוסיש, אָבער הייליק זיך צוגעזאָגט צו שרײַבן אויך אין ייִדיש.

*

...כ׳בין די נאַכט כמעט נישט געשלאָפן. אין קאָפּ האָבן זיך געדרייט לאַנג פאַרגאַנגענע יאָרן, די קינדהייט, די יוגנט. פאַר די אויגן האָבן דורכגע־צויגן בילדער. מ׳זאָגט, אַז פאַרן טויט דערזעט דער מענטש אימאַזשן פון דער קינדהייט, פון זײַן ווײַטער פאַרגאַנגענהייט. איך בין נאָך דערווײַל בכוח צו טרײַבן פון זיך דעם טויט. שרײַב איך דאָך אויך אָפּצוהאַלטן אַ נצחון איבער אים, צו פאַרטרײַבן דעם מלאך המות, וואָס טרעט דאָ אויף די פּיאַטעס. כ׳האָב די פאַרגאַנגענע צוויי טעג געשריבן אין איין אָטעם, מיט אַ טײַוולאָנישער

שנעלקייט. אפשר דערפאַר בייַנאַכט נישט געקאָנט שלאָפן, קוים ווי כ׳האָב אײַנגעדרימלט, ווי דער גאַנג האָט זיך צעשריִען. אין באַראַק ווערט אַ בהלה אינדערפרי. צוויי מאָל אין טאָג, אינדערפרי, ווען מײַנע גורל־שכנטעס קלײַבן זיך צו דער קאַטאָרזשנער אַרבעט, און אין אָוונט, ווען זיי קערן זיך אום, באַפאַלט מיך אַ שווער געפיל: בין איך דען אויך נישט שולדיק אין זייער פּײַן? דערצו האָב איך דאָ „גליק״, כ׳בין אַ„פּריווילעגירטע״, אַן אינוואַליד מיט געליימטע פיס... אַפילו סערגיי דער באַגרעבער פּריווילעגירט מיך. ער האָט נעכטן אַרײַנגעבראַכט גראָבע קלעצלעך האָלץ: „לייגט צו אין אויוון, איר זענט קראַנק, ס׳וועט אײַך זײַן וואַרעמער״. סערגיי דאַרף אָנקומען צו מיר מיט אַ בריוול, געוואָרן היימיש מיט מיר, מיר זענען ביידע פּריווילעגירט: ער בלײַבט צו באַדינען דעם לאַגער, איך בלײַב, ווײַל כ׳בין אַן אינוואַליד. ביידע זענען מיר געניטע גנבים, ער גנבעט בײַ דער אַרבעט אין קיך, גייט נישט אַרום מיט קיין ליידיקן מאָגן, איך גנבע פּאַפּיר בײַ דער אַרבעט אין קאַנטאָר. די גניבות העלפן סײַ אים, סערגיי, וואָס האָט דערהרגעט אַ מענטש, סײַ מיר וואָס... איבערצוטראָגן דעם לאַגער. יאָ, דאָס שרײַבן העלפט מיר איבערטראָגן. זאָל איך נאָר נישט אַראָפּגיין פון וועג. כ׳האָב בײַנאַכט, ווען דער שלאָף איז נישט געקומען, אָנגעשריבן אויפסנײַ אין זכרון דעם ווײַטערדיקן גאַנג פון מײַן יוגנט.

ס׳איז געווען דאָס יאָר 1900. כ׳האָב פאַרענדיקט די פּעדאַגאָגישע קורסן. כ׳בין אַרײַן אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט אַ דערוואַקסענע, מיט אַ דיפּלאָם אין קעשענע, כאָטש כ׳האָב נאָך נישט געהאַט קיין פולע צוואַנציק יאָר.

— איר ווילט פאַרבלײַבן אין פּעטערסבורג? מיר קאָנען פאַר אײַך באַקומען אַרבעט אין שולוועזן, איר האָט זיך דאָך שוין דאָ אײַנגעלעבט — האָט מיר צוגערעדט מײַנער אַ פּראָפעסאָר.

ס׳האָט קיין רייד וועגן דעם נישט געקאָנט זײַן. כ׳האָב זיך קוים דערוואַרט צו קאָנען זיך אומקערן קיין מינסק, אין מײַן וואַרעמער היים. כ׳האָב מינסק ליב געהאַט, געבענקט צו איר, צו אירע שמאָלע, אָרעמע געסלעך און צו די ברייטע גאַסן, צו אירע שטילע פאַרוואָרפענע ווינקלען און צו אירע רוישיקע קוואַרטאַלן. כ׳האָב געבענקט צו דער וואַרעמער היים ווי אַ קינד. פּעטערסבורג האָט מיך רײַך געמאַכט, אָבער נישט אָנגעוואַרעמט. איך בין געווען פול מיט בענקשאַפט צו דער ייִדישער שטאָט מינסק, צום ייִדישן לשון, וואָס האָט דאָרט אומעטום געקלונגען. כ׳האָב זיך אין ערגעץ נישט געפילט אַזוי בײַ זיך ווי אין מינסק. אין ערגעץ האָט זיך אַזוי נישט אָנגעצייכנט מײַן קעמפערישער וועג ווי אין מײַן היימשטאָט.

מינסק איז געווען אַן עכט יידישע שטאָט. זי האָט געהערט צום יידישן תּחום. אין מײַן פֿריִער יוגנט האָט מען גערעדט וועגן פּופּציק טויזנט יידישער באַפֿעלקערונג, ס׳רוב קרעמער, קליינהענדלער, מעקלער, אַנדערע לופֿט־מענטשן, וואָס האָבן בײַם סוף וואָך נישט געהאַט מיט וואָס שבת צו מאַכן. די גרויסע צאָל באַלעמעלאָכעס האָבן געפֿירט אַ ביטערע מלחמה פֿאַר דעם שטיקל פּרנסה. אין מינסק איז אַרומגעגאַנגען דאָס ווערטל: פּרנסה איז מלחמה. גאָר שווער איז געווען דער מצב פֿון יידישן אַרבעטער, נאָך שווערער פֿון די יידישע געזעלן, וואָס האָבן געטירחעט צו 16—17 שעה אין טאָג. מינסק איז אויך נאָך ווילנע געווען דאָס וויגעלע פֿון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. און פּונקט ווי בײַ דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, אַזוי אויך בײַ דער יידישער איז בײַ איר וויגעלע געשטאַנען די אינטעליגענץ, די סטודענטנשאַפֿט. מינסק, נאָך ווילנע, האָט צוממיינסטן צוגעלייגט אַ האַנט צום אַנטשטיין פֿון „בונד״ אין 1897; באַלד דערנאָך איז זיך דאָ צונויפֿגעקומען דער ערשטער צוזאַמענפֿאָר פֿון דער רוסישער סאָציִאַל־דעמאָקראַטיע אויף וועלכן ס׳איז געווען אַ פֿאַרשטייער פֿון דער יונגער, אָרגאַניזירטער יידישער אַרבעטערשאַפֿט. דאָס וואָס דער צוזאַ־מענפֿאָר איז אַנטדעקט און באַפֿאַלן געוואָרן פֿון דער צאַרישער פּאָליציי, פֿאַרקלע־נערט נישט די באַדײַטונג פֿון מײַן היימשטאָט פֿאַר יענער רעוואָלוציאָנערער צײַט. ס׳איז געווען דער פּעריאָד פֿון רעוואָלוציאָנערן אויפֿקום און אויפֿשטײַג אומעטום.

מיר איז באַשערט געווען צו קומען אויף דער וועלט אַ יאָר פֿריִער ווי אין דער צאַרישער אימפּעריע האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ שטורעם פֿון פֿאַרפֿאָלגונגען און געוואַלדטאַטן קעגן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, באַגלייט מיט פּאָגראָמען. נאָכן אויסגעפֿירטן אַטענטאַט קעגן אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, אין מערץ 1881, האָט אויך פֿון דער כוואַליע רעפּרעסיעס אין די אַכציקער יאָרן נישט ווייניק געליטן די יונגע יידישע אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס איז אויפֿגעקומען אין די זיבעציקער יאָרן דורך אַרבעטער־קרײַזלעך. די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג איז אָבער געווען ווי דער ים מיט אירע אָפּפֿלוסן און צופֿלוסן. קיין שום ברוטאַלער כּוח האָט נישט געקאָנט פֿאַרהאַלטן די צופֿלוסן. מײַן פֿריִע יוגנט, פֿאַר פּע־טערסבורג, איז צונויפֿגעפֿאַלן מיט אַזאַ רעוואָלוציאָנערן צופֿלוס. ווי אַ 13—14 יאָריקע גימנאַזיסטקע האָב איך געוווּסט, אַז די מינסקער אינטעליגענץ רופֿט די יידישע אַרבעטער צו קעמפֿן פֿאַר אַ 12־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג. 15 יאָר בין איך אַלט געווען, ווען מײַן האַרץ האָט שטילערהייט מיטגעפֿלאַטערט מיט די שטרײַקן, וואָס די יידישע אַרבעטער אין מינסק האָבן געפֿירט דאָס גאַנצע יאָר 1895. צווישן די פֿאַרטרוילעכע גימנאַזיסטקעס האָבן מיר אין געהיים פֿון מויל

צו מויל זיך איבערגעגעבן די ידיעה: „ווייסט שוין? זיי האָבן אויסגעפירט, כמעט געווונען דעם שטרײַק, וועלן אַרבעטן בלויז 14 שעה אין טאָג, זיי וועלן אין גיכן פאָדערן צו פאַרקירצן אויף 12 שעה אין טאָג". דעם זעלבן יאָר איז אין מינסק צום ערשטן מאָל געפײַערט געוואָרן דער 1־טער מאַי און דאָס דורך יידישע אַרבעטער. די אַרבעטער־קרײַזלעך האָבן זיך כסדר געמערט. נישט קיין צופאַל וואָס אויף מינסק האָט זיך פאַרעקשנט געוואָרפן זובאַטאָוו, אָפּצורײַסן די אַרבעטער פון דער אינטעליגענץ, צו פאַרפירן אויף אַן אויסגעקרומטן וועג די אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס איז כסדר געוואַקסן.

כ'בין נישט אויסן איצט צו שרײַבן וועגן דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. איר געשיכטע האָבן מיר קאָמוניסטן דעפאָרמירט, פאַרקריפּלט; אויסגלײַכן איצט אין דעם אַמביאַנס איז נישט מעגלעך. איך שרײַב נישט קיין געשיכטע, נאָר וועגן זיך, אָבער איך בין געווען מיט לײַב און לעבן פאַרקניפּט און פאַרפלאָכטן מיט דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג; דערנאָך, מיט איבער דרײַסיק יאָר שפּעטער האָב איך צוגעלייגט אַ האַנט זי צו צעברעכן; נישט ווילנדיק האָבן מיר, יידישע קאָמוניסטן, געהאָלפן אין ראַטנלאַנד אָפּווישן געגנצלעך די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג.

די אַרבעטער־קרײַזלעך אין מינסק זענען געווען זייער פאַרקאָנספּירירט. וואָס האָב איך געוווסט וועגן זיי אין מײַן פריִער יוגנט? נישט פיל. איך האָב געהערט צו אַן אַנדערער וועלט, מײַנע עלטערן זענען געווען פאַרמעגלעכע. צו מײַנע אויערן זענען דאָך דערגאַנגען, אַז פאַראַן אַזעלכע וואָס ווילן אײַנפירן יושר, פרײַהייט, אָפּשאַפן אָרעמשאַפט. ס'איז גענוג געווען פאַר מיר איך זאָל באַגערן צו זײַן צווישן זיי. אָבער ווי אַזוי? דורך צופאַלן געשעען אַ סך זאַכן. מיר קאָמוניסטן האָבן יאָרן לאַנג זיך אַרײַנגעטומען אין קאָפּ, אַרײַנגעקלאַפּט אַנדערע אין קאָפּ, אַז אַלץ קומט פאַר דורך באַשטימטע סיבות. מיר האָבן פון געדאַנקען, פון אײַנשטעלונגען געמאַכט דאָגמעס. איך האָב מיך אויך במשך איבער אַ צענדליק יאָר פאַרוואַנדלט אין אַ האַרטער דאָגמאַטיקערין. אָבער דאָס מוז איך איצט לאָזן אין אַ זײַט. דורך אַ צופאַל האָב איך מיך, נאָכן ענדיקן די גימנאַזיע, באַקענט מיטן מינסקער יידישן דיכטער אברהם וואַלט, דעם שפּעטערדיקן באַקאַנטן פּאָעט ליעסין. ס'איז געווען בײַ מײַנער אַ שול־חברטע אין שטוב. ער איז געקומען צו איר עלטערער שוועסטער, געווען אַן אָנפירער פון סאָציִאַליסטישע יידישע אַרבעטער־קרײַזלעך אויף וועלכע מ'האָט געלערנט די אַרבעטער רוסיש, אַנדערע קענטשטאַנדן, מיט איין וואָרט געגעבן זיי עלע־מענטאַרן וויסן. כ'בין וואַלטן „אַרײַנגעפאַלן אין אויג", ווי מ'האָט געזאָגט בײַ אונדז, ער האָט פאַרפירט מיט מיר אַ שמועס. כ'האָב זיך געוויטלט, געפלאָנטערט

מיט דער צונג וועגן יושר, פֿרײַהייט, וועגן וואָס נישט? כ׳בין אים נאָך מער געפֿעלן געוואָרן.

— צי וואָלט איר געוואָלט זיך טרעפֿן מיט מיר?

אַ שאלה צי כ׳האָב געוואָלט. כ׳בין געגאַנגען אויף דער טרעפֿונג מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ, מיט האָפֿענונג, אַז עפּעס אַ גרויסע זאַך וועט פֿאַרקומען מיט מיר; כ׳האָב געהאַט 16 יאָר און געווען פֿול מיט יוגנטלעכן ברען עפּעס אויפֿצוטאָן. כ׳האָב דאָך געוווּסט, אַז ער פֿירט אָן מיט סאָציאַליסטישע יִדישע קרײַזלעך. דערצו איז ער אַ פּאָעט. קאָן נאָך זײַן אַ מער דערהויבענער מענטש ווי אַ פּאָעט, וואָס פֿירט אָן מיט סאָציאַליסטישע קרײַזלעך?

— איר וואָלט געוואָלט געבן לעקציעס אויף אַ קרײַז אַרבעטער־מיידלעך? מ׳דאַרף זיי געבן עלעמענטאַרע בילדונג. צי קאָנט איר אָבער האַלטן אַ סוד? זיך פֿירן פֿאָרזיכטיק, קאָנספּיראַטיוו? צי ווייסט איר, אַז מ׳טאָר קיינעם נישט דערציילן מיט וועמען איר טרעפֿט זיך, ווו איר טרעפֿט זיך?

כ׳האָב אויף אַלעמען געענטפֿערט מיט אַן ענערגישן שאָקל מיטן קאָפּ. כ׳בין אויף אַלעמען מיט פֿרייד אײַנגעגאַנגען. די קאָנספּיראַציע, וועגן וועלכער וואָלט האָט מיר געגעבן אַ לעקציע, האָב איך פֿאַרפֿולקומט, בפֿרט שפּעטער. אין די עטלעכע זומער־חדשים, פֿאַרן אָפּפֿאָרן קיין פּעטערסבורג, בין איך אַרײַנגעפֿירט געוואָרן אין די סודות פֿון די אַרבעטער־קרײַזלעך. דער פּאָעט וואָלט, פֿאַר זײַן אָפּפֿאָרן קיין אַמעריקע האָט מיר געזאָגט, אַז אין הלכות קאָנספּיראַציע האָב איך אים, מײַן רבין, איבערגעשטיגן. ער האָט מיך אויך געלערנט ווי אַזוי מ׳דאַרף אָנפֿירן מיט אַ קרײַזל. כ׳האָב שטענדיק פֿאַרן דיכטער וואָלט געטראָגן אין מײַן האַרץ אי דאַנקבאַרקייט, אי רעספּעקט, אַזוי ווײַט, אַז אין מײַנע דערינערונגען וועגן מינסק, וואָס כ׳האָב געדרוקט אין מינסקער „וועקער", האָב איך אים, ליעסינען, פֿאַרגעלייגט זיך אומצוקערן אין זײַן געבוירן־שטאָט, ווו ער וועט האָבן אַלע מעגלעכקייטן פֿאַר זײַן דיכטערישער שאַפֿונג. צום גליק האָט ער מיך נישט געפֿאָלגט. דאָס מאָל האָט מײַן רבי מיך ווײַט איבערגעשטיגן אין קלאָרזעעוודיקייט.

עטלעכע יאָר נאָך דער באַגעגעניש מיט וואָלטן האָב איך מיך אומגעקערט פֿון פּעטערסבורג אַ פֿאַרברענטע סאָציאַליסטקע. כ׳האָב געקאָנט גלײַך פֿאָרן קיין בערלין צו דערגאַנצן מײַן אויסבילדונג. כ׳האָב אָפּגעלייגט, אַ סך שפּעטער געלערנט אויפֿן בערלינער אוניווערסיטעט. איך האָב געדאַרפֿט האָבן מינסק און מינסק האָט מיך געדאַרפֿט האָבן. כ׳בין צו נײַנצן יאָר געוואָרן פֿאַרוואַלטערין און לערערין פֿון דער פּראָפֿעסיאָנעלער יִדישער מיידל־שולע, אויך אָנפֿירערין און לערערין פֿון אָוונט־קורסן. די פּראָפֿעסיאָנעלע שולע האָט געהאַט אַ שם

אין שטאַט. יונגע פרויען זענען אַרויסגעגאַנגען פון איר מיט פאַכן און אויך מיט בילדונג. כ׳האָב געוווּנען דעם צוטרוי פונעם יונגוואַרג, אַפילו די עלטערע פון מיר פלעגן זיך ווענדן צו מיר ווי צו אַ מאַמע. ס׳איז אַרומגעגאַנגען אַ ווערטל אין מינסק: „פון דער פּראָפעסיאָנעלער שולע גייען אַרויס גוטע שנײַדער־קעס און נאָך בעסערע סאָציאַליסטקעס״. געבן די אַרבעטער בילדונג און אײַנפּלאַנצן אין זיי דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק איז געוואָרן מײַן לעבנס־ציל שוין אין דער יוגנט.

געווען אין מינסק צווישן די ייִדישע אַרבעטער־אָנפירער אַן איבערגעגעבענער מענטש מיטן נאָמען אַלבערט זאַלקינד. האָט זאַלקינד געקוקט אויף אונדז קרומלעך. צוואָס זיך פאַרנעמען מיט געבן בילדונג די אַרבעטער? אַפילו ווען זיי קאָנען נישט שרײַבן און לייענען, קאָן מען אויך אויפוועקן בײַ זיי אַ קלאַסן־באַוווּסטזײַן. דאָס איז גענוג. ער האָט זיך געהאַט אויסגעדריקט: „דאַרף דען דער אַרבעטער דורכויס וויסן, אַז די ערד דרייט זיך? זײַן אויסדרוק איז געוואָרן צווישן אונדז אַ חוזק־שפּריכוואָרט, מען פלעגט זיך אין שפּאַס פרעגן: איז טאַקע נייטיק אַן אַרבעטער זאָל וויסן, אַז די ערד דרייט זיך? מיר, די אָנפירער פון די קרײַזן, האָבן באַגערט דער אַרבעטער זאָל דאָס יאָ וויסן; איך בין געווען די שטאַרקסטע אָנהענגערין דערפון, געקומען אין ענגע אַרבעטער־שטובן, אין קעלער־שטובן זען דעם מצב פונעם אַרבעטער־מענטש און אַלץ געטאָן אים צו דערהייבן. אָבער טראָגן בילדונג איז נישט געווען מײַן איינציקע באַשעפטיקונג. כ׳האָב געשריבן אומלעגאַלע ליטעראַטור, בראָשורן, געווען געבונדן מיט אַ ליטעראַרישער גרופּע, וואָס איז אַנטשטאַנען בײַ דער זײַט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, געווען אויך נאָענט מיט דער רוסישער אינטעליגענץ פון אונדזער שטאָט, וואָס איז אין איר גרעסטער מערהייט געווען אויף דער זײַט פון דער אַרבעטערשאַפט.

אַ נײַער ברוויזנדיקער פּעריאָד אין מײַן לעבן האָט זיך אָנגעהויבן ווען כ׳בין אין עלטער פון צוואַנציק יאָר אַרײַנגעטראָטן אין „בונד״. חברים האָבן מיר איבערגעגעבן ווי גרויס ס׳איז געווען די שׂמחה בײַם מינסקער קאָמיטעט פון „בונד״, ווען ס׳איז דערגאַנגען צו זיי די ידיעה וועגן מײַן אָנשלוס. איך בין שוין דעמאָלט, אין מײַן יונגן עלטער, געווען באַקאַנט ווי אַן איבערגעגעבענע אַרבעטער־טוערין.

# II

מײַנע גוטע עלטערן האָבן געקוקט אויף מיר מיט שטאָלץ און נאָכמער מיט שרעק. מײַן פאָטער, דער משׂכּיל, דער העברעיִסט, דער נישט־דערגאַנגענער שרײַבער, האָט דערוואַרט איך זאָל שרײַבן ביכער און נישט קיין בראָשורן, פּראָקלאַמאַציעס, אַרטיקלען אין צײַטונגען. צו דעם איז צוגעקומען די מורא מ׳זאָל מיך נישט „פאַרמאַכן״. סתם ווי פאַרגראָבט זיך דאָס אַ יונג מיידל מיט לײַב און לעבן אין אַזעלכע זאַכן? הײַנט שאַץ איך אָפּ ווי טאָלעראַנט מײַן פאָטער איז געווען, כאָטש ער האָט באַגערט אָפּצוקילן דעם ברויז אין מיר.

— טאָכטער, וויפל איז דער שיעור? אַלץ האָט דאָך אַ מאָס.

— טאַטע, דאָ איז נישטאָ קיין שיעור און קיין מאָס.

ער האָט געקוקט אויף מיר מיט ליבשאַפט, און אַ צער האָט זיך אויסגעגאָסן אויף זײַן געזיכט.

— ס׳קאָכט דאָך מיט דיר די שטאָט. ווילסט אַרויפציִען אַן אומגליק אויף זיך, אויף אונדז?

— ניין, טאַטע, כ׳וויל נישט. כ׳וויל אויסמײַדן. די שטאָט קאָכט נישט מיט מיר. ווען ס׳וואָלט געקאָכט מיט מיר וואָלט שלעכט געווען. איך טו אַלץ אַזוי, אַז ס׳זאָלן נישט וויסן די, וואָס דאַרפן נישט וויסן. דאָס איז קאָנספּיראַציע, טאַטע.

— אויף אַלץ האָסטו גלײַך אַן ענטפער, אַלץ קאָנסטו אויפקלערן.

— האָסט דאָך מיך געלערנט אַלץ צו קאָנען אויפקלערן.

— ווילסט מיט איין מאָל, מיט איין טראַסק איבערמאַכן די וועלט?

— נישט מיט איין טראַסק. דערווײַל גרייט מען זיך צו, און דו, טאַטע, קאָנסט אונדז צוהעלפן, דו, אַ קלוגער מענטש, זעסט זייער גוט ווי די וועלט שטייט אויפן קאָפּ און נישט אויף די פיס.

דער טאַטע האָט געשוויגן, טיילמאָל אָנגעהויבן מורמלען אַ ניגון. די מאַמע האָט געדולדיק געוואַרט צו קאָנען אַרײַנוואַרפן אירע אייגענע פּאָר ווערטער.

— טאָכטערשי, דער טאַטע מיינט נישט, חס וחלילה, קיין שלעכטס, די זאָרג

פאַר דיר רעדט אַרויס פון אים, ס׳לאָזט אים נישט שלאָפן ביי נאַכט. מיר זענען דען קעגן די אַרבעטער? קעגן די סאָציאַליסטן? מיר זענען דאָך נישט קיין אויסנוצער, קיין פּאַרצייַטיקע מענטשן אויך נישט. וואָס ווילן מיר דען? זאָלסט בלויז אַזוי פיל נישט אַרומרודערן. מ׳רעדט צופיל וועגן דיר אין שטאָט; נישט, חס וחלילה, קיין שלעכטס. נאָר ס׳זאָל דערגיין צו יענע לייט, די שעה זאָל קיין שעה נישט זיין, ס׳זאָל דערגיין ביסטו אַ פּאַרטיקע. אַז יענע גיבן אַ כאַפּ אַריין עמעצן אין זייערע לאַפּעס, איז נישט לייַכט זיך אַרויסצוקריגן.

— איז וואָס, מאַמע? זיי וועלן מיך אויפעסן? וואָס קאָנען זיי מיר מער טאָן ווי איינזעצן?

כ׳האָב געוואָלט צוגעווינען מייַנע עלטערן צום געדאַנק, אַז איך קאָן אַרעס־טירט ווערן; מ׳דאַרף דאָס נישט באַטראַכטן פאַר אַן אומגליק. צי האָב איך זיי אָבער נישט פאַרשאַפט נאָך מער עגמת־נפש מיט אַזעלכע רייד? ס׳אַרט מיך גאָרנישט אויב כ׳וועל גיין אין תפיסה! די זאָרג פון מייַנע עלטערן, זייער אומרו האָט זיך פאַרקלענערט ערשט דעמאָלט, ווען צו מיר האָט אָנגעהויבן אַרייַנקומען באַריס פּרומקין. אַז אַ טאָכטער שטעלט פאַר פאַר די עלטערן אַ בחור איז אַ גוטער סימן, בפרט דער בחור געפעלט זיי; כ׳וועל חתונה האָבן, וועל איך מיך אַ ביסל אייַנסטאַטקעווען. סתם האָבן זיי זיך דערפרייט מיט מייַן בחור. אַז אַ מיידל איז אַזוי פאַרקאָכט אין קהלישע געשעפטן! זי האָט דען צייַט צו טראַכטן וועגן תכלית־זאַכן? אַרויסצוגיין אַמאָל מיט אַ בחור? אין דער אמתן האָב איך געהאַט צייַט אויף אַלץ, כ׳האָב אַלץ געטאָן גיך. דאָס צוגרייטן אומלעגאַלע ליטעראַטור איז געגאַנגען ווי געשמירט. כ׳האָב געשריבן אין איין אָטעם; דער קאָמיטעט פון „בונד" האָט נאָר געדאַרפט באַשטעטיקן און האָט באַשטעטיקט. אין מינסק איז צו יענער צייַט אַרויסגעגאַנגען דער אומלעגאַלער „מינסקער אַרבעטער". כ׳האָב צוגעשטעלט מייַנע אַרטיקלען פריִער פון אַלע אַנדערע מיטאַרבעטער. ווי גיך כ׳האָב געהאַט די טעמע, איז דאָס שרייַבן געגאַנגען כשורה. די חברים האָבן דאָס געוווּסט און האָבן מיר נישט געקאַרגט קיין אַרבעטן; כ׳האָב גאָרנישט אָפּגעזאָגט. אין 1900 איז געשטאָרבן ווילהעלם ליבקנעכט. מ׳האָט געדאַרפט צוגרייטן אויף גיך אַ רעפעראַט. ווער זאָל דאָס מאַכן אין אַ רעקאָרד־צייַט? מ׳האָט עס מיר אָנגעבאָטן. כ׳בין דעמאָלט געווען באַוואָרפן מיט אַרבעט, אָבער נישט אָפּגעזאָגט, כלל נישט פאַרשטאַנען ווי מ׳קאָן אָפּזאָגן וואָס עס זאָל נישט זיין פאַר דער באַוועגונג. כ׳בין געזעסן גאַנצע נעכט, געשלאָפן צו 3—4 שעה און צוגעגרייט אַן אויספירלעכן רעפעראַט וועגן ליבקנעכטן און דער דייטשישער אַרבעטער־באַוועגונג, געלייענט אים צוויי מאָל: אויף אַ געהיימער אַרבעטער־פאַרזאַמלונג און אין האַלבלעגאַלן ליטעראַרישן צענטער, וואָס איז

דעמאָלט אָנשטאַנען אין מינסק.ביידע מאָל שטאַרק אויסגענומען. ס׳האָט מיר געגעבן אַ סך זיכערקייט אין זיך, אַ סברה, צופיל זיכערקייט.

צי האָב איך, ווי אַ יונג מיידל, „נישט געהאַט קיין צײַט אויף אַנדערע זאַכן" ווי מײַן מאַמע האָט מורא געהאַט?

כ׳בין געווען יונג, שיין, געהאַט אַלע מעלות געפעלן צו ווערן. מ׳האָט מיר צופיל דערמאָנט מײַנע מעלות. כ׳האָב געפילט באַשײַנפערלעך אויף זיך פאַרליבטע בליקן און זיך געמאַכט נישט זעענדיק. אין דער אמתן געווען צופרידן געפעלן צו ווערן. ס׳האָט מיר שטילערהייט בפירוש הנאה געטאָן וואָס מען פאַרליבט זיך אין מיר, כאָטש מ׳האָט מיך אין דעם נישט חושד געווען. דער ערשטער בחור, וועלכן כ׳האָב אָפּגעצאָלט מיט קעגנזײַטיקייט, פּשוט זיך אויך פאַרליבט אין אים, איז געווען באָריס פרומקין. באָריס איז געווען אַ זעלטענער מענטש, אַ טאַלאַנטירטער און איידעלער, געשטאַמט פון אַ פאַרמעגלעכער, פאַרגעשריטענער משפחה, געקאָנט ווי איך שטודירן. אַלס סטודענט געווען פון די איבערגעגע־בנסטע אָנפירער פון די סאָציאַליסטישע קרײַזן אין מינסק, פון די אַרבעטער־קרײַזלעך. ווי גיך ס׳איז אַנטשטאַנען דער „בונד" איז ער צוגעשטאַנען צו אים. נאָכן ענדיקן דעם אוניווערסיטעט, האָט אים ווי אַן אינזשעניר־כעמיקער דערוואַרט אַ גרויסע קאַריערע. וואָס האָט אָבער באַדײַט פאַר אַזאַ יונגן מענטש אַ קאַריערע ווען מ׳איז מיט לײַב און לעבן אָפּגעגעבן דער אַרבעטער־באַוועגונג? סוף 1897 איז באָריס אַרעסטירט געוואָרן. זײַנע פאַרמעגלעכע עלטערן האָבן אײַנגעלייגט וועלטן; אַדאַנק זיי געזעסן בלויז אַנדערהאַלבן יאָר אין דער שווערער פעסטערס־בורגער תפיסה „קרעסטי", ווו די שטיינערנע ווענט זענען שטענדיק פײַכט געווען. פון דאָרט האָט געשטאַמט זײַן שפּעטערדיקע לונגען־קראַנקייט. פון תפיסה איז ער אַרויס אַ מוטיקער, פול מיט נײַע פּלענער. אין איזאָלאַציע־קעמערל אַ סך געלייענט, געלערנט, באַרײַכערט זײַן גרויסע אַלגעמיינע קולטור. צום ערשטן מאָל האָב איך באַגעגנט אַ מענטש מיט אַזאַ אײַנגעבוירענער, אינערלעכער אינטעליגענץ און דערוואָרבענע דורך אַרבעט, קולטור און וויסן.

באָריס פלעגט מיר זאָגן: „פאַרליבט זיך אין דיר פון ערשטן אויגנבליק". אָדער: „גלייבסט נישט אין אַן ערשטן אויגנבליק"? כ׳בין נישט געווען אַזאַ ראָמאַנטיקער ווי ער. מיר האָט אימפּאָנירט זײַן איבערגעגעבנקייט דער אַרבעטער־זאַך, אָבער אויך זײַן וויסן, זײַן באַנעמונג מיט מענטשן. מיר זענען געווען צוויי אַנדערע כאַראַקטערן, אָבער זיך פאַרשטאַנען, זיך דערגאַנצט. איך אַן אימפּע־טיקע, אַ טעמפּעראַמענטפולע, האָב געאורטיילט אויף דער הייסער מינוט; אַ פאַרעקשנטע, נישט פאַרטראָגן קיין קאָמפּראָמיסן, וואָס האָט זיך לײדער שפּעטער, אין אַנדערע באַדינגונגען, אַנטוויקלט אין פאַנאַטיזם; ער, אַ געלאַסענער, האָט

מער געטראַכט ווי געאוּרטיילט; אַ נאָכגיביקער פון דער נאַטור, איז ער מער דורכגעקומען מיט אַנדערש־טראַכטנדיקע מענטשן. מיט זײַן געלאַסנקייט פלעגט ער צוימען מײַן טעמפּעראַמענט, מײַן דינאַמיזם. מײַנע עלטערן האָבן געזען אין אים אַ פּאַסיקן זיווג פאַר מיר, כאָטש ס'האָט זיי באַאומרויִקט זײַן רעוואָלוציאָנער־רישקייט. זיי האָבן אָבער געהאַט צוטרוי צו אים.

באַריס האָט באַגערט מיר זאָלן חתונה האָבן, ווען ער איז צוגעשטאַנען, איז צווישן אונדז פאָרגעקומען אַזאַ דיאַלאָג:

— צו וואָס טויג אונדז די גאַנצע צערעמאָניע? מיר קאָנען זיך נישט באַגיין אָן איר?

— פאַראַן צערעמאָניעס, וואָס מען מוז דורכמאַכן, פאַר די עלטערן, פאַר מענטשן, אַפילו פאַר די מאַכטהאָבער, וואָס מיר האַסן.

— גיסט זיך צופיל אונטער.

— איך גיב מיך נישט אונטער, נאָר מײַן הייסער באַגער איז זאָלסט זײַן מײַן פרוי.

— קאָן איך דען נישט זײַן דײַן פרוי אָן די צערעמאָניעס?

— דו, ווי אַ פרוי, וועסט די ערשטע דערפון לײַדן, וועסט זײַן גליקלעכער, ווען דו וועסט זײַן מײַן געזעצלעכע פרוי, כ'וויל זאָלסט זײַן גליקלעך.

— כ'וועל מוזן פירן אַ שטוב, אַ באַלעבאַטישקייט, כ'האָב דאָס פײַנט.

— וועסט גאָרנישט מוזן, כ'וועל דיר קיינמאָל נישט דערלויבן טאָן דאָס, וואָס האָסט פײַנט.

— ס'וועט אונדז אָפּרײַסן פון... פון אונדזער ציל... פון...

—ס'וועט נישט. פאַרקערט, ס'וועט אונדז שטאַרקן אין אונדזער אידעאַל, גרויסע ליבע באַפליגלט צו גרויסע מעשים, ס'וועט אונדז קעגנזײַטיק העלפן. מײַן ליבע צו דיר וועט דיך שטאַרקן, וואַכן איבער דיר. אונדזער לעבן וועט אפשר נישט שטענדיק זײַן אַ לײַכטס, מיר זענען דאָך אויסגעשטעלט אויף דער געפאַר אַרעסטירט צו ווערן, נאָר סײַ פון נאָענט, סײַ פון ווײַט וועלן מיר זײַן צוזאַמען. מײַן ליבע צו דיר וועט אונדז ביידע געבן כוחות אַלץ אויסצוהאַלטן.

ער האָט אַזוי לאַנג געהאַלטן מײַנע הענט אין זײַנע ברייטע, וואַרעמע הענט, באַדעקט זיי מיט הייסע קושן, ביז כ'בין אײַנגעגאַנגען.

כ'בין אַלט געווען צוויי און צוואַנציק יאָר. מײַנע עלטערן איז געגאַנגען אין לעבן צו מאַכן אַ חתונה מיט גרויס פּאַראַד. איך מיט באַריסן האָבן אָפּגע־מאַכט צווישן אונדז אַז ס'וועט זײַן אַ רעוואָלוציאָנערע חתונה. די עלטערן האָבן אַלץ אָנגענומען פאַר גוט. מיר האָבן פאַרבעטן אונדזער גאַנצע מחנה. מ'האָט אַ סך געטאַנצט, אָבער נאָך מער געזונגען רעוואָלוציאָנערע לידער, געווונטשן

זיך צו פֿאַרווירקלעכן אונדזערע אידעאַלן. דאָס יונגוואַרג איז געווען אין אַ באַזונדערן זאַל. די עלטערן מיט זייערע געסט האָבן אין שכנותדיקן זאַל געלאָזט די כלי־זמרים שפּילן אויף אַלע כלים, מ׳זאָל אין דרויסן נישט הערן אונדזערע לידער. מײַן פֿאָטער איז געווען מלא שׂמחה, מיטגעפֿרייט זיך מער מיט אונדז יונגוואַרג ווי מיט זײַנע געסט, מיט זײַן סאַמעטענער שטימע מיטגעזונגען מיט אונדז.

מיר זענען געווען אַ גליקלעך יונג פֿאָרפֿאָלק. באָריס האָט אויסגעשפּרייט איבער מיר עכט מאַמישע שוץ־פֿליגלען. באָריס האָט גוט פֿאַרויסגעזען: מיר האָבן צוזאַמען נאָך מער זיך צונויפֿגעבונדן מיט דער באַוועגונג. אונדזער פֿער־זענלעך לעבן און די באַוועגונג האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן. אין אַ יאָר אַרום איז בײַ אונדז געבוירן געוואָרן אַ טעכטערל, מײַן פֿריידל. אַזוי האָט באָריס געוואָלט זי זאָל הייסן. ס׳איז געווען זײַן גרויסע פֿרייד. אויך די פֿרייד פֿון דער משפּחה איז געווען אין לשער. מ׳האָט ווידער געמאַכט אַ גרויסן יום־טובֿ מיט פֿאַר־בעטענע געסט. די שׂמחה איז אין גיכן פֿאַרשטערט געוואָרן. ס׳איז געווען דאָס יאָר 1903. ס׳איז אָנגעקומען די ידיעה וועגן קישענעווער פּאָגראָם, וועגן האָמע־לער פּאָגראָם, אַנטי־ייִדישע עקסצעסן דאָ און דאָרט. אין דער באַוועגונג האָט מען גוט געוווּסט: די פּאָגראָמען זענען אַן ענטפֿער פֿון דער צאַרישער מאַכט אויף די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען. די „טשאָרנאַיאַ סאָטניאַ״, וואָס העצט אונטער דעם המון צו מאָרדן ייִדן, איז דער וואָפֿן פֿון צאַריזם. אין דער באַוועגונג האָט מען גלײַך רעאַגירט מיט ייִדישע און רוסישע פּראָקלאַמאַציעס, מיט ספּעציעלע אויסגאַבעס פֿון דער אומלעגאַלער פּרעסע, מיט רופֿן צו אָרגאַניזירן זעלבסטשוץ. כ׳האָב מיך נאָך געהאַלטן שוואַך אויף די פֿיס נאָך דער קימפּעט, ווי כ׳האָב מיך געזעצט צום טיש שרײַבן אַן אַרטיקל, צוגרייטן אויף גיך אַ פֿלוגבלעטל. באָריס האָט נישט גערוט, ער האָט טעלעכע וואָכן טײַלווײַז אויך מיך פֿאַרטרעטן.

די פּאָגראָמען האָבן אויפֿגעטרייסלט די ייִדישע באַפֿעלקערונג. בײַ איינע יאוש, בײַ אַנדערע צאָרן. די אָרגאַניזירטע אַרבעטערשאַפֿט האָט זיך נאָך ענגער צוזאַמענגעשלאָסן, געזוכט אַן אָנשפּאַר בײַ דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וואָס האָט זיך אָפּגערופֿן. ס׳האָבן זיך אָפּגערופֿן גרויסע רוסישע שרײַבער. איך בין פֿון אַלע מאָל געווען געבונדן מיט דער רוסישער אינטע־ליגענץ פֿון אונדזער שטאָט, און אין יענע צערודערטע טעג האָבן מיר זיך געבייטיקט אין איר. אַ באַרג נײַע פֿליכטן איז אַראָפּגעפֿאַלן אויף מײַנע פּלייצעס. אונדזער נישט־לאַנג־צוריק נײַ־אויפֿגעבויטע, גליקלעכע היים איז געוואָרן אַ טרעף־אָרט און אַ קוזשניע, וווּ מ׳האָט אויסגעשמידט אַ געמיינזאַמען וואָרט־וואָפֿן קעגן בלוטיקן צאַריזם.

ס׳האָט נישט לאַנג גענומען ווי אין שטוב איז אויסגעבראָכן אַ נײַע סומאַטאָכע. באָריס איז קראַנק געוואָרן. פאָרויסגעגאַנגענער טובערקולאָז. פּלוצ־לינג? ניין, דער טובערקולאָז האָט געשטאַמט פון דער נאַסער, פאַרפּעסטעטער, פּעטערסבורגער תפיסה. זײַן שטאַרקער אָרגאַניזם, זײַן שטענדיקע האָפערדיקייט האָבן דאָס פאַרשטעלט. וואָס טאָן? זײַנע עלטערן זענען צוגעשטאַנען ער זאָל פאָרן זיך היילן אין בערלין. באָריסן איז געווען שווער זיך צו שיידן מיט אונדז. פאַרוואָס נישט היילן זיך אויפן אָרט? מײַנע עלטערן האָבן אים אונטערגעהאַלטן. כ׳האָב געמוזט אַנטשיידן. באָריס האָט מיך געפאָלגט, געלאָזט זיך קיין בערלין. די צעשיידונג איז געווען אַ גרויסע איבערלעבעניש, ער האָט צומאָל נישט געטאָרט אַ קוש־טאָן זײַן טעכטערל. נאָך אייניקע חדשים אים איבערגעפירט קיין גענעווע, ווו מײַן ייִנגערע שוועסטער גיטע האָט שטודירט מעדיצין, געווען געבונדן מיט דער דאָרטיקער בונדישער גרופּע; מ׳האָט זיך געקאָנט פאַרנעמען מיט אים. אַלץ צו שפּעט געווען. ער איז אויסגעגאַנגען אויף מײַנע הענט אין פּוילן באַוווסטזײַן, שעפּטשענדיק צו מיר ליבע־ווערטער, באַדויערנדיק וואָס ער קאָן נישט זען זײַן טעכטערל. וואָס פאַר אַ שטאַרקער קלאַפּ פאַר מיר! דער ערשטער אייגן־נאָענטער קרבן פון די צאַרישע רדיפות. כ׳האָב פאַרלוירן דעם טײַערסטן מענטש, דעם בעסטן חבר, אַ באַגלייטער אויף אַלע געפערלעכע וועגן. כ׳בין געבליבן אַ 24 יאָריקע אַלמנה מיט אַ קליין קינד.

כ׳האָב אַ ווײַלע מורא געהאַט דער אומגליק זאָל אויף אַ שטיקל צײַט נישט גענומען איבער מיר די אויבערמאַכט. כ׳האָב מיט אַלע כוחות דערשטיקט דעם ווייטיק, געטאָן דאָס זעלבע, וואָס מ׳טוט בעת אַ קאַטאַסטראָפע, ווען ס׳פאַלט אַראָפּ אַ שווערע משא אויפן קאָפּ: געמאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונג אָפּצו־שאָקלען, אַראָפּצוואַרפן פון זיך די משא, צו פאַרגעסן אין אייגענעם ווייטיק און לויפן ראַטעווען אַנדערע באַדראָטע. ס׳איז געווען פאַרן יאָר 1905. די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג האָט אומעטום געעוירט, די צאַרישע פּאָליציי האָט געטראָטן אויף די פּיאַטעס. די באַוועגונג האָט זיך געגייטיקט אין אויסגעפּרוווטע, איבערגעגעבענע מענטשן. כ׳האָב זיך געוואָרפן אין דער אַרבעט בלב ונפש. מײַן איבערגעגעבענע מאַמע איז מיר, ווי שטענדיק ,אַנטקעגנגעקומען, גענומען צו זיך מײַן טעכטערל, געהאָדעוועט עס מיט צערטלעכקייט. מיך האָט די באַוועגונג געשיקט איבערן לאַנד, איבער שטעט און שטעטלעך. כ׳האָב געהאַלטן עפנטלעך, אונטער אַ דעקמאַנטל, רעפעראַטן, אָפּגעהאַלטן געהיימע פאַרזאַמלונגען, געשאַפן נײַע אָרגאַניזאַציעס און געשטאַרקט אַלטע. מ׳האָט מיך געקאָנט טרעפן זומער, פרילינג, האַרבסט אויף אַ צונויפקום ערגעץ אין אַ הינטערשטאָטישן וואַלד, ווינטער אין אַ געהיימער וווינונג, אין אַ ווײַבער־שול, שפּעט בײַ נאַכט אין אַ

בית־מדרש, ווו מיר האָבן זיך געהיים אַרײַנבאַקומען. איינע אזאַ סכאַדקע האָט זיך באַזונדער אײַנגעקריצט אין זכרון. ס׳איז געווען אין דער צײַט פֿון ימים־נוראים. כ׳בין געקומען אין אַ ייִדיש שטעטל, ווו מיר האָבן געהאַט די גאַנצע יוגנט מיט אונדז, צומאָל עטלעכע ישיבה־בחורים. צוויי חברה־לייט האָבן מיך אָפּגעוואָרט בײַם באַן, אַ זעקס ווערסט פֿונעם שטעטל. דער וועג אַ שטיינערנער, ערטערווײַז אַ בלאָטיקער. דאָ און דאָרט בײַם וועג אַ וויינענדיקע בעריאָזע מיט אַראָפּהענגנדיקע צווײַגן, מיט האַרבסטיק־פֿאַרגעלטע בלעטלעך, וואָס וואַרפֿן אָן אַן אומעט. מײַנע שיך האָבן זיך אָדער אָנגעהאַקט אין די שפּיציקע שטיינער, אָדער געזונקען אין דער בלאָטע. דער וועג האָט מיר אויסגעזען אומענדלעך. מײַנע צוויי קאַוואַלערן אַנטשולדיקן זיך פֿאַר מיר, פֿאַר די שטיינער, די בלאָטעס, ווי זיי וואָלטן שולדיק געווען וואָס דער וועג איז נישט אויסברוקירט. אַ בריטשקע? אַ פֿורל? מ׳וואָלט געקריגן, נאָר גייט באַשטעלט עקסטרע אַ באַלעגאָלע, פֿאָרט אַרײַן מיט אַ דאַמע אין אַ בריטשקע, ס׳וואָלט זיך געוואָרפֿן אין די אויגן, דער אָרטאָדאָקסיש איז אומעטום, מען מוז אַלץ אָפּטאָן אין דער גרעסטער קאָנספּיראַציע. בינו לבינו האָב איך מיך דערוווּסט ווו די פֿאַרזאַמלונג וועט פֿאָרקומען: אין אַלטן בית־מדרש. אַ יונגער בית־מדרש־לערנער האָט זיי איבערגעגעבן אַ שליסל; ער איז אַן „אייגענער״. מ׳דאַרף וואַרטן ביז ס׳וועט גוט פֿינצטער.

מ׳האָט מיך דערווײַל אַרײַנגעפֿירט צו אַ יונג פֿאָרפֿאָלק. שנײַדער־באַלעמע־לאָכעס. איין שטוביקע דירה. בײַם נידעריקן פֿענצטער אַ נײַ־מאַשין. אין דער לענג פֿון אַ וואַנט צוויי הילצערנע בעטן. בײַ איין בעט אַן אַלטמאָדישע וויג. אין וויג אַ קינד מיט אַ סמאָטשיק אין מויל. אין מיטן פֿון היפּשן צימער אַ פּירקאַנטיקער גרויסער טיש, איבערגעדעקט מיט אַ ווײַסן טישטעך, אַ סברה לכבוד מיר, דעם גאַסט. דאָס ביסל שנײַדערישע אַרבעט צוזאַמענגעלייגט אויף אַ בעט.

מײַנע געסט־געבער ווייסן נישט וואָס צו טאָן מיט מיר. זיי האָבן צוגעגרייט אַ וועטשערע, נאָר אפֿשר פֿריִער אַ הייסע גלאָז טיי? נאָכן טיי לייגט די באַלעבאָסטע אַוועק אַ לעבל „געבייטלט״ ברויט, דערלעבן אַ מעסער, שטעלט אַוועק פֿאַר מיר אַ שיסעלע קליסקעלעך מיט מילך.

— עסט געזונטערהייט! מיר האָבן שוין געגעסן וועטשערע. זאָל אײַך זײַן צום געזונט!

ווי האָב איך נישט געקאָנט עסן געזונטערהייט, ווען מ׳איז דיך מכבד מיט אַזוי פֿיל האַרץ?

ס׳איז שפּעט אָוונט. אַ פֿינצטערער האַרבסט־אָוונט. מײַנע צוויי קאַוואַלערן האַלטן זיך בײַ מײַנע ביידע זײַטן. מיר גייען שווײַגנדיק, האַקן דורך אַ גאַס,

דערנאָך שפּאַנען מיר דורך צוויי אָדער דריי קליינע, שמאָלע געסלעך, ביז מ׳קומט אָן אין שולגעסל. אַ האַלבער, דינער בויגן לבנה שאַרט זיך אַרויס פון אונטער אַ געדיכטן וואָלקן, וואַרפט אַ בלאַסע שײַן. אַ פּירקאַנטיקע הילצערנע געבײַדע מיט אַ שול־הויף. קיין שום באַלויכטונג פון אינעווייניק. מײַן קאַוואַליר פון לינקס מורמלט: „דערלויבט" און נעמט מיך אונטערן אָרעם. אויף דריי שטיל־שטילע קלאַפּן עפנט זיך אַ טיר. איך פיל מער ווי איך זע, אַז דער בית־מדרש איז באַזעצט. כ׳דערבליק אין דער פינצטער פון אַלע זײַטן גלאַנציקע, ברענענדיקע אויגן. וויפל זענען זיי דאָ? מײַן באַגלייטער ווייסט נישט פון קיין צאָל.

— כמעט אַלע זענען מיט אונדז, כמעט די גאַנצע יוגנט. בלויז עטלעכע באַלעמעלאָכעס און דער בחור, דער בית־מדרש־לערנער, זענען נישט געקומען, דער צוליב קאָנספּיראַציע, מ׳זאָל נישט חושד זײַן, אַז ער איז בײַם לערנען אין בית־מדרש.

מ׳האָט מיך באַזעצט אויפן אויבערשטן טרעפּל פון דער בימה. כ׳האָב געפילט, אַז מ׳האָט אונטערגעלייגט אַ טיכל. דער יונגער עולם האָט זיך איבערגערוקט נענטער צו מיר. די צומיינסטן נײַגיריקע האָבן פאַרכאַפּט די נידעריקערע טרעפּלעך פון דער בימה. שטיל. אין דער שטילקייט האָט זיך דערהערט איין אײַנגעלאָשענע, טיפע שטימע. דאָס האָט איינער פון מײַנע באַגלייטערס מיך פאָרגעשטעלט פאַרן עולם, גערעדט וועגן מײַנע רעוואָלוציאָנערע מעלות, מײַן מסירת־נפשדיקייט, געשילדערט צומאָל דעם וועג פון דער באַן אין שטעטל, פאָרויסגעזאָגט, אַז מ׳וועט קאָנען שטעלן פראַגן.

ווידער שטיל. אַזאַ שטילקייט, אַז כ׳האָב געהערט דאָס אָטעמען פון די, וואָס אַרום מיר. כ׳האָב געוואָלט נאָכטאָן מײַן פאָררעדנער און אָנגעהויבן מיט אַן אײַנגעלאָשענער שטימע. בײַ מיר איז אָבער די שטימע שטענדיק געווען אַ קלינגעוודיקע, אַ פלאַמיקע, נישט לײַכט אײַנצולעשן מיט אַ מאָס. האָב איך איבערגעטריבן די מאָס. ס׳איז אַרויסגעקומען צו שטיל. ס׳האָבן זיך באַלד דערהערט עטלעכע שטימעלעך: אַ ביסל העכער! ס׳איז אַרויסגעקומען אַמאָל אַ ביסל העכער, אַמאָל אַ ביסל נידעריקער, ביז כ׳האָב דערכאַפּט די ריכטיקע מאָס. כ׳האָב נאָך מער ווי געוויינלעך גערעדט מיט איבערגענומענקייט, מיט האַרץ און... לאַנג. ווי האָט דאָס געקאָנט זײַן קורץ, אַז מ׳האָט געדאַרפט רעדן וועגן אַלעמען? ס׳האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז כ׳האָב אין מײַן לאַנגער דרשה אויסגעשעפּט אַלץ, וואָס מ׳דאַרף וויסן. ס׳האָבן זיך אָבער אָנגעהויבן שיטן פראַגן. כ׳האָב געמוזט בעטן צוואַרטן כ׳זאָל ענטפערן אויף עטלעכע פראַגן, אין דער פינצטער נישט געקאָנט פאַרצייכענען דעם שלל שאלות. ס׳איז מיר טרוקן געוואָרן אין

האַלדז; קיין שלונג וואָסער איז נישט געווען. און ווי האָט געקאָנט זײַן אין אַזאַ פינצטערניש? ס'האָט אויסגעזען, אַז כ'האָב פאַרענטפערט די לעצטע פראַגע ווי אין דער פינצטערניש האָט זיך פון די לעצטע רייען אויפגעהויבן אַ מיידלש שטימעלע:

— וואָס איז די שטעלונג... כ'מיין, וואָס איז די מיינונג פון דער באַוועגונג וועגן פרײַער ליבע?

ס'האָט זיך פון דאָ און דאָרט דערהערט אַן אײַנגעהאַלטן, פאַרשטיקט געלעכטער. אַ גראָבלעכע, שטילע פּראָטעסט־שטימע, ווי צו ראַטעווען די לאַגע פון לעכערלעכקייט, האָט אויסגעשאָסן:

— מיר זענען זיך נישט צונויפגעקומען אויסצוהערן נאַרישע פראַגן!

— חברים און חברטעס, זאָל זײַן שטיל, שטערט נישט!

ס'האָט זיך אָפּגערופן איינער פון מײַנע באַגלייטערס, דער פאַררעדנער. אין זײַנע שטילע ווערטער האָט זיך געפילט פאַרלוירנקייט. זאָל איך פאַרשווײַגן די פראַגע, אָדער ענטפערן? כ'האָב זיך בלויז אַ קליינע רגע געוואַקלט. ס'טאָרן נישט בלײַבן קיין נישט פאַרענטפערטע פראַגן!

— ניין, ס'איז נישט קיין נאַרישע פראַגע, אונדזער באַוועגונג האָט צו אַלעמען אַ שטעלונג, — האָב איך אָנגעהויבן און זיך אַרײַנגעלאָזט אין לאַנגע אויפקלערונגען.

כ'האָב זיי דערציילט וואָס ס'האָט מיר געזאָגט מײַן באָריס, ווען איך גופא האָב געהאַלטן, אַז התונה האָבן איז אַן אומנייטיקע צערעמאָניע. כ'האָב דעם אַמאָליקן שמועס באַבלימלט, גערעדט וועגן דער געטרײַשאַפט פון צוויי פאַרליבטע, יונגע הערצער. כ'האָב געפילט ווי דער עולם הערט מיט אָנגעשפיצטע אויערן, שלינגט מײַנע ווערטער. ווען מײַן באַגלייטער האָט צום סוף מיר פלאַמיק באַדאַנקט פאַר אַלץ, פאַר דעם „וווּנדערלעכן, אויסגעהאַלטענעם רעפעראַט" פאַר די „קלאָרע" ענטפערס און אָנגעהויבן דערמאָנען וועגן דער אַזוי נייטיקער קאָנספּיראַציע, זענען מיר אַלע אויפגעציטערט געוואָרן. ס'האָט זיך פּלוצעם דערהערט פון דרויסן אַ קלאַפּערײַ, באַגלייט מיט רופן. חברה האָט זיך אַ וויג געטאָן. מ'האָט זיך אָבער באַלד געכאַפּט, אַז דאָס רופט דער שמש צו סליחות. דער זייגער האָט דעם שמש מסתמא אַ ביסל פאַרפירט, ער האָט זיך אויפגעכאַפּט צו פרי. ס'איז פאַרט געווען אַ סימן, אַז די נאַכט גייט צום סוף, ס'איז פאַר אַ שפּראָץ אויף פרימאָרגן. די סכאָדקע האָט זיך פאַרענדיקט. קליינע פּאַרטיעס האָבן אויף די שפּיץ־פינגער געדאַרפט זיך אַרויסשלײַכן פון בית־מדרש. איך מיט מײַנע באַגלייטערס זענען אַוועק די ערשטע. דער הימל איבערן שטעטל איז געהאָנגען נידעריק, אַ בלויאיק־גרויער. מײַנע גאַסט־געבער האָבן געוואָרט אויף

מיר. די באַלעבאָסטע האָט אין אָנטועכץ זיך צוגעשפּאַרט אויפן בעט, איר מאַן האָט געוואַרט אַן אומרויִקער:

— כ׳האָב געמיינט ס׳איז, חס וחלילה, עפּעס געשען. אַזוי לאַנג...

— אַז מיר האָבן די זכיה צו האָבן ביי אונדז אַזאַ גאַסט דאַרף מען אויסנוצן, מ׳האָט אונדז אַלץ אויפגעקלערט, אַ שאָד וואָס ביסט נישט געווען, נאָר ס׳וואָלט נישט געווען קאָנספּיראַטיוו.

מיטן אָנקומען פונעם טאָג האָט דאָס מאָל אַ באַלעגאָלע מיך געפירט צו דער באַן־סטאַציע, פון אָנהייב מיט אַ דיסקרעטער שווייגעניש מיר אָנגעוויזן אויפן געזעס, אויסגעבעט מיט אַ זעקל שטרוי. ווען מיר זענען שוין געווען אויסערן שטעטל, איז ער געוואָרן אַ ביסל באַרעדעוודיק:

— מ׳קומט צו פאָרן געכטן פאַר נאַכט און אינדערפרי פאָרט מע שוין צוריק? אַלץ אַזוי גיך דערליידיקט? געשעפטלעך?

— יאָ, געשעפטלעך...

*

...מיט וואָס פאַרענדיקט מיט קאַרגע צוויי וואָכן צוריק? כ׳געדענק נישט גענוי, געשריבן אין אַ ווילדער שנעלקייט, אויסבאַהאַלטן די בלעטלעך. כמעט צוויי וואָכן נישט גענומען דעם בלייפעדער אין האַנט; אַ וואָך געלעגן אין שפּיטאָל. געמיינט ס׳איז דער סוף. דער דאָקטער זאָגט: „אויב איר האָט איצט אויסגעהאַלטן, וועט איר אַלץ אויסהאַלטן". כ׳בין אַליין אַ דאָקטער אויף זיך. כ׳וואָלט געוואָלט אויסהאַלטן ביז כ׳וועל פאַרענדיקן די בלעטלעך פון מיין לעבן. כ׳פיר מלחמה מיטן מלאך־המות. אין שפּיטאָל ריזיקאַליש צו נעמען אַ בלייפע־דער און פּאַפּיר אין האַנט. אין באַראַק אויך אַ וואָך־צייט נישט געקאָנט דאָס טאָן. ס׳האָט זיך גערודערט: פּאַראַנדקעס, „אַביסקן". עטלעכע טעג געגאַנגען אין קאַנטאַר. ס׳איז ווידער געלונגען אַרונטערצושלעפּן בייגעלעך פּאַפּיר. כ׳בין געוואָרן אַ געבּיפּטער גנב. מ׳קאָן זיך אַלץ אויסלערנען. כ׳לערן זיך אויס צו ביסלעך צו גיין אויף די געליימטע פיס. היינט זיץ איך אין „שטוב". אַ גוטער טאָג צו טאָן דאָס, וואָס איך טו. ס׳ווילדעוועט ווידער אַ זאַווערוכע, ווי טייוולאָנים וואָלטן זיך אויפגעהאַנגען. אַזוי פלעגט מען זאָגן אין מינסק. קיינער וועט אין אַזאַ וועטער נישט אַריינשמעקן. ווי אַזוי אַרבעטן די אומגליקלעכע? די 18־יאָרי־קע לענקאַ איז שוין אינדערפרי געפאַלן פון די פיס. דער פאָטער, די מוטער זענען ערגעץ אין קאָלימאַ. איר איינציקע זינד. כ׳האָב איר נעכטן אָוונט געשאַנ־קען אַן אָניצע איבערצורייסן אויף צווייען, אַרומצווויקלען בעסער די פיס. דער מסירת־נפשדיקער דאָקטער האָט זיך אויסגעסטאַרעוועט פאַר מיר אי וואַליקעס,

אי אַניצעס, אי אַ וואַרעמע שובע, אַ ביסל אַן אַרומגעפּליקטע, אָבער אַ וואַרעמע. ווי זע איך אויס אין דער שובע? גוט וואָס ס'איז נישטאָ קיין שפּיגל, נאָר ווען איך קוק אויף מײַנע שכנטעס, שטעל איך מיר פאָר ווי איך זע אויס. אַז די יונגע זעען אויס ווי אַלטע בעטלערינס, אײַנגעוויקלטע אין שמאַטעס, איז ווי זע איך אויס? אָבער מ'דאַרף גיין מיט אַ סדר.

געהאַלטן בײַם 5טן יאָר. אַ ברוויזנדיק, שטורמיש יאָר געווען. געשעעניש האָבן געיאָגט איינע נאָך די אַנדערע: שטרײַקן, מאַניפעסטאַציעס, אומעטום רעוואָלוציאָנערע אַרויסטריטן. די ייִדישע אַרבעטער אין מינסק זענען נישט אָפּגעשטאַנען, אין ערגעץ נישט אָפּגעשטאַנען. ס'האָט זיך געדוכט די רעוואָלוציע קלאַפּט אין טיר, שטייט אויפן שוועל. ס'וואָלט צו לאַנג געווען צו באַשרײַבן מײַן אָנטייל אין יענעם רעוואָלוציאָנערן אויפברויז. בלויז איין עפּיזאָד ווילט זיך דורכויס פאַרצייכענען: פרילינג 1905. (די גענויע דאַטע געדענק איך נישט) אין יענעם שטורמישן פרילינג איז פאָרגעקומען אַן אַלרוסישער לערער־צוזאַ־מענפאָר. ס'האָט געדראָט מ'זאָל אים פאַרבאָטן, די מאַכט איז אָבער געווען צעטומלט, אפשר געהאַט איר אויסרעכענונג? דער צוזאַמענפאָר האָט פאַר דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג געהאַט אַ באַדײַטונג. אַ טייל פון דער לערערשאַפט געווען געשטימט סאָציאַליסטיש, נישט ווייניק האָבן געהערט צו אַרבעטער־פאַרטייען, סרוב צו דער אומלעגאַלער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. מ'האָט געדאַרפט זיי אָפּגעפינען, צונויפרעדן זיך דער צוזאַמענפאָר זאָל נישט אַרונטערפאַלן אונטער שוואַרץ־מאהדיקע אײַנפלוסן, ווי די מאַכט האָט געוואָלט. ווו נעמט מען געניטע מענטשן פון דער פּעדאַגאָגישער פּראָפעסיע זיי זאָלן ריכטן דעם צוזאַמענפאָר פון אינעווייניק? נו, איך בין אַ פּראָפעסיאָנעלער פּעדאַגאָג, באַקאַנט אין שטאָט אויך דער רוסישער אינטעליגענץ. מ'האָט מיך אַרויסגערוקט אַלס דעלעגאַט צום צוזאַמענפאָר. ס'איז נישט שווער געווען דאָס דורכצופירן.

וואָס פאַרא צוגרייטונגען! אַן אמתע מוראַשקע־אַרבעט. פאַרן קאָנגרעס מוז מען אָנבינדן קאָנטאַקטן, דורכטראַכטן, צוגרייטן צוזאַמען וואָס מיר ווילן פון אַזאַ צוזאַמענפאָר; מ'דאַרף אָפּגעפינען די אַלע, וואָס זענען נאָענט צו דער אַרבעטער־באַוועגונג ס'איז נישט פון די לײַכטע זאַכן מ'מוז אָנווענדן די גרעסטע פאַרזיכטיקייטס־מיטלען. די פּאָליצײַ שלאָפט נישט. דער צוזאַמענפאָר איז אַרומ־געשטעלט מיט געהיים־אַגענטן, אינעווייניק פעלן נישט קיין פּאָליציייאישע אויגן. דאָך, דאָך איז געלונגען צו שאַפן אַ גרופּירונג פון רעוואָלוציאָנערע לערער, אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישן פליגל פונעם צוזאַמענפאָר; ער האָט אויסגעטיילט פון זיך אַן אָנפירערשאַפט צו וועלכער כ'האָב געהערט. וויפל מי, וויפל אָנשטרענ־גונגען האָט געקאָסט אָפּצוהאַלטן געהיימע זיצונגען! וויפל איבערגעגעבנקייט,

איך געניטשאַפט האָט מען געדאַרפט אָפּצוגעפינען די אייגענע, צונויפצורופן באַראַטונגען! טראָץ אַלע מניעות איז דער לערער־צוזאַמענפאָר אַוועק אין דער ריכטונג, וואָס מיר האָבן אָנגעצייכנט.

יענע רוסישע מענטשן, לערערס און לערערינס, זענען מיר געוואָרן אייגן־נאָענט. מיר האָבן זיך קעגנזייטיק ליב באַקומען. וואָס פאַראַ פרייַנדשאַפטן ס׳האָבן זיך פאַרבונדן צווישן אונדז! אין יענע צייַטן פון ווילדע רעפּרעסיעס, פון אַנרייצן דורך די שוואַרץ־מאַהניקעס אויף ייִדן, איז בעתן לערער־צוזאַמענפאָר אויפגעשטיגן עכטע פאַרברידערונג. מיט פיל פון די לערער האָב איך מיך שפּעטער איבערגעשריבן אָבער די קאָנספּיראַטיווע באַדינגונגען האָבן נישט דערלויבט אויף אַ סטאַבילער קאָרעספּאָנדענץ, בפרט ווען כ׳האָב שפּעטער געהאַט אַנדערע געהיימע שליחותן אויסצופירן. וואָס פאַראַ מענטשלעכע וואַרעמקייט האָב איך געפילט פליסן צו מיר פון יענע פריִער אומבאַקאַנטע מענטשן! ווו איז זי אַהינגעקומען יענע מענטשלעכע וואַרעמקייט? יענע מענטשלעכע נאָענט־קייט. ווי אַזוי איז דאָס געשען וואָס מענטשן, וואָס פאַררופן זיך אויפן אַמאָליקן אידעאַל, זענען אַזוי פאַרשטיינערט, אַנטמענטשלעכט געוואָרן?

אַן עלטערער לערער, אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט, אַ שול־דירעקטאָר פון כאַרקאָוו איז צוגעשטאַנען צו מיר:

— מאַריאַ יאַקאָוולעוונאַ, קומט צו אונדז אין שול, מיר דאַרפן אַ לערער, פאַראַן אַ ליידיק פּלאַץ, איר דאַרפט בלויז באַלייגן אַ ווענדונג, ס׳זאָל זייַן אָפיציעל. כ׳ווייס, כ׳ווייס, אַז איר זענט אַ ייִדישקע, כ׳וועל געפינען אַ פאָרטל איר זאָלט אָנגענומען ווערן. מיר נייטיקן זיך אין אַזעלכע ווי איר.

— מייַן פּאַרטיי נייטיקט זיך אויך אין מיר. וואָלט מיך די פּאַרטיי געשיקט, וואָלט איך געקומען צו אייַך, האָב איך מיט שפּאַס געענטפערט.

אין דער אמתן איז דאָס נישט געווען קיין שפּאַס. וואָלט מיך די פּאַרטיי געשיקט אפילו הינטער די הרי־החושך, וואָלט איך אויך אַהין געגאַנגען.

ס׳האָט ווער געהאַט געשריבן וועגן מיר, אַז כ׳בין געווען די שרה בת טובים פון דער רוסישער רעוואָלוציע. בלויז ווי אַזעלכע האָט מען מיך געזען. און די פרוי אין מיר? זי האָט דאָך געלעבט אין מיר, אָפּגערופן זיך בייַ יעדער געלעגנ־הייט. אויך בעתן לערער־צוזאַמענפאָר. אַ לערער פון מאַטעמאַטיק, אַ 27־יאָריקער הויכער, בלאָנדער בחור מיט בלויע, קלוגע אויגן, אויך אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט, איז נישט אָפּגעטראָטן פון מיר. אין די פרייַע שעהען האָט ער מיך פאַרבעטן אין רעסטאָראַן, אין טעאַטער, ווו נישט? ס׳איז געווען מער ווי פרייַנדשאַפט צווישן אונדז. רוסישע מענער, ווען עס געפעלט זיי אַ פרוי, זאָגן זיי איר דאָס גלייַך. פאַרליבן זיי זיך, דערקלערן זיי זיך גלייַך אויפן אָרט אין ליבע, לייגן

פאַר חתונה צו האָבן. יעפים — אַזוי האָט ער געהייסן — האָט דאָס געטאָן מיט עכט־רוסישער אָפּנהאַרציקייט. ס'איז מיר גוט געווען מיט אים. כ'בין געווען יונג, געדאַרפט מ'זאָל מיך ליב האָבן, געווען אויסגעהונגערט אין צערטלעכקייטן. יעפימס בלויע אויגן האָבן מיך געגלעט, געצערטלט, געבעטן קעגנזייטיקייט. כ'האָב פאַרבראַכט מיט אים אַ נאַכט, ער האָט אַראָפּגענומען אַלע שטייבער פון מײַן האַרץ, איבערגעטראָגן מיך אין אַ זוניקער וועלט. אויפצומאָרגנס זענען מיר געזעסן אין טעאַטער. יעפים האָט דעליקאַט פאַרוואָרפן זײַן אָרעם אַרום מיר, געדריקט מיך צו זיך, צוגעלייגט די ליפּן צו מײַנע האָר, צוגעדריקט מײַן האַנט צום מויל. כ'האָב געהאַט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אין זײַן אַקסל. פּלוצעם האָב איך אָפּגעריסן דעם קאָפּ, אָפּגערוקט זיך פון אים. ער האָט פאַרלוירן געשעפּטשעט: „אַנטשולדיק", „אַנטשולדיק". ווען מיר זענען אין שפּעטן אָוונט אַרויס פון טעאַטער, האָט ער אַ פאַרצווייפלטער געפרעגט:

— מאַריאַ, וואָס איז געשען?

— מײַן מאַן באַריס...

— האָסט דאָך מיר געזאָגט ער לעבט נישט.

— ער לעבט נאָך אין מיר...

ס'איז אמת געווען, אָבער יעפים האָט טיף אָנגערירט אַ סטרונע אין מײַן האַרץ. ווען מיר האָבן זיך געזעגנט האָט ער זיך געבעטן בײַ מיר:

— מאַריאַ, זאָג מיר צו צו ענטפערן אויף מײַנע בריוו. איך וועל שטאַרק בענקען נאָך דיר, נעמסט מיט מײַן האַרץ, מײַן נשמה. וואָס? מיר קענען זיך אַזוי ווייניק? איך קען דיך שוין פון זייער, זייער לאַנג, געזען דיך שטענדיק אין חלום. אויב מ'וואָלט געדאַרפט אָפּאַרבעטן פאַר דיר 7 יאָר ווי יעקב פאַר רחלען, וואָלט איך עס געטאָן, אפילו צוויי מאָל זיבן, ווי יעקב פאַר רחלען.

כ'האָב אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער:

— ביסט דאָך גאָר באַקאַנט מיט דער ביבל און ווילסט זיך אויך פירן ווי די ביבלישע, אַמאָליקע מענטשן.

— מיט דיר וועל איך מיך פירן ווי דו וועסט וועלן.

מיר האָבן זיך אַ שטיקל צײַט איבערגעשריבן. צי האָב איך דעמאָלט געטראַכט, געקאָנט טראַכטן וועגן מײַן פּערזענלעך לעבן? אין גיכן האָט זיך אָנגערוקט אַ נײַער געוויטער. די צאַרישע מאַכט האָט אָנגעהויבן אַ קרייץ־צוג קעגן דער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע, וואָס זי האָט פאַרשווענקט מיט בלוטיקע רעפּרעסיעס, אַרעסטן, פּאָגראָמען. ס'האָבן זיך אויך דערגענטערט די וואַלן צו דער רוסלענדישער דומע. דער „בונד" האָט די ערשטע דומע באָיקאָטירט, ערשט צו דער צווייטער און דריטער גערופן צו שטימען. מ'האָט געדאַרפט נאָכפאָלגן די נײַע

געשעענישן, זיי אָפּשפּיגלען אין דער גאַנצער אומלעגאַלער פּרעסע. כ׳בין געווען דומע־קאָרעספּאָנדענט, געמוזט אויך זײַן אומעטום, נישט געדוט נישט בײַ טאָג, נישט בײַ נאַכט. די צאַרישע פּאָליציי האָט אויך נישט גערוט. אין מאַי 1906 האָט מען מיך אַרעסטירט, פּונקט, ווען כ׳בין צוריקגעקומען קיין מינסק פון אַ זשורנאַליסטישער שליחות. ס׳איז נישט געווען קיין איבעראַשונג פאַר מיר, געריכט זיך דערויף. מײַנע עלטערן האָט עס אָבער פאַרשאַפט אַ סך זאָרג, מײַן מוטער אומאויפהערלעכע דאגות.

די מינסקער תפיסה האָב איך געהאַט געזען פון דער ווײַטנס. ערשט ווען מ׳האָט מיך אַהין געבראַכט, האָב איך מיך באַקענט מיט איר משונהדיקער אַרכיטעקטור: אַ גרויסע, פּירקאַנטיקע געביידע פון דרײַ שטאָק. איר קאָליר אומאָנגענעם געל, דאָ און דאָרט רויטע פלעקן. פאַרוואָס רויטע פלעקן? גיי ווייס. אין די ווינקלען ווי צוגעטשעפּעט האַלבקײַלעכדיקע, נידעריקע טורעמלעך, ווו מ׳האָט אין איינצל־קאַמערן געהאַלטן אין איזאָלאַציע געפערלעכע, פּאָליטישע „פאַרברעכערס". כ׳האָב זיך געריכט צו ווערן אַ לאָקאַטאָר אין אַזאַ טורעמל, נאָר מ׳האָט מיר דעם כבוד נישט צוגעטיילט. די פרויען־אָפּטיילונג איז געווען אין שכנות מיט די אונטערשטע קאַמערן פון די טורעמס. ס׳איז נישט שווער געווען אָנצובינדן אַ קאָנטאַקט מיט די איזאָלירטע.

פאַר מיר האָט זיך געעפנט אַ שווערע טיר און כ׳בין אַרײַנגעפירט געוואָרן אין אַ פּירקאַנטיקער, גרויסער קאַמער. זיבן פאַר פרויען־אויגן האָבן זיך אָנגע־שטעלט אויף מיר. אַ קורצע ווײַלע האָבן מיר זיך קעגנזײַטיק באַטראַכט. אַ יונג מיידל מיט אַ קאָפּ געדיכטע, געלע האָר האָט נישט אויסגעהאַלטן דעם נײַגיר און אַ פרעג געטאָן:

— אַ פּאָליטישע?

— אַ פּאָליטישע.

— ביסטו די אַכטע!

דער נאָמען איז פאַרבליבן. מ׳האָט מיך צוממערסטן גערופן די „אַכטע". דאָס ערשטע דערציילט מען זיך ווער מ׳איז, פון וואַנען מ׳קומט, פאַרוואָס אַרעסטירט. זיי האָבן זיך גאָר דערפרייט מיט מיר.

די מינסקער געלע געביידע האָט געהאַט אַ שטיקל שם. כמעט אַ צענטראַלע תפיסה געווען. אַהער פלעגט מען ברענגען אַרעסטירטע פון דער פּראָווינץ, אפילו פון ווײַטע געגנטן, אויך פון פּוילן, פון ריגע. אין דער קאַמער איז געווען בלויז איין מינסקער אַרבעטער־מיידל, די איבעריקע פון דער פּראָווינץ. האָבן זיי אַלע זיבן געמוזט לעבן אויף די תפיסה־קעסט. מײַן מוטער האָט באַלד אויף צומאָרגנס פון מײַן אַרעסט אָנגעקלאַפּט אומעטום ווו מ׳האָט געדאַרפט און אויסגעפּועלט

מיר אַרייַנצושיקן יעדן טאָג אַ גוטן מיטאָג מיט נאָך עפּעס אַ צולאָג. טיילן אַ מיטאָג אויף אַכט מיילער, צערייצט עס נאָר דעם אַפּעטיט. וואָס טוט מען? אַן איבערגעקויפטע וועכטערין האָט שוין די מאַמע געהאַט אויף איר זייַט. פאַר עטלעכע מטבעות האָט זי איבערגעגעבן די „פּאָסט" אַהין און צוריק. האָב איך אָנגעשריבן דער מאַמען אַ בריוו בזה הלשון: אַליין וועל איך דעם גוטן מיטאָג נישט עסן, זאָל זייַן וואָס ס'זאָל נישט זייַן, נאָר פאַר אַלע אַכט. מייַן גוטע מאַמע האָט אָבער יאָ געוואָלט איך זאָל עסן אַ גוטן מיטאָג. זי האָט חידער אָנגעקלאַפּט אין אַ טיר, אַרייַנגעשטעקט עפּעס אין דער האַנט און מ'האָט צוגע־גומען יעדן טאָג אַ גרויס קוישל מיט עסנוואַרג. זינט כ'בין געזעסן אין תפיסה איז די גאַנצע כאַפּטע פון מייַן קאַמער געווען גוט דערנערט.

איך און מייַן חברותא האָבן געהאַלטן, אַז אין תפיסה דאַרף מען פאַרזעצן דעם קאַמף, כאָטש ס'איז געווען גאָר אַ ביטערע צייַט. מיר האָבן אָנגעהויבן אַרויסרוקן פאָדערונגען, קודם דער תפיסה־דירעקטאָר זאָל אָנערקענען אונדזערען אַ פאַרשטייער. ס'האָט גענומען אַ סך וואָכן ביז כ'בין געוואָרן סטאַראָסטע. ווי אַ סטאַראָסטע האָב איך צום תפיסה־נאַטשאַלניק אַרייַנגעשיקט אַ רשימה פון ביכער צום לייענען, לערן־ביכער, בלייַפעדערס, פעדערס, העפטן. די יונגע פרויען האָבן קיין שולע נישט געמאַכט, די תפיסה דאַרף ווערן פאַר זיי אַ שולע. דער תפיסה־דירעקטאָר האָט מיר געדראָט. ער האָט מיך נישט אָפּגעשראָקן. ביכער און שרייַב־מכשירים האָט מען דערלויבט מייַן מוטער אַרייַנצושיקן. מייַנע תפיסה־שילערינס האָבן אַרויסגעוויזן גרויס חשק צו לערנען, אויסגעהערט מייַנע לעקציעס מיט אָנגעשטעלטע אויערן און אָפענע מייַלער. צי וועט מען זיך אָבער מיט דעם באַגנוגענען? חס וחלילה. מ'דאַרף זיך אויך פאַרבינדן מיט אַנדערע קאַמערן. און מ'האָט זיך פאַרבונדן. די „פּאָסט" איז געווען אַ פּילזייַטיקע: איבערגעטראָגענע בריוולעך דורך דער זעלבער וועכטערין און דורך אייגענע מיטלען, ווי דורך צובינדן צו אַ לאַנג שטריקל אַ פּעקעלע מיט אַ בריוו און אַראָפּלאָזן פון העכערן פענצטער צום נידעריקן. כ'האָב אויך דעמאָלט אָנגעהויבן אויפכאַפּן די קלאַפּ־שפּראַך דורכן וואַנט מיט וועלכער כ'האָב זיך איבער דרייסיק יאָר שפּעטער ווידער באַנוצט, אין אַ סך ערגערע, אין גרויזאַמערע באַדינגונגען. בינו לבינו האָט מען מיך נאָך 5 חדשים באַפרייַט. מייַן אַדוואָקאַט האָט געאַרבעט מעשים, אויפגעוויזן דאָס נישט־באַגרינדעט האַלטן מיך אין תפיסה. די פּאָליציי האָט אָבער נאָכן אַרויסלאָזן מיך געהאַלטן אויפן אויג.

נייַע וואַנדערונגען. אי כדי צו אַנטרינען פון פּאָליצייאישע אויגן, אי די פּאַרטיי האָט געשיקט, ווו מ'איז מער נייטיק געווען. ווילנע. די שיינע ייִדישע שטאָט. מ'האָט געדאַרפט אונטערשטעלן אַ פּלייצע אין דער רעדאַקציע „פּאָלקס־

שטימע״. וויפל צײַט, וויפל ענערגיע האָט מען געדאַרפט אַרײַנגלייגן די צײַטונג זאָל דערשײַנען! דערווײַל האָט זיך געעפנט די צווייטע דומע. מ׳שיקט מיך קיין פעטערסבורג, כ׳וועד ווידער דומע־קאָרעספּאָנדענט. מײַנע דומע־באַריכטן קאָן מען לייענען אין דער גאַנצער אַרבעטער־פּרעסע. די צווייטע דומע האָט נישט געהאַט קיין לאַנג לעבן, בלויז פון מערץ 1907 ביז יוני. צוריק אין ווילנע. צו דער אַרבעט אין דער רעדאַקציע „פאָלקסשטימע״ קומט צו די נײַ־געשאַפענע „האָפענונג״. און אָט איז אַ נײַ פעלד צו צעאַקערן: נאָכן דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע און וווקס פון רעפּרעסיעס שטעלט זיך די אַרבעטער־באַוועגונג איבער אויף אינערלעכער צעמענטירונג, אויף קולטור אַקטיוויטעטן. ס׳אַנטשטייען אין ווילנע צום ערשטן מאָל אָוונט־קורסן. איך קער ווען זיי זאָלן איבערגיין אויף ייִדיש. די ייִדישע שפּראַך, די ייִדישע ציוויליזאַציע איז דען פאַר מיר בלויז אַ פּראָגראַם? ס׳איז פאַר מיר אַן אידעאַל. איך באַטראַכט דעמאָלט ייִדיש פאַרן צעמענט, וואָס האָט צעמענטירט דאָס ייִדישע, צעשפּרייטע פאָלק. ייִדיש, ווי אַנדערע ייִדישע לשונות, אַנטשטאַנענע אין דער דיאַספּאָרע, זענען אויפגעקומען צום לעבן, דאָס פאָלק זאָל זיך נישט אַסימילירן, נישט פאַרלוירן גיין אין דעם פרעמדן אַרום; דאָס פאָלק זאָל זיך אײַנהאַלטן דורך אַן אייגענער שפּראַך, אַן אייגענער ציוויליזאַציע, אַ געשאַפענע דורך און אין דער־אָ שפּראַך. ייִדיש האָט באַהאַפטן און באַלעבט די צעוואָרפענע ביינער אין דעם וועלט־טאָל, געהאָלפן אויספאָרמירן און שטאַרקן דעם אַלוועלטלעכן פאָלקס־אָרגאַניזם. ייִדיש דאַרף אויך באַלעבן, באַהעפטן די ייִדישע אַרבעטער, די צוממיינסטן אונטערדריקטע צווישן אונטער־דריקטע. נאָר דורך ייִדיש קאָן מען זיי אונטערטראָגן בילדונג. בין איך געווען גליקלעך וואָס די אָוונט־קורסן אין ווילנע זענען איבערגעגאַנגען אויף ייִדיש, וואָס איך גופא קאָן ברענגען צו די ייִדישע אַרבעטער ליכט דורך ייִדיש.

דאָס גליק האָט לאַנג נישט געדויערט. נאָך פינף חדשים האָט מען מיך ווידער אַרעסטירט. דאָס מאָל אין דער רעדאַקציע „האָפענונג״; די פּאָליציי האָט אויך מיטגענומען די, וואָס זענען געווען מיט מיר. אויב מען איז בײַ אַזאַ רעוואָלוציאָנערן תכשיט ווי איך, איז מען פאַרדעכטיקט.

...עס פאָלגן נאָך צוויי נומערירטע זײַטלעך מיט פאַרגעלטער, צעשוווּמענער שריפט, ווי זי וואָלט געשריבן געוואָרן מיט אַ שלעכט־פאַרשניצטן בלײַפעדער בײַ אַ שוואַכן ליכט און האָט זיך לײַכט אָפּגעמעקט.

✶

ס׳איז געווען אָקטאָבער 1907. זינט קאָרגע צוויי יאָר האָב איך נישט געזען מײַן קינד. אין תפיסה האָט די בענקשאַפט צו מײַן קינד נאָך מער געגנאָגט דאָס האַרץ. מײַן פריידעלע ווערט אין גיכן 5 יאָר און זי קען כמעט נישט די מאַמע.

פאַרן אַרעסט האָב איך גערעכנט „אויסצושניידן" אַ ביסל צייט און מיט גרויס פאַרזיכטיקייט, נישט צו וואַרפן זיך דער פּאָליציי אין די אויגן, זיך אַראָפּכאַפּן צו מיין קינד. די פּאָליציי האָט מיין פּלאַן צעשטערט. מיין אומדערמידלעכע מאַמע איז אויך דאָס מאָל מיר אַנטקעגנגעקומען, אויסגעפּועלט אַ „זעונג" און געקומען מיט מיין טעכטערל אין תּפיסה.

— מאַמע, קום אַהיים, כ'וויל נישט דו זאָלסט דאָ זיין.

— כ'וועל קומען, פריידעלע, כ'וועל קומען...

— קום איצט, כ'וויל זאָלסט זיין מיט מיר.

— איצט לאָזט מען מיך נישט, כ'וועל אַן אַנדערש מאָל קומען...

— פאַרוואָס לאָזט מען דיך נישט איצט? אַלע מאַמעס זענען אין דער היים, נאָר דו נישט.

כ'האָב מיין קינד געדריקט צו זיך, איינגעהאַלטן די טרערן, וואָס האָבן געשטיקט אין האַלדז. געדאַנקען האָבן געעקבערט דעם מוח: זינדיק איך נישט קעגן מיין קינד, וואָס האָט אויך קיין טאַטן נישט? ווי אַזוי פאַראייביקן דאָס אַלץ, וואָס כ'האָב גענומען אויף זיך מיט די פליכטן פון אַ מאַמע? האָב איך געהאַט רעכט צו ברענגען אַ קינד אויף דער וועלט? אויב יאָ געבראַכט, צי טאָר איך זי לאָזן ווי אַ לעבעדיקע יתומה? דאָס האַרץ איז ווייטער צעריסן געוואָרן פון בענקשאַפט, פון נישט אויסגעלעבטער מאַמישער ליבשאַפט. כ'האָב געמוזט טרייבן פון זיך די געדאַנקען, דערשטיקן די געפילן. די תּפיסה האָט אירע געזעצן. אויך דאָ, די צאַרישע תּפיסה, איז געווען אונדזער שלאַכטפעלד. מ'נעמט אונטער אַקציעס, מ'שטעלט אַרויס פאָדערונגען צו דער נאַטשאַלסטוואָ. פונקט דעמאָלט איז דערגאַנגען די ידיעה וועגן מישפּטן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פראַקציע פון דער דומע. צי וועלן מיר, די אַרעסטירטע, שווייגן? די פּאָסט דורך די ווענט און דורך אַנדערע געהיימע וועגן איז געגאַנגען גאַנצע טעג. מ'האָט געזאָלט געמיינזאַם מאַניפעסטירן. די וואַך איז פאַרשטאַרקט געוואָרן, די וועכטער זענען געלאָפן איבער די קאָרידאָרן ווי פאַרסמטע מייז. מ'האָט מיך געבראַכט צום תּפיסה־נאַטשאַלניק:

— איר בונטעוועט די תּפיסה! איר ווילט אָרגאַניזירן מאַניפעסטאַציעס! ווער זענען אייערע מיטהעלפערס?

— כ'האָב נישט קיין מיטהעלפערס, לאָזט מיך צורו!

— איר וועט גיין אין קאַרצער!

— איר האָט נישט קיין רעכט מיך צו שיקן אין קאַרצער!

— איר וועט מיר נישט געבן קיין לעקציעס וועגן מיין רעכט!

— איך פאַרטיידיק מיין רעכט.

— מיר וועלן אייך מישפטן ווי דעם גרעסטן פּאָליטישן פאַרברעכער, פאַרשיקן אויף סיביר.

ער האָט פאָרויסגעזאָגט דעם אמת. אין יולי 1908 האָט מען מיך געמישפּעט און פאַרמישפּעט צו פאַרשיקן אויף דריי יאָר אין וואָלאָגדער גובערניע. ס׳האָט מיך אָפּגעראָטעוועט אַ קראַנקייט. דער דאָקטער האָט געפונען סימנים פון אַ לונגען־קראַנקייט. מייַנע עלטערן האָבן אויפגערודערט די וועלט. באַשטעטיקונגען פון דאָקטוירים וועגן מיין לונגען־קראַנקייט, וועגן דער נייטיקייט זיך צו היילן, זענען אָנגעקומען צום פּראָקוראָר. כ׳בין געווען אַ סך געזינטער ווי הייַנט. און יונג. די רישעותדיקע צאַרישע נאַטשאַלסטוואָ האָט פאַרט גענומען אין באַטראַכט מייַן אויפגעבלאָזענע קראַנקהייט, מיך באַפרייַט מיטן באַדינג כ׳זאָל פאַרלאָזן דאָס לאַנד. כ׳האָב דעמאָלט שטענדיק געמיינט, אַז מער גרויזאַם, רישועתדיק ווי דער צאַריזם קאָן שוין נישט זייַן. ווייַזט מען אונדז, אַז ס׳קאָן יאָ זייַן. דאָ האָט אויך מייַן דאָקטער גענומען אויף זיך די גרויסע ריזיקע, אויסגעשטעלט אַן אַטעסטאַט, וואָס ווייַזט מייַן געפערלעכן צושטאַנד. קיין ענטפער דערויף איז נישט געקומען, וועט נישט קומען. און איך דערמאָן די אַמאָליקע תפיסה־יאָרן, די שפּעטערדיקע פאַרשיקונג, ווי אַן אידיליע אין פאַרגלייַך מיט די תפיסות, ווו כ׳בין איצט געווען, מיט דעם לאַגער דאָ.

✶

...הייַנט דורכגעשלאָפן כמעט די גאַנצע נאַכט. צומאָל נישט געהערט דאָס הוסטן, דאָס קרעכצן פון לענאַ. די זאַווערוכע, מסתמא די „פּורגאַ״, ווי מ׳רופט זי דאָ, האָט זיך אייַנגעשטילט. כ׳בין אַראָפּ פרי פון דער נאַרע, כמעט צוזאַמען מיט מייַנע אומגליקלעכע שכנטעס. דערנאָך מיט גרויס מאַטערניש דורכגעשפּרייַזט דעם לאַגער־הויף. די „פּורגאַ״ קערט אויס דאָ און דאָרט דעם באָדן, דעקט אָפּ זייַן נאַקעט, ווינטערדיק לייַב; דאָ און דאָרט האָט זי אָנגעטראָגן אַ סך שניי. בלישטשענדיקער שניי. ער שימערירט אין דער פרימאָרגנדיקער טונקלקייט מיט אָן אַ שיעור זילבערנע פונקען. אַ ווייַסע, שטילע וועלט. איך הער בלויז דאָס סקריפּען פון מייַנע פיס, וואָס זינקען אין שניי. כ׳האָב אַמאָל ליב געהאָט, אַנטציקט זיך מיט דער ווינטערדיקער ווייַסקייט, געזען שיינקייט אין דעם ווינטערדיקן פּייַזאַש; דאָ איז דאָס אַ שיינקייט, וואָס טוט שטאַרק ווי, שטעכט אין האַרץ.

— באַבושקאַ, צו וואָס אַזוי פרי? ווער יאָגט אייַך? ווער צווינגט אייַך? די עטלעכע שעה אָפּצואַרבעטן? גאָטס טאָג איז גרויס.

אַזוי האָט מיך הייַנט איבערפרי געפרעגט וואַסילי, דער הויפּט־בוכהאַלטער. ער ווייסט כ׳האָב זיך אַליין פאַרגעלייגט צו אַרבעטן אין קאַנטאָר. גיי זאָג

אים, אַז כ׳האָב דאָס געטאָן צו פילן אַז איך לעב נאָך. ערגער ווי דער טויט איז צו זײַן אַ לעבעדיקער מת. איך נעם צוזאַמען אַלע כוחות נישט צו ווערן פאַרגלי־ווערט, פאַרשטיינערט. הײַנט האַלט איך מיך פעסטער אויף די פיס. מסתמא דערפאַר וואָס כ׳בין געשלאָפן, דערצו אָן קאָשמאַרן, נישט געווען הײַנטיקע נאַכט אין שאול תחתיה נאָר אין דער אַמאָליקער, ליכטיקער שטאָט טשערנאָוויץ. מסתמא דערפאַר וואָס כ׳האָב אויף דער וואָך דורכגעטראַכט מײַנע טאוונגען אין זומער 1908. ס׳האָט זיך אין שלאָף געדרייט אין קאָפּ די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ. נישט די פון מיט איבער דרײַסיק יאָר צוריק. מ׳האָט געדאַרפט אויפווײַזן די איצטיקע הערשער, אַז ייִדן זענען אַ פאָלק און ייִדיש איז זייער שפּראַך. כ׳האָב אין חלום געאַרבעט מעשים. רחמיאל האָט, ווי שטענדיק, מיך אונטערגעהאַלטן. משה ראַפּעס האָט זיך אַרויפגעדראַפּעט אויף אַ טיש, מיט באַנומענע קולות זיך מיר קעגנגעשטעלט: „ניין, ניין, האָט ער געשריִען, ווילסט דרייען דעם ראָד פון דער געשיכטע אויף צוריק". דימאַנשטיין האָט מיר געלאָזן, סקעפּטיש, ווי ער וואָלט אַליין נישט געגלייבט אין די ווערטער, דערמאָנט דאָס, וואָס ס׳האָט אים געזאָגט לענין אין 1919: „ייִדן זענען נישט קיין נאַציע". רחמיאל, ראַפּעס, דימאַנשטיין, וואָס איז פון זיי געוואָרן? קומען זיי איצט אָפּ ווי איך, אָדער האָט זיי דער טויט אויסגעלייזט? ס׳וועט נאָך מסתמא אויסקומען זיי אָפּצוגעבן אין מײַנע בלעטלעך אַ שטיקל אָרט.

פון די אַמאָליקע העלדן פון דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ גופא האָט זיך באַוויזן אינעם אײַנגעשלאָפענעם קאָפּ בלויז י. ל. פּרץ, מסתמא דערפאַר וואָס כ׳האָב לעצטנס צומיינסטן געטראַכט וועגן אים. ס׳קומען מיר אָפּט אויפן זינען זײַנע נביאישע ווערטער, וואָס ער האָט געשריבן נאָך דער דורכגעפאַלענער רעוואָלוציע פון פינפטן יאָר. יעדע פאַרצייכענונג דרייט זיך פריִער אין קאָפּ. ווי בײַ אַ גוסס קומען אויך בײַ מיר אויף אין דמיון אויף דער וואָך, אין שלאָף, געשעענישן, געשטאַלטן פון דער פאַרגאַנגענהייט.

די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ פון מיט 32 יאָר צוריק האָט אַרײַנגעשריבן נישט ווייניק בלעטלעך אין מײַן לעבן. כ׳בין דעמאָלט געקומען פון ווין, וווּ כ׳האָב זיך אויפגעהאַלטן נאָכן פאַרבאָט צו וווינען אין רוסלאַנד. דער „בונד" האָט געשיקט צו דער קאָנפערענץ איין איינציקן דעלעגאַט. „מיר קאָנען זיך פאַרלאָזן אויף אײַך אַליין", האָבן מיר חברים געזאָגט. כ׳האָב געהאַט אַ טאָפּלטע אויפגאַבע: באַטייליקן זיך אַקטיוו אין דער קאָנפערענץ, לענקען זי אין אַ געהעריקער ריכטונג און אָפּשפּיגלען זי אין דער פּרעסע. כ׳האָב געשריבן בעת און נאָך דער קאָנפערענץ לאַנגע מאמרים, פאַרגעוואָרפן איר אַלדאָס בייז. בעת די דעבאַטן, אין די קאָמיסיעס אײַנגעלייגט וועלטן זי זאָל נישט טראָגן

קיין כלל־ישראלדיקן כאַראַקטער, באַדויערט דעם קנאַפּן אָנטייל פון אַרבעטער, פון קולטור־אינסטיטוציעס, פון די פאָלקס־שיכטן, פון דער פאָלקס־אינטעליגענץ, ביי וועמען יידיש איז טאָג־טעגלעך ברויט, נישט סתם די צופעליקייט פון דער קאָנפערענץ. כ׳האָב געקעמפט ווי אַ לייב יידיש זאָל אָנערקענט ווערן נישט ווי אַ יידישע שפּראַך נאָר ווי די יידישע שפּראַך. כ׳האָב מיר אַזוי גענומען אַלץ צום האַרצן, אַז ס׳האָט מיך אויפגעבראַכט אַ נישט־ערנסטע באַציִונג פון דער אוידיטאָריע, ווען מ׳האָט געוואָגט צו שמועסן בעת עמעצער האָט גערעדט אויף דער טריבונע. איך בין געווען מוראדיק ערנסט, די פראַנצויזן וואָלטן געזאָגט ערנסט ווי אַ קאַץ. כ׳האָב פאַרגעלייגט אַ צווייטע, גוט צוגעגרייטע שפּראַך־קאָנפערענץ מיט אַ ברייטן, אָנגעוויזענעם פּראָגראַם.

צי האָט מען זיך צוגעהערט צו מיינע ווערטער? יאָ, צוגעהערט זיך. היינט דוכט מיר, אַז מ׳האָט געקוקט אויף מיר, אָדער זיך צוגעהערט צו מיר, ווי צו אַ קאַפּריזנעם ווונדערקינד. אברהם רייזען האָט מיר עטלעכע מאָל געזאָגט, אַז איך זע אויס, בעת מיינע אַרויסטריטן, ווי אַ מאָדערנע, יידישע נביאה. ער האָט מיך אויך אָנגעהויבן רופן אסתר הנביאה. דער איידעלער, גוטמוטיקער אברהם רייזען האָט ביי יעדער געלעגנהייט, בעת די איבעררייסן, געכאַפּט מיט מיר אַ שמועס, געוואָרן גאָר היימיש מיט מיר.

— אסתר הנביאה, איר זענט דאָך די שרה בת טובים פון דער רוסישער רעוואָלוציע, אויף וויפל פראָנטן וועט איר זיך נאָך שלאָגן?

— וויפל עפּיטעטן וועט איר מיר נאָך צוקלעפּן?

— דערווייל נאָר די צוויי.

און ער האָט האַרציק געלאַכט.

מיט אַלע אַנדערע שרייבער — חוץ מיט נאָמבערגן, צו וועלכן כ׳האָב נישט געהאַט קיין סימפּאַטיע — מיט פּרצן, שלום אַשן, זשיטלאָווסקין, מיזעסן האָב איך מיך אונטערגעהאַלטן. מיט יעדערן באַזונדער. כ׳האָב זיך אָנגעשטויסן, אַז כ׳בין געווען פאַר זיי אַ „פענאָמען". אַ יונגע פרוי אַזאַ קאָזאַק! מיט אַזאַ כוח־הדיבור! מיט אַזאַ אייזערנעם ווילן! זשיטלאָווסקי האָט עס מיר געזאָגט דעליקאַטערהייט. ביי אַנדערע האָב איך עס געפילט אין זייער באַציִונג. בעתן אויסוויילן זעקס קאָמיסיעס פאַר די רעזאָלוציעס, האָט אברהם רייזען אַ זאָג געטאָן צו מיר: „נו, אַז איר זענט אַריין אין די קאָמיסיעס, וועט איר שוין אַלץ דורכפירן". אַנדערע, דאַקעגן, האָבן מיר געגעבן אָנצוהערן, אַז צוליב מיין פאַרעקשנטקייט וועט מען ווייט נישט דערגיין.

פונדעסטוועגן האָבן אַלע, די סאַמע שפּיצן, מיט אַכטונג צוגעבייגט דאָס אויער צו מיינע רייד. מיר איז באַזונדער ליב געווען די באַציִונג פון שלום

אַשן. מיט אים, אַשן, מיטן יונגן טאַלאַנט, האָבן זיך אַלע געצאַצקעט. שוין זײַן געשטאַלט האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט: אַ שײנער, הויכער, יונגער מענטש, מיט אַ שוואַרצן קאָפּ געדיכטע האָר, מיט סאַמעט־שוואַרצע ליכטיק־ברענענדיקע אויגן. אויך ער, אַש, האָט מיר מיט אַ שעלמישן שמייכל געזאָגט: „איר קעמפט פאַר אונדזער בידנעם לשון ווי אַ לייבעכע, ווען אירע קינדער זענען באַדראָט". כ'האָב אים אָפּגעצאָלט מיט אַ קאָמפּלימענט: „און איר, מײַסטער, קעמפט ווי אַ יונגער לייב פאַרן איבערפירן אין ייִדישן לשון די אַלטע, העברעיִשע ליטעראַרישע אוצרות". כ'האָב עס געזאָגט שפּאַסנדיק, אָבער כ'האָב אים שוין דעמאָלט געהאַלטן פאַר אַ מײַסטער פון דער ייִדישער ליטעראַטור, טאָפּלט געווען אַנטציקט מיט אים, סײַ מיט זײַן שײנער געשטאַלט, סײַ מיט זײַן טאַלאַנט. ס'איז מיר אויך געווען צום האַרצן זײַן אײַנשטעלן זיך מ'זאָל איבערזעצן אין ייִדיש די קדמונישע, העברעיִשע ווערק.

מיר זענען אין אַ פּרײַער צײַט געזעסן אין אַ טיי־הויז.

— מ'האָט מיר געזאָגט איר זינגט, רעציטירט זייער שיין.

— לײדער קען איך פון אײַערע ווערק גאָרנישט אויף אויסנווייניק.

— ס'מעג זײַן פון אַנדערע, כ'וויל הערן ווי אַזאַ כוח־הדיבור ווערט ליריש.

כ'האָב געקענט אויף אויסנווייניק אַ סך רוסישע און ייִדישע פּאָעמעס. כ'האָב אויסגעקליבן דוד אײַנהאָרן. כ'האָב אָנגעהויבן שטיל אָבער מיט האַרץ און פאַרגעזעצט:

...עס האָט מיך פאַרכישופט דאָס לאַנד, ווו די זון קוקט
אַרויס דורך אַ נעפּל

דאָס לאַנד ווו עס קומען קיין שטורעמס נאָר ווינטלעך
קײַקלען זיך מיד

דאָס לאַנד וועלכעס בענקט אין טרויער און האָפט אין
איר שטענדיקן צווייפל,

דאָס לאַנד ווו עס האָט זיך געוועבט מײַן פאַרבענקטעס
פאַרחלומטעס ליד.

שלום אַש האָט געקוקט אויף מיר מיט גלאַנציקע, פאַרחלומטע אויגן און געשוויגן. דאָס שווײַגעניש האָט איבערגעריסן דאָקטער בירנבוים. ער איז געזעסן בײַ אַ טישל מיט מיזעסן, בײַ אַ גלעזל טיי, געפונען אַ געלעגנהייט זיך אָפּצורעכענען מיט מיר:

— אפילו די שיינע, יונגע דאַמע, די שטרענגע פירערין פון „בונד", אסתר הנביאה, ווי עס רופט זי רייזען, צעבאַליעוועט אויך שלום אַשן.

ביי אַן אַנדער טישל איז געזעסן אַליין דאָקטער זשיטלאָווסקי. ער האָט זיך אויפגעהויבן, צוגעקומען צו מיר, געדריקט מיר די האַנט מיט אַזעלכע ווערטער:

— אַ שאָד וואָס כ'מוז אַוועקגיין, כ'וואָלט אייך געבעטן נאָך עפּעס רעציטירן, אַנגענעם אייך צו הערן. נו, איר האָלט אַ וואָך אויג, די קאָנפערענץ זאָל נישט אַננעמען קיין קליינבירגערלעכן כאַראַקטער. שיין, זייער שיין.

כ'האָב נישט געוווסט צי ער מיינט עס ערנסט, צי ער שפּאַסט. פאַר יעדן פאַל האָט ער מיר אַרויסגעוויזן פריינדשאַפט.

מיט פּרצן בין איך פון אָנהייב געווען אַ ביסל אויף קידער־ווידער. ס'האָט מיר פאַרדראָסן וואָס דווקא ער, וואָס מייסטערט אויס זיינע ווערק אין יידיש, לייגט פאַר מ'זאָל דאָס יידישע לשון דעפינירן ווי אַ יידישע פאָלקס־שפּראַך. ווען ס'איז מיט אַ מערהייט אָפּגעשטימט געוואָרן, אַז יידיש איז אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך פון יידישן פאָלק און עטלעכע יונגע חברה־ציוניסטן האָבן זיך אויפן זאַל צעוויינט, האָט פּרץ פון דער וייטנס געקוקט אויף זיי מיט מיטלייד, ווי דאָס האַרץ וואָלט אים וויי געטאָן פאַר זיי, ווי ער וואָלט זיי מיט זיינע בליקן געטרייסט. כ'האָב נאָך צו פּרצן געהאַט אַן אַנדערע טענה, פאַר זיינעם אַן אַרטיקל נאָכן דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע. ווי גיך אָבער פּרץ האָט אָנגעהויבן צו רעדן וועגן די אַרבעטער, בין איך אים אַלץ מוחל געווען. ער האָט גערעדט וועגן זיי מיט ליבשאַפט, מיט האַרץ. אים און נישט קיין אַנדערן, אים, פּרצן און רייזענען, האָב איך פאַרבעטן צו באַשיינען אַ גרויסע אַרבעטער־פאַרזאַמלונג.

מיר איז געווען פאַרדריסלעך וואָס די יידישע אַרבעטער פון טשערנאָוויץ זענען נישט צוגעצויגן געוואָרן צו דער קאָנפערענץ. ווען נאָך איז אַזוי נאָענט און טייער יידיש ווי זיי, די יידישע אַרבעטער? כ'האָב זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, אויסגעפאָרשט זייערע דאָרטיקע באַדינגונגען, פאַרגעלייגט צו אָרגאַניזירן אַ גרויסע ליטעראַרישע אונטערנעמונג. פּרץ און רייזען האָבן מיט פרייד אָנגענומען מיין איינלאַדונג. פּרץ האָט ווי אַ קינד מיט פינקלדיקע אויגן געבעטן מ'זאָל אים שענקען אַ מתנהלע. „כ'וויל האָבן עפּעס אַן אָנדענק פון די טשערנאָוויצער יידישע אַרבעטער". מיר האָט דאָס פאַרשאַפן גרויס הנאה. איין קלייניקייט, פּרץ און די אַרבעטער, ער וויל האָבן עפּעס אַן אָנדענק פון זיי. כ'האָב געקויפט אַ ציגאַרעטן־פּושקעלע, נישט קיין זילבערנס, נאָר אַ באַזילבערטס — רייך איז מען נישט געווען — וואָס האָט באַטראָפן בלויז עטלעכע גולדן. כ'האָב עס אַוועקגעטראָגן צו אַ גאָלדשמיד און געלאָזט אויסקריצן: פאַר י. ל. פּרץ, די טשערנאָוויצער יידישע אַרבעטער. פּרץ האָט זיך ווי אַ קינד געפרייט מיט דער מתנה, געוויזן אַלעמען, אַז דאָס האָבן אים געשענקט די יידישע אַרבעטער פון דער שטאָט.

אַ פֿול געפּאַקטער זאַל מיט אַן אַרבעטער־עולם. אַלעמענס אויגן זענען געווענדן צו דער בינע. פּרץ שטעלט זיך אויף, זעט אויס יום־טובדיק, גליקלעך. דער זאַל באַגריסט אים מיט לאַנגע אַפּלאָדיסמענטן. ער לייענט „באַנטשע שוויַיג“, דערנאָך „דאָס שטריַימל“. פֿאַר יעדעס מאָל אַ שטורעם פֿון אַפּלאָדיסמענטן, זיי הערן גאָרנישט אויף, ס'איז אָבער די ריי אויף רייזענען. ער לייענט לידער, צום סוף אַ דערציילונג. וואָסערע? איך דערמאָן מיך נישט. כ'געדענק, אַז פֿון אַרבעטער־לעבן. פּרץ לייענט נאָך אַ דריטע דערציילונג. דער עולם לאָזט אים נישט אַראָפּ פֿון דער בינע. מען רינגלט זיי דערנאָך ביידע אַרום. רייזען איז אַן אונדזעריקער, זעט אויס צווישן די אַרבעטער ווי איינער פֿון זיי. פּרץ, מיט זיַין אַריסטאָקראַטישן אויסזען, פֿילט זיך ווי אַ קינד, וואָס קומט אַ גליקלעכס צו גאַסט. ער שטראַלט פֿון פֿרייד צווישן די אַרבעטער. און איך האָב מיך מיטגעפֿרייט מיט אים. אויף צו מאָרגנס האָב איך אָנגעשריבן אַ באַגייַסטערטן באַריכט פֿאַרן „סאָציאַל־דעמאָקראַט“ אין קראָקע.

אין מיַין זכרון לעבט נאָך היַינט די דעמאָלסטיקע ווונדערלעכע, ייִדישע שטאָט טשערנאָוויץ. אומעטום, ווו דו קערסט זיך און ווענדסט זיך, קלינגט דאָס ייִדישע וואָרט. שטראַלנדיקע זומערטעג, אַ הויכער וויַיס־בלויער הימל אָן איין וואָלקנדל, אַ צעשטראַלטע זון צעשיט אַ שפֿע גאָלד און זילבער. אַזוי פֿיל זון! אַזוי פֿיל זילבער־גאָלדענע פֿונקען! כ'האָב דערנאָך — און נאָך היַינט — באַדויערט וואָס כ'האָב זיך נישט פֿאַרגונען אַ הוליע צו טאָן. נאָך דער קאָנפֿערענץ האָבן די דעלעגאַטן באַזוכט די שטאָט, מ'איז געזעסן אין די טיי־היַיזער, פֿאַרבראַכט צוזאַמען. איך האָב בעת דער קאָנפֿערענץ געטראָגן דעם עול אַלץ זאָל גיין כשורה און אויך נאָך דער קאָנפֿערענץ פֿאַרנומען געווען: אָפּגעשטאַט וויזיטן אין די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, געהאַט טרעפֿונגען, אויסגעפֿרעגט, אויסגעפֿאָרשט די אַרבעטער־באַדינגונגען, געגעבן אָנוויַיזונגען. כ'האָב זיך געהאַט אָפּגערעדט מיט שלום אַשן אַ צווייט מאָל זיך צו טרעפֿן מיט אים אין אַ טיי־הויז. ס'איז אונטערגעקומען אַן אַרבעטער־פֿאַרזאַמלונג. איבער אַלץ און אַלעמען איז געווען די אַרבעטער־זאַך, די הייליקע זאַך פֿון סאָציִאַליזם. כ'האָב איר אָפּגעגעבן מיַין גאַנץ לעבן. און צום סוף פֿון מיַין לעבן בין איך... בין איך אָט דאָ.

*

... אַ ווייטיק, ווי אַן עלעקטרישער שטראָם, איז מיר דורכגעלאָפֿן דורך די פּיס, פֿון די פּיאַטעס ביז אויבן אַרויף. מיַין קערפּער אין די שמאַטעס האָט זיך אַ טריַיסל געטאָן. כ'האָב מיט גרויס מי אויפֿגעריסן די אויגן־דעקלעך, אויפֿגעמאַכט די אויגן. פֿאַר מיר איז געשטאַנען מלאך־המוות. אַזוי רופֿן מיר דעם

יאַנקענדיקן אַלעקסיי. אַלעקסיי איז הויך, דאַר, מיט אײַנגעפאַלענע באַקן, אַרויסגעשטאַרצטע קין־ביינער, אויסגעפוילטע ציין, רויטלעכע אויגן. אין זײַנע הענט איז געוויינלעך פאַראַן אַזאַ דרענגל, וואָס זעט אויס ווי די קאָסע בײַם מלאך־המוות ווי מ׳שטעלט אים פאָר אין מעשיות אָדער אין געמעלן. דעם נאָמען מלאך־המוות האָט ער זיך פאַרדינט צוליב זײַן באַשעפטיקונג. באַשעפטיקונגען האָט ער עטלעכע אין לאַגער, אָבער די וויכטיקסטע איז אַוועקצונעמען פון שפּיטאָל, פון די באַראַקן אַ מת און אים באַהאַלטן אין דער ערד, דערנאָך אויסצוגלייכן די ערד. דערפאַר רופט מען אים אויך אַלעקסיי דער באַגראַבער.

מלאך־המוות איז זיך אַזוי נוהג: מיטן דרענגל הייבט ער אונטער דעם מת, קאָלערט אַראָפּ פון דער נאַרע, אָדער נעמט אַראָפּ פון שפּיטאָל־בעטל און טראָגט אַרויס אויסער דער לאַגער־פאַרצוימונג. אין די גרויסע פרעסט זאַמלט ער צוזאַמען אַ שטויס מתים ביז ס׳ווערט לײַכטער פונאַנדערצוגראָבן די ערד. נישטאָ קיין געפאַר זיי צו לאָזן. דער שטאַרקער פראָסט קאָנסערווירט זיי גוט. פריִער אָבער ווערט יעדער מת באַטראַכט. אַלעקסײ איז אַן עקאָנאָמישער, ער לאָזט גאָרנישט גיין לאיבוד, קיין שום „ווערטפולע" זאַך. דערזעט ער אויפן בר־מינן עפּעס רעכטס, וואָס קאָן נאָך נוצן, שלעפּט ער אַראָפּ. אַ נוצלעכע זאַך קאָן מען אויך אויסטוישן אויף אַ שטיקל ברויט, אויף אַ ביסל זופּ, אויף עטלעכע שטיקלעך צוקער אָדער אויף אַן אַנדער „נאַשערײַ". די אַנדראָנאָווא, וואָס קאָ־מאַנדעוועט מיט אים דעם גאַנצן טאָג, האַלט, אַז ער איז אַ „פרעסער", צוליבן פרעס גנבעט ער אין קיך. ס׳איז נאָר נישט פאַרשטענדלעך פאַרוואָס דער „פרעסער" איז אַזוי אויסגעדאַרט.

מ׳קאָן נישט זאָגן, אַז אַלעקסיי מלאך־המוות איז אַ שלעכטער מענטש. אַפילו דעם ווײַבס געליבטן האָט ער נישט געוואָלט דערהרגענען, ווען ער האָט אים געטראָפן מיטן ווײַב אין בעט. ער האָט אים נאָר געגעבן אַ צו שטאַרקן זעץ מיטן האַלץ אין קאָפּ אים אָנצולערנען. צוליב דעם וואָס יענער האָט נישט אויסגעהאַלטן, געבליבן אַ טויטער אויפן אָרט, געפינט ער זיך דאָ. זײַן אַרבעט טוט ער פּינקטלעך, געטרײַ. אײַ ער האָט הײַנט מיר אָנגעטאָן יסורים, געוואָלט מיך אַראָפּציִען פון דער נאַרע ווי אַנדערע מתים, איז דאָס נישט פון שלעכטקייט.

צוויי אײַנוווינערינס פון מײַן באַראַק האָבן בײַ נאַכט אויסגעהויכט די נשמה. די עלטערע, די 58־יאָריקע סאָניאַ, איז אויסגעגאַנגען אין דער שטיל, אָן ליאַרעם, אָן טומל, אפשר גאָר אײַנגעשלאָפן און מער זיך נישט אויפגעוועקט. מסתמא אין שלאָף זיך אָפּגעשטעלט דאָס דערשעפטע האַרץ אין פאַרפײַניקטן גוף. איר שכנטע האָט זי אינדערפרי געפונען אַ פאַרשטײַפטע, קאַלטע שוין. די יינגערע, די 40־יאָריקע ליאָניטשקע, האָט די גאַנצע נאַכט געכאָרכלט, געקריצט מיט די

ציין, פון מאָל צו מאָל אַרויסגעלאָזט אַ גרילצנדיקן שלוכץ. ס׳איז איר, אַ סברה, נישט לייכט אָנגעקומען צו שטאַרבן, פונקט ווי ס׳איז איר נישט לייכט געווען דאָ צו לעבן. העלפן האָט מען איר נישט געקאָנט און שלאָפן האָט מען אויך נישט געקאָנט. אפשר זענען אַנדערע טראָץ אַלעם געשלאָפן, איך אין גאַנצן נישט. בין איך באַכן גלאָק, ווען אַלע זענען אַוועק צו דער אַרבעט, איינגע־שלאָפן מיט אַ האַרטן שלאָף. וואָס האָב איך מיך געהאַט צו איילן אויפצושטיין? אין קאַנטאָר איז אויף היינט סייווי נישטאָ פאַר מיר קיין שטאָך אַרבעט. וואַסילי טוט מיר אַ טובה וואָס ער גיט מיר אויף אַ דריי שעה עפּעס ביי וואָס די הענט צו פאַרטשעפּען. וואָס ווייסט אַלעקסיי מלאך־המוות צי עמעצער איז געשטאָרבן צי ער שלאָפט? מ׳האָט אים געזאָגט מ׳דאַרף אַוועקנעמען פון באַראַק 13 צוויי מתים, האָט מען געקאָנט זיך טועה זיין און ס׳זאָל זיין דריי. ער האָט געטראָפן דריי אויף די נאַרעס. איך האָב געזאָלט זיין דער דריטער מת. איז ווי ער האָט גענומען מיטן דרענגל שלעפּן פאַר די קראַנקע, געשוואָלענע פיס, האָט אַ שאַרפער ווייטיק זיך צעגאָסן אין מיר. כ׳האָב זיך ראַפּטעם אויפגעכאַפּט. אַלעקסיי האָט זיך אין פלוג שטאַרק דערשראָקן, ווייל ער איז אַ פרומער פּראַוואָסלאַוונער, אין תחית־המתים גלייבט ער מסתמא, אַ סימן ער האָט זיך איבערגעצלמט. פונדעסטוועגן האָט ער זיך באַלד געכאַפּט, אַז ס׳איז אַ טעות, אויסגעשפּיגן, אַרויסגעוואָרפן פון זיך אַ קללה, געהאָלפן מיר אַראָפּקריכן פון דער נאַרע און פאַרזיכערט, אַז ער איז נישט שולדיק. אַז מען ליגט אויף דער נאַרע ווי אַ טויטער, שלעפּט ער אַראָפּ. ער האָט נישט געמיינט מיר צו טאָן שלעכטס. כ׳האָב אים געגלייבט. אָט גיט ער מיר צומאָל אָפּ מיין שטיקל פּאַיאָק, וואָס ער האָט שוין געהאַט אַוועקגענומען פאַר זיך. ווען נישט אַלעקסיי מלאך־המוות וואָלט איך אפשר היינט נישט אויסגעפירט מיין אויפגאַבע. ווער ווייסט ווי לאַנג איך וואָלט געשלאָפן.

קאָן איך מיך איצט אומקערן צו מיין געזעגענעם אויפהאַלט אין אויס־לאַנד. זינט דעם אורטייל אין יולי 1908, בין איך געוואָרן אומלעגאַל אין רוסלאַנד, אָן אַרויסגעשיקטע פון לאַנד, אָנשטאָט אויף פאַרשיקונג. צי האָב איך באַדויערט? ניין, פאַרקערט. די פּאַרטיי האָט צו יענער צייט זיך שטאַרק גענייטיקט אין אָנפירנדיקע מענטשן אין אויסלאַנד. אין ווין בין איך גלייך צוגעטיילט געוואָרן מיטצואַרבעטן אין „אונדזער צייט״, אין אַנדערע אויסגאַבעס. ווין איז צו יענער צייט געווען אַ צענטער פון רעוואָלוציאָנערע אימיגראַנטן, הויפּטזאַכלעך פון רוסישע רעוואָלוציאָנערן, אַנטלאָפענע פאַר תפיסה און פאַרשיקונג. דאָ האָט מען געגרייט רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור און דורך געהיימע וועגן געשיקט אין דער צאַרישער אימפּעריע. פון ווין איז די פאַרבינדונג געווען אַ לייכטערע ווי

פון ערגעץ אַנדערש. דאָ האָבן געלעבט אַ טייל חברים פון אויסלענדישן קאָ־מיטעט פון „בונד״.

נאָך דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ, אומקערנדיק זיך קיין ווין, האָב איך מיך אַרײַנגעוואָרפן אין פובליציסטישע אַרבעטן, צוזאַמענגעאַרבעט דאָ אַ צײַט מיט אַבראַמאָוויטשן. איך און רפאל אַבראַמאָוויטש זענען געווען צוויי באַזונדערע וועלטן, געהאַט אויך באַזונדערע שטאַנדפּונקטן, כאָטש מיר זענען געווען אין איין פּאַרטיי. ער אַ פשרותדיקער, איך אַ פּאַרעקשנטע, אָפטמאָל אָן קאָמפּראָמיסן. זײַן גאַנצער אויסזען איז געווען פון אַ באַזאַכטן מענטש: אַ ביסל אַ לעגגלעך פּנים, גוטמוטיקע, קלוגע אויגן הינטערברילן, אַ רונדיק עלעגאַנט בערדל, צוגע־שוירענע וואָנסעס. אין 1905 האָט ער מיך צוגעצויגן צו די ליטעראַרישע אַרבעטן פון דער פּאַרטיי. מיר האָבן אַ סך זאַכן רעדאַגירט צוזאַמען. מיר זענען געוואָרן פרײַנד. ער פלעגט מיר שטענדיק זאָגן, אַז כ׳האָב אַ מאַנסבילשן קאָפּ. צו חברשע ליאַמעס פלעגן מיר צוזאַמען צונויפשטעלן לידלעך און זיי זינגען אויף באַקאַנטע מעלאָדיעס. אַבראַמאָוויטש פלעגט מיך אַרויסרופן ווי די סאָלאָ־זינגערין. כ׳פלעג נישט אָפּזאָגן, כ׳האָב מסתמא געדירשנט די שטימע פון מײַן טאַטן. כ׳פלעג אויך אָנפירן מיט דער צעזונגענער חברה אויף די ליאַמעס. אַבראַמאָוויטש האָט געשעפּט נחת פון מיר. צי ווייסט ער, צי וועט ער זיך אַמאָל דערוויסן וואָס ס׳איז געשען מיט מיר?

אויך אין ווין האָב איך געהאַט פולע הענט אַרבעט. עסטרײַך איז דעמאָלט געווען דאָס אָרט, וווּ ס׳האָבן זיך געקרייציקט די נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען. אויך טעאָרעטישע באַגרינדונגען פון די פּראָבלעמען זענען דאָ געבוירן געוואָרן. כ׳האָב מיך גענומען שטודירן די דאָזיקע ענינים. און אַז איך האָב מיך גענומען צו עפּעס בין איך נישט אָפּגעטראָטן ביז כ׳האָב מיך גוט אײַנגעביסן אין דער זאַך. כ׳בין במשך לאַנגע חדשים געווען אַרײַנגעטאָן אין די פּאַרוויקלטע נאַציאָנאַלע ענינים און גלײַך אויפן אָרט געשריבן דערוועגן לאַנגע מאמרים אין שייכות מיט אונדזער אייגענער נאַציאָנאַלער פּראַגע. מ׳האָט מיר נישט איין מאָל פאַר־געוואָרפן אַ „נויג אויף רעכטס״, פונקט ווי מ׳האָט מיר געהאַט פאַרגעוואָרפן מײַן „קער צו רעליגיע״, ווען כ׳האָב געהאַט געשריבן, אַז די אַטמאָספער פון שבת, דער רייץ פון דער מאַמעס ליכט־בענטשן פרײַטיק צונאַכטס, חנוכה, פורים ווירקן זיך אויס דערציִעריש, פאַרוואָרפן אין קינדס נשמה נאַציאָנאַלע זוימען, שאַפן פון קינדווײַז אָן אַ צוגעבונדנקייט צום אייגענעם פאָלק.

צי האָבן מיר געפעלט באַשעפטיקונגען אין ווין? צי בין איך דאָרט נייטיק געווען? יאָ. אויך פאַר מײַן געזונט איז בעסער געווען צו זיצן אין רויִקן ווין. אין געגנעוע האָט זיך אָבער געפונען דער אויסלענדישער צענטער פון

„בונד", מ׳האָט זיך דאָרט מער געגייטיקט אין מיר. כ׳האָב זיך נישט געוואָקלט אויף קיין איין מינוט. אויב די באַוועגונג נייטיקט זיך אין מיר מער דאָרט, דאַרף איך אַלץ פאַרלאָזן און זיך לאָזן אַהין. אין יענע שווערע צייַטן פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג האָט מען געדאַרפט אַ סך ענינים אויפסנייַ דורכטראַכטן, איבערשטעלן זיך אויף אַנדערע רעלסן. כ׳האָב דאָך ווידער פאַראייניקט מייַנע פאַרטייִשע אויפגאָבן מיט שטודירן. אין די 9 חדשים אין גענעווע בין איך צוריק געוואָרן אַ סטודענטין, גענומען זיך צו סאָציִאַלער פּעדאַגאָגיק. פּעדאַגאָגיק איז געווען פאַר מיר אַ וועג צו דערגרייכן אַ ברייטע פאָלקס־בילדונג, און פאָלקס־בילדונג האָט געזאָלט זייַן אַ מיטל צו דערגרייכן אַ בעסער לעבן פאַרן פאָלק, ווי כ׳האָב עס געהאַט געשריבן.

*

...אויף דעם־אָ אָרט געווען דריי בלעטלעך, זעקס פאַרשריבענע זייַטלעך מיט אויסגעבלאַסטער, אָפּגעריבענער שריפט. נישט לייענבאַר. בלויז פון איינצעלנע לייענבאַרע ווערטער קאָן מען זיך אָנשטויסן, אַז עס גייט וועגן אַ לאַגער־געשעעניש, וועגן די עינויים, וואָס די לאַגערניקעס שטייען אויס.

דער סטאָליפין־רעזשים אין רוסלאַנד, די קלעפּ וואָס די אַרבעטער־באַוועגונג האָט באַקומען נאָכן דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע, האָבן פונאַנדערגעטרייסלט די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, צעריסן די פעדים, די פאַרבינדונגען. איבערגעגעבענע מענטשן האָבן זיך פונאַנדערגעשאָטן, איינע זענען אַוועק קיין אויסלאַנד, אַנדערע געמוזט אין לאַנד טוישן די ערטער. די אינטעליגענץ, די מיטגעריסענע מיט דער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע, האָבן זיך אָפּגעקערט, געוואָרן מיסטיש, פּעסימיסטיש. אומעטום יאוש און אָפּהענטיקייט. אַזוי צווישן ייִדן, אַזוי צווישן נישט־ייִדן. מ׳האָט געדאַרפט אייַנפלאַנצן אין מענטשלעכע מוחות, אַז אַ פאַרשפּילטע שלאַכט הייסט נישט אַלץ פאַרשפּילט. מ׳האָט געדאַרפט וועקן מוט, אַרייַנטרעפן מיט אונדזער וואָרט אין פאַראומערטע שטובן, טרעפן אויפסנייַ צו מענטשלעכע הערצער. מ׳האָט געדאַרפט עמעצער זאָל צוריקפאָרן אין לאַנד. כ׳האָב ווידער נישט אָפּגעזאָגט. בפרט, אַז צו די אַלגעמיינע פליכטן איז צוגעקומען די בענקשאַפט צו מייַן קינד.

ס׳איז האַרבסט 1909. אָנגעטאָן אַנדערש ווי געוויינלעך מ׳זאָל מיך נישט דערקענען, מיט אַ פאַלשן פּאַספּאָרט אין בייַטל, בין איך אָנגעקומען קיין רוסלאַנד. אין אַ פינצטערן, האַרבסטיקן אָוונט, דאָס פּנים פאַרשטעלט מיט אַ וואָלקע אונטער אַ ברייטן הוט האָב איך, אָן אָנצוקלאַפּן אין טיר, אַריבערגעשפּאַנט די שוועל פון מייַנע עלטערנס הויז. די מאַמע האָט מיך נישט דערקענט.

— וואָס פאַרלאַנגט די דאַמע?
— מאַמע... דאָס... בין איך...

זי איז געשטאַנען אַ צעטומלטע. ערשט ווען כ'האָב אַראָפּגענומען דעם הוט מיט דער וואַלקע האָט זי זיך צעוויינט און געפאַלן מיר אויפן האַלדז. זי האָט געוויינט פון פרייד מיך צו זען און פון צער צוליב מײַן אויסזען. כ'בין געווען אָפּגעמאָגערט, דאָס פּנים אויסגעבלאָסט, מיד פון דער אומלעגאַלער נסיעה.

— וואָס איז פון דיר געוואָרן? וואָס איז פון דיר געוואָרן? האָסט געשריבן ביסט געזונט און זעסט אויס מסוכּן קראַנק!

— מאַמע, רויִק, כ'בעט דיך, מ'טאָר נישט וויסן וועגן מײַן קומען. וועגנט האָבן אויערן.

— ביסט געקומען אַ קראַנקע, דאַרפסט זיך היילן.

— כ'בין נישט קראַנק. קראַנק איז רוסלאַנד, מסוכּן קראַנק, אויף אַ ראַק, וואָס מ'דאַרף אויסשנײַדן.

— און דו ווילסט זײַן דער כירורג? דו, מיט דײַנע שוואַכע כּוחות? מיט...?

— מאַמע טײַערע, רויִק; ווו איז פריידעלע?

— דאָס קינד איז שוין אין בעט, וואַרט צו, זי קאָן זיך איבערשרעקן, זי האָט זיך דאָך נישט געריכט די מאַמע זאָל קומען. כ'האָב איר געזאָגט, אַז מיר וועלן פאָרן צו דיר. צי וועט זי דיך כאָטש דערקענען?

זי האָט מיך נישט דערקענט. געכאַפּט אַ קוק אויף מיר מיט ברייט צעעפנטע אויגן און אָפּגעקערט דעם קאָפּ, זיך געקלאַמערט מיט די הענטלעך אין דער באָבען.

— פריידעלע, דאָס בין איך, דײַן מאַמע.

— די מאַמע? פאַרוואָס קומט זי קיינמאָל נישט?

כ'האָב זי קוים אײַנגענומען, קוים געמאַכט גלייבן, אַז דאָס בין איך, איר מאַמע. אויף צומאָרגנס איז זי נישט אָפּגעטראָטן פון מיר, ווידער אַמאָל און אָבער אַמאָל געפרעגט צי כ'וועל שוין מער נישט אַוועקפאָרן. כ'האָב געמוזט צוזאָגן ביז שפּעט אָוונט זי זאָל אײַנשלאָפן, כ'זאָל קאָנען פאַרלאָזן מײַנע עלטערנס הויז. וואָס טוט מען אָבער דאָס קינד זאָל נישט דערציילן פאַר שכנים, פאַר קינדער, אַז די מאַמע איז געקומען? מײַן פאָטער, דער מעשה־שרייבער, האָט זיך אונטערגענומען צו דערציילן פריידעלען אַזאַ מעשהלע זי זאָל פאַרשטיין, אַז קיינער טאָר נישט וויסן וועגן דער מאַמען, זי איז געקומען זי זען און געמוזט צוריק אַוועק.

אַ טריבער, רעגנדיקער אָוונט. כ'האָב אַרויפגעצויגן אויף זיך דעם לאַנגן, פריצישן מאַנטל, דעם הוט מיט דער וואַלקע, וואָס האָבן מיך געמאַכט מיט

צען יאָר עלטער און זיך געלאָזט צו דער צווייטער זײַט שטאָט, אין דער צוגע־גרייטער, אומלעגאַלער וווינונג.

— וועסט אַליין נישט גיין, כ׳וועל דיך אָפּפירן.

— ניין, טאַטע, מ׳דאַרף נישט. מ׳טאָר נישט.

כ׳האָב אויך נישט באַשטאַנען מ׳זאָל צום הויז אַרויסרופן אַ בריטשקע. ערשט ווען כ׳בין אונטערן רעגן אָפּגעגאַנגען אַ היפּש שטיקל וועג, האָב איך אָנגעהויבן זוכן אַ דאָראָזשקע און אָנגעטראָפן אויף אַ באַרעדעוודיקן איזוואָשטשיק.

— אַ וועטער, אַ הונט נישט אַרויסצויאָגן. די גנעדיקע דאַמע קומט זיכער פון ווײַט, דער רעגן האָט זי נישט געשוינט. אויף אַזאַ וועטער וועט די גנעדיקע דאַמע עפּעס דערלייגן, דאָס פערד איז אויך אַ גאָטס באַשעפעניש. מ׳וועט דאַרפן אים געבן אַ גרעסער מעסטל האָבער.

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַן אונטערערדיש לעבן. ס׳איז נישט איין מאָל אויס־געקומען זיך איבערצוטראָגן אין אַן אַנדער וווינונג, צו וואַנדערן איבער שטעט און שטעטלעך. מ׳האָט געדאַרפט אָנבינדן קאָנטאַקטן מיט פונאַנדערגעוואָרפענע חברים, אויפשטעלן געהיימע גרופן, רעדאַגירן פאַרשידנאַרטיקע ליטעראַטור, וואָס איז צעפירט געוואָרן איבער דער שטאָט, איבערן לאַנד און געוועקט נישט אַרײַנצופאַלן אין יאוש, גערופן זיך קעגנצושטעלן דער פאַרשאָלטענער „סאַמאָ־דערזשאַוויע״. מיר זענען נישט געווען פיל בײַ דער אָנפירערשאַפט. ס׳איז מיר נישט איין מאָל אויסגעקומען צו זיצן איבער אַ מאַנוסקריפּט ביז פאַרטאָג, ווײַל אינדערפרי האָט ער געדאַרפט אַוועק אין דער געהיימער דרוקערײַ.

אין יענער פינצטערער צײַט, אין אומלעגאַליטעט, האָב איך מיך ווידער אומגעקערט צו די פראָבלעמען פון ייִדישער דערציִונג. ייִדישע אַרבעטער האָבן ס׳רוב נישט פאַרמאָגט די עלעמענטאַרסטע בילדונג. דאָס אַרבעטער־קינד האָט נישט געהאַט דאָס גליק צו גיין אין אַ שול. אויב ס׳איז געשען אַ נס און דאָס אַרבעטער־קינד איז אָנגעקומען אין דער פרעמדער שול, האָט גענומען אַ סך צײַט ביז ס׳האָט זיך אײַנגעביסן אין דער פרעמדער שפּראַך. אין יענעם יאָר פון מיזאַמער אַרבעט, האָב איך באַגערט איין מאָל פאַר אַלע מאָל אַוועקצושטעלן פאַר דער ייִדישער עפנטלעכקייט אין דער פולער מאָס דעם ענין פון ייִדישן שולוועזן. ס׳איז מיר געגאַנגען אַז די אַרבעטער־באַוועגונג זאָל קעמפן פאַר אַ פאָלקסשול אין דער מוטער־שפּראַך. פאַרן ייִדישן קינד — אין דער ייִדישער שפּראַך. כ׳האָב דעמאָלט אָנגעשריבן דאָס ביכל „צו דער פראַגע וועגן דער ייִדישער פאָלקסשול״. ווי אַ פעדאַגאָג און סאָציאַליסט האָב איך מיר נישט געקאָנט פאָרשטעלן קיין דערציִונג, וואָס זאָל זײַן אויסגעטאָן פון אַ נאַציאָנאַלן לבוש, אויסגעהוילן פון ייִדיש־נאַציאָנאַלן אינהאַלט.

איך פרעג מיך הײַנט, כ׳האָב מיך שוין דאָס געפרעגט הונדערטער מאָל, ווי אַזוי האָט געקאָנט געשען וואָס די אַלע זאַכן זענען אויסגעוואָפּט געוואָרן, וואָס כ׳בין שפּעטער פאַרקראָכן אויף פרעמדע, געדרייטע וועגן? דעמאָלט איז דאָס געוועזן אַ טייל פון מיר גופא. מיט מײַן גאַנץ וועזן בין איך געוועזן אַרײַנגעטאָן אין דעם אַלעמען.

אין די שלאָפלאָזע נעכט אין די תפיסות, אין די לאַנגע, שטומע טעג, ווען כ׳האָב צענדליקער און צענדליקער מאָל דורכגעקוקט מײַן לעבן, מײַנע טואונגען, האָב איך מיך געגעבן דערמאָנט און פאַרצייכנט אין זכרון ווי כ׳האָב אין דערמאָנטן ביכל געשריבן, אַז דער קאַמף פאַר יידישער דערציִונג, פאַר אַ פאָלקסשול אין דער יידישער שפּראַך איז אַ טייל פון קאַמף קעגן דער זעלבסט־הערשאַפט, קעגן אונטערדריקונג. כ׳האָב אַרויסגעשטעלט דאָס יידישע לשון ווי אַ מיטל צו דערוועקן בילדונג דורכן אַרבעטער, אויך ווי די בעסטע דאַמבע קעגן אַסימילאַציע. כ׳האָב אָנגעוויזן ווי אין דער אייגענער שפּראַך ליגט דער פאָלקס־אינהאַלט. שפּראַך און פאָלק איז איינס. כ׳האָב דעמאָלט אָפּגעשלאָגן אַלע אָנגריפן אויף אונדזער לשון. כ׳האָב אין דעם ביכל אַרײַנגעלייגט מײַן גאַנץ האַרץ, מײַן נשמה, באַגערט ס׳זאָל וואָס גיכער דערשײַנען, דווקא ווײַל ס׳איז געוועזן אַ נידערלאַגע. דערשינען אָבער איז די אויסגאַבע כמעט אַ יאָר שפּעטער, זומער 1910, אין ווילנע, ווהין מ׳האָט מיט גרויסע מאַטערנישן איבערגעפירט דעם מאַנוסקריפּט. די הקדמה געשריבן פאַרן דערשיינען פון בוך.

ס׳האָט זיך אונטערגערוקט די וואַל־קאַמפּאַניע צו דער פערטער דומע. ס׳האָט זיך געפאָדערט אַרויסצולאָזן מער אומלעגאַלע ליטעראַטור, אויפשטעלן אַ צײַטונג. מינסק איז נישט פאַסיק געווען דערצו. כ׳האָב נישט געטאָרט קיין סך זיך באַוועגן. זוכנדיק אַ נײַעם מקום־מקלט זענען מיר געפאַלן אויף אָדעס. כ׳האָב זיך דעמאָלט צום ערשטן מאָל אין מינסק געדאַרפט באַגעגענען מיט אײַזענשטאַטן, אָדער — ווי מיר האָבן אים דעמאָלט גערופן — מיט יודינען. ער איז שפּעטער אַ שטיקל צײַט געוועזן מײַן מאַן. אַ זוניקער, סוף־זומערדיקער טאָג. דער וועג צום היגטערשטאָטישן וואַלד אין קאָמאַראָווקע איז אַ רויִקער. דער וואַלד שמייכלט מיר אַנטקעגן מיט זײַן גרינקייט און פרישקייט. ווי שיין איז ער, דער וואַלד! און ווי זעלטן, זעלטן קאָן איך מיך קוויקן מיט זײַן שיינקייט. און אָט קומט אָן אַ מאַן. איך דערקען גלײַך יודינען, אָבער ער דערקענט מיך נישט. ער נעמט באַלד אַראָפּ פון מײַן קאָפּ דעם ברייטן, זומערדיקן הוט, קוקט אַ ווײַלע אויף מיר מיט ליבשאַפט, שרײַט אויס:

— ווי דו האָסט זיך געענדערט! זעסט אויס ווי אַלע רוסלאַנדס אומגליקן וואָלטן דיר פּערזענלעך געטראָפן. רוסלאַנדס צער איז אויסגעשפּרייט אויף דײַן

פּנים. ניין, אַזוי טאָר מען נישט אויסזען. מיט אַזאַ אויסזען ווערט מען פֿאַר־דעכטיק. מיר דאַרפֿן האָבן אַ געמיטלעך, זאָרגלאָז פּנים, אַ נישט־בונטאַרישן אויסזען. פֿאַרגעס נישט, אַז די גאַס איז אומעטום פֿול מיט געהיים־אַגענטן.

— כ׳וויס, כ׳פֿאַרגעס נישט. אָבער מײַן איצטיק פּנים איז מיר שווער צו ענדערן. דעריבער טראָג איך אַ ברייטן הוט, וואָס פֿאַרשטעלט מײַן געזיכט.

— פֿאַרוואָס זעסטו אויס אַזוי צעקלעמט? אַזוי אָפּגעצערט?

— דאָס נישט קאָנען זיך פֿרײַ באַוועגן דריקט. איך קאָן נישט זען מײַן קינד; זײַן באָענט און נישט קאָנען זען מײַן פֿריידעלע, איז ערגער ווי זײַן ווײַט פֿון איר, נאָר וואָס פֿאַר אַ באַדײַטונג האָט עס? לאָמיר דערוועגן נישט רעדן. מיר טרעפֿן זיך דאָך עפּעס צו באַשליסן.

מיר האָבן באַשלאָסן. האַרבסט 1912 בין איך שוין אין אָדעס. פֿאַרן לאָזן זיך אַהין בין איך לאַנג געשטאַנען פֿאַרן שפּיגל, באַטראַכט זיך צי ס׳איז נישטאָ אין מיר קיין ענלעכקייט צו דער פֿריִערדיקער אסתּר. פֿריִער האָב איך מיך געקליידט פֿאַרביק, כ׳האָב ליב געהאַט העלע קאָלירן. זינט איך לעב אין אומלעגאַליטעט בין איך אָנגעטאָן אין טונקעלע קאָלירן, ס׳מאַכט מיך אַ סך עלטער. די וואָלקע האָב איך געלאָזט אָפּרוען. כ׳טראָג ברייטע ברילן מיט אַ זײַדן שוואַרץ בענדעלע, אויפֿן האַלדז אַ סאַמעט טאַשמעלע. כ׳זע אויס ווי אַן אַלטע, עכט־פּריצישע גוווערנאַנטקע. ניין, נישט לײַכט מיך צו דערקענען, אַפֿילו אַ געביפּטן געהיים־אַגענט, אַפֿילו ווען ער האָט מיך פֿריִער געהאַלטן אויפֿן אויג.

מיר זענען געווען זאַלבע דריט: יודין, ראַפּעס און איך. זאַלבע דריט האָבן מיר אין אָדעס אויפֿגעשטעלט אַ ייִדישע צײַטונג און אַ רוסישע. די רוסישע האָבן מיר איבערגענומען פֿון אַ סאָציִאַל־דעמאָקראַטישער גרופּע. נאָך אַרעסטן האָבן אייניקע פֿאַרבליבענע רוסישע חברים ווײַטער נישט געקאָנט אָנגיין מיט איר. מיט דער ייִדישער צײַטונג איז געווען נאָך שווערער, געדאַרפֿט אַלץ אָנהייבן פֿון אָנהייב, דערפֿאַר לײַכטער געווען מיט דעם פֿאַרשפּרייט. אָדעס איז צו יענער צײַט געווען אַ לעבהאַפֿטע ייִדישע שטאָט — אויך אַ שטאָט מיט געמישטע פֿעלקערשאַפֿטן, לויט דער נײַער טערמינאָלאָגיע: אַ קאָסמאָפּאָליטישע שטאָט פֿון אַ צענדליק פֿעלקערשאַפֿטן. אונדזער אונטערערדישער, פֿאַר־קאָנספּירירטער אַפּאַראַט האָט גוט געקלאַפּט. די צײַטונגען זענען פֿאַרשפּרייט געוואָרן אין דער שטאָט און איבערן גאַנצן לאַנד. ס׳האָט אָבער נישט לאַנג אָנגעהאַלטן. מ׳האָט אונדז אין גיכן אַלע דרײַ אַרעסטירט. צופֿעליק. נישט אונדז האָט מען געמיינט. די פּאָליציי האָט געזוכט די רעדאַקטאָרן פֿון דער רוסישער צײַטונג און בײַ דער געלעגנהייט אַנטדעקט אונדזער רעדאַקציע.

די צאַרישע אָכראַנע האָט געהאַט אַ שווער שטיקל אַרבעט מיט מיר. זי האָט

געהאַט מײַנע פאָטאָגראַפּיעס, אָבער כ׳בין װײניק װאָס ענלעך געװען צו זײ. לױט מײַן פּאַספּאָרט בין איך געװען אַן אַנדערע. זאָל איך אַרױסהעלפן דער אָכראַנע? אָ, ניין! זאָל זי זיך ברעכן דעם קאָפּ. פיר חדשים האָט געדױערט די אױספאָרשונג. נאָך 4 חדשים האָט מען מיך פאַרמשפּעט צו פאַרשיקונג אין אַרכאַנגעלסקער גובערניע, אַ שװוערער אורטײל, פאַר יענער צײַט... הײַנט זעט מיר אױס יענע פאַרשיקונג אַ קינדער־שפּיל אַנטקעגן דער איצטיקער. נישקשה, דער צאַריזם האָט נישט געזינדיקט מיט הומאַניטאַריזם, ער איז געװען גענוג ברוטאַל, רישעותדיק. דאָך, דאָך איז דאָס אין פאַרגלײַך מיט הײַנטיקער רישעות אַ שפּיל. תלמידים שטײַגן אָפּטמאָל איבער דעם רבין. די הײַנטיקע הערשער האָבן געלערנט פון די פריִערדיקע, אָבער פּערפעקציאָנירט די פריִערדיקע מעטאָדן, ראַפינירט די רישעות. און דאָס גרױזאַמסטע — מ׳טוט דאָס אָפּ אין נאָמען פון אַ שײנער אידייע...

װאָס האָט זיך פון דער דעמאָלסטיקער פאַרשיקונג צוממײנסטן אײַנגעקריצט אין זכרון?

די באַמיִונגען פון מײַנע גוטע עלטערן און מײַנע בײדע שװעסטער. זײ האָבן אױפגערודערט נאַטשאַלסטװאָ אומעטום, דערבײַ מיר געשיקט אַזױ פיל פּאַקעטן שפּײַז, אַז כ׳האָב כמעט נישט געמוזט אָנקומען צו דער אָפיציעלער, מיזערנער באַשפּײַזונג. אמת, כ׳בין דעמאָלט געװען אָפּגעשװאַכט, אױסגעמאַטערט פון אומלעגאַלן לעבן, פון מיפּולער אַרבעט. ס׳האָט זיך װידער אָפּגערופן אױף מײַנע לונגען, אָפּט געהאַט פיבער. נעמט זיך הײַנט נאַטשאַלסטװאָ איבער מיט אַזעלכע זאַכן? שיקט מען נישט אין אַ סך ערגערן צושטאַנד מענטשן אַרבעטן אין די גרובן, בײַ בױ־אַרבעט, בײַם צונױפנעמען דעם שנײ אונטער אַ ברענענדיקן פראָסט? דעמאָלט איז מײַן שװעסטער גיטע, אַלײן אַ דאָקטער מעדיצין, געװען פאַרבונדן מיטן אָרטיקן אַרצט, געשיקט אומעטום, װו מ׳האָט געדאַרפט מעדיצינישע אַטעסטאַטן װעגן מײַן עװענטועלן טובערקולאָז, אומאױפהערלעך געקלאַפּט אין אַלע טירן; זי האָט נישט מורא געהאַט צו קלאַפּן אין טירן; ס׳האָט איר גאָרנישט געדראָט דערפאַר. און ס׳האָט געהאָלפן. נאָך אַנדערהאַלבן יאָר האָט מען מיך באַפרײַט. מיטן פריִערדיקן באַדינג: גלײַך פאַרלאָזן רוסלאַנד! כ׳האָב זיך צוריקגעקערט קײן װין. גלײַך װידער זיך אַרײַנגעװאָרפן אין דער אַרבעט. אין דער אַרבעט פאַר דער הײליקער זאַך, דער זאַך פון מענטשן־דערלײזונג.

די צאַרישע אָכראַנע האָט צו מיר קײן צוטרױ נישט געהאַט. אמת, כ׳האָב אונטערגעשריבן די פאַראָרדענונג צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד, אָן רעכט זיך אומצוקערן אָן אַ נײַער פאַראָרדענונג. נאָר שפּילט זיך מיט אַזאַ פױגל װי איך.

אַנהייב מלחמה זאָל מען מיך האָבן ערגעץ געזען. ווי כ׳האָב זיך געהאַט שפּעטער דערוווּסט פון דאָקומענטן אין פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט האָט די אָכראַנע פון דער געגנט פאַראָרדנט מיך אָפּצוזוכן און אַרעסטירן. ס׳איז אויך פאָנאַנדערגעשיקט געוואָרן אַ געדרוקטער צירקולאַר מיט סימנים פון מײַן אויסזען: „אַ הויכע, שלאַנקע, שוואַרצע האָר, שוואַרצע אויגן, געקליידט עלעגאַנט, לויט דער לעצטער מאָדע". אין מײַן געענדערטער קליידונג האָט מען פאַרגעסן, אָדער זי נישט אויפגעכאַפּט.

נאָך לאַנגע זוכענישן האָט זיך די פּאָליציי געריבן די הענט: זי האָט „מיך" אַרעסטירט און געבראַכט אין פּאָליציי־צערקל. איי די יונגע דאַמע הייסט אַנדערש אין איר פּאַספּאָרט, איז דאָך באַקאַנט מײַן פיגורירן אונטער אַ פאַלשן נאָמען! די אַרעסטירטע האָט פּראָטעסטירט, די פּאָליציי האָט געפירט שיינע עטלעכע טעג אַן אויספאָרשונג, ביז ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן דער טעות: זי האָט אַרעסטירט אַ צוגערייזטע, כשרע, פּריצישע טאָכטער. די פּאָליציי האָט אָבער נישט אויפגעגעבן דאָס זוכן מיך. מ׳האָט מיך נישט געקאָנט געפינען פּשוט דערפאַר, ווײַל כ׳בין גראָד דעמאָלט געווען אין נײַע שליחותן אין געגנטן. מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, ווען די מלחמה האָט געפלאַקערט, האָב איך אײַנגעשטעלט, געמאַכט אַ ווענדונג מיר צו דערלויבן קומען זען מײַן קינד. און ס׳איז געשען עפּעס אַזעלכעס אויף וואָס נישט איך, נישט אַנדערע האָבן זיך געריכט: כ׳האָב באַקומען אַזאַ דערלויבעניש. אפשר דערפאַר ווײַל ס׳האָט געהערשט אין די אַמטן אַ גרויסע צעדרודערונג. נאָך אַ לאַנגער רייזע דורך די סקאַנדינאַווישע לענדער בין איך אָנגעקומען קיין מינסק. מײַן מוטער איז גלײַך צוגעשטאַנען צו מיר:

— מלכהלע, גיי זיי אַראָפּ פון די אויגן, שפּיל זיך מער נישט מיט זיי אין באַהעלטעניש אין מינסק, ס׳איז מלחמה, וועסט זיי איצט צערייצן, וועלן זיי דיך אַזוי פאַרשיקן, אַז ס׳וועט זײַן ווי אַ שטיין אין וואַסער.

— מאַמע, ס׳וועט מיר דאָך נישט ערגער זײַן ווי די, וואָס מען שיקט זיך דערהרגענען אויף די פראָנטן.

— די מוזן גיין אויפן פראָנט. וואָלטן זיי זיך געקאָנט אַרויסדרייען, וואָלטן זיי נישט געגאַנגען. דו מוזט נישט בלײַבן אין מינסק.

כ׳האָב נישט געמוזט, נישט געהאַט צו וואָס צו בלײַבן אין מינסק. כ׳בין דערווײַל אַוועק קיין ראָמני, אַ זײַטיק אָרט פון די מלחמה־געשעענישן. ס׳איז אָבער נאָכגעגאַנגען נאָך מיר אַ ראַפּאָרט, מ׳האָט מיך פאַרשיקט אין דער ווײַטער אַסטראַכאַנער גובערניע, אין טשאַרני יאַר, פון דאַנען קיין אַסטראַכאַן. אַ לײַכטע פאַרשיקונג. ס׳האָט אויסגעזען ווי זיי וואָלטן אַ ביסל פאַרגעסן אין מײַנע זינד. אפשר איז דאָס אויך געווען צוליב דער צעדרודערונג אין די פּאָליציייִשע

דעפּאַרטאַמענטן און צוליב דער אַנלויפעניש אין דער שטאָט. גאַנץ אַסטראַכאַן איז געווען באַלאַגערט פון ביעזשענצעס, ס׳רוב פרויען, עלטערע מענער און קינדער, אַנטלאָפענע פון די פראָנט־געגנטן; יידן אַרויסגעשיקטע פון יענע געגנטן. זיי זענען אָנגעקומען אין שטאָט שטראָמענווייַז מיט פעקלעך און זעקלעך. געשלעפּט זיך מיט עשאַלאָנען וואָכן־לאַנג, דערפרוירן אויסגעמאַטערטע, הונגעריקע, קראַנקע, פאַרצווייפלטע. אין שטאָט זענען אַנטשטאַנען הילפס־קאָמיטעטן, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט דער גרויסער מאַסע אומגליקלעכע ביעזשענצעס. פאַר די קינדער, צווישן זיי אַ סך יתומים, ס׳רוב יידישע, איז אַנטשטאַנען אַ קינדער־היים, און דאָ, אין דער ביוראָ פון דעם קינדער־היים, האָב איך מיך אָפּגעגעבן מיט מייַן שטענדיקן אימפּעט. די צאָל קינדער, קראַנקע, פאַרלייַזיקטע, מיט צעטרייסלטע נערוון, האָט איבערגעשטיגן די הילפס־מעגלעכקייטן. מ׳האָט דאָך געטאָן דאָס מעגלעכע צו לינדערן די ליידן פון די קינדער, אייַנצושטעלן פאַר זיי אַ מינימאַל נאָרמאַל לעבן. צי האָב איך געזוכט אין דער פרעמדער שטאָט יידן, יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס? כ׳האָב נישט געדאַרפט זוכן. וויפל ס׳זענען געווען, זענען זיי אַלע געווען פאַרטאָן אַרום דער הילפס־אַקציע פאַר די ביעזשענצעס.

וואָס פאַראַ טומלדיקע טעג און אומעטיקע נעכט! פאַרזונקען ביז שפּעט אין אָוונט אין אַ הוהאַ בייַ די היימלאָזע קינדער, בייַ דער אַלגעמיינער הילפס־אַקציע, האָב איך דאָך נאָך קיינמאָל אין יענע צייַטן זיך נישט געפילט אַזוי אַליין ווי דעמאָלט. נאָך קיינמאָל אין יענע יאָרן זיך נישט געפילט אַזוי איינזאַם ווי אין די דעמאָלטיקע אָוונטן צווישן די פיר ווענט פון מייַן אומהיימלעכן צימער. מייַן אַליינקייט האָט אָנגעהויבן לינדערן אַ יונגער, יידישער יוריסט, אַן אָנטיילנעמער אין דער הילפס־אַרבעט. ער האָט זיך צוגעקוקט צו מייַנע פילע באַשעפטיקונגען, צו מייַן דערשעפּונג, און אָנגעהויבן געבן עצות:

— איר טראַכט וועגן אַלץ און אַלע נאָר נישט וועגן זיך, איר דערשעפּט זיך צופיל, איר דאַרפט אָפּרוען.

ווען כ׳האָב זייַנע עצות נישט געהערט, האָט ער פאָרגעלייגט זייַן הילף:

— מאַריאַ יאַקאָוולעוונאַ, דערלויבט אַרויפצוקומען צו אייַך, זאָגט וואָס אייַך איז נייטיק, כ׳וועל אַרויפברענגען.

כ׳האָב דערלויבט. ער איז געקומען אין די אָוונטן, מיטגעבראַכט יעדעס מאָל מיט וואָס צו דערכאַפּן דאָס האַרץ. מ׳האָט געטרונקען טיי, צוגעביסן, געשמועסט וועגן די מלחמה־געשעענישן. וויכמאַן — אַזוי האָט ער געהייסן — האָט אַלע מאָל מער געזאָרגט וועגן מיר. ער האָט געהאַט זייַן פילאָזאָפיע: אַ מענטש, וואָס וויל פאַרזאָרגן די וועלט, מוז אויך זיך פאַרזאָרגן. פון זייַן פילאָזאָפיע

האָב איך נישט געהאַלטן, אָבער אַפּנים זיך גענייטיקט עמעצער זאָל זיך זאָרגן פֿאַר מיר. מיר זענען געוואָרן היימיש. כ׳בין נאָך יונג געווען. טראָץ מײַן דערשעפּונג געפֿילט זיך ייִנגער ווי אויף מײַנע 35 יאָר. כ׳בין וויכמאַנען געפֿעלן געוואָרן. ווי שטענדיק האָב איך אויך דעמאָלט ליב געהאַט געפֿעלן צו ווערן. ס׳איז געווען בײַ מיר אַזוי נאַטירלעך, אַז קיינער האָט מיר אין דעם נישט חושד געווען. מײַן אוכאַזשאָר איז זיכער געווען ער וועט מיך „איבערמאַכן״, איך זאָל מער געדענקען אין זיך גופא. צי האָב איך מיך פֿאַרליבט אין אים ווי ער אין מיר? כ׳בין געווען איינזאַם, די אַליינקייט האָט זיך געהאַט אײַנגעגעסן אין די ביינער. נישט אמת, אַז ווען מ׳איז דעם גאַנצן טאָג אין אַ הוהאַ באַגערט מען אין די אָוונטן פֿאַרבלײַבן אַליין צווישן פֿיר ווענט. גיכער ווילט זיך אויסטוישן אַ מיינונג מיט אַ נאָענטן מענטש, הערן אַ גוט וואָרט, אַ ליב וואָרט. כ׳האָב זיך גענייטיקט אין אַ נאָענטן פֿרײַנד און חתונה געהאַט מיט וויכמאַנען. לעבן צוזאַמען אָן חתונה צו האָבן האָב איך, ווי אַ פֿאַרשיקטע, נישט געטאָרט. כ׳האָב צומאָל אַ געוויסע צײַט מײַנע אַרטיקלען אונטערגעשריבן מיט זײַן נאָמען. דער „גליקלעכער״ זיווג האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. מיר זענען ביידע נישט געווען גליקלעך, ער — ווײַל ער האָט מיך נישט געקאָנט „איבערמאַכן״, איך — ווײַל כ׳האָב נישט געוואָלט ער זאָל מיך איבערמאַכן. באָריס איז מיר נאָך אַזוי פֿיל יאָרן אַלע מאָל אָפּטער אויפֿגעשווומען אין דמיון. כ׳בין געוואָרן איבערגעזעטיקט מיט זײַנע צערטלעכקייטן, מיט זײַן לײַב, אפשר אויך ער מיט מײַנס. זײַן זאָרג וועגן מיר איז מיר געוואָרן צו לאַסט. מיר זענען זיך צעגאַנגען אָן גרויסע דראַמעס. די פּעדים האָבן זיך לײַכטער איבערגעריסן ווי זיי האָבן זיך פֿאַרבונדן. כ׳בין ווידער פֿאַרבליבן איינזאַם, ווײַט פֿון אייגענע און נאָענטע, אָבער ווי אַ פֿאַרשיקטע דאָך געלעבט אין אויסנאַמלעכע באַדינגונגען, געקאָנט זיך אָפּגעבן בלב ונפש דעם קינדער־הויז, דער הילפֿס־אַרבעט.

*

כ׳האָב ענדלעך אָפּגעאָטעמט: די פֿעברואַר־רעוואָלוציע האָט מיך באַפֿרײַט פֿון פּאָליציייִשע פֿאַרפֿאָלגונגען, פֿון צוואַנג. נאָך אַזוי פֿיל יאָרן אומלעגאַ־ליטעט, תּפֿיסות, פֿאַרשיקונגען, אַרומוואַלגערן זיך אין דער פֿרעמד בין איך אויף דער פֿרײַ, כ׳קאָן זיך אומקערן אַהיים! גאָר קיינמאָל בין איך נישט געווען אַזוי גליקלעך. כ׳בין פֿרײַ! כ׳וועל קאָנען צעשפּרייטן מײַנע פֿליגלען! און כ׳האָב זיי פֿונאַנדערגעשפּרייט.

מינסק איז אויפֿסנײַ געוואָרן אַ צענטער פֿון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג. אין אַפּריל 1917, אויף אַ קאָנפֿערענץ פֿון „בונד״ בין איך אויס־

געווילט געוואָרן אין צענטראַל־קאָמיטעט. מינסק, די הויפּטשטאָט פון ווײַסרוס־לאַנד האָט געפּיבערט מיט די נײַע געשעענישן. איך האָב מיטגעפּיבערט: געוואָרן מיטגליד פון אַרבעטער־און סאָלדאַטן־ראַט, פון זײַן אויספיר־קאָמיטעט, ראַטמאַן אין דער שטאָט־דומע (שטאָטראַט) ווו כ׳האָב אָנגעפירט מיט דער בילדונג־אָפּטיילונג און מיט דער ייִדישער שול־קאָמיסיע; מ׳האָט מיך אויך געקרוינט אַלס פאָרזיצערין פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פראַקציע אין דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, געוואָרן פאָרשטייערין פון „בונד״ אין דער מינסקער קהילה, פאַרטראָטן די אַרבעטערשאַפט און געפירט שטרײַטן מיט די קעגנערישע פאַר־טרעטער, סתם אַרויסגעטראָטן אומעטום מיט רעדעס. ווייניק דאָס אַלץ? כ׳האָב אויך רעדאַגירט צוזאַמען מיט ליטוואַקן די בונדישע צייטונג „דער וועקער״.

— דו ווייסט, מלכהלע, וואָלסט געדאַרפט אָנשרײַבן אַ ליד „מײַן מיידעלע״.

— פאַרוואָס אַזאַ ליד, טאַטע? — האָב איך מיך אין פלוג נישט געכאַפּט.

— מאָריס ראָזענפעלד האָט געשריבן אין זײַן ליד וועגן זײַן ייִנגעלע, אַז ער זעט עס נאָר שלאָפנדיק, ווײַל ער גייט פרי צו דער אַרבעט, ווען דאָס קינד שלאָפט נאָך, און קומט צוריק שפּעט, ווען דאָס קינד שלאָפט שוין.

מײַן פאָטער האָט מיר דאָס נישט געזאָגט מיט אַ טאָן פון פאָרוווּרף, ער האָט בלויז אַ ביסל, ווי זײַן שטייגער, איראָניזירט. איך אָבער האָב זיך געמאַכט שווערע פאָרוווּרפן: נאָך אַזוי פיל יאָרן ווײַט זײַן פון מײַן קינד, איצט נישט האָבן קיין צײַט פאַר איר, פאַר גיטעס קינדער. מײַן פריידעלע איז כאָטש אַן אונטערגעוואַקסענע, אַ דרײַצן־יאָריק מיידעלע, אָבער מײַן שוועסטערס יתומימ־לעך, וואָס כ׳האָב גענומען צו זיך, זענען קליינע קינדער, איינס אַן עופעלע. צי באַגיי איך נישט קיין עוולה קעגן זיי? כ׳האָב אויף מײַן האַרבער שאלה געפונען אַן ענטפער: איך טו דאָך אַלץ אַלע קינדער זאָלן באַזאָרגט זײַן, דער מאָרגן זאָל זײַן אַ זיכערער פאַר אַלע קינדער.

פאַר מײַן טאַטן איז דער ענטפער קיין ענטפער נישט געווען:

— דו רעדסט שטענדיק וועגן אַ מאָרגן. דער הײַנט איז דיר גאָרנישט? אַ קינד דאַרף פילן שוין הײַנט, אַז ס׳האָט אַ מאַמע. אַז דו האָסט פאַר דײַן טאַטן, פאַר דײַן מאַמען נישט קיין צײַט האָבן מיר נישט קיין טענות צו דיר, אָבער פאַר דײַן קינד, פאַר גיטעס יתומים מוזטו געפינען צײַט. די בעסטע אָם איז נישט קיין מאַמע.

מײַן איידעלע מאַמע האָט שטענדיק געזוכט צו פאַרגיטיקן מײַנע אַן עוולה, צו דערפירן אַלץ צו אַ פשרה:

— גיי שוין, גיי שוין, זײַ נישט מגזם, פריידעלע איז שוין, גאָט צו דאַנקען, נישט קיין פּיצל קינד. די יתומימלעך זענען נישט אויף הפקר, די אָם איז צו זיי

ווי אַן אמתע מאַמע. איך בין אויך דערלעבן. איי מלכהלע האָט נישט קיין צייט פאַר די קינדער, פאַר אונדז, איז וואָס ווילסטו? זי האָט אַ סך אחריותן. אַז מע לייגט אַזוי פיל אַרויף אויף איר! זי קאָן זיך דאָך נישט צערייסן.

— איך וויל דען זי זאָל זיך צערייסן? כ׳וואָלט געוואָלט זי זאָל עפּעס אַראָפּוואַרפן פון זיך. אַז מ׳נעמט צו זיך צוויי יתומימלעך, וואַרפט מען עפּעס אַראָפּ פון זיך.

מיין מאַמע האָט געשוויגן. אין אירע שיינע אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן. איר פאַרענגדערט פּנים האָט זיך פאַרוואָלקנט. זינט דעם טויט פון מיין יינגערער שוועסטער גיטע איז זי נישט די זעלבע. גיטען האָבן מיר נישט געהאַט געזען זינט יאָרן. איר מאַן רחמיאל ווייַנשטיין איז פאַרשיקט געוואָרן אויף סיביר. ווי אַנדערע פרויען פון פאַרשיקטע, האָט זי זיך געלאָזט אַהין, צו לינדערן זיין איינזאַמקייט. אין מערץ 1917 איז זי אין אַ שווערער קימפּעט געשטאָרבן, געלאָזט צוויי קינדער, דאָס צווייטע אַן עופעלע פון עטלעכע טעג. רחמיאל האָט זיך אומגעקערט פון סיביר מיט ביידע קינדער אין נישט קיין פויגלדיקן מצב. צום טרויער איז צוגעקומען די אומבאַהאָלפנקייט. די באַוועגונג האָט זיך געגייטיקט אין אים. ווי אַזוי זאָל ער זיך אַן עצה געבן מיט צוויי קינדער אפילו מיט אַ גוטער אַם? כ׳האָב די קינדער גענומען צו זיך, די געניטע אַם האָט זיי געהאָדעוועט. גיטעס טויט, די דאגות און זאָרגן פריִער וועגן מיר האָבן אונטערגעבראָכן מיין מאַמעס געזונט. די גאַנצע ליבשאַפט צו גיטען האָבן מיינע עלטערן איבערגעטראָגן אויף אירע קינדער. האָט מיר דער טאַטע פון צייט צו צייט דערמאָנט כ׳זאָל עפּעס פון זיך אַראָפּוואַרפן צו זיין מער מאַמע צו די קינדער.

ניין, כ׳האָב גאָרנישט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך, נאָר אָפּגעריסן מער צייט פון מיין שלאָף. די שטורמישע צייט האָט געעפנט נייע האָריזאָנטן. איז דען די פעברואַר־רעוואָלוציע נישט געווען דער שוואָלב פון פרייהייט? די פאַרשאָלטענע צאַרישע הערשאַפט איז געלעגן צעשמעטערט. רוסלאַנד האָט דערוואַכט. יידן האָבן פון דער פעברואַר־רעוואָלוציע באַקומען גלייכבארעכטיקונג. די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט צייטווייליק אויך דערוואַכט, אָנגעהויבן שפּרייזן פאָרויס. די נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע האָט געזאָלט פאַרוואַנדלט ווערן אין בלוט און פלייש. מ׳איז צוגעטראָטן עפענען יידישע שולן, אַרבעטער־אוניווערסיטעטן, קלובן; מ׳האָט אין מינסק באַגערט צו פאַרוועלטלעכן די קהילה, זי זאָל ווערן אַ טייל פון דער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע. ווי אַ פאָרשטייערין אין דער קהילה האָב איך געוואַכט זי זאָל גיין מיטן גייסט פון דער צייט, אפשר צופיל געוואַכט. אין יענע טעג און חדשים, צווישן דער פעברואַר־ און אָקטאָבער־

רעוואָלוציע, האָט די ייִדישע אַרבעטער־באַוועגונג אין אַלע אירע שאַטירונגען, פונאַנדערגעשפּרייט, יעדנפאַלס געקאָנט פונאַנדערשפּרייטן די פליגלען.

די אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז מיר אַראָפּגעפאַלן אויפן קאָפּ ווי אַ דונער אין אַ זוניקן טאָג. איך האָב בשום אופן נישט געגלייבט די באָלשעוויקעס זאָל זיך איינגעבן איבערצונעמען די מאַכט. קאָנען זיי דען אַנדערש איבערנעמען די מאַכט ווי מיט געוואַלדטאַטן? ווי אומלעגאַלערהייט? זענען זיי דאָך אַ קליינע מינדערהייט. כ׳האָב זיך נישט געריכט אַ מינדערהייט זאָל זיך איינגעבן מיט געוואַלד אַראָפּצושווענקען די מערהייט, די אַנדערע סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען. כ׳האָב זיי צומאָל נישט חושד געווען צו דערגיין צו אַזאַ אומרעכט. מיין פאָטער, ווי יעדער ייִד, האָט מיט אַנגסט און האָפענונג נאָכגעפאָלגט די געשעענישן. ער פלעגט ציטערנדיק קומען, כלומרשט זען די קינדער, ווען זיי זענען שוין געשלאָפן, ער זאָל מיך טרעפן אין שטוב צו כאַפּן מיט מיר אַ שמועס.

— וואָס טראַכסטו, טאָכטער, וועגן דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע?

— זי פאַרלויפט דעם וועג דער דעמאָקראַטיע, וואָס רוסלאַנד דאַרף, מוז דורכמאַכן.

— איז ווי אַזוי איז זי פּלוצעם אַראָפּגעפאַלן?

— ס׳פאַלט אַמאָל אַראָפּ פון בוים אַ נישט־צייטיקע פרוכט, ווייל אינעווייניק...

— מיינסט זי קאָן זיך אויסצייטיקן, רייף ווערן?

— ס׳געשעט אַמאָל, אַז אַ נישט־צייטיקע פרוכט נאָכן אָפּרייסן זיך פון בוים ווערט ביסלעכווייז רייף, מערסטנטיילס ווערט אַזאַ פרוכט קאַליע, פאַרפוילט...

— נו, טאָכטער, צי קאָן נישט דערגיין דערצו מ׳זאָל צווינגען צו פאַרברויכן אַזאַ קאַליע־געוואָרענע פרוכט?

— קעגן דעם וועט מען זיך דאַרפן ווערן, נישט אונטערגעבן זיך.

— מיין אַלטער קאָפּ באַנעמט נישט אַ סך זאַכן, נאָר ס׳זעט מיר אויס, אַז ס׳רוקן זיך אָן ביטערע צייטן. וואָס קאָן זיין ביטערער ווי ווען אַ ברודער מיט אַ ברודער שלאָגט זיך? ס׳וועט איצט זיין רעוואָלוציאָנערן קעגן רעוואָלוציאָנערן. די באָלשעוויקעס וועלן זיך דען רעכענען דערמיט וואָס די סאָמאָדערזשאַוויע האָט אייך געשיקט אין די תפיסות? אויף פאַרשיקונג? זיי זעען מיר נישט אויס אויף קיין ראַיעלע מענטשן; איך ווייס נישט מיט וואָס, נאָר זיי שרעקן מיך.

מיין פאָטער, נישט זייענדיק קיין פּאָליטיקער, האָט מיט זיין פשוטן שכל הישר באַנומען די זאַך.

נישט אונטערגעבן זיך, האָב איך געזאָגט צו מיין פאָטער. פריִער האָב איך,

ווי די גאַנצע באַוועגונג, ווי ס׳רוב סאָציאַליסטישע ריכטונגען, באַגערט ס׳זאָל געשאַפן ווערן אַ דעמאָקראַטישע רעגירונג מיט פאָרשטייער פון אַלע אַרבעטער־פּאַרטייען, מיט דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי אַרײַנגערעכנט. ווען די זאַך איז פאַרשפּילט געוואָרן, בין איך אָפן און שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן טעראָר, קעגן רעפּרעסיעס און אַרעסטן פון אַנדערש דענקנדיקע. איך דערמאָן מיך דײַטלעך ווי ס׳האָט מיך אויפגעבראַכט דאָס באַגרענעצן די פּרעסע, דאָס אַרויפּ־לייגן אַ פאַרבאָט אויפן פרײַען וואָרט. מ׳האָט נאָך דעמאָלט געקאָנט „זיך בישט אונטערגעבן״. אין נאָוועמבער 1917 בין איך אין אַן אַרטיקל אין „וועקער״ שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן אַזאַ פאַרבאָט, געפרעגט ווי ס׳איז מעגלעך, אַז די, וואָס האָבן געקעמפט פאַר דעמאָקראַטיע, פרײַהייט, זאָלן אַוועקנעמען די פרײַהייט, דערשטיקן די דעמאָקראַטיע ?

די מלחמה איז נאָך אָנגעגאַנגען. מינסק איז אין פעברואַר 1918 פאַרנומען געוואָרן דורך די דײַטשן. מ׳איז אָפּגעריסן געוואָרן פון די רעוואָלוציאָנערע צענטערן. ס׳איז געווען אַ צײַט פון צווייפלען, אָבער אויך פון טראַכטן. ווען מינסק איז סוף 1918 באַפרײַט געוואָרן פון דער דײַטשישער אָקופּאַציע, איז גלייך אַנטשטאַנען אַ ראַט פון אַרבעטער און סאָלדאַטן. די באָלשעוויקעס האָבן דאָס מאָל געהאַט אַ מערהייט. אומגעריכטערהייט האָט מען מיר אָנפאַרטרויט דעם בילדונגס־אָפּטייל פון גובערניאַלן רעווקאָם. כ׳האָב זיך געוווּנדערט, אײַנגעטענהט מיט זיך אַליין: נאָך דעם ווי כ׳בין אַרויסגעטראָטן קעגן די באַגרענעצונגען פון דער פּרעסע ? פון פרײַען וואָרט ? נאָך דעם ווי כ׳האָב פאַרטיידיקט די נאַציאָ־נאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע ? וואָס באַדײַט דאָס ? אפשר דאָך טאָלעראַנץ ? מסתמא יאָ, וויבאַלד די באָלשעוויסטישע מערהייט האָט מיר אָנגעטרויט אַזאַ וויכטיקן אַמט ווי די דערציִונג פון יונגן דור. עפּעס ענדערט זיך דאָך צום גוטן.

אין 1919 איז פּילסודסקיס אַרמיי אַרײַן אין ווײַסרוסלאַנד. פּוילישע סאָלדאַטן זענען אומעטום באַפאַלן ייִדן, געראַוּבט, געמאָרדעט. די יונגע רויטע אַרמיי האָט געמוזט זיך שלאָגן אויף פיל פראָנטן, קעגן פּעטליורעס, דעניקינס אַרמייען און אַנדערע באַנדעס, וואָס האָבן אומעטום, וווּ זיי האָבן אָנגעטראָפן ייִדן געזייט טויט און פאַרוויסטונג. די פּאָגראָמען האָבן אונדז אויפגעציטערט. די מינסקער קאָמוניסטן האָבן אָרגאַניזירט מיליטערישע גרופּעס, געלערנט זיך שיסן צו פאַרטיידיקן דאָס לאַנד. בונדיסטן, אַנדערע ייִדישע סאָציאַליסטן, זענען צוגעשטאַ־נען צו אַזאַ פאַרטיידיקונג. ס׳האָט זיך געדוכט, מיר מער ווי אַנדערע, אַז אַ צוזאַמענאַרבעט איז מעגלעך. און אָט קומט פאָר אין זעלבן יאָר אַן אַלרוסישער צוזאַמענפאָר פון די ראַטן. מיר זענען געווען צוויי פאַרטרעטער פון „בונד״, איך און רחמיאל. לעניַן איז געווען אָנוועזנדיק. צי האָב איך מיך געוואַקלט

אויפצווויַזן די פעלערן פון די ראַטן? פאַרקערט, שאַרף קריטיקירט. כ'האָב טאַקע געכאַפּט אַן אָפּשניט פון לענינען, אָבער מייַנס געטאָן. און אויב מ'קאָן קריטיקירן, איז צו האָפן, אַז ס'וועט זיך ענדערן. אַלץ איז דאָך געווען אין קאָכעניש, אין דערוויַיליקייט, ס'וועט זיך מסתמא אויסשטיין, נאָרמאַליזירן...

איך זוך נישט צו געפינען אַ מליץ־יושר פאַר מיר, זיך צו פאַרטיידיקן. פאַרטיידיקט האָב איך מיך קעגן פאַלשע באַשולדיקונגען, ווען מ'האָט מיך באַשולדיקט אין שפּיאָנאַזש, צו האָבן געקומען אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי זי צו צעזעצן פון אינעווייניק, צו האָבן פאַרלייגט אַ נעץ צו פאַרשפּרייטן ייִדישן נאַציאָנאַליזם, שאָוויניזם. קעגן אַזעלכע שקרים האָב איך מיך מיט אַלע כוחות פאַרטיידיקט. קעגן מייַנע אמתע מעשים, ווי שטאַרק איך זאָל נישט האָבן געזינדיקט מיט זיי, פאַרטיידיק איך מיך נישט. איך משפּעט זיך אַליין, איך בין דער שטרענגסטער שופט קעגן זיך גופא. צי זאָל איך דערפאַר נישט זען די אומשטענדן, וואָס האָבן געפירט שטופנווייַז צו די מעשים, וואָס איך פאַראורטייל איצט, פון לאַנג שוין?

ס'איז פינצטער. די אויגן זעען כמעט נישט די אותיות. זיי שטעכן אָבער, די אויגן. כ'שרייַב ווי אַן אויטאָמאַט. די האַנט איז פאַרשטייַפט. מ'דאַרף לאָזן אויף מאָרגן.

★

...געמוזט אויף עטלעכע טעג איבעררייַסן. געווען אַן אָביסק. אַ שטרענגע רעוויזיע. נישט אין קיין געוויינלעכער צייַט. עפּעס האָט מיר פריִער אויסגעזען פאַרדעכטיק, וואָס מאַכט מיך פילן, זען זאַכן, וואָס מ'פילט נישט, זעט נישט מיט אונדזערע פינף חושים. דער זעקסטער חוש האָט געוואָרנט, אַליאַרמירט. כ'האָב באַצייַטנס באַשטאַט די בייגעלעך פּאַפּיר. מ'האָט מיך דאָס מאָל באַזוכט, באַטאַפּט. דערצו האָט נאַטשאַלסטוואָ אַ גוטע ספּעציִאַליסטקע, זי האָט דאָס מאָל געזוכט ווי בייַם אָנקומען, אַפילו אין די האָר.

— וואָס זוכסטו? די לייַז?

זי האָט מיך אָפּגעמאָסטן מיט שטעכיקע אויגן, געענטפערט מיט אַ שווייַגנדיקער פאַראַכטונג. דאָס זוכן אויף די נאַרעס איז נישט ווייניקער פּינקטלעך געווען. אַלץ צעוואָרפן, צעגישטערט. עטלעכע טעג זיך אָפּגעהאַלטן פון שרייַבן. ס'האָט זיי ווידער געקאָנט באַפאַלן אַ שגעון צו נישטערן. די עטלעכע טעג האָבן מיר אויסגעזען לאַנגע, ווי לאַנגע יאָרן. ווען דער בלייַפעדער רוט, אַרבעט אָבער דער מוח. אין אָוונט אויף דער נאַרע, ווען דער הויאַ שטילט זיך אייַן, בייַ נאַכט, ווען כ'שלאָף נישט, פאַרשרייַב איך ווייַטער אין זכרון. צום וויפלסטן מאָל שוין? מייַן זכרון איז פול מיט פאַרשריבענע בלעטלעך. איבערצוגיסן אַלץ

אויף ווירקלעכע בלעטלעך, וועט נישט סטאַיען קיין פּאַפּיר, קיין צייַט, קיין כוחות.

איך צי איצט אַרויס פון זכרון די צייַטן ביז 1921. שרעקלעכע יאָרן: אומרו, צערודערונג, אַנגסט און אויך האָפענונג, דערוואַרטונג. סוף 1917. פּעטראָגראַד. אויפן אַכטן צוזאַמענפאָר פון „בונד" האָב איך אין מייַן באַריכט געזאָגט: „די יִדישע מאַסן גייען נישט נאָך די באָלשעוויקעס". ס'איז אמת געווען. כ'האָב גאָרנישט איבערגעטריבן. כ'האָב דעמלט צוגעגעבן: „דעם יִדישן פאָלק איז נייטיק דעמאָקראַטיע, רעכט פאַר די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, פרייַהייט פאַר אַלע סאָציאַליסטישע ריכטונגען". כ'האָב אָבער געגלייבט דעמאָלט, אַז אַזאַ פרייַהייט און דעמאָקראַטיע קאָן מען דערגרייכן.

צוויי יאָר שפּעטער, אויף אַ קאָנפערענץ, אין מינסק, (און נישט אויף אַ צוזאַמענפאָר) איז שוין אַזאַ גלויבן נישט געווען. כ'האָב געבראַכט דעם סך־הכל פונעם יִדישן חורבן, וואָס ס'האָבן אָנגעמאַכט די פּאָגראָמען. זיי האָבן זיך ווייַטער געטראָגן איבערן לאַנד. דערצו האָט די באַציִונג צו יִדישע פרנסות רוּיִנירט די לעבנגעבליבענע, אָפּטמאָל אָוועקגענומען זיי אַלע רעכטן. דאָס אַלץ האָט נישט געשטערט, פאַרקערט, צוגעאייַלט צו זוכן אַ וועג צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. דעם זעלבן וועג האָבן געזוכט אויך אַנדערע אָנפירנדיקע מענטשן פון יִדישע אַרבעטער־ריכטונגען. די געשעענישן, די אומשטענדן האָבן אונטערגעיאָגט, האָבן געענדערט מענטשן, זייערע שטעלונגען, זייער טראַכטן. אין אַפּריל 1920, אויף אַ קאָנפערענץ פון „בונד" אין מאָסקווע, איז געקומען דער דראַמאַטישער ריס, ס'האָט זיך אָפּגעטיילט אַ מערהייט. געשאַפן דעם „קאָמבונד"; אין דער אמתן, ווי ס'האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, האָט ער איבערגעריסן מיט דער יִדישער אַרבעטער־באַוועגונג. ס'איז געווען דער אָנהייב פון סוף, וואָס איז געקומען אַ יאָר שפּעטער, מיטן אַרייַנטריט אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. פאַרוואָס ברענג איך די פּרטים? ווייַל איך בין געשטאַנען אין שפּיץ פון יענעם אָנהייב פונעם סוף. אָבער פאַר אונדז נייַע קאָמוניסטן האָט דאָס בשום אופן נישט באַדייַט אַ סוף, פאַרקערט, מיר האָבן אויפריכטיק געגלייבט אין אַ נייַעם אָנהייב, אין אַ באַנייַטער יִדישער אַרבעטער־באַוועגונג, אין אַ באַנייַטער וועלט.

דער מענטש מיט וועלכן כ'האָב צוממיינסטן פריִער אַרומגערעדט היימישער־הייט יענע גורלדיקע געשעענישן איז געווען אהרן ווייַנשטיין, אַדער רחמיאל ווי ס'איז געווען זייַן פּסעוודאָנים. ס'איז געווען דער נאָענסטער מענטש; ער פלעגט אין אַלע ענינים זיך באַראַטן מיט מיר, זיך פאַרטרויען. אַ מערקווערדיקער מענטש. אַ מיטלוווקסיקער מיט אַ טונקל בלאָנד בערדל, געקרייַזלטע האָר, אַ שפּי־ציקע נאָז, מיט גרויע אויגן, וואָס האָבן געשמייכלט. פון אויסזען האָט מען געקאָנט מייַנען ער איז אַ גריבלער, ווייניקסטנס אַ ראָמאַנטיקער, פליט פשוט אין די

הימלען. אין דער אמתן אַ טיפּישער ליטוואַק, אָן ראָמאַנטיק, אַלץ שטענדיק באַנו־מען מיטן שׂכל, זאַכלעך. פון פאַך אַ לערער, זינט ער האָט יונג געענדיקט אין ווילנע דעם לערער־אינסטיטוט, פלעגט ער פאַר מיר שטענדיק באַדויערן וואָס ער האָט ווײַטער נישט געקאָנט שטודירן, אַפילו ווען ער איז געווען אין גענעווע. זײַן איבערגעגעבנקייט דער אַרבעטער־באַוועגונג איז געווען אָן אַ גרענעץ. כ׳האָב באַוווּנדערט זײַן געוואָגטקייט, ווען ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די אַרעסטן, ווען צווישן אונדז גופא האָבן איינע אויף די אַנדערע געקוקט מיט פאַרדאַכט, צומאָל באַשולדיקט. ער האָט אומדערשראָקן עפנטלעך מיך פאַרטיידיקט, ווען דאָס איז געווען אַ געפאַר. ער איז געווען רויִק, פונקט ווי ער פלעגט אַמאָל מיט אַ סטאָאִישער רויִקייט איבערטראָגן תפיסות און פאַרשיקונג. ווי טראָגט ער הײַנט איבער? ווו איז ער? צי לעבט ער?

אין יענע יאָרן, ווען די רעוואָלוציע האָט געקלאַפּט אין די טירן פון דײַטש־לאַנד, עסטרײַך, אונגאַרן, אַנדערע לענדער, ווען דער רעוואָלוציאָנערער ברויז האָט דאָ און דאָרט אין אייראָפּע זיך אַ הייב געטאָן, האָט ער אָפּגעוואַרט אַ פרײַע צײַט מײַנע, געקומען צו לויפן עפּעס צוזאַמען אויסצוקלאָרן:

— ווי מיינסטו, ס׳איז אַ פאַרבײַיִקע זאַך, אָדער ס׳וועט זיך דורכברעכן אַ וועג?

ער האָט טיילמאָל געזען קלאָרער פון מיר, געמאָסטן אַלץ מיט זײַן קאַלטן שׂכל. אין מיר האָט שטענדיק געקאָכט דער ענטוזיאַזם. דער ענטוזיאַזם, דער אימפּעט האָבן מיך נישט איין מאָל פאַרפירט. רחמיאלס רויִקער, זאַכלעכער קוק האָט מיך אי געוווּנדערט, אי שאָקירט.

— צי זעסטו נישט, אַז מיר לעבן אין אַ צײַט פון סאָציִאַל־פּאָליטישע איבער־קערענישן? די צײַטן פון רעפאָרמיסטישע אילוזיעס, פון פאַרלאַמענטאַרישער שפּיל זענען פאַרבײַ. מיר האָבן פריִער נישט דערזען ווי די רוסלענדישע קאָמוניס־טישע פּאַרטיי האָט געוויזן אַ וועג. אײַ זי באַגייט אַזוי פיל שרעקלעכע פעלערן? הערשט מיט טעראָר, וואָס איז אונדז דערווידער? די צײַט וועט דאָס אויסהיילן, דאָס קאָן בשום אופן נישט דויערן. אויך דערפאַר ווײַל רוסלאַנד ווערט דער צענטער פון דער וועלט־רעוואָלוציע.

— צי פאַרגאַלאָפּירסטו דיך נישט? צי גייסטו נישט צו שנעל?

— בעסער צו גיין אַ ביסל שנעלער ווי בלײַבן הינטערשטעליק.

— צי שרעקט דיך נישט דער שנעלער גאַנג?

— טאָ זאָג־זשע דו מיר, וואָס שרעקט דיך נאָך?

— איך זע נאָך נישט אין דעם אַלעמען דאָס אָרט פון דער יידישער אַרבע־טער־באַוועגונג, פון יידן, פון יידישן פאָלק.

— די ייִדישע אַרבעטער־באַוועגונג וועט דאַרפֿן צוטראָגן צו דעם אַלעמען איר אייגענעם בײַטראַג, מיט אַן אייגענעם ניואַנס, לויט אירע אייגענע באַדער־פֿענישן. און דאָס ייִדישע פֿאָלק וועט איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל פּטור ווערן פֿון פּאָגראָמען, פֿון גזירות און דערנידערונגען.

— דו גלייבסט, אַז אַזוי קאָן דאָס געשען?

נישט נאָר איך האָב געגלייבט נאָר ער האָט אויך געגלייבט, ווי אַלע גע־קומענע פֿון די ייִדישע פּאַרטייען צום קאָמוניזם האָבן געגלייבט. רחמיאלס פֿראַגן זענען געווען מער רעטאָרישע. ס'איז געלעגן אין זײַן כאַראַקטער געלאָסן אויף אַזאַ אופֿן צו באַטראַכטן קאָמפּליצירטע ענינים. ער האָט זיך נישט געאײַלט אַרויסצוטראָגן אַן אורטייל, צו מאַכן אַן אָפּשאַצונג.

נישט ווייניקער ווי די רעוואָלוציאָנערע ברויזן אין אייראָפּעיִשע לענדער האָבן געשטויסן צו גיכע האַנדלונגען די פּאָגראָמען, די הריגות. ווי פֿלייצנדיקע כוואַליעס האָבן זיי זיך צעגאָסן איבער שטעט און שטעטלעך פֿון אוקראַינע, ווײַסרוסלאַנד און וווּ נאָר ייִדן האָבן געלעבט. צווישן די יאָרן 1918—1920 בלויז אין אוקראַיִנע העכער צוויי טויזנט פּאָגראָמען. די צאָל הרוגים, געליטענע, האָט געציילט צענדליקער און צענדליקער טויזנטער. אין אוקראַיִנע האָבן געליטן פֿון די פּאָגראָמען קרוב אָנדערהאַלבן מיליאָן ייִדן. ווער האָט געררייצט, גערופֿן צו פּאָגראָמען? אַנטיסאָוויעטישע גענעראַלן, אוקראַיִנישע, אַנטיסעמיטישע אַטאַ־מאַנען. ווער האָט זיך געשלאָגן קעגן זיי? די רויטע אַרמיי, די ראַטנמאַכט. ווי האָט מען געזאָלט נישט העלפֿן שטאַרקן די ראַטנמאַכט, נישט שטעלן זיך בײַ איר זײַט? און ווי האָט מען געקאָנט בלײַבן גלײַכגילטיק, ווען די קאַפּיטאַליסטישע לענדער זענען אַרויס אין אַ מלחמה קעגן דער יונגער ראַטנמאַכט? אַ מפּלה פֿונעם לאַנד פֿון דער רעוואָלוציע, וואָלט געווען אַ מפּלה, ווייניקסטנס אַ שטאַרקער קלאַפּ פֿאַרן אַרבעטער־קלאַס פֿון אומעטום און אַ נצחון פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער הערשאַפֿט איבערן אַרבעטנדיקן פֿאָלק. אַזוי האָבן מיר געזען די לאַגע, וואָס האָט געשטויסן צו האַנדלען ווי מיר האָבן געהאַנדלט, כאָטש ס'איז בײַ מיר גופֿא געווען אַן אַ שיעור רעזערוון, שווערע ענינים, וואָס האָבן נישט איינמאָל מיך צוריקגעהאַלטן.

אין יענער ברויזנדיקער צײַט איז איין מאָל, בעת מײַנעם אַ קורצן באַזוך בײַ מײַנע עלטערן סוף 1920, געקומען צו מיר, אין מינסק, אַ ייִדישער, עלטערער אַרבעטער, איינער פֿון די ייִדישע אַרבעטער, וואָס שטײַגן מיט אייגענע כוחות, אָן אַ שול, אָן לערער אויפֿן לײַטער פֿון קולטור, פֿון בילדונג. זײַן ערשטע אויס־בילדונג האָט ער ווי אַ יונגער געזעלן באַקומען אויף אַן אַרבעטער־קרײַזל אין דער צווייטער העלפֿט זיבעציקער יאָרן. דערנאָך אַליין מיט די ציין זיך אײַנגע־

ביסן אין לערן־ביכער. זײַן פֿאַמיליע־נאָמען געדענק איך נישט. איך געדענק מ׳האָט אים גערופֿן היימישלעך אַברהמל, אָדער אברהמל קאָמאָשנמאַכער; אויך בײַ אונדז אין שטוב האָט מען אים אַזוי גערופֿן און געשעצט. צוליב זײַן עלטער איז ער געשטאַנען פֿון דער זײַט פֿון די קאָכעניש, אָבער נאָכגעפֿאָלגט אַלץ וואָס ס׳טוט זיך האָט ער יאָ, און געקוקט אויף אַלץ מיט אַ געזונטן חוש. מײַן מוטער האָט אים אויפֿגענומען בכבוד גדול, ווי עס קומט אַן עלטערן מענטש, בפֿרט ער האָט איר געזאָגט, אַז ער מוז נייטיק ווי ס׳לעבן זיך זען מיטן גאַסט, מיט מיר הייסט דאָס.

— חברטע אסתר, זײַט זשע מוחל פֿאַר מײַן צושטיין צו אײַך, איר ווייסט נישט ווי איך האָב געהאַלטן פֿון אײַך. זאָגט מיר, חברטע אסתר, צי שרעקט אײַך נישט דאָס גיין צו די באָלשעוויקעס? צי גייט איר נישט דעם וואָלף אין פּיסק? מיר דאַכט זיך, אַז זיי וועלן אונדז אײַנשלינגען, אויפֿעסן מיט די ביינדעלעך, אַזוי ווי זיי האָבן דאָס שטענדיק געוואָלט.

כ׳האָב אים געענטפֿערט מיט אַ פֿראַגע:

— צוואָס, מיינט איר, איז זיי איצט נייטיק אונדז אײַנצושלינגען? פֿון וואַנען נעמט זיך צו אײַך אַזאַ מורא?

— איר, חברטע אסתר, זענט אַ סך געלערנטער פֿון מיר, אַ סך אינטעליגענטער. אָבער איך בין אַ סך עלטער פֿון אײַך. איך געדענק זייער גוט די קריגערײַען צווישן „בונד״ און די באָלשעוויקעס מיט יאָרן צוריק; כ׳האָב נישט פֿאַרגעסן ווי לענין האָט אונדז געזידלט, פֿאַרשוואַרצט דאָס פּנים. וואָס האָט דעמאָלט לענין געוואָלט פֿון אונדז? ער האָט פּשוט געוואָלט מיר זאָלן זיך סקאַסירן, ווערן אויס „בונד״. לויט אים, לענינען, האָט דער „בונד״ שטאַרק געזינדיקט מיט סעפּאַראַטיזם, ווײַל ער האָט אָרגאַניזירט די יידישע אַרבעטער אין אַ יידישער פּאַרטיי, ווײַל ער האָט געקעמפֿט פֿאַר די נאַציאָנאַלע רעכט פֿון די יידישע מאַסן. נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע איז פֿאַר לענינען געווען טריף־פּסול, בורזשואַז, קלעריקאַל. אַ באַזונדערע יידישע אַרבעטער־פּאַרטיי, יידישע אינסטיטוציעס האָט געהייסן סעפּאַראַטיזם, וואָס איז ווידער געווען טריף־פּסול. זײַן, ווי דער „בונד״ האָט דאָס געוואָלט, אין דער רוסישער אַרבעטער־באַוועגונג אויף פֿעדעראַטיווע יסודות, וועדליג וועלכע יעדע נאַציאָנאַליטעט זאָל קאָנען האָבן איר אייגענע אַרבעטער־פּאַרטיי, האָט לענין פֿאַרשריען פֿאַר בורזשואַז, קליינבירגערלעך, פּשוט קאָנטררעוואָלוציאָנער. נו, וועט ער איצט, ווען ער איז בײַ דער מאַכט, דולדן אַ יידישע אַרבעטער־פּאַרטיי? וועט ער דולדן יידן זאָלן אָנגיין מיט זייערע ענינים? אַנטוויקלען זייער נאַציאָנאַלע קולטור? צי האָט איר נישט מורא, אַז נאָך דעם ווי ער וועט אײַנשלינגען די יידישע סאָציאַ־

ליסטישע פּאַרטייען, וועט ער לייַכט קאָנען דערפֿירן די רוסישע ייִדן צו נאַציאָ־נאַלן אונטערגאַנג?

כ'האָב געקענט די וויכּוחים צווישן לעניִנען און „בונד" נישט ווייניקער ווי דער דאָזיקער אַלטער, אינטעליגענטער אַרבעטער. כ'האָב פֿאַר די לעצטע צייַטן נישט איין מאָל געטראַכט וועגן יענע וויכּוחים, כ'האָב געמאָסטן און געוווֹיגן, געלייגט אויפֿן וואָגשאָל דאָס נעכטיקע און די געשעענישן פֿון הייַנט. די נייַע געשעענישן האָבן איבערגעוווֹיגן. אין דעם זין געפּרוווט אין אייַלעניש איבערצייַגן אברהמל קאַמאַשנמאַכער:

— ליבער חבֿר, צייַטן בייַטן זיך. און מענטשן בייַטן זיך אויך. די דיסקוסיע צווישן לעניִנען און „בונד" איז געווען מיט אַ סך יאָרן צוריק. זינט דעמאָלט האָט זיך אַ סך געענדערט אין דער וועלט. זינט דעמאָלט האָבן מענטשן עפּעס געלערנט. אי מיר בונדיסטן האָבן עפּעס געלערנט, אי די באָלשעוויקעס זענען נישט געבליבן שטיין אויף איין אָרט. די נייַע צייַט, די נייַע געשעענישן שטויסן צו טראַכטן אַנדערש און אויך אַנדערש צו האַנדלען. איר, אַן אַלטער רעוואָלוציאָ־נער, צי זעט איר נישט, אַז רוסלאַנד עפֿנט אַ נייַע עפּאָכע, ווייַזט די אייראָ־פּעיִשע פֿעלקער אַ נייַעם וועג? מיר ייִדן, די ייִדישע אַרבעטנדיקע, טאָרן נישט בלייַבן אָפּגעזונדערט, שטיין אין אַ זייַט פֿון די רעוואָלוציאָנערע אויפֿשטייַגן. דער ייִדישער אַרבעטער האָט זייַן ראָל אויסצופֿירן. איר האָט מורא מיר זאָלן נישט אַראָפּגעשווענקט ווערן ווי אַ ייִדישע אַרבעטער־פּאַרטיי? ווועמען איז דאָס הייַנט נייטיק? פֿאַרקערט, דאָס בלייַבן אָפּגעזונדערט, אין אַ זייַט, קאָן ווערן די סיבה אַראָפּגעשווענקט צו ווערן פֿון די פֿלייצנדיקע אומעטום רעוואָלוציאָנערע כוואַליעס. דאַקעגן צוזאַמען, ווי אַן אָטריאַד פֿון דער גאַנצער מחנה, וועלן מיר זיך פֿאַרשטאַרקן, אויספֿירן די ראָל, וואָס ליגט אויף אַ ייִדישער אַרבעטער־פּאַרטיי.

— טאַכטער, רעדסט דאָך ווי אויף אַ מיטינג, ענטפֿער בעסער אברהמלען אויף זייַן פֿראַגע, צי מ'וועט דולדן אַ ייִדישע פּאַרטיי, ייִדן זאָלן זיך פֿירן לויט אייגענע פּירעכצן.

ס'איז געווען מייַן אופֿן פֿון רעדן: עמאָציאָנעל, מיט באַגייַסטערונג, מיט איבערצייַגונגס־קראַפֿט. כ'האָב דאָס מאָל געפֿאָלגט מייַן פֿאָטער און אָנגעהויבן אויפֿצוקלערן אברהמלען דעם אונטערשייד פֿון די אַמאָליקע וויכּוחים צווישן „בונד" און לעניִנען און דער איצטיקער רעאַליטעט, אַ רעאַליטעט וואָס עפֿנט פֿאַר דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג טיר און טויער. אברהמל קאַמאַשנמאַכער האָט זיך צוגעהערט מיט אַן אָפֿן מויל און זיך אָפּגערופֿן:

— הלוואַי, הלוואַי פֿון אייַער מויל אין גאָטס אויער, כ'מיין אין לעניִנס

אויער. איך, חברטע אסתר, איך בין מסתמא שוין צו אַלט צו באַנעמען דאָס אַלץ, וואָס קאָכט זיך ווי אין אַ קעסל. איך וואָלט געוואָלט ס׳זאָל זײַן אַזוי ווי איר זאָגט, נאָר איך האָב מורא ס׳זאָל זיך נישט אויסלאָזן שלעכט...

אָ, וויפל הייסע וויכוחים איז מיר נאָך, אי פריִער, אי שפּעטער, אויסגעקומען צו פירן אַרום די זעלבע ענינים! מ׳האָט מיר אויך געהאַט ערגעץ אין אַן אויסלענדישער צײַטשריפט דערמאָנט איך זאָל האָבן געזאָגט, אַז אויב איך וואָלט נישט געווען אין רוסלאַנד, אויב וואָלט איך געווען אין פּוילן, רומעניע אָדער ערגעץ אַנדערש, וואָלט איך צו דער קאָמוניסטישער באַוועגונג נישט צוגעשטאַנען. איך דערמאָן מיך הײַנט נישט ווען און בײַ וואָסער געלעגנהייט איך זאָל דאָס האָבן געזאָגט. אָבער וואָרשײַנלעך וואָלט אַזוי געווען. די ליבשאַפט, איבערגעגעבנקייט צו דער ייִדישער אַרבעטערשאַפט, צו אַלע גײַסטיקע ווערטן פונעם ייִדישן פאָלק זענען געווען אײַנגעפלאַנצט, אײַנגעבאַקן טיף אין האַרץ. נישט איך, נישט די אַנדערע האָבן פאַרויסגעזען, געאַנט מ׳זאָל זיך מוזן שיידן מיט דעם אַלעמען. ווען מיר זענען אין מערץ 1921 אַרײַן אין דער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, האָבן מיר דאָס געטאָן מיט דער אויסרעכענונג אַרײַנצוגיין ווי אַ גאַנצער אָטריאַד און איבערצובויען, אויסצובררייטערן די ייִדישע אַרבעטער־באַוועגונג אין די ראַמען פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. אויף דער מערץ־קאָנפערענץ, אין 1921, ווען ס׳איז ענדגילטיק באַשלאָסן געוואָרן זיך צו פאַראייניקן מיט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, האָב איך אומגעפער אַזוי געזאָגט: ס׳וועט אויסוואַקסן אַ שטאַרקער ייִדישער אַרבעטער־קלאַס בײַ דער זײַט פון די רוסישע אַרבעטער, בײַ דער זײַט פון די אַרבעטער פון אַלע פעלקער. אויב מיר וועלן וועלן, אויב מיר וועלן ווי געהעריק אַרבעטן, וועט אין די רייען פון דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אַנטשטיין דאָס, וואָס ס׳איז געווען דער „בונד". מ׳האָט מיך שטאַרק אַפּלאָדירט. און פון אונדזערע מײַלער האָט זיך אַרויסגעריסן דאָס געזאַנג פון דער בונדישער שבועה. אַ סימן מיר האָבן געגלייבט, אַז אַזוי וועט עס זײַן.

פון אונדזערע אויסרעכענונגען און האָפענונגען האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. מיר האָבן געמוזט אַרײַנטרעטן ווי יחידים און נישט ווי אַן אָרגאַניזאַציע פון דער ייִדישער אַרבעטערשאַפט. צי איז דאָס נישט געווען פאַר מיר קיין שלעכטער סימן? איך דערמאָן מיך, אַז ס׳האָט מיך צעקלעמט, שטאַרק צעקלעמט. אָבער צײַטווײַליק. דער ענטוזיאַזם האָט פאַריאָגט די צעקלעמטקייט. דערצו נישט געכאַפּט זיך דעמאָלט, אַז שוין אין בוי פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, אין דעם מאַנאַליט, אין דער צענטראַליזאַציע ליגט נישט ווייניק געפאַר. ס׳רוב פון די דעמאָלסטיקע אָרגאַניזירטע ייִדישע אַרבעטער האָבן געהאַט אַ

געזונטן חוש. זיי האָבן אונדז נישט נאָכגעפֿאָלגט, נישט די פֿון „בונד" און נישט די פֿון אַנדערע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס.

די ייִדישע אַרבעטער־באַוועגונג איז דעמאָלט אָפּגעווישט, אָפּגעמעקט געוואָרן פֿון דער לאַנד־קאַרטע פֿון רוסלאַנד, אָפּגעמעקט ביז הײַנטיקן טאָג. צי האָב איך דאָס דעמאָלט, איך די אַרבעטער־פֿירערין, נישט געזען? יאָ און ניין. ס'האָט טיף אינערלעך געקלעמט, אָבער מ'איז שוין געווען אין שיכּרות, וואָס אַנטווייטיקט אַ ווייטיק, וואָס לאָזט אויך נישט זען די ווירקלעכקייט. די שיכּרות האָט מיך געהאַלטן אין אײַזערנע צוואַנגען אַ צענדליק יאָר. איבער פֿופֿצן יאָר פֿון מײַן לעבן זענען פֿון מיר אָפּגעריסן געוואָרן. די אויסניכטערונג איז געקומען זייער לאַנגזאַם. ווען? צי ערשט בײַ די ערשטע קלעפּ? אַ סבֿרה פֿריִער, כאָטש די שיכּרות האָט ווײַטער געהאַלטן אין קלעם. שווער זיך פֿאָר־צושטעלן וואָס פֿאַר אַ לאַנגער און שווערער פּראָצעס ס'איז די אויסניכטערונג פֿון אַזאַ שיכּרות. איך שרײַב אויך הײַנט ווי אין שיכּרות, מיט אַ משוגענער גיכקייט און ווי אין בין־השמשות. דאָס קאַרגע ליכט פֿון ווײַסן, דרויסיקן שניי טריפֿט קוים אַרײַן דורך די מיט פֿראָסטיקע געמעלן באַמאָלענע שויבן. די אויגן פֿאַרטרערט, דער אָטעם פֿון שרײַבן רײַסט זיך איבער.

*

כ'פֿאַרליר דעם חשבון פֿון דער צײַט. ס'פֿאַרפּלאָנטערן זיך די טעג. די צײַט שטעלט זיך פֿון מאָל צו מאָל ווידער אָפּ. אַזוי ווי אין די תּפֿיסות, ווען כ'בין געווען איזאָלירט אין אַ „אָדינאָטשקע". דאָ קומען פֿון מאָל צו מאָל אונטער פֿאַרלויפֿעניש, וואָס פֿאַרגליווערן די צײַט, פּונקט ווי זיי פֿאַרגליווערן דאָס בלוט אין די אָדערן, בפֿרט אַזאַ פֿאַרלויפֿעניש:

ס'איז געווען אויף צו מאָרגנס נאָכן האָבן פֿאַרשריבן אַ היפּשע צאָל בלעטלעך און האָבן זיי באַשטאַט. כ'האָב זיך אין גרויען פֿרימאָרגן געלאָזט ווײַלגיין, געבליבן לענגער אויף דער נאַרע. די פֿיס זענען בײַנאַכט געווען ווי געליימט, שווער געווען זיי צו דערוואַרעמען. כ'בין אַרויס פֿון באַראַק שפּעט. דער פֿריִער טאָג, אַ שאַרף־פֿראָסטיקער, די לופֿט ווי גלאָז, פֿאַרהאַקט דעם אָטעם, שנײַדט ווי מיט אַ מעסער די הויט פֿון פּנים. איך שפּאַן לאַנגזאַם אויף מײַנע קראַנקע פֿיס צום קאַנטאָר. און אָט דערזע איך, נאָך מער דערפֿיל איך, אַז נאַטשאַלסטוואָ פֿון לאַגער איז געשטעלט אויף די פֿיס. מע אײַלט זיך, מע רופֿט זיך איבער, מ'גרייט זיך אַרויסצומאַרשירן. בלויז אַ גרויסער בערנאַרדינער שטייט רויִק בײַם הויפּט־ביוראָ, דרייט מיטן הינטישן ווײדל ווי אַ יחסן, וואָס האָט אַ סך אויפֿגע־טאָן. וואָס איז געשען? צי דערנענטערט זיך די מלחמה צו אונדזער ווײַטער, ווײַסער וועלט? כ'האָב אָבער, איידער כ'בין די עטלעכע פֿאַרשווינען אין אײַלעניש

אַראָפּגעגאַנגען פון די אויגן, מיט אָנגעשפּיצטע אויערן אויפגעכאַפּט: „אַ קו... אַנטלאָפן מיט אַ קו"... צי נאַרט מיך נישט אָפּ מײַן געהער? מײַן חוש השמיעה איז שטאַרק אויסגעשאַרפט געוואָרן. איך דערהער דעם מינדסטן קלאַנג, אַ שאָרך. צום אויער איז פּאָרט דערגאַנגען: „אַ קו... אַנטלאָפן..." וואָס איז דער טײַטש דערפון? נישט דאָ אין לאַגער, נישט אין שכנישן, מאַנסבילשן לאַגער זענען פאַראַן קי, קיין איין איינציקע קו נישט. אפשר דוכט מיר פּאָרט, אַז כ'האָב געהערט די אומפאַרשטענדלעכע ווערטער? אין קאָנטאָר איז שאַ־שטיל. מען רעדט מיט אַ פּליסטער. אויף דער פרײַ וואָלט מע געזאָגט: אַזוי שטיל, ווי אַ טויטער וואָלט דאָ געלעגן. אין לאַגער איז נישטאָ קיין שום דרך־ארץ פאַר אַ טויטן, מע קוקט זיך אויף אים נישט אום. מיטן טויט איז מען היימיש, „אויף דו" מיט אים. וואָס באַדײַט פּאָרט די פּליסטערניש? די סודותדיקייט?

— וואַסילי, וואָס איז געשען?

— גאָרנישט, גאָרנישט, באַבושקאַ, זײַט נישט טשעקאַווע, איר זענט נישט קיין יונג מיידל, טוט אײַער אַרבעט. נישטאָ הײַנט קיין סך אַרבעט פאַר אײַך, איר וועט קאָנען גיין שלאָפן. איר האָט דאָך ליב צו שלאָפן בײַ טאָג.

קיינמאָל יאָגט מיך וואַסילי נישט אונטער. קיינמאָל רעדט ער נישט אַזוי געהיימנישפול. וואָס באַדײַט דאָס אַלץ? אין די אויערן קלינגען נאָך אָפּ די ווערטער: „קו... אַנטלאָפן..." אין לאַגער וואַקסט אויסטערליש דער נײַגיר, ער איז געמישט מיט אומזיכערקייט, שרעק. ערשט שפּעט בײַ טאָג, ווען כ'בין אַוועק אין לאַגער־שפּיטאָל מ'זאָל מיר אײַנרײַבן מיט דער שטינקנדיקער פליסיקייט די פיס, האָט די מעדשוועסטער, וואָס כ'האָב דאָס מאָל געטראָפן אַן אויפגע־לייגטע, אין דער שטיל מיר פאַרטײַטשט די רעטעניש: די קו איז אַ מענטש, אַן אַרעסטאַנט, אַ נײַ־געקומענער אין לאַגער. האָבן זיך מסתמא מיטן נישט־דערפאַרענעם יונגנמאַן דערפרייט צוויי געביפטע קרימינעלע. דער לאַגער, די אַרבעט אין די גרובן האָבן זיי נישט געשמעקט. ס'איז געווען סוף זומער. אַנט־לויפן איז נישט מעגלעך נישט נאָר צוליב די ווייטע שטחים ביז אַ ישוב, ווינטער צוליבן שניי און פראָסט, נאָר אויך צוליבן הונגער. נישטאָ וואָס צו עסן אויפן וועג. רעדן אַן אַזעלכע ספּעציאַליסטן אין זייער פאַך אַ גרינעם, פּאָליטישן „פאַרברעכער" צו אַנטלויפן מיט זיי צוזאַמען. אויפן וועג מאַכט מען פון אים פליש, מ'האָט מיט וואָס זיך צו באַשפּײַזן און מ'לויפט ווײַטער.

ווען זייער ויברח האָט מען זיך געכאַפּט שפּעט. ס'האָט זיך געלאָזט נאָך זיי אַ גאַנצער עסקאַדראָן. ס'איז אים מסתמא צו הילף געקומען אַן אומגע־ריכטער, פרי אַראָפּגעפאַלענער שניי. מ'האָט די צוויי קרימינעלע געכאַפּט, גע־בראַכט אין לאַגער, געמישפּט אויפסניי. וואָלטן זיי געווען פּאָליטישע זעקן,

וואָלט דער אורטייל געווען טויטשטראָף, אַפילו אָן אַ מישפט. קרימינעלע פאַרברעכער זענען פריווילעגירט. מ׳האָט זיי צוגעלייגט אַ היפש ביסל יאָרן צו זייער „סראָק״, איבערגעפירט אין נאָך אַ שווערערן לאַגער. דעם דריטן, דעם פּאָליטישן „פאַרברעכער״, האָט מען נישט געכאַפּט. ס׳איז פאַרבליבן אַ סוד: ווי אַזוי איז ער נעלם געוואָרן? נעכטן אינדערפרי, בײַם אויסמעסטן אַ שטח פאַר אַ נײַעם לאַגער, אַ וואָסערע 10 ווערסט פון דאַנען, האָט אַ בערנאַרדינער זיך אָפּגעשטעלט בײַ אַן ענג רומל נידעריקע קוסטעס צווישן וועלכע די „פורגאַ״ האָט אויסגעקערט דעם שניי. דער דרעסירטער הונט האָט דערשנאָפּט אַ קערפּער. דער פראָסט האָט דעם טויטן גוט קאָנסערווירט. ס׳איז געווען אויסגעשניטן בלויז דאָס גראָבע פלייש פון דער „קו״. אַ בריגאַדיר איז אונטער אַ שמירה געקומען ראַפּאָרטירן פאַר דער אַנדראָנאָווע.

די מעדשוועסטער, אַ לאַנג־יאָריקע אַרעסטאַנטקע, אַ גרויסע קענערין פון לאַגער־געשעענישן, האָט מיר די זאַך איבערגעגעבן אין דער שטיל, אָבער פּינקטלעך. מיר האָט פון דער פּינקטלעכער אויסטײַטשונג אָנגעכאַפּט אַ דרייעניש אין בויך. כ׳האָב דערנאָך אויסגעבראָכן די מיטאָגדיקע „באַלאַנדאַ״ מיטן ליימיקן ברויט. די אויסטערלישע געשיכטע האָט מיך אָפּגעריסן פון מײַן אייגענער געשיכטע. נישט געקאָנט דערנאָך פירן מיטן בלײַפעדער איבערן בייגעלע פּאַפּיר.

✶

...קאַלט. בײַ נאַכט האָט געשיט אַ שניי. ס׳האָט געוואָיעט אַ זאַווערוכע, נישט די „פורגאַ״, זעט אויס. די ערד איז אומעטום באַדעקט מיט שניי. אַן אומענדלעכע, ווײַסע דעק.

— זיי האָבן נישט קיין הצלחה, די אַנטלאָפענע מיט דער קו. אַזאַ שניי אַ סך פריִער וואָלט פאַרשיט די שפּורן.

אַזוי האָט אַ זאָג געטאָן וואַסיליס רעכטע האַנט, אַלעקסאַנדער דער צווייטער, ווי מען רופט אים דאָ. וואַסילי האָט שטרענג אַ קוק געטאָן אויף אים:

— פּלוידער נישט! אַרבעט! פאַראַן הײַנט אַ סך אַרבעט!

פאַר מיר הײַנט אויך געווען אויף גאַנצע דרײַ שעה אַרבעט: רעווידירן חשבונות, אויסזאָרטירן פאַרשריבענע פּאַפּירן און פּאַפּירלעך. אויך דאָ פאַר־שרײַבט מען אָן אַ שיעור פּאַפּיר. אַלץ ווערט פאַרצייכנט, פאַרשריבן, דערנאָך קאָנטראָלירט. דער גאַנצער לאַגער מיט זײַן ווירטשאַפט, מיט אַלע היגע „ביר־גערינס״, די טויטע אויך, אַלץ און אַלע זענען אַרײַנגעצויגן אין חשבון־ביכער, אויף בויגנס און בייגעלעך פּאַפּיר. דאָ ווייסט מען נישט פון דעם פּאַפּיר־מאַנגל פון וואָס דאָס לאַנד לײַדט. מיר שפּילט דאָס צו. כ׳בין גוט ספּעציאַליזירט אין גנבע־נען פּאַפּיר. הײַנט אַרײַנגערוקט אין מײַנע שמאַטעס אַ גאַנצע זשמעניע בייגעלעך.

# III

כ׳האָב זיך פאַרהאַלטן בײַם יאָר 1921, אַ יאָר, וואָס האָט צוגעחתמעט דעם אָנהייב פון מײַן שפּעטערדיקן באַרג־אַראָפּ. ס׳האָט זיך פאַרענדיקט אַ תקופה. מײַנע וואַנדערונגען האָבן זיך אויך קוים פאַרענדיקט. נאָך מיט אַ יאָר פריִער האָב איך זעקס חדשים געלעבט אין האַמעל. כ׳האָב אומעטום געלאָזט עפּעס פון זיך גופא. געווען דאָ אין דער פרעמד און פאַרלאָזנדיק די שטאָט געלאָזט אַ טייל פון זיך. אין האַמעל געווען אַ היפּשע ייִדישע באַפעלקערונג. די באַוועגונג האָט זיך דאָרט געניייטיקט אין מיר. און אַז מ׳האָט זיך געניייטיקט אין מיר, איז געגומען די קינדער מיט דער אַם און כ׳לאָז מיך אַהין. סוף 1920 אַריבערגעפאָרן קיין מאָסקווע. דאָס מאָל איבערגעוואַנדערט מיט אַ גוט געפיל. מאָסקווע האָט מיך שטענדיק געצויגן צו זיך. שטענדיק באַגערט צו זײַן אין צענטער, ווו עס קאָכן זיך אויס אַלע געשעענישן. כ׳האָב קיינמאָל נישט ליב געהאַט צו לעבן אויף אַ זײַטיק אָרט. כ׳האָב זיך גיך דערפילט איינזאַם, איזאָלירט. דעריבער געווען אַזוי אומדערטרעגלעך די איזאָלאַציע אין די מאָסקווער תפיסות.

שוין בײַ מײַן אָנקומען קיין מאָסקווע בין איך נישט געווען קיין פּנים חדשות. שוין דעמאָלט האָט מען אין די הויכע פענצטער געקוקט אויף מיר ווי אויף אַזעלכע, וואָס פירט דעם רוסישן „בונד״ צום באָלשעוויזם. זיי האָבן זיך נישט טועה געווען, כאָטש כ׳בין נישט געווען אַליין. מיר זענען געווען אַ גאַנצע גוואַרדיע, וואָס האָט געפירט די ייִדישע אָרגאַניזירטע אַרבעטערשאַפט צום קאָמוניזם. מ׳האָט מיך אויפגענומען אין מאָסקווע מיט אָפענע אָרעמס. אַלע טירן און טויערן זענען אָפן געווען פאַר מיר. ס׳זענען נאָך געווען די האָניק־חדשים פון דער רעוואָלוציע.

כ׳האָב זיך געגרייט צום אַריבערפאָרן קיין מאָסקווע ווי צו דער גרעסטער געשעעניש אין מײַן לעבן. אַ נײַע תקופה הייבט זיך אָן. בײַ אַזאַ געלעגנהייט פירט מען דורך אַ שטיקל חשבון־הנפש. כ׳בין דעמאָלט אַלט געוואָרן 40 יאָר. מער ווי אַ העלפט פון מײַן דעמאָלטיק לעבן געהאַט אָפּגעגעבן דעם ייִדישן אַרבעטנדיקן פאָלק. געהאַט דורכגעמאַכט תפיסות, פאַרשיקונגען, אומלעגאַל לעבן, אויסוואַנדערונגען אין אויסלאַנד. אומעטום, בײַ אַלע אומשטענדן, געווען אַרײַנ־

געטאָן מיט לײַב און לעבן אין דער זאַך פֿון סאָציִאַליזם. קיינמאָל נישט געהאַט קיין צײַט זיך אומצוקוקן אויף זיך גופֿא, אויף מײַן אויסזען. נישט איין מאָל דערשטיקט אין זיך די ווײַבלעכע געפֿילן. צי האָט דאָס אַלץ מיר נישט געאַרט? יאָ געאַרט, אָבער איבער אַלץ איז געווען די זאַך וועלכער כ׳האָב זיך אָפּגעגעבן.

מיט אַמאָל זיך אַרומגעזען, אַז כ׳בין אַ פֿערציק־יאָריקע פֿרוי. ווי שנעל ס׳איז אַוועק די יוגנט! כ׳בין פֿערציק יאָר אַלט! צי האָב איך אויפֿגעטאָן אין דער יוגנט דאָס, וואָס כ׳האָב באַגערט אויפֿצוטאָן? אומבאַמערקטערהייט אַלט געוואָרן 40 יאָר. אַזאַ עלטער איז, אַ סברה, בײַ יעדן מענטש אַן איבערברוך. אָבער כאָטש מײַן לעבן איז געווען זייער אַן אינטענסיוועס, האָב איך מיך נישט געפֿילט אין דעם עלטער, פֿאַרקערט, געפֿילט זיך אַ סך ייִנגער, און דורכויס געוואָלט זײַן, אויסזען ייִנגער. אַ ווײַבערישע טבע? מסתמא גיכער אַ מענטשלעכע טבע. קיין שום מענטש וויל נישט עלטערן זיך, וויל בעסער אויסזען ייִנגער ווי עלטער.

כ׳האָב אָנגעהויבן זיך באַטראַכטן אין שפּיגל, איבערקוקן מײַן טואַלעטע. איך פֿאַר דאָך קיין מאָסקווע. באַגערט צו דערשײַנען אויך אויסערלעך ווי אַמבעסטן. די טואַלעטע ווי די טואַלעטע, נאָר דער שפּיגל האָט קיין גוטן בילאַנס מיר נישט צוגעשטעלט. כ׳האָב צום ערשטן מאָל דערזען קליינע קנייטשן אַרום די אויגן, אַרום מויל, בײַ די שלייפֿן; מײַן אַמאָליק שמאָל פּנים, האַרט ווי אַ פּויסט, איז געוואָרן ברייטער, די מוסקולן לויזער, דער אַבריקאָז־קאָליר פֿאַר־בלאַסט, די האָר אויפֿן קאָפּ שיטערער. וואָס פֿאַר אַן אומאָנגענעם געפֿיל! דאָס האַרץ איז יונג און דאָס פּנים, דער קערפּער הייבן אָן זיך עלטערן. כ׳האָב אָנגעמאָסטן עטלעכע עלעגאַנטע קליידלעך, וואָס כ׳האָב געהאַט אײַנגעקויפֿט אין ווין, אין גענעווע. זיי זענען שטאַרק ענג געוואָרן, פּלאַצן אויף מיר. מײַן שלאַנקע פֿיגור האָט זיך אויך געענדערט. מסתמא שטופּנווייז דיקער געוואָרן. קיינמאָל נישט געהאַט קיין צײַט זיך איבערצוווּעגן, ס׳איז מיר כלל נישט געלעגן אין זינען אַזאַ זאַך. פּלוצעם זיך אַרומגעזען, איך נעם צו וואָג. זאָגן, אַז ס׳האָט מיר נישט געקימערט, וואָלט געווען אַ ליגן, אָבער, כ׳האָב אָפּגעשטופּט די געדאַנקען וועגן דעם. פֿאַראַן דאָך אַזוי פֿיל גײַע, ברענענדיקע ענינים. צי טאָר מען אײַנשפּאַנען די רעיונות אין אַזעלכע זאַכן? כ׳האָב געטריבן פֿון זיך דעם געדאַנק וועגן דעם און ער איז צוריק געקומען. כ׳האָב אָנגעהויבן פֿאַרזיכטיק צו זײַן מיטן עסן, נישט דיקער צו ווערן. כ׳האָב אָפּגעזוכט אַ שניידערקע ברייטער צו מאַכן די קליידלעך. ס׳האָט זיך נישט אײַנגעגעבן, כ׳האָב צוגענומען צופֿיל וואָג. צום ערשטן מאָל האָב איך פֿאַרלוירן אַזוי פֿיל צײַט אויף זוכן שטאָף און לאָזן אויפֿנייען אַ קליידל. קיין אויסוואַל איז דעמאָלט נישט געווען.

כ׳האָב זיך דערנאָך געכאַפּט: קראַטן פּאַסן זיך נישט צו מײַן איצטיקער פיגור, זיי מאַכן מיך נאָך ברייטער. דער נײַער קאָסטיום איז מיר אויך נישט געפעלן. כ׳האָב לסוף אַ מאָך געטאָן מיט דער האַנט, געפּרוווט פאַרגעסן אין מײַן אויסזען, אין מײַן טואַלעטע. מ׳דאַרף טראַכטן בלויז וועגן איינס: כ׳הייב אָן אַ נײַ לעבן. פּאַרט אָפּגעריסן אַ ביסל צײַט, געלאָזט זיך איבער האָמעלער גאַסן ביז כ׳האָב אָפּגעפונען אַ געוועלב פון קאָסמעטיק. צום ערשטן מאָל אַרויפגעלייגט אויפן פּנים אַ קרעם, אַ ביסל פּודער. דעם רויט אויף די ליפּן, דעם פּודער גלײַך אָפּגעווישט, ס׳האָט מיר געדוכט כ׳זע אויס העסלעך דערמיט.

אין מאָסקווע האָב איך אין אַלץ פאַרגעסן. אפשר נישט אַזוי פאַרגעסן ווי אויפסנײַ פאַרשלונגען געוואָרן אין נײַע באַשעפטיקונגען, אין שטוביקע דאגות. דאָס איבערפלאַנצן זיך אויף אַ נײַעם באָדן איז אָפּטמאָל פאַר קינדער שווע־רער ווי פאַר דערוואַקסענע, אַפילו פאַר גיטעס קינדער אין יונגן עלטער. פריידעלע איז שוין געווען אַ דערוואַקסן מיידל און זיך דערפילט אָן אויסגע־וואָרצלטע צום צווייטן מאָל. זי האָט ליב געהאַט איר געבורט־שטאָט, צוגעבונדן געווען צו איר שולע, מער ווי צו אַלץ געווען צוגעבונדן צו באָבע־זיידע, וואָס האָבן זי אויסגעהאָדעוועט. זי האָט געבענקט, קיין אָרט זיך נישט געקאָנט געפינען.

— מאַמע, כ׳האָב נישט געדאַרפט פאָרן מיט דיר. קיין האָמעל אויך נישט, געדאַרפט בלײַבן אין מינסק.

— אין מינסק? בײַ דער באָבען?

— יאָ, אין מינסק, בײַ דער באָבען.

— דער זיידע איז קוים וואָס ער לעבט, די באָבע האַלט זיך קוים אויף די פיס, זיי האָבן גענוג דאגות אָן דיר.

— מיט מיר וואָלטן זיי נישט געהאַט קיין דאגות, כ׳בין שוין נישט קיין קינדעלע.

— ביסט נישט קיין קינדעלע און ווילסט זיך אָנהאַלטן בײַ דער באָבעס פאַרטעך.

— כ׳וויל מיך נישט אָנהאַלטן אין קיינעמס פאַרטעך, נאָר כ׳וויל נישט... כ׳וויל נישט שטענדיק זײַן אַליין.

— ביסט דען אַליין? און איך, דײַן מאַמע, רעכנט זיך נישט?

— ווען ביסטו אין שטוב? ביסט בײַ טאָג און בײַ נאַכט פאַרנומען.

— אין מינסק בין איך דען נישט געווען פאַרנומען?

— אין מינסק האָב איך געהאַט די באָבע, דעם זיידן, געהאַט אַ סך חברטעס. דאָ האָב איך אין שטוב נישט צו וועמען אַ וואָרט אַרויסצורעדן.

יעדעס מאָל ווען פריידעלע האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן איר באַדויערן דאָס

פאַרלאָזן מינסק, האָט זיך מיר דערמאָנט, אַז כ׳האָב מײַן קינד אַ סך עוולות געטאָן. זי איז געווען אַ קינד, וואָס האָט נישט געהאַט קיין טאַטן און אַ מאַמע בלויז פון דער ווײַטנס. איצט האָט זי נישט ווען אַ וואָרט צו מיר אַרויסצורעדן, ווי זי זאָגט. כ׳בין אויך דאָ גלײַך אײַנגעזונקען אין דער אַרבעט. ווען איך בלײַב אָן אָוונט אין שטוב, בין איך צוגעשמידט צום טיש בײַם שרײַבן. איך רעדאַגיר גאָך דעם מינסקער „וועקער״. דער טאָג, דער אָוונט איז צו קליין פאַר מיר, כ׳האָב געטראָפן בײַ מײַן אָנקומען קיין מאָסקווע אַ צוזאַמענפאָר פון יידישע קולטור־טוער. פון אַן אָנטיילנעמער מאַכט מען פון מיר דעם אָנפירער פונעם צוזאַמענפאָר; איך קאָנפערויר מיט די דעלעגאַטן ביז שפּעט אין אָוונט, כ׳בין אין די קאָמיסיעס, מ׳גרייט רעזאָלוציעס. ווידער זע איך די קינדער בלויז שלאָפנ־דיק, ווי מײַן טאַטע האָט מיר געזאָגט. מײַן פריידעלע מוז זיך אויפסנײַ צוגעוווינען, אַז איר מאַמע איז זייער אַ פאַרנומענער מענטש. צי מאַכט זי שלום דערמיט? אויב יאָ, ליגט עס מיר אויך שווער אויפן האַרץ.

*

...לויט דער נומעראַציע פעלט דאָ אַ בלעטל, צוויי זייטלעך; אַ צווייט בלעטל, פאַרשריבן אויף ביידע זייטן — נישט לייענבאַר; פון איינצעלנע ווער־טער קאָן מען זיך אָנשטויסן, אַז ס׳האַנדלט זיך וועגן אַ שילדערונג פון לאַגער...

ס׳איז דאָס יאָר 1921. דאָס יאָר פון מײַן כלומרשטן גליק און ווירקלעכן אומגליק. מיך האָט אין דער שטיל שווער געדריקט דאָס, וואָס מיר זענען אַרײַן אין דער קאָמוניסטישער פאַרטיי נישט ווי אַ יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, אַזוי ווי מיר האָבן באַגערט, נאָר ווי יחידים. דאָס שווערע געפיל איז אָבער פאַרטויבט געוואָרן. מ׳האָט מיר גלײַך דערנאָך פאַרגעלייגט צו זײַן דעלעגאַט אויפן דריטן קאָנגרעס פון קאָמינטערן, וואָס איז פאַרגעקומען אָנהייב זומער. ס׳האָט זיך געעפנט פאַר מיר אַ נײַע, ברייטע וועלט. מײַנע קענטעניש פון פרעמדע שפּראַכן זענען מיר נאָך קיינמאָל אַזוי נישט צונוץ געקומען. כ׳האָב מיך צונויפגערעדט און באַפרײַנדעט מיט מענטשן פון אַ סך לענדער. זינט דעמאָלט האָבן מײַנע נאָענטע באַקאַנטשאַפטן מיט קאָמינטערן־מענטשן, סײַ פון אויס־לאַנד, סײַ פון לאַנד, אָנגעהאַלטן ביז די טראַגישע יאָרן. אָט אַזוי האָב איך באַלד פון אָנהייב געלאָזט זיך שווימען אויף די ברייטע וואַסערן, געשווומען, און, ווי מ׳האָט געזאָגט בײַ אונדז אין מינסק, געלייגט קלאַפּטערן, ברייט פאַר־מאָסטענע באַוועגונגען געמאַכט, אָן אָפּהאַלט. ווי האָב איך געקאָנט אַנען, אַז כ׳וועל נאָך קאַרגע אַנדערהאַלבן צענדליק יאָר אין די־אָ וואַסערן אָנהייבן זיך טרינקען, דערטרונקען ווערן מיט אַלע מײַנע נאָענטע? האָט מען זיך גאָר געקאָנט

דאָס פֿאַרשטעלן? האָט װעמען געקאָנט אײַנפֿאַלן פּאַרויסצוזען? דער מענטש גלייבט בכלל מער אין גוטן װי אין שלעכטן.

באַלד פֿון אָנהייב האָט מען מיך, אַ נײַ־געקומענע, צוגעטיילט צום פֿרויען־אָפּטייל פֿון צענטראַל־קאָמיטעט און צום קאָמיסאַריאַט פֿון פֿאָלקס־בילדונג, װאָס איז געװען דעמאָלט אָנגעפֿירט פֿון דעם זעלטענעם מענטש — פֿון לונאַ־טשאַרסקין. װער װייסט צי ער װאָלט הײַנט נישט געטיילט מײַן גורל? אפשר האָט ער געהאַט אַ גליק װאָס ער איז געשטאָרבן יונג, אין 1933? בײַ דער צײַט פֿון לונאַטשאַרסקין האָב איך אָנגעפֿירט מיט דער ייִדישער בילדונגס־סעקציע, אָן אַרבעט, װאָס איז מיר נאָענט געװען. בײַ אָט־דער אַרבעט געמאַכט באַקאַנטשאַפֿט מיט נאַדיעזשדאַ קרופּסקאַיאַ, װאָס איז געװען באַשעפֿטיקט אין קאָמיסאַריאַט פֿאַר פֿאָלקס־בילדונג. מיר זענען גיך געװאָרן נאָענטע פֿרײַנד. כ׳האָב זי באַטראַכט פֿאַר מײַן עלטערער שװעסטער. אונדזער פֿרײַנדשאַפֿט האָט אָנגעהאַלטן אויך אין די שװערע צײַטן, װען זי איז געװען אַזוי אָנמעכטיק, אויפֿגעטרייסלט װי איך. װעגן איר טויט האָב איך מיך דערװוּסט דורך אַ צופֿאַל, אין תּפֿיסה, פֿון אַ נײַער אַרעסטירטער. אָן אַנדערש מאָל װאָלט איך פֿאַרגאָסן טרערן אויף איר טויט, דאָס מאָל בין איך איר מקנא געװען. ס׳האָט איר געקאָנט טרעפֿן דער זעלבער גורל װי מיר, װי טויזנטער אַנדערע. װיפֿל מאָל האָט מען איר געדראָט!

קרופּסקאַיאַ. זי איז געװען אַ פּעדאַגאָג פֿון גאָטס באַרוף. האָט ליב געהאַט די אַרבעט. האָט ליב געהאַט מיט גרויסער ליבשאַפֿט דאָס קינד. װי שטאַרק האָט זי באַגערט צו האָבן אַן אייגן קינד! נישט איין מאָל, װען כ׳האָב איר דערציילט מײַנע שטוביקע דאגות, האָט זי געזאָגט: „ס׳איז דאָך אַ גליק, אַ גליק צו האָבן קינדער אין שטוב״. מיר האָבן זיך צונויפֿגעטראָפֿן צװיי פּעדאַגאָגן, געטיילט זיך מיט דערפֿאַרונגען, געלערנט איינע בײַ דער אַנדערער. ס׳איז געװען די צײַט, װען איבער רוסישע שטעט און דערפֿער האָבן אַרומגעבלאָנקעט צענדליקער טויזנטער פֿאַרװאָרלאָזטע קינדער, אויך ייִדישע. קרופּסקאַיאַ האָט פֿאַרגעלייגט אַ סיסטעם פֿון איבערדערציִען דורך צוגעפּאַסטער אַרבעט, דורך פּאָליטעכניזאַציע אין דער שולע. צונויפֿצוקלייבן די בלאָנדזשענדיקע קינדער האָט מען געדאַרפֿט האָבן די מיטהילף פֿון דער באַפֿעלקערונג. כ׳האָב דעמאָלט אָנגעשריבן אין רוסיש די בראָשור „ספּאַסאַיטיע דיעטיעי״ — ראַטעװעט די קינדער. קרופּסקאַיאַן איז די בראָשור שטאַרק געפֿעלן. „זי װעט אונדז העלפֿן היילן די שװערע געזעל־שאַפֿטלעכע מכּה״, האָט זי מיר געזאָגט. מיר האָבן זיך אויך צוזאַמענגעטראָפֿן אין קאָמיטעט צו העלפֿן די הונגעריקע, װאָס האָבן אַרומגעבלאָנקעט, זיך אַרום־געװאַלגערט אין די גרויסע שטעט. אין דער געמיינזאַמער אַרבעט אין יענע

שטורמישע יאָרן האָט זיך פאַרבונדן צווישן אונדז אַ קעגנזייטיקער צוטרוי. שוין דעמאָלט האָב איך געוווּסט, אַז קרופּסקאַיאַ און לונאַטשאַרסקי, מיטגלידער אין צענטראַל־קאָמיטעט, טרעטן כסדר אַרויס קעגן די פאַרפאָלגונגען און אַרעסטן פון אַנדערש־דענקנדיקע מענטשן, הויפּטזאַכלעך קעגן די אַרעסטן פון מיטגלידער פון די סאָציאַליסטישע פאָרטייען. אויך שפּעטער האָט קרופּסקאַיאַ אינטערוועניִרט, טיילמאָל מיט געוואַלד עמעצן אַרויסגעריסן פון אַ תּפיסה.

קרופּסקאַיאַ איז נישט געווען קיין גליקלעכע פרוי. אין אירע גוטע, ברוינע אויגן האָט געשטעקט אַ טיפער אומעט. זי האָט פון לאַנג געוווּסט וועגן דער שווערער קראַנקייט פון איר מאַן, געוווּסט אַז לענין איז אומהיילבאַר, און פאַרשטאַנען ווער עס וויל אים פאַר יעדן פּרײַז פאַרטרעטן. זי האָט נאָך פאַרן לעבן פון לענינען פּײַנט געהאַט סטאַלינען שנאת מוות, נישט איין מאָל זיך באַקלאָגט פאַרן קראַנקן מאַן אויף זיין גראָבער באַציִונג צו איר. זי האָט פאָרויסגעזען נישט איין אומגליק. אין דער צווייטער העלפט צוואַנציקער יאָרן האָט מען זיך איז געהיים דערציילט אַזאַ אַנעקדאָט: סטאַלין האָט צווויסן געגעבן קרופּסקאַיאַן, אַז אויב זי וועט ווײַטער פאַרטיידיקן די מענטשן פון דער אָפּאָזיציע, וועט מען באַשטעלן אַ צווייטע לענינס אלמנה אויף איר אָרט. ווען דער אַנעקדאָט איז דערגאַנגען צו קרופּסקאַיאַן, זאָל זי האָבן געזאָגט: דער אַנעקדאָט קאָן ווערן אַן אמתע מעשׂה.

זי האָט געלעבט אין גרויס אומרו, אין איזאָלאַציע, אָפטמאָל אין פאַרצווייפלונג; האָט געטראָגן אין זיך פאַרשטעקט די טראַגעדיע פון לענינען בעת זײַן קראַנקייט, בעת זײַן לאַנגער גסיסה. ווען כ׳בין געשטאַנען אויף דער ערן־וואַך בײַ לענינס אָרון צוזאַמען מיט בעלאַ קון — ווו איז ער הײַנט? — האָב איך געטראַכט וועגן מענטש, וואָס פאַרלאָזט אונדז, פאַריתומט אונדז, אָבער דעמאָלט גאָרנישט פאַרשטאַנען, אויך שפּעטער נישט. צוויי וואָכן נאָך לענינס טויט בין איך אַוועק צו קרופּסקאַיאַן. ס׳האָט זיך אָפּגערופן דער ייִדישער מינהג: מנחם־אבל זײַן. קרופּסקאַיאַ האָט געעפנט פאַר מיר דאָס האַרץ:

— מאַריאַ יאַקאָוולעוונאַ, שווער זיך פאָרצושטעלן ווי טראַגיש ס׳זענען געווען די לעצטע צײַטן און דער טויט פון איליטשן.

כ׳האָב געוואָלט זי טרייסטן און אַרויסגעפּלאָפּלט:

— נאַדיעזשדאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ, יעדער טויט איז טראַגיש, הײַנט דער טויט פון אַזאַ מענטש ווי איליטש.

— מאַריאַ יאַקאָוולעוונאַ, איליטש האָט בעת זײַן לאַנגער קראַנקייט דורכגעלעבט אַ גרויסע טראַגעדיע. נישט דאָס וואָס ער האָט געוווּסט, אַז דער סוף דערנעענטערט זיך. ניין, נישט דאָס. ער האָט דערזען אַ סך זאַכן, וואָס ער

האָט פריִער נישט געזען. ער האָט שוין נישט געקאָנט רעדן, באַוועגן זיך, אָבער דער געדאַנק איז געווען קלאָר; ער האָט זיך אָפּגעגעבן אַ רעכענונג... דאָס איז געווען די טראַגעדיע. ער האָט אפילו פאַרשטאַנען, אַז איינער וואָרט אויף...

זי האָט אָפּגעהאַקט, געגעבן אַ מאַך מיט דער האַנט, באַלד, אָנגעהויבן אויספרעגן אויף די קינדער, ווי זי וואָלט געוואָלט פאַרקערעווען דעם שמועס אויף אַנדערע רעלסן. כ'האָב זיך דעמאָלט נישט אַרײַנגעטראַכט אין אירע רייד. כ'האָב זיך געטראַכט: ס'רעדט אַרויס פון איר דער גרויסער ווייטיק. אַ ווייטיק פון אַ פרוי, וואָס פאַרלירט דעם נאָענטסטן מענטש. ס'האָט מיר צומאָל געוווּנדערט וואָס זי לאָזט זיך באַהערשן פון אַזעלכע שטימונגען, אָבער געהאַלטן דאָס פאַר זיך. ערשט אַ סך יאָרן שפּעטער באַנומען קרופּסקאַיאַס ווערטער. „איינער וואָרט..." — האָט זי געזאָגט. אויף וואָס? צי נישט אויף זײַן טויט? „ער האָט זיך אָפּגעגעבן אַ רעכענונג" — האָט זי געזאָגט. צי נישט אַז די רעוואָלוציע האָט זיך אָנגע־הויבן קײַקלען, קאָן זיך דערקײַקלען דער טײַוול ווייסט צו וואָס?

*

...מיט צוויי טעג צוריק געשטאָרבן טאַטיאַנאַ ניקאָלאַיעוונאַ. די גוטע, מוטיקע טאַטיאַנאַ. זי האָט נישט אויסגעהאַלטן. מיך האָט זי געראַטעוועט אין וואַגאָן, אויפן לאַנגן וועג צום לאַגער; געראַטעוועט, געמוטיקט מיך אויסצוהאַלטן, צו לעבן און זי האָט נישט אויסגעהאַלטן, זיך צעשיידט מיטן גיהנומדיקן לעבן. כ'האָב זיך געבעטן בײַ מײַן גוטן פרײַנד, דעם דאָקטער, ווי אַ קינד: „לאָזט איר נישט שטאַרבן, לאָזט איר נישט שטאַרבן. זי דאַרף לעבן, זי מוז לעבן". ער האָט געקוקט אויף מיר מיט טרויעריקע אויגן. כ'האָב געזען אין זיי זײַן אומבאַהאָלפנקייט, זײַן אָנמעכטיקייט. „זי האָט זיך נישט געמאַטערס ווי אַנדערע, אַרײַנגעפאַלן אין אומבאַוווסטזײַן, דאָס האַרץ האָט זיך גיך אָפּגעשטעלט". אַזוי האָט מיך דער דאָקטער דערנאָך געטרייסט. דאָס האַרץ פון דער מוטיקער טאַטיאַנאַ האָט זיך גיך אָפּגעשטעלט. די רישעות האָט זי דערהרגעט. צי וועל איך דערציִען צו דערציילן וועגן אונדזער באַגעגעניש? ווי אַזוי זי האָט אין וואַגאָן אויסגעשפּרייט איבער מיר אירע באַשיצערישע פליגלען?

ס'האָט מיר געדאַכט, אַז דער טויט ראַשט מיך שוין נישט איבער. מיר זענען דאָך אַזוי פאַרהיימישט מיט אים! ער טרעט אונדז אויף די פּיאַטעס. פאָרט האָט מיר טאַטיאַנאַס טויט אַ שטאַרקן קלאַפּ געגעבן. ס'ליגט זיך מיר הײַנט נישט די האַנט צו פאַרצייכענען די עפּיזאָדן פון מײַן לעבן. די אין זכרון־פאַרשריבענע בלעטלעך האָבן זיך איצט אַזוי צעשאָטן, אַז כ'ווייס נישט ווי אַזוי זיי צונויפּצוקלײַבן. וווּ האָט זיך איבערגעריסן דער פאָדעם? וווּ און ווי אַזוי ווידער אײַנפעדעמען? אפשר וועט מאָרגן לײַכטער זײַן?

✶

ס׳זענען דורך דריי טעג ווי טאַטיאַנאַ איז געשטאָרבן. קוים געקומען צו זיך. אויסטערליש: אַלע אַנדערע שכנות פון באַראַק האָבן זיך גאָרנישט איבער־געגנומען. ווי ס׳וואָלט געווען אַ נאָרמאַלע זאַך. אפשר טאַקע נאָרמאַל מיר זאָלן דאָ אַלע פריצײַטיק אויסשטאַרבן? דאַרף איך מיך מער צואײַלן צו פאַרשרײַבן די בלעטלעך פון מײַן לעבן. בײַנאַכט האָב איך מיר געזאָגט: ביז וואַנען דו לעבסט, ביז וואַנען די קאָנסט האַלטן דעם בלײַפעדער אין האַנט, גיי ווײַטער. דערמאָנט זיך צומאָל בײַ וואָס זיך אָפּגעשטעלט.

טראָץ דעם וואָס כ׳בין באַלד פון אָנהייב נאָך מײַן אָנקומען קיין מאָסקווע מיטגעריסן געוואָרן מיט די ברייטע, רוישיקע שטראָמען, האָב איך מיך קורץ נאָך דעם מיט מײַן גאַנצן אימפּעט אַרײַנגעוואָרפן אינעם געווירבל, וואָס מ׳האָט גערופן „יִדישע אַרבעט". האָב איך דאָך פון מײַן פריסטער יוגנט באַגערט זיך אָפּצוגעבן דער יִדישער אַרבעטערשאַפט, דעם יִדישן אַרבעטנדיקן פאָלק. די וואָס זענען פון סאַמע אָנהייב געשטאַנען בײַם רודער פון דער אַרבעט האָבן געזען אין מיר אַ טאָפּלטן נוצן: כ׳האָב אויך פערזענלעכע פאַרבינדונגען, קאָן אָנקלאַפּן אין טירן, ווען מ׳דאַרף וועקן פאַרשטענדעניש, פועלן עפּעס, אָפּרופן אַ נישט־גינסטיקן „אוקאַז". חברים האָבן זיך נישט איין מאָל געוואַנדן צו מיר: אסתר, דאַרפסט זיך ווענדן דאָ און דאָרט. דאַרפסט אָנקלאַפּן אין אַזאַ און אַזאַ טיר, דו וועסט פועלן.

כ׳האָב אַ סך יאָרן געקלאַפּט אין אַ סך טירן. זיי האָבן זיך געעפנט פאַר מיר. ס׳האָט מיר געדוכט, אַז כ׳האָב קיינמאָל נישט געקלאַפּט אומזיסט. ס׳איז מיר אויך אויסגעקומען אָנצוקלאַפּן אין טיר פון סטאַלינען. ער האָט מיך יעדעס מאָל אויפגענומען, אויסגעהערט. אײַ כ׳האָב זיך אין די שווערע יאָרן דערוווסט, אַז ער האָט צו זײַן סעקרעטאַר אַ בייזן מרוקע געטאָן: „די היסטערישע יעווריעקע איז שוין ווידער דאָ? זאָל זי אַרײַנגיין!" איך האָב דאָס דעמאָלט נישט געוווסט. ס׳האָט מיר אויפן זינען נישט געקאָנט קומען. דאָס איינציקע אומאָנגענעמע געפיל איז געקומען פון זײַן פּנים: אויף די בילדער אַ סימפּאַטיש, שיין געזיכט; אין דערווירקלעכקייט, דער עיקר פון דער נאָענט, אַן אומאָנגענעם, מיאוס געזיכט. אָבער אויפגענומען האָט ער מיך העפלעך. ווען כ׳בין אין 1926 געקומען צו אים וועגן די שוועריקייטן אויפן מערב־אוניווערסיטעט, האָט ער מיר פרײַנדלעך פאַרזיכערט: „מאַריאַ יאַקאָוולעוונאַ, זאָרגט אײַך נישט, מיר וועלן העלפן אויפקלערן פאַר די סטודענטן, כ׳וועל אַליין קומען רעדן פאַר זיי. און ער איז געקומען. איך בין דעמאָלט געווען אין זיבעטן הימל. כ׳האָב געגלייבט

אין אַלץ. כ׳בין געווען אַ גלויביקע. אַ גלויביקער מענטש זוכט נישט צו דערגיין דעם תוך פון דער זאַך, צו דערגרונטעווען זיך. ער גלייבט און דאָס איז אַלץ.

צי בין איך אויסן דערמיט צו געפינען פאַר זיך מילדערע אומשטענדן? חס וחלילה. אין די מאָסקווער תפיסות, איצט דאָ אין לאַגער, מאַטערט מיך כסדר דער געדאַנק, אַז כ׳האָב, נישט ווילנדיק, קעגן מײַן ווילן, צוגעלייגט אַ האַנט צו דעם, וואָס האָט דערפירט דערצו. איך ווייס נישט ווי לאַנג איך וועל מיך נאָך אַרומדרייען אויף דער־אָ קאַלטער, פאַרשנייטער ערד. כ׳ווייס נישט ווי לאַנג מײַן קראַנקער, צעבראָכענער אָרגאַניזם וועט אויסהאַלטן. כ׳ווייס אָבער, אַז פון דאַנען וועל איך קיין לעבעדיקע נישט אַרויס. כ׳בין שוין, ווי מ׳פלעגט זאָגן אין מינסק, מיט איין פוס אין קבר. מײַן איינציקער פאַרלאַנג איז אויס־צוגיסן אויפן פּאַפּיר דאָס, וואָס צעקלעמט דאָס האַרץ, וואָס צעדריקט די נשמה. די פּײַן פון דער נשמה איז ווייטיקלעכער ווי די פּײַנען פונעם גוף. דעריבער פיר איך אַ מלחמה מיטן טויט, טרײַב אים פון זיך, כ׳זאָל קאָנען פאַרענדיקן דאָס, וואָס כ׳האָב דאָ אונטערגענומען. איך טראַכט טיילמאָל: און אויב וועסט דורכ־פאַלן? צי קאָנסטו נישט בעת אַן אומגעריכטן „אָביסק” אַרײַנפאַלן? דער ענטפער איז אַ גיכער: די שטראָף וועט זיכער זײַן די האַרבסטע, כ׳ווייס. ס׳וועט מיר זײַן אַ שאָד נישט צו פאַרענדיקן, אָבער דער טויט וועט מיך אויסלייזן. ווען דאָס לעבן איז גרויזאַמער פון טויט, האָט מען פאַרן טויט קיין מורא נישט. במשך אַ סך יאָרן האָט געלעבט אין מיר אַ גרויסע מורא, כ׳האָב אַפילו נישט געוווסט, אַז די שרעק האָט געשטעקט אין מיר אַזוי טיף. הײַנט האָט דער גוף נאָך מורא פאַר פּײַניקונגען, פאַר די יסורים, וואָס מען טוט אונדז אָן. מײַן באַוווסטזײַן האָט זיך באַפרײַט פון דער מורא פאַרן טויט. איך וואַרט אויף אים באַוווסטזיניק. זאָל ער מיר נאָר לאָזן צײַט צו פאַרענדיקן. אפשר וועט דאָס אַמאָל דערגיין צו די לעבעדיקע. די גוטע, קלוגע טאַטיאַנאַ האָט מיך געהאַט געפּרעגט: איז דאָס מעגלעך, די וועלט זאָל וויסן וואָס מ׳טוט דאָ אָפּ מיט מענטשן און זאָל שווײַגן? מ׳ווייסט נישט, האַ? זי איז מסתמא אויסגעגאַנגען מיט אָט דער פראַגע אויף די ליפּן.

✶

...כ׳האָב נעכטן געזאָלט דערציילן וועגן מײַן אַרבעט אין מערב־אוניווערסי־טעט. כ׳האָב דאָס געהאַט בײַ נאַכט, אויף דער נאַרע, פאַרטראַכט. אָבער נעכטן צופיל געשריבן וועגן טויט. ס׳האָט מיך אויפגערודערט. געמוזט איבעררײַסן. ס׳האָט זיך אָפּגערופן בײַ נאַכט. אין שלאָף איז עטלעכע מאָל געקומען צו מיר דער מלאך־המוות מיט דער קאָסע אין האַנט. נישט סערגיי מלאך־המוות, נאָר דער „אמתער”. ווי גיך כ׳האָב אים אין חלום דערזען, האָב איך געכאַפּט אַ

בייגעלע פּאַפּיר מיטן בלײַפּעדער, אָנגעהויבן שנעל שרײַבן — די שנעלקייט פון נאָטירן גרײַכט שוין דעם מאַקסימום. אַז דער מלאך־המוות דערזעט ווי מײַן האַנט מיטן בלײַפּעדער פליט איבערן פּאַפּיר, ווערט ער נעלם. מײַן שרײַבן אין באַהעלטעניש איז געוואָרן אַ סגולה קעגן טויט. וואָס האָב איך פאַרצייכנט אין חלום? איך דערמאָן מיך געגנוי, כ׳האָב ווי אין אַ פלאָנטער באַשריבן דעם מערב־אוניווערסיטעט, דאָס ביסל נחת, וואָס כ׳האָב געקליבן און די גרויסע צרות, וואָס כ׳האָב געהאַט, צוזאַמענסטן פון די יידישע סטודענטן. דאַרף מען איצט אָנהייבן פון דער זעלבער פּרשה.

ווען מ׳האָט מיר אָנפאַרטרויט אָנצופירן מיטן מערב־אוניווערסיטעט, האָט מען מיר דערמאָנט עטלעכע מײַנע מעלות: „איר זענט אַ דערפאַרענער, פּראָפעסיאָנעלער פּעדאַגאָג און אַ גוטער אָרגאַניזאַטאָר. איר קענט אויך אויסלענדישע שפּראַכן”. דאָס אַלץ איז נייטיק געווען, כדי אָנצופירן מיט אַזאַ אוניווערסיטעט ווי ס׳איז געווען די „מערבקע”, ווי מ׳האָט גערופן דעם אוניווערסיטעט פאַר נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין לאַנד און פאַר אויסלענדישע סטודענטן פון די מערב־לענדער. מײַנע פריערדיקע באַשעפטיקונגען זענען געווען צײַטווײַליקע. מענטשן זענען אומעטום נייטיק געווען. האָט זיך ווער געלאָזט, האָט מען אים געוואָרפן דאָ, דאָרט. כ׳האָב פון אָנהייב גאָרנישט אָפּגעזאָגט. ווען מ׳האָט מיך געשיקט אין מערב־אוניווערסיטעט האָב איך מיר געזאָגט: מ׳קאָן נישט טאַנצן גלײַכצײַטיק אויף אַלע חתונות, בפרט כ׳בין גלײַך פון אָנהייב אַרײַן אין בוראָ פון די ייִד־סעקציעס און אין דער יוגנט־בוראָ. פון אָנהייב געווען פּראָרעקטאָר פונעם אוניווערסיטעט, נאָכן טויט פון רעקטאָר, דעם באַקאַנטן אַרבעטער־טוער יוליאַן מאַרכלעווסקי, באַשטימט געוואָרן אויף זײַן אָרט. דער אוניווערסיטעט האָט זינט דעמאָלט געטראָגן דעם פאַרשטאָרבענעם רעקטאָרס נאָמען.

דער מערב־אוניווערסיטעט איז געווען אַן אמתע קוזשניע אויסצושמידן פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן, קאָמוניסטן־פּראָפּאַגאַנדיסטן, קאַדרן. אָרגאַניזירט איז דער אוניווערסיטעט געווען לויט נאַציאָנאַלע סעקטאָרן, ווו די לימודים זענען פאָרגעקומען אין דער נאַציאָנאַלער שפּראַך. חוץ די אַלגעמיינע לימודים זענען אין יעדן סעקטאָר, בפרט אויף די פאַרזאַמלונגען, באַהאַנדלט געוואָרן פּראָבלעמען, וואָס האָבן אַ שייכות צום געגעבענעם לאַנד, אָדער צו דער נאַציאָנאַלער מינדערהייט. פאַראייניקט צוזאַמען מיט די לעקטאָרן און אָנגעשטעלטע זענען די סטודענטן געווען אין דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. אויך געוויינט האָבן זיי מערסטנטיילס צוזאַמען. צוזאַמען פלעגן אויך פאָרקומען דעבאַטן וועגן אַלגעמיינע פּראָבלעמען. דורכשניטלעך האָבן זיך געלערנט לערך

טויזנט סטודענטן און אַספּיראַנטן. מ׳האָט געדאַרפט זיי קענען, פאַרשטיין זייערע שוועריקייטן, וויסן צו וואָס פאַר אַן אַרבעט יעדער־ער קאָן פּאַסיק זײַן.

אָנצופירן מיט אַזאַ מחנה מענטשן פון פאַרשידענעם עלטער, פון פאַרשידענע קולטורן, געוווינהייטן, זיטן, איז נישט געווען קיין לײַכטע זאַך. מ׳האָט אויך געדאַרפט קענען דאָס לעבן פון די לענדער פון וואַנען זיי קומען, זיך באַקענען מיט די סטודענטן פון זעלבן לאַנד. צו דעם האָט מען געדאַרפט האָבן אַ סך צײַט, אויך פאַרשטענדעניש פאַר פערזענלעכע נטיעות, אינדיווידועלע כאַראַקטערן. און איך האָב נישט געהאַט גענוג צײַט, געהאַט דאָך נאָך אַנדערע פאַראַנטוואָרטלעכקייטן, אפשר אויך נישט גענוג פאַרשטענדעניש פאַר יעדן באַזונדער, כאָטש כ׳האָב יאָ צוגענייגט דאָס אויער צו דעם און יענעמס פערזענלעכע ענינים. דער עיקר איז געגאַנגען די סטודענטן זאָלן באַקומען אַ געוויסן באַגאַזש וויסן, קודם מאַרקסיסטישן, לעניניסטישן וויסן און אַלגעמיינע אויסבילדונג. די סכעמע, וואָס דער אוניווערסיטעט האָט אויסגעאַרבעט, האָט נישט געקאָנט באַפרידיקן; אַלץ איז דאָך געווען אַרײַנגעפּאַסט אין דעם לעניניסטיש־סטאַליניסטישן סדום־בעטל. יונגע מענטשן, אויך דערוואַקסענע מיט בילדונג און דערפאַרונג, האָבן געזוכט צו פאַרשטיין די קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען, וואָס די צײַט, די געשעענישן האָבן אַרויסגערוקט. איז טאַקע שטענדיק געווען לעבעדיק, רוישיק אויפן אוניווערסיטעט. די דיסקוסיעס וועגן די פאַרשידענע פּראָבלעמען האָבן די סטודענטן פאָרגעזעצט בעת די הפסקות. אין דער גרויסער אוניווערסיטעט־געביידע אויף פּעטראָווערינגער גאַס נומער 10 איז שטענדיק געווען טומלדיק אַז דער דאָך האָט זיך געהויבן. אין גרויסן זאַל, אין די קולואַרן האָבן גרופּעס סטודענטן גערעדט, דיסקוטירט, געשפּאַרט זיך אין פאַרשידענע אייראָפּעיִשע שפּראַכן. די דיסקוסיעס און שפּאַרענישן פלעגן זיך אויך איבערטראָגן אין אינטערנאַט, אין דער וווינונג־געביידע אויף קאָסמאָדעמיאַנסקי גאַס. באַזונדער אומרו, ספיקות זענען אויפגעקומען אין דער צווייטער העלפט פון די צוואַנציקער יאָרן אין שייכות מיט דער אָפּאָזיציע. דאָס יונגוואַרג האָט זיך נישט באַנוגנט מיט אָפיציעלע ענטפערס אויף זייערע פראַגן. חוץ דער אַלגעמיינער אָנפירונג מיטן אוניווערסיטעט, וואָס איז געלעגן אויף מײַנע פּלייצעס, האָב איך אויך אָנגעפירט מיט דער קאַטעדרע מאַרקסיזם־לעניניזם און דאָ פלעגן אויפשווימען צוממײַנסטן שאלות. מען פלעגט מיך באַוואַרפן מיט פראַגן אויף וועלכע ס׳איז נישט שטענדיק לײַכט געווען צו ענטפערן. כ׳האָב דאָך געוווּסט, אַז ענטפערן דאַרף מען, קאָן מען בלויז אַזוי ווי ס׳איז פאָרמולירט אויבן, אין דער פאַרטייאישער אָנפירונג.

צוממיינסטן דאגות האָבן מיר פאַרשאַפט די ייִדישע סטודענטן. דער ייִדישער

סעקטאָר איז שטענדיק געגאַנגען אויף רעדלעך. דאָ האָט מען בעת די הפסקות גערעדט הויך, איבערגעשריִען אַלע אַנדערע. אַרײַנגעטאָן אין אַלגעמײנע פּראָבלעמען, זענען די ייִדישע סטודענטן, בפרט די היגע, באַזאָרגט געווען וועגן ייִדישע ענינים, זיי זענען אָנגעגאַנגען די ייִדישע צרות; האָבן זיי דאָך געדאַרפט זײַן צוגעגרייט צוצוהעלפן אין דער ייִדישער אַרבעט. כ׳האָב זיי אָפּגעגעבן צוממײנסטן צײַט. חוץ דעם ציקל לעניניזם, צוגעשניטן לויט דער אָפיציעלער מאָס, האָב איך אָנגעפירט מיט אַלגעמײנע סעמינאַרן פון די לעצטע לערן־יאָרן, אויף וועלכע ס׳זענען באַהאַנדלט געוואָרן די פאָרמען פון ייִדישער אַרבעט און די טעמע סאָוויעטיש־ייִדישע געזעלשאַפטלעכקייט. וואָסער מעטאָד אָנווענדן אין אַזאַ דעליקאַטן ענין? ווי אַ פּעדאַגאָג האָב איך געהאַלטן צום פּאַסיקסטן אָנצוואַרפן פּראָבלעמען, שטויסן די סטודענטן אַליין זיך פונאַנדערצוקלײַבן אין זיי, אויך אַליין צו סומירן. דער ריכטיקער פּעדאַגאָגישער מעטאָד האָט מיר נישט פאַרלײַכטערט די אַרבעט, פאַרקערט. די סטודענטן האָבן אַרויסגערוקט ברענענדיקע פּראָבלעמען, געפאָדערט אויפקלערונגען, געשטויסן צו נעמען שטעלונג, כמעט שטענדיק אָנגעוויזן אויף בולטע סימנים פון אַנטיסעמיטיזם. ס׳זענען געקומען אַזעלכע פראַגן: וואָס זענען מיר? זענען מיר אַ נאַציאָנאַלע מינדערהייט אָדער נישט? אויב יאָ, וואָס איז אונדזער נאַציאָנאַלער זין? אונדזער נאַציאָנאַלע אויפגאַבע? מײַן לאַגע איז געווען אַ דעליקאַטע, אַ שווערע. כ׳פלעג פּרוּוון אָפּקומען מיט טעאָרעטישע אויסטײַטשונגען, אָפּגעריסענע פונעם לעבעדיקן לעבן. נישט איין מאָל האָבן די סטודענטן מיר פאַרגעוואָרפן דאָס פאַרקערעווען די זאַך אויף טעאָרעטישע וועגן, כדי אויסצומײַדן קאָנקרעטע ענטפערס. איך, דאַקעגן, פלעג וואָרענען נישט צו מאַכן קיין אײַליקע, פאַלשע טריט, נישט אָפּצונייגן מיט די אייגענע ענינים אונדזער אויפמערקזאַמקייט פון די גרויסע פּראָבלעמען, וואָס דאַרפן אונדז ייִדן אָנגיין ווי אַלע אַנדערע.

בין איך דעמאָלט ערלעך געווען מיט זיך גופא? ס׳האָט מיר דעמאָלט געדוכט, אַז יאָ. דאַרף דען אונדזער יוגנט נישט באַנעמען זאַכן אַזוי ווי ס׳איז בייטיק פאַרן אויפבוי פון סאָציאַליזם? איך בין אָבער אין אַלע יענע יאָרן געווען געגליכן צו אַ ים־מושל. ווי אַזוי מ׳זאָל די מושל נישט איבערפאַרבן, ווי אַזוי מ׳זאָל זי נישט איבערשטעלן, קאָן מען נישט אָפּשטעלן, פאַרטויבן דעם אינערלעכן מורמל פון ים. בײַם גאַנצן צופּאַסן זיך, בײַ אַלע אויסטײַטשונגען אי פאַר אַנדערע, אי פאַר זיך גופא, האָט טיף אין מײַן האַרץ געווירבלט דער ייִדישער מורמל, ווי דער מורמל פון ים אין דער מושל. אויך דער געזונטער פּעדאַגאָגישער אינסטינקט, האָט אונטערגעזאָגט נישט צו מאַכן קיין אָפיציעלע קאָנקלוזיעס; כ׳האָב אָנגערעגט אַליין צו טראַכטן. נישט איין מאָל איז דאָס געווען אַ גליי־

טשיקער וועג. זייער אויספיר האָט דאָך געקאָנט זײַן אַ פּאַרקערטער ווי די אָפּי־ציעלע שטעלונג. בין איך צוגעשטופּט געוואָרן צו דער וואַנט, האָב איך מיך געראַטעוועט מיט עקסקורסיעס אין דער פּאַרגאַנגענהייט, אַנגעוויזן אויף פּאַר־שידענע טעאָריעס וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע און דערפירט צו לענינס און סטאַלינס שטעלונג, וואָס איז געווען אין קעגנזאַץ צו דעם, וואָס איז געווען אין מיר אײַנגעוואָרצלט זינט מײַן יינגסטער יוגנט ביז מײַן רײַפער עלטער פון איבער 40 יאָר, אין קעגנזאַץ צו דעם מורמל פון ים אין דער מושל, וואָס מ׳קאָן נישט פאַרטויבן, נישט אָפּשטעלן. ס׳איז געווען אַן אמתע מוח־אַקראָבאַטיק. די אַקראָבאַטיק האָב נישט איך אַליין דורכגעמאַכט. כ׳בין געווען איינע פון אַ סך. אין מײַן עקסטרעמקייט, נישט די סאַמע עקסטרעמע. משה ראַפּעס, דער געווע־זענער בונדישער פירער, האָט געפּרעדיקט דורכויסיקע אַסימילאַציע, פאַרגעלייגט שוין אין אָנהייב פון די צוואָנציקער יאָרן אַרײַנצופירן דערווײַל אין אַ טייל ייִדישע שולן רוסיש ווי די אונטערריכט־שפּראַך. אַלטשולער, וואָס האָט אַמאָל געהאַט סמיכות אויף רבנות, האָט פאַרגעוואָרפן די ייִד־סעקציעס די פאָרעם פון קולטור־אַרבעט, באשר זי איז נישט עפּעס אַנדערש ווי קולטור־נאַציאָנאַליזם, וואָס וועט זיך פאַרוואַנדלען אין פּאָליטישן נאַציאָנאַליזם.

אָן אַלגעמיינע שיכּרות. נישט נאָר אַ ייִדישע דערשײַנונג. נאָר צווישן ייִדישע אָנפירנדיקע מענטשן האָט די שיכּרות געהאַט אַן אייגענעם בײַגעשמאַק. און ווי זאָגט דאָס ווערטל? וויי צו די שיכּורים כאָטש נישט פון ווײַן. נישט פון ווײַן נאָר אַ סברה, הויפּטזאַכלעך פון שרעק פאַרשיכּורט. און דער אידעאַל? האָט מען דען נישט געגלייבט אין דער ריכטיקייט פון דער זאַך? יאָ, שטאַרק געגלייבט. געגלייבט ווי פרומע, רעליגיעזע מענטשן גלייבן הייליק. שטאַרק גלייביקע באַגלייט געוויינלעך די מורא, די שרעק נישט צו באַגיין קיין עבֿירה, בפרט ווען מ׳ווייסט, אַז אַ העכערע השגחה וואַכט איבער יעטוועדער טואונג און ס׳דראָט אַ שטראָף. מיר זענען שטענדיק געווען אונטער אַ שטרענגער וואַך, ס׳האָט געהאָנגען איבער אַלעמען אַ שטראָפערישע האַנט. איז דען סטאַלינס מלחמה קעגן דער אָפּאָזיציע, קעגן פאַרשידענע אָפּאָזיציאָנערן, קעגן יעטוועדן, וואָס האָט געטראַכט אַנדערש ווי ער, וואָס וואָרפט זיך נישט אונטער זײַן דיקטאַט, נישט געוואָרן אַ דאַמאָקלעס־שווערד איבער אַלעמענס קעפּ? דער מינדסטער אַנדערשדיקער קער און ווענד, אַ נישט־פאַרזיכטיק וואָרט קאָן ווערן אויפּפאַלנד. די שרעק נישט פאַרדעכטיק צו ווערן אין סימפּאַטיעס צו דער אָפּאָזיציע, אין נישט אָפּהיטן די פּאַרטייאישע ליניע, די כלומרשטע אידעיִשע ריינקייט, האָט פּאַראַליזירט דעם קלאָרן געדאַנק. ס׳איז אַנטשטאַנען אַ משונהדיקער געמיש פון שרעק און גלויבן. און די אויסטערלישע מיקסטור האָבן מיר אַלע אײַנגענומען אין אַ היפּשער דאָזע.

זי האָט אַרויסגערופן אַן אויסטערלישע שיכּרות. אַן אַנשטעקנדיקע ווי אַ מגיפה. אין איינע זענען די מיקראָבן פון דער מגיפה אַרײַנגעדרונגען ווייניקער, אין אַנדערע מערער, אַלע זענען מיר געווען אָנגעשטעקט, פאַרשיכּורט.

ס'פלעגט געשען, אַז כ'האָב זיך אָפּגעגעבן דערפון אַ רעכענונג. דאָס האַרץ איז דעמאָלט צעריסן געוואָרן. די צײַטווײַליקע אויסניכטערונג האָט געפּײַניקט מיט די גרעסטע פּײַנען, ווײַל קיין צוריקוועג האָב איך פאַר זיך נישט געזען. ס'איז געבליבן איין אויסוועג: זיך ווײַטער לאָזן פאַרשיכּורן. אָבער אויפבליצן, דערוואַכונגען פון דער שיכּרות זענען געווען נישט זעלטענע.

עס קומען איצט אויפן זינען פּילצאָליקע פאַלן, שווערע שטרײַטן מיט זיך גופא. אָט, למשל, איז אויף דער „מערבקע" אין דער העלפט צוואָנציקער יאָרן געווען אַן אינטעליגענטער 26־יאָריקער בחור פון מינסק. אַ זון פון געוועזענע בונדיסטן, האָט ער מסתמא דורך זײַנע עלטערן געקענט מײַן פאַרגאַנגענהייט, אפשר אַליין געדענקט. אויף מײַנע לעקציעס אויף די סעמינאַרן האָט ער ווייניק גערעדט. פון מאָל צו מאָל געלאָזן אַרײַנגעשאָסן אַ פראַגע, וואָס אַנדערע פלעגן אונטערכאַפּן. ער האָט מיך געהאָט געפרעגט צי ער קאָן אַרײַנקומען צו מיר אין קאַנטאָר. פאַרוואָס נישט? אַלע ווענדן זיך צו מיר מיט פאַרשידענע ענינים. ער האָט זיכער עפּעס אַן אייגענעם ענין. ער האָט אָפּגעוואַרט ווען כ'בין געווען אַליין, זיך אַוועקגעזעצט, אַ ווײַלע געשוויגן, און מיט אַ שטילער, אײַנגעלאָשענער שטימע צוגעטראָטן צו דער זאַך:

— חברטע אסתר, צי קאָן מען זײַן אויפריכטיק? צי קאָן מען רעדן מיט אײַך אָפנהאַרציק, נישט ווי מיט דעם רעקטאָר פון אוניווערסיטעט, נאָר ווי מיט אַ חברטע?

— פאַרשטייט זיך, אַז מ'קאָן. נישט נאָר מ'קאָן, נאָר מ'דאַרף זײַן אויפריכטיק.

— כ'וויל אײַך שטעלן פראַגן, וואָס כ'מייד אויס צו שטעלן אויף די סעמינאַרן.

— שטעל־זשע. אויף די סעמינאַרן דאַרף מען אויך נישט מורא האָבן צו שטעלן פראַגן.

— כ'בין געווען אַ קאָמסאָמאָלעץ. זינט צוויי יאָר בין איך אַ פאַרטייאישער, ווי איר ווייסט. אַזוי לאַנג ווי איך בין געווען צווישן ווײַסרוסן, האָב איך נאָך פאַרשטאַנען. ווי גיך איך געפין מיך צווישן ייִדן, הער איך אויף צו פאַרשטיין וואָס ס'קומט פאָר, כ'קאָן נישט באַנעמען...

— וואָס, אַ שטייגער?

— וואָס וועט זײַן מיט אונדז?

— וואָס הייסט מיט אונדז? מיט וועמען?

— מיט אונדז ייִדן ? וואָס שטייט אונדז פאָר ?

— ס׳שטייט אונדז פאָר סאָציאַליזם, ווי אַלע אַנדערע פעלקער פון גרויסן ראַטנלאַנד. מיר וועלן זײַן, מיר זענען שוין גלײַכבאַרעכטיקטע בירגער.

— גלײַכבאַרעכטיקטע ?...

— דו ספקסט ?

ער האָט זיך אַרומגעקוקט ווי זיך איבערצוצײַגן, אַז מיר זענען אַליין, אַז מ׳הערט אונדז נישט אונטער. שרעק, ווי כ׳האָב געזאָגט, איז אַנשטעקנדיק. כ׳האָב געהאַט אַ טבע צו רעדן הויך, מיט אַ קלינגעוודיק קול. קוקנדיק אויף אים האָב איך אַראָפּגענידערט די שטימע, איבערגעפרעגט נאָך אַ מאָל:

— דו גלייבסט נישט ?

ער האָט אָנגעהויבן רעדן שטילער, אָבער נערוועזער:

— מײַן פעטער האָט געהאַט אַ קליין קרעמל, אַ גראָשעדיק שפּײַז־קרעמל, געטירחהט אַליין פון גאַנץ פרי ביז שפּעט אָוונט, שטענדיק געווען אָן אביון אין זיבן פאַלעס. די מומע געהאָרעוועט אין שטוב, געהאָדעוועט זיבן קינדער, אַ פאַרהאָרעוועטע, פאַרעלטערטע פאַר דער צײַט. הײַנט איז דאָס קרעמל כמעט ליידיק, נישטאָ קיין פּרנסה, דער דלות פּײַפט אין אַלע ווינקלען, אָבער מײַן קוזין, מיט דרײַ יאָר ייִנגער פון מיר, האָט נישט געקאָנט אָנקומען אין דער פּראָפעסיאָנעלער שולע, ווײַל ער איז אַ זון פון אַ קרעמער. דער פעטער האָט נישט קיין רעכט צו שטימען, קיין שום רעכט, ווי צענדליגער טויזנטער אַנדערע אַזעלכע ייִדן, זײַנע קינדער...

כ׳האָב, זעט אויס, געמאַכט אַ נערוועזע באַוועגונג מיט דער האַנט, כ׳האָב אָפּגעשאַרט אַ פּאַסמע האָר פון שטערן. ער האָט איבערגעריסן. ווידער זיך אַרומגעקוקט. כ׳האָב אים דערמוטיקט:

— דערצייל, דערצייל.

— כ׳האָב אָנגעהויבן פון מײַן משפּחה, ווייל כ׳קען זיי פון דער נאָענט, כ׳ווייס וואָס פאַראַ אָרעמשאַפט דאָרט איז. מײַן קוזין האָט זיך אויסגעלערנט שנײַדערײַ, געאַרבעט בײַ אַ שנײַדער. האָט מען אויפן שנײַדער אַרויפגעלייגט אַזעלכע שטײַערן, אַז ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט אַפילו קיין טייל באַצאָלן. נו, האָט מען דעם אָרעמען שנײַדער געשלעפּט אין געריכט, צוגענומען פאַר די שטײַערן די ניי־מאַשין, דעם אַרבעטס־טיש, אַנדערע מעבל. איצט קאָן דער אָרעמער באַלמעלאָכע נישט אַרבעטן, לויפט אַרום אַ פאַרצווייפלטער באַרגן געלט, אפשר וועט ער צונויפקלאַפּן די סומע אויסצולייזן די ניי־מאַשין און דעם שנײַדערישן טיש. דערווײַל האָט מײַן קוזין פאַרלוירן די אַרבעט. אין די קליינע ייִדישע שטעטלעך נאָך ערגער. איר ווייסט, כ׳בין געווען אין אַ פּאַרטייאישער

שליחות אין וויטעבסקער קרייז. אין האָראָדאָק האָט מען אַן אַלטן קוסטאַר, וואָס מאַכט ביי זיך אין שטוב קוואַס, באַשטייערט מיט צוויי טויזנט רובל. ער האָט מיט גרויסע מאַטערנישן צונויפגעקליבן 300 רובל. ס'האָט זיך פאַרצויגן. אויך די סומע נישט געווען קיין גענוגנדיקע. מ'האָט אים געשטעלט פאַרן געריכט פאַר סאַבאָטירן די שטייערן, פאַרמישפּעט אויף אַנדערהאַלבן יאָר לאַגער. כ'וואָלט אייך געקאָנט דערציילן נאָך אַ סך זאַכן, שרעקלעכע זאַכן. יידישע באַלעמע־לאַכעס, קליינע הענדלערס, קליינע קרעמערס זענען רויִנירט, האָבן קיין שום רעכט נישט; פאַר זייערע קינדער אַלץ פאַרמאַכט; די יידישע באַפעלקערונג אין די שטעטלעך הפקר, נאָך די פּאָגראָמען אויסגעשטעלט אויף הפקרות פון די...

ער האָט עס אַרויסגעזאָגט שטיל און איבערגעריסן. כ'האָב אים ווידער דערמוטיקט:

— כ'זע, דוד, אַז דו האָסט נאָך וואָס צו דערציילן.

— יאָ, חברטע אסתר, אַ סך נאָך צו דערציילן. חוץ דעם וואָס כ'האָב אַליין געזען, האָט מען מיר איבערגעגעבן. איך פרעג זיך, איך פרעג אייך, חברטע אסתר, ס'איז שוין אַריבער אַכט יאָר נאָך דער רעוואָלוציע, וואָס האָט זי געבראַכט דער יידישער אָרעמער באַפעלקערונג? ס'האָט מיך געפרעגט אַן אַלטער, אָרעמער באַלעמעלאַכע: „פאַרוואָס איז די סאָוויעטישע „וולאַסט" אַזוי שלעכט צו אָרעמע יידישע מענטשן?

זיינע שוואַרצע אויגן האָבן געפלאַמט. דעם יידס פראַגע האָט ער אַרויסגע־וואָרפן פון זיך אין איין אָטעם. כ'האָב זיך צוגעהערט מיט האַרצקלעמעניש, אָבער קיין נייעס איז דאָס נישט געווען פאַר מיר. צו אָנפירנדיקע מענטשן פון די ייִד־סעקציעס זענען אָנגעקומען אַן אַ שיעור בריוו פון שטעט און שטעטלעך וועגן די אומרעכטן, עוולות, וואָס ווערן באַגאַנגען קעגן יידישע באַלעמעלאַכעס, קליינע קרעמערס, קליינהענדלערס, וואָס בילדן דאָס רוב פון דער יידישער באַפעלקערונג. יידישע סטודענטן זענען געשיקט געוואָרן אין די שטעטלעך אויסצופאָרשן די דאָרטיקע לאַגע און זייערע באַריכטן זענען נישט געווען קיין פריילעכע. דודס שילדערונגען האָבן מיך אַמתדיק גערירט. כ'האָב אָבער געדאַרפט דודן ענטפערן אויף זיינע פראַגן. מער: געדאַרפט, געמוזט אַריינגיסן אין אים גלויבן. איך בין דאָך רעקטאָר פונעם אוניווערסיטעט, די טאָן־געבערין אין די ייִד־סעקציעס, איך דאַרף אים אויספאָרמירן, צוגרייטן צו אַלע קרבנות פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון דער הייליקער זאַך, פאַרן אויפבוי פון סאָציאַליזם. כ'האָב קעגן מיין ווילן אָנגעהויבן רעדן צו אים מיט אַ הילצערנער שפראַך, ווי אויפצו־שרייבן אויף אַן אַפיש:

— דאָס אַלץ איז אמת, נאָר מ'טאָר זיך נישט פאַרמאַכן אין אייגענעם קרייז,

מען דאַרף זען ברייטער, קוקן ווײַטער, האָבן אויך אין זינען די אַלגעמיינע זאַך. די ייִדישע באַפעלקערונג לײַדט איצט, ווײַל...

כ׳האָב אויפגעכאַפּט זײַנע בליקן. זיי זענען געווען געוואָנדן צו מיר פול מיט אומעט. אַ גרויסער, אומעטיקער פראַגע־צייכן האָט זיך אָנגעצייכנט אין זיי. כ׳האָב פאַרקערעוועט מײַנע רייד:

— אוודאי דאַרף מען אומאויפהערלעך רעאַגירן אויף די עוולות, נישט דערלאָזן צו קיין ווילקיר. מ׳דאַרף אויפקלערן אין די געהעריקע אינסטאַנצן, אַז מ׳דאַרף דולדן די אַלטע ייִדישע פּרנסות ביז מ׳וועט איבערשיכטן די מענטשן. אין ביוראָ פון די ייִד־סעקציעס באַטראַכטן מיר דעם פּראָבלעם, אַ שווערער, זייער שווערער פּראָבלעם, מיר ווייסן וואָס ס׳טוט זיך צווישן ייִדן אין די שטעטלעך.

— צי ווייסט איר אויך, חברטע אסתר, וועגן אַנטיסעמיטיזם? ס׳איז מער ווי מען שרײַבט אַמאָל אין אַ צײַטונג. ייִדן לײַדן פון אַנטיסעמיטיזם נישט נאָר מצד סתם רוסן, נאָר מצד סאָוויעטישע באַאַמטע, וואָס זענען פּאַרטיי־מיטגלידער, נישט נאָר פון נידעריקע באַאַמטע, נאָר אויך פון העכערע, וואָס זענען פּאַרטיי־מענטשן. אויב איר האָט צײַט אויסצוהערן, וועל איך...

ניין, ס׳איז שוין נישט פאַרבליבן קיין צײַט. די טיר האָט זיך האַסטיק געעפנט, מ׳האָט מיך גערופן אויף אַ פּאַרוואַלטונג־זיצונג, כ׳בין שוין געווען פאַרשפּעטיקט. אָבער אויך דאָס איז קיין נײַעס נישט געווען פאַר מיר. מ׳האָט אונדז וועגן דעם געגעבן צו וויסן פון אַלע זײַטן. און קיין שום זאַך האָט מיך אַזוי נישט אויפגעבראַכט ווי דער ענין אַנטיסעמיטיזם אין דער פּאַרטיי גופא, כאָטש כ׳האָב דאָס באַטראַכט פאַר אַ פאַרבײַגייענדיקע חולאת. כ׳האָב מיך עטלעכע מאָל פּערזענלעך געוואָנדן צו אָנגעזעענע רעגירונגס און פּאַרטיי־מענטשן מ׳זאָל עפנטלעך באַרירן דעם גאַנצן ענין אַנטיסעמיטיזם. צוממיינסטן פאַרשטענדעניש האָב איך שפּעטער געפונען בײַ בוכאַרינען. ער איז געווען אויפגעבראַכט, ווען כ׳האָב אים אויסגערעכנט אַנטיסעמיטישע אַרויסטריטן. ער האָט צוגעזאָגט צו רעאַגירן און האָט רעאַגירט. אויף אַ לענינגראַדער פּאַרטיי־קאָנפערענץ אין 1927 האָט ער זיך אומגעקערט צום פּראָבלעם און ווידער שאַרף געטאַדלט דעם אַנטיסעמיטיזם, ברייט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער געפאַר, וואָס ער טראָגט מיט זיך, אָנגעוויזן ווי דער געפערלעכער מיקראָב שטעקט אויך אָן פּאַרטיי־מענטשן. כ׳האָב אויך געפועלט בײַ פּרעאָבראַזשענסקין ער זאָל אָנשרײַבן אַן אַרטיקל, וואָס איז געווען אין זעלבן גײַסט ווי בוכאַרינס אַרויסטריט. ביידע אָפּרופן פון אַזעלכע אָנגעזעענע מענטשן האָבן מיך נאָך מער פאַרשיכורט. אָט ווי קאָמוניסטן באַקעמפן דעם אַנטיסעמיטיזם! פאַראַן נאָך איבערבלײַבענישן פון

צאַריזם, אָבער די פּאַרטיי וועט זיי געבן אַ טויט־קלאַפּ! מיט יאָרן שפּעטער איז מיר צוגערעכנט געוואָרן צו מײַנע „פאַרברעכנס" די „אויסטראַכטעניש" וועגן כלומרשטן אַנטיסעמיטיזם אין דער פּאַרטיי, אין סאָוויעטישע אַמטן, כדי זיי צו דיסקרעדיטירן, באַשמוצן. אויך בוכאַרין האָט זיך, אַ סברה, נישט קונה־שם געווען מיט זײַן אַרויסטריט.

פון די שמועסן מיט סטודענטן בײַ מיר אין קאָנטאָר איז מיר נאָך יאָרן אַ שמועס געבליבן שטעקן ווי אַ ביין אין האַלדז. צוריקכאַפּן שוין נישט געקאָנט און אַראָפּשלינגען דעם ביין אויך נישט געקאָנט. ווען ס'זענען געקומען שווערע צײַטן, און אויך אַ סך פריִער, האָט מיר יענע באַגעגעניש געהאַמערט דעם קאָפּ, בײַ נאַכט נישט געלאָזט שלאָפן. וואָס איז מיט מיר געשען? ווי אַזוי דערגאַנגען דערצו? האָט מײַן שכל זיך אויסגעוועפּט? איז מײַן האַרץ אויס־געטרוקנט געוואָרן? אַזעלכע און ענלעכע פראַגן האָבן געעקבערט דעם מוח.

אין אָנהייב צוואַנציקער יאָרן האָט די פּאַרטיי פונאַנדערגעפלאַקערט אַ קאַמ־פּאַניע קעגן רעליגיע, קעגן דער צערקווע, די גײַסטלעכע. מיר האָבן דאָס געדאַרפט איבערטראָגן צווישן דער ייִדישער באַפעלקערונג. מ'האָט געהאַלטן אַז מ'איז מיט אַלעמען פאַרשפּעטיקט אין דער ייִדישער סביבה. איך בין נאָך דעמאָלט נישט געווען רעקטאָר, נאָר פּראָרעקטאָר פונעם מערב־אוניווערסיטעט. האָט מען מיר צוגעוואָרפן אָן אַ שיעור זײַטיקע באַשעפטיקונגען. אין 1923 האָב איך אָנגעשריבן די בראָשור אין רוסיש „דאַלאָי ראַווינאָוו" — „אַוועק מיט רבנים", וואָס איז מיר פאַרבליבן ווי אַ בלוטיקע וווּנד אין האַרץ. כ'האָב דעמאָלט אָפּגעריסן שעהען פון מײַן שלאָף, געשריבן ביז שפּעט בײַ נאַכט, די שיינע מציאה זאָל וואָס פריִער דערשײַנען און צעשיקט ווערן איבערן לאַנד.

יאַקאָוו איז געווען אין ייִדישן רעסאָרט פון דער „מערבקע" דער ערשטער אַספּיראַנט. אַ געוועזענער סטודענט, וואָס האָט שטענדיק געגעבן לעקציעס, פלעגט ער אַרײַנקומען אין אַ סך ייִדישע שטובן, געקענט דאָס אָרעמע פאָלק מיט זײַנע דאגות, צרות. יאַקאָוו האָט געהערט צו די ווייניקע ייִדישע קאָמוניסטן, וואָס זענען נישט געווען קיין „געוועזענע", נישט געקומען נישט פון „בונד", נישט פון די פּועלי־ציון, נישט פון אַן אַנדערער ייִדישער אָרגאַניזאַציע. די רעוואָלוציע האָט אים מיטגעריסן, צעפלאַמט, געטראָפן אים אַ 23־יאָריקן סטו־דענט, וואָס האָט געמוזט זיך פאַרנעמען מיט לערערײַ צו העלפן אַרײַנברענגען די בידנע חיונה אין דער אָרעמער שטוב. אויך זײַן פאָטער, דער לאַטוטניק־שניידער, דער מטופּל מיט קינדער, איז פון אָנהייב „פאַרכאַפּט" געוואָרן פון דער רעוואָלוציע. אַ קלייניקייט, אַ וואָלאָסט, וואָס האַלט מיט די אָרעמע, לאָזט נישט מאַכן קיין פּאָגראָמען אויף ייִדן.

יאַקאָוו האָט אין מערב־אוניווערסיטעט אויסגעגלײַכט די ביינער. געהאַט צו עסן צו דער זעט, אַ גוט געלעגער, צום ערשטן מאָל געקאָנט שטודירן אָן זאָרג. חברה יונגוואַרג האָט אים ליב באַקומען, גערופן אים היימישלעך יאַנקעלע, כאָטש ס׳האָט זיך נישט געפּאַסט צו זײַן וווקס. געוועזן זיך צו וווּנדערן ווי אַזוי אַזאַ יונג מיט ביינער איז אויסגעוואַקסן אין אברהם רייזענס אַ שטוב, ווו ס׳איז געווען: „אַ געזינד זאַלבע אַכט / און בעטן נאָר צוויי / און קומט אָן די נאַכט / ווו שלאָפן דאָן זיי? / דריי מיטן טאַטן / און דריי מיט דער מאַמען / הענטלעך און פיסלעך / געפלאָכטן צוזאַמען”... אין אַזאַ היים האָט זיך אויס־געהאָדעוועט דער דרײַסיק־יאָריקער, געוווקסיקער, שיינער בחור, מיט אַ געדיכטער, שוואַרצער טשופּרינע און לאַכעדיקע, ברוינע אויגן. מ׳פלעגט אים שיקן אָפטער ווי אַנדערע סטודענטן, איבערן לאַנד, צווישן ייִדן, זיך צו באַקענען מיט זייער לאַגע. סוף זומער 1924, נאָך אַ מאַרשרוט איבער ייִדישע שטעטלעך בעת די פעריען, איז ער געקומען צו מיר מיט אַ פאַרזאָרגט פּנים, דערציילט מיט אַ קענטיקן ווידערווילן:

— מאַריאַ יאַקאָוולעוונאַ, איך זאָג אײַך, די חברה יונגע קאָמוניסטן האָבן אומעטום אײַנגעאָרדנט צווישן ייִדן אָן אמתן אַנטירעליגיעזן שדים־טאַנץ.

כ׳האָב אים באַלד פון אָנהייב איבערגעריסן, ס׳האָט מיך שאָקירט.

— אַ שדים־טאַנץ? וואָס ווילט איר דערמיט זאָגן?

— בוכשטעבלעך, אַ שדים־טאַנץ, אויב נישט נאָך ערגער. שטעלט אײַך פאָר, זיי פאַלן אָן אויף בתי־מדרשים, מאַכן אַ קאַצן־יאָמער ווען ייִדן דאַווענען, טיילמאָל צעטרייבן זיי די מתפּללים, מאַכן רווישיקע מאַניפעסטאַציעס בעת די ימים־נוראים, אַנדערע יום־טובים, פירן דורך אַ שטורעם אויף אַ בית־מדרש, פאַראומרייניקן אים, פאַרוואַנדלען אים דערנאָך אין אַ קלוב, ערגעץ אַנדערש — אין אַ שוסטער־קאָאָפּעראַטיוו; פאַלן אָן אויף חדרים, תּלמוד־תּורה׳ס, צעטרײַבן די תּלמידים, פירן דורך משפּטים איבער אַ רב, אַ דיין, אַ מוהל, איבער אַ חדר, אַ מלמד, באַווארפן זיי מיט זידל־ווערטער; ערגער וואָס זיי גיבן אָן אין געריכט פרומע ייִדן, רבנים, מלמדים, וואָס האָבן זיך קעגנגעשטעלט די אָנפאַלער און די געריכטן טראָגן אַרויס אורטיילן, טיילמאָל שווערע אורטיילן. איך זאָג אײַך, מאַריאַ יאַקאָוולעוונאַ, אָן אמתע מלחמה קעגן פרומע ייִדן, איר קאָנט זיך גאָרנישט פאָרשטעלן ווי די ייִדישע באַפעלקערונג איז אויפגעבראַכט; ס׳דיסקרע־דיטירט אונדז, ס׳פאַרמיאוסט די ראַטנמאַכט, ס׳רײַסט אָפּ פון קאָמוניזם.

— און די רבנים, דיינים, חדרים פאַרמיאוסן נישט די ראַטנמאַכט? רײַסן נישט אָפּ פון קאָמוניזם?

ער האָט זיך געוואַקלט:

— זאָל מען... זאָל מען זאָגן אַז יאָ, איך ווייס נישט, איך בין אויך עטלעכע יאָר געגאַנגען אין אַ חדר. איך בין נישט פאַרן חדר, איך פאַרטיידיק אים נישט, נאָר אַזוי ווער מען סיַיווי גאָרנישט אויספירן. איר ווייסט וואָס די ייִדן טוען? אַז מע צעטריַיבט, פאַרחתמעט אַ בית־מדרש, מע צעיאָגט אַ חדר, טראָגט מע דאָס איבער ערגעץ אין אַ שטוב, מע מאַכט אין געהיים אַ מנין, מע קלייבט צונויף די ייִנגלעך און מע לערנט מיט זיי אין אַ באַהעלטעניש. מיַין פאָטער האָט מיר דערציילט ווי אַזוי מנינים, חדרים טראָגן זיך איבער פון איין באַהעל־טעניש אין אַן אַנדערער.

— וואָס זאָגט איַיער פאָטער דערויף?

— כ׳וויל איַיך זאָגן דעם אמת, מאַריאַ יאַקאָוולעוונאַ, מיַין פאָטער איז ווי אַלע אויפגעבראַכט, דערציילט מיר דאָס אַלץ מיט צאָרן. כ׳האָב איַיך געהאַט געזאָגט, אַז מיַין פאָטער איז געווען אויף דער זיַיט פון די באָלשעוויקעס, וואָלט ער געווען ייִנגער, וואָלט ער אַריַינגעטראָטן אין דער פּאַרטיי, געפרייט זיך וואָס ס׳איז אויפגעשטאַנען אַ „וולאָסט" פאַר אָרעמע. אַזוי פלעגט ער זאָגן. היַינט איז ער דערצאָרנט, פאַרשטייט נישט פאַרוואָס די ראַטנמאַכט טוט אָן צרות די דאָזיקע מענטשן. ער פרעגט מיך וועמען עס שטערן די פרומע ייִדן? נאָך מער האָב איך מיך דערוווּסט: וואָס מער מ׳פּאַלט אָן אויף די בתי־מדרשים, אויף די מתפללים, אַלץ פרומער ווערן זיי. ייִדן וואָס זענען נישט יעדן טאָג גע־גאַנגען צו מנחה־מעריב אין בית־מדרש גייען צו אַ געהיימען מנין. מאַריאַ יאַ־קאָוולעוונאַ, ווער זענען זיי די פרומע? עלטערע מענטשן. בעת די פּאָגראָמען האָבן זיי געזוכט אַ טרייסט אין אַ תפילה. די פּאָגראָמען האָבן בכלל געווירקט אויף ייִדן פרום צו ווערן. שטענדיק אַזוי. איר, מאַריאַ יאַקאָוולעוונאַ, ווייסט דאָס בעסער פון אַנדערע. וואָס מער מ׳וועט זיי זידלען, דערגיין די יאָרן, אַלץ מער וועלן זיי זיך מקריב זיַין פאַר אַ חדר, אַ ישיבה, פאַר פּראַווען אַ יום־טוב. איר האָט דאָך אַליין געשריבן אין איַיער בראָשור, אַז אין זכרון פון פאָלק זענען נאָך לעבעדיק די לעגענדעס וועגן דעם ווי אַזוי די אַמאָליקע אינקוויזיטאָרן פלעגן אויסשפּירן די אנוסים, וועלכע פלעגן זיך צוזאַמענגעמען אין די קעלערס אָפּצוריכטן אַ תפילה. האָט איר דען נישט געשריבן, אַז פּאָגראָמשטשיקעס פלעגן אויסנוצן אַ יום־טוב, אַ יום־כיפור אָנצופאַלן אויף אַן עדה ייִדן? פונדעסטוועגן האָבן ייִדן זיך נישט אָפּגעהאַלטן צוזאַמען תפילה צו טאָן.

— איר האָט שלעכט געלייענט מיַין בראָשור, אַזאַ אויספיר האָב איך נישט געמאַכט.

— ניין, מאַריאַ יאַקאָוולעוונאַ, כ׳האָב גוט געלייענט. דעם אויספיר מאַך איך אַליין.

— וואָס זאָגן ייִדן וועגן מײַן בראָשור?

— זיי לייענען זי נישט, לייענען נישט קיין רוסיש, אָבער ווייסן ווייסן זיי וועגן איר, באַקלאָגן זיך וואָס מע פאַרשוואַרצט זיי דאָס פּנים בײַ נישט־ייִדן. צווישן ייִדן רעדט מע מיט צאָרן וועגן די אַרטיקלען פון משה ליטוואַקאָוון אין רוסישן „בעזבאָזשניק״. צו וואָס האָט ער איצט אַרויסגעצויגן די מעשה מיט מלקות? ס׳איז דאָך אַ מעשה, וואָס האָט שוין אַ גרויע באָרד. ייִדן האָבן שוין פון לאַנג פאַרגעסן, אַז געווען אַמאָל אַזאַ זאַך ווי מלקות; דאַרף מען איצט דאָס פונאַנדערלייגן אויף טעלערלעך פאַר די רוסן? פאַרשטעלן ייִדן ווי ווילדע ברואים? וויניק נאָך פאַראַן אַנטיסעמיטיזם? מ׳דאַרף צוגיסן אַ ביסל אייל אונטערצוהאַלטן דאָס פײַער? ווען מ׳וואָלט כאָטש דאָס אַלץ געשריבן אין ייִדיש, נישט אין רוסיש!

— די רוסישע חברים דאַרפן ויסן, אַז אויך מיר, ייִדישע קאָמוניסטן, שטייען נישט אָפּ פון דער קאַמפּאַניע קעגן רעליגיע, אַז מיר קאָנען זי דעמאַסקירן נישט ערגער פון זיי. און איר, יאַקאָוו, אָנשטאָט אונדז מיטצוהעלפן, האַלט איר גאָר איצט אַ באַשולדיקונגס־רעדע...

כ׳האָב דאָס געזאָגט אָן איבערצײַגונג, אָן זיך צו בייזערן, גיכער געלאַסן, צומאָל ליבלעך. יאַקאָוו האָט אָבער אָנגעהויבן זיך פאַרענטפערן:

— ניין, מאַריאַ יאַקאָוולעוונאַ, כ׳האַלט נישט קיין באַשולדיקונגס־רעדע, איך גיב אײַך איבער וואָס אָרעמע מענטשן טראַכטן, רעדן. מיר, קאָמוניסטן, דאַרפן דאָך וויסן וואָס דאָס פאָלק טראַכט, ווי אַזוי מע קוקט אויף אונדז. איך זאָג אײַך, מאַריאַ יאַקאָוולעוונאַ, מ׳קוקט אויף אונדז ייִדישע קאָמוניסטן שלעכט, זייער שלעכט. טײַלמאָל מאַכן זיך אונדזערע חברים לעכערלעך. אָט נעמט דעם לעצטן נומער „אפּיקורס״. פאַראַן דאָרט קאָרעספּאָנדענצן פון ייִדישע קאָמסאָמאָלצעס. שרײַבט איינער, אַז צוליב דעם וואָס בײַ אים אין שטאָט איז נאָך פאַראַן אַ בית־מדרש, צוליב דעם וואָס די פרומאַקעס דאַווענען דאָרט, קאָן מען נישט בויען דעם סאָציאַליזם. בוכשטעבלעך. דאָס האָט מיר געוויזן אין האָמעל אַ ייִדישער אינזשיניר. ער איז, חס וחלילה, נישט קיין קעגנער פון דער ראַטנמאַכט, פאַר־קערט; אָדער די מעשה מיט דער קאַר־שול, וואָס מ׳האָט געהאַט באַשריבן אין מינסקער „וועקער״: „די באַסטיליע איז געפאַלן, די פעסטונג איז אײַנגענומען״. וואָס פאַראַ פעסטונג? — האָט מיך געפרעגט דער זעלבער אינזשיניר. ער איז נישט קיין רעליגיעזער, אָבער פאַרשטייט, אַז מיר מאַכן פון די פרומע ייִדן מאַרטירער, גרייט זיך מקריב צו זײַן פאַרן פראַווען אַ סדר, אָדער פאַר אַ מנין אין אַ בית־הכנסת.

— דאָס איז אַלץ, וואָס איר האָט געזען און געהערט?

— נישט אַלץ, מאַריאַ יאַקאָוולעוונאַ. מ׳האָט מיר דערציילט זאַכן פון וועלכע די האָר שטעלן זיך קאַפּויער אויפן קאָפּ. איר ווייסט בעסער פון מיר וועגן די פאַרוואָרלאָזטע קינדער, איר האָט געשריבן וועגן זיי אין אײַער בראָשור „ספּאַסאַיטיע דיעטיעי״. פאַראַן נאָך גענוג יתומים פון דערמאָרדעטע עלטערן, פון די פּאָגראָמען; זיי בלאָנקען אַרום היימלאָזע. האָט די קהילה אין מאָהילעוו געהאַט צונויפגעקליבן איבער אַ צענדליק אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע ייִנגלעך, זיי אָפּגעגעבן אין אַ תלמוד־תורה. איז מען אויף דער תלמוד־תורה אָנגעפאַלן, צעטריבן די תלמידים. די 12—13־יאָריקע ייִנגלעך, וואָס לעבן נאָך אין שרעק, זענען אַנטלאָפן. ווער ווייסט וואָס פון זיי איז געוואָרן.

— כ׳זע, אַז די קהילה, דער חדר, די תלמוד־תורה האָבן געפונען אין אײַך אַ גוטן אַדוואָקאַט...

כ׳האָב דאָס געזאָגט האַלב ערנסט, האַלב אין שפּאַס, צומאָל מיט אַ שמייכל. ס׳האָט יאַקאָוון צוגעגעבן מוט, ער האָט סתם נישט מורא געהאַט צו זײַן אויפריכטיק, ער איז דאָך נישט געווען קיין „געוועזענער״...

— מאַריאַ יאַקאָוולעוונאַ, געגוג שולן זענען נאָך סײַווי נישט פאַראַן, קיין קינדער־הייזער אויך נישט געגוג, די אַרומבלאָנקענדיקע קינדער, הונגעריקע, פאַרלײַזיקטע ווערן גנבים, אין בעסטן פאַל שלעפּן זיי זיך אַרום און בעטלען; דרײַצן יאָריקע מיידלעך ווערן פּראָסטיטוטקעס; איז דען נישט בעסער די קהילה, אויב ס׳איז נאָך פאַראַן אַזעלכע, זאָל זיי דערווײַל צונויפקלײַבן? זיי זאָלן דערווײַל זיצן אין אַ תלמוד־תורה? די תלמוד־תורה וועט זיי נישט שיקן גנבענען אָדער בעטלען.

— איר זענט געקומען מיך אינפאָרמירן וועגן דער אַנטירעליגיעזער קאַמ־פּאַניע און איר האַלט אין איין באַשולדיקן, ווי ס׳וואָלט קיין שום רעכטע זאַך אין איר נישט געווען.

— זײַט מוחל, מאַריאַ יאַקאָוולעוונאַ, מיר זעט אויס ווי מיר וואָלטן געשאָסן מיט שווערע האַרמאַטן אויף פליגן. לויט מיר דאַרף מען אויפקלערן און נישט גיין מיט כוח, מאַכן אָנפאַלן. פאַרשפּרייטן ליטעראַטור — יאָ, אויפקלערן — יאָ, אָבער נישט אָפּשפּעטן, נישט אָפּחוזקן, וואָס באַליידיקט און דערנידעריקט די רעלי־גיעזע מענטשן, שטויסט זיי צו ווערן אונדזערע שונאים.

כ׳האָב אים נאָך געלאָזט רעדן. וואָלט דאָס נישט געווען יאַקאָוו, וואָלט איך אים נישט איינמאָל איבערגעריסן. כ׳פּלעג נישט איין מאָל זיך צעשרײַען אויף אַ סטודענט, אויף אַן אַספּיראַנט, אפילו אויף אַ לעקטאָר. מ׳האָט מיך געקענט דערפון, נישט גענומען פאַר אומגוט; מ׳האָט געוווּסט, אַז ס׳איז בײַ מיר אַ סטיכישער אויסברוך, נישט געווען אין דעם קיין בייזקייט. אויף יאַקאָוון האָב

איך מיך קיינמאָל נישט צעשריִען, נישט געבייזערט, שטענדיק אויסגעהערט רויִק. כ׳האָב אים ליב געהאַט. ווי אַזוי ליב געהאַט? ווי מיינעם אַ זון? אַ ברודער? כ׳האָב נישט געוווּסט, נאָר ליב געהאַט מיטן גאַנצן האַרצן. מיטן אויסזען האָט ער מיר אין גאַנצן דערמאָנט באַריסן. אויך מיט זײַן אינטעליגענץ, אַרבעטזאַמקייט, אויפריכטיקייט. ס׳איז מיר גוט געווען צו קוקן אויף אים, צו שמועסן מיט אים. ס׳האָט מיך נישט איין מאָל אָנגענומען אַ חשק אַרײַנצושטעקן מײַנע פינגער אין זײַן געדיכטער, סאַמעטענער קוטשמע, ווי איך פלעג עס טאָן מיט באַריסן. כ׳בין געווען עלטער פון אים מיט איבער צען יאָר און געטראָגן אויף מײַנע פלייצעס אַ משא פון יאָרהונדערטער. ווען יאַקאָוו אָבער האָט געבעטן אים אָפּגעבן מער צײַט ווי געווײנלעך זיך דורכצושמועסן, האָב איך אַלץ געלאָזט אין אַ זײַט. ס׳איז געווען אַ הייסער סוף־זומערדיקער טאָג. דער הימל אַ ליכטיק־בלויער איז געהאָנגען הויך איבער דער שטאָט. די זון אַ צעשײַנטע האָט גערופן אין דרויסן, אויף שפּאַציר. כ׳האָב אינדערפרי געהאַט אָפּגעמאַכט מיט זיך צו גיין נאָך דער אַרבעט מיט פריידלען אין גאָרטן. בין איך גערנער געבליבן צו טרעפן זיך מיט יאַקאָוון אין מײַן פּאַרמאַכטן, דושנעם קאַנטאָר.

האָב איך גענומען צו קענטעניש יאַקאָווס רייד וועגן די אָנפאַלן אויף רעליגיעזע מענטשן? יאָ און ניין. אַ סך זאַכן האָב איך געוווּסט. יאַקאָוו האָט דערוועגן אַזוי דערציילט, אַז ס׳האָט מיך אויפגעציטערט, כאָטש כ׳האָב דאָס אויס־באַהאַלטן. וואָלט איך דעמאָלט געשריבן די בראָשור „דאָלאָי ראַווינאָוו״, וואָלט איך זיכער נישט געווען אַזוי האַרט, כ׳וואָלט נישט געגעבן אַזאַ טיטל, כאָטש כ׳האָב ווײַטער געהאַלטן, אַז מ׳טאָר נישט אָפּשטיין פון די רוסישע חברים, פאַרקערט, מ׳דאַרף זיי איבערשטײַגן, ווײַזן זיי וואָס מיר קענען. יאַקאָווס שיל־דערונגען האָבן מיר עטלעכע טעג געשווינדלט פאַר די אויגן, געדרייט זיך אין קאָפּ ווי אין אַ קאַליידאָסקאָפּ. זיי האָבן מיר נישט געלאָזט רוען. ס׳איז אפשר געווען די ערשטע צעריסנקייט מיט זיך גופא. „ווען מען שטערן די פרומע, אַלטע ייִדן״? — האָט יאַקאָווס פאָטער געפרעגט. ווען מען טאַקע? וואָס וויל מען פון זיי? זיי זאָלן מיט איין מאָל ווערן אויס פרום? כ׳בין דאָך אַ פּעדאַגאָג, איז דאָס נישט קיין אַבסורד?

מײַן אינערלעכע צעריסנקייט האָט זיך דורכגעשלאָגן נישט קיין וועג, נאָר אַ שמאָלינקע סטעזשקעלע. בײַ דער ערשטער באַגעגעניש מיט משה ליטוואַקאָוון האָב איך אים געמאַכט שטאַרקע פאָרווורפן פאַר זײַנע צו־שאַרפע אַרטיקלען אין „בעזבאָזשניק״, דער עיקר פאַר דער מעשה מיט די מלקות.

— מיר זענען אַרײַנגעפאַלן אין אַנטי־רעליגיעזער היסטעריע.

ס׳האָבן זיך מיר אַראָפּגעגליטשט פֿון צונג יאָקאָווס ווערטער:

— מיר שיסן מיט שווערע האַרמאַטן אויף פֿליגן...

ליטוואַקאָוו האָט מיך אָנגעקוקט ווי כ׳וואָלט משוגע געוואָרן, נישט געקאָנט פֿאַרשטיין פֿון וואַנען ס׳נעמט זיך אַזאַ אײַנפֿאַל צו מיר. נישט אַנדערש נאָר דאָס פּינטעלע ייִד שטעקט נאָך גאָר טיף אין מיר; די פֿרומע, תּלמודישע היים רופֿט זיך אָפּ. געזאָגט האָט ער עס מילד, ווייציק און נישט סאַרקאַסטיש, ווי ס׳איז געווען זײַן טבֿע. מיט מיר האָט ער זיך געפֿירט גאָר אַנדערש ווי מיט אַלע אַנדערע. וואָלט אַן אַנדערער אַרויסגעזאָגט אַזאַ „אַפּיקורסישן" געדאַנק, וואָלט זיך געטאָן אויף טיש און אויף בענק. ער וואָלט קודם אַרײַנגעזאָגט אין דער זיבעטער ריפּ. מיט מיר איז ער זיך שטענדיק באַגאַנגען עכט דזשענטלמעניש.

כ׳האָב דאָך געהאַט מיט אים, ליטוואַקאָוון, נישט ווייניק צוזאַמענשטויסן. מיר האָבן ענג צוזאַמענגעאַרבעט, צוזאַמען רעדאַגירט אין ייִדיש אַכט בענד לענינס ווערק. בלויז איבערן דריטן באַנד אַליין געאַרבעט. כ׳בין געווען אַ שטענדיקע מיטאַרבעטערין, אַ שטיקל צײַט מיטרעדאַקטאָרין פֿון „עמעס". כ׳האָב אונטערגעשריבן אסתּר. ווען דער „עמעס" האָט פֿאַרייִדישט די העברעיִשע ווערטער, האָט ליטוואַקאָוו געוואָלט פֿאַרייִדישן אויך מײַן נאָמען. כ׳האָב געלייגט אַ וועטאָ, ביין און ניין, מײַן נאָמען וועסטו נישט צעקאַליעטשן. ער איז אויפֿגעשפּרונגען:

— דאָס רופֿסטו אַן צעקאַליעטשען?!

— איך רוף דאָס ווי מיר געפֿעלט, און מײַן נאָמען לאָז אַזוי ווי איך שרײַב אונטער.

ער האָט געלאָזט. כ׳בין געווען די אייניציקע וועמען ער האָט נאָכגעגעבן.

— ס׳איז אמת, אַז דו האָסט פֿאַר די ייִדישע סטודענטן געזאָגט: „דער ייִדישער פּראָלעטאַריאַט וועט נישט אָפּוואַרפֿן די טיפֿע, שיינע, רײַכע העברעיִשע שפּראַך"?

— ס׳איז אמת.

— דו גלייבסט אין דעם?

— כ׳וויל גלייבן.

— צי ווייסטו אויף וואָס דו שטעלסט דיך אויס?

ס׳איז געווען אָנהייב 1926. מיר האָבן זיך נאָך נישט אָפּגעגעבן קיין רעכענונג, אַז די מורא שטעקט שוין טיף אין אונדז. ליטוואַקאָוו האָט אויפֿגעוועקט אין מיר אַ נײַע מורא, אַ בולטע. אָט איז אַ האַרבער ענין צוליב וועלכן מ׳דאַרף מורא האָבן. האָט מען דאָך אין יענע יאָרן נישט ווייניק מענטשן אַרעסטירט פֿאַרן פֿאַרשפּרייטן, לערנען מיט עמעצן די העברעיִשע שפּראַך. ליטוואַקאָוו האָט מיך נישט געטאַדלט, בלויז געוואָרנט. איך, דאַקעגן, בין געווען שטרענגער צו

אים, פלעג אים אויף פיר אויגן טאַדלען פאַר זײַן באַציִונג צו ייִדישע שרײַבער. משה ליטוואַקאָוו איז, חוץ אַ גענױטער זשורנאַליסט, אַ ליטעראַטור־קריטיקער. האָט ליב ליטעראַטור, איז באַהאַוונט אין איר און איז גערן צו שרײַבן וועגן איר. ער האָט אָבער אַזאַ סאַרקאַסטישע פעדער, ווי ער האָט אַ שאַרפע, סאַרקאַסטישע צונג. האָט דערצו אויך אַ טבע זיך אָנצוזעצן אויף עמעצן, טשעפּען זיך. כ׳פּלעג זיך וווּנדערן ווי אַזוי אַ מענטש מיט אַ ברייטער קולטור קאָן זיך טשעפּען צו קליינלעכע זאַכן. אין זײַנער אַ קריטישער אָפּהאַנדלונג האָט ער אַ שרײַבער געקאָנט מאַכן אויסצודרייען, אומעטום געקאָנט געפינען אַ קליינבירגערלעכע פּגימה, עפּעס אַ נישט־כשרע שטעל. מיט אַ באַזונדערן אייפער האָט ער געפירט חשבונות מיט די שרײַבער פונעם ליטעראַרישן זשורנאַל „די רויטע וועלט״, דער־גאַנגען זיי די יאָרן. איך בין אויך געווען אַ שטרענגע היטערין פון דער קאָמו־ניסטישער כשרות. ליטוואַקאָוו, אָבער, האָט אין באַצוג צו שרײַבער מיך ווײַט, ווײַט איבערגעשטיגן. ס׳האָט מיך נישט איין מאָל שטאַרק דערווידערט. איך פלעג אים אָפּטמאָל אויפמערקזאַם מאַכן. כ׳האָב אים באַזונדער גוט אָפּגעבאָדן דעם קאָפּ פאַר זײַן אַרויסטריט בעתן אויפנעמען שלום אַשן. ס׳האָט דעמאָלט דערפירט צו אַ סקאַנדאַל. שלום אַש האָט זיך נישט געלאָזט שפּײַען אין דער קאַשע, געקלאַפּט מיט דער פויסט אין טיש, און גערעכט געווען. רחמיאל האָט מיר דעמאָלט געזאָגט:

— מ׳האָט געדאַרפט מער רחמנות האָבן דערנאָך אויף ליטוואַקאָוון, ווי פריִער אויף שלום אַשן. אַש קאָן זײַן שטעטל באַשטיין, ער קאָן קלאַפּן מיט דער פויסט אין טיש, ליטוואַקאָוו איז דערנאָך אונטערן האָגל פון דײַנע ווערטער געשטאַנען ווי אַן אָפּגעשמיסן חדר־ייִנגל, געוואָרן נאָך קלענער און דאַרער ווי ער איז.

דאָס מאָל האָט ער געשוויגן. געוויינלעך פלעגט ער אויסהערן מײַנע פאַר־ווורפן און מיט דער האַנט אויפן האַרץ צוזאָגן צו ענדערן זײַן שאַרפן טאָן. ס׳איז אָבער געווען שטאַרקער פון אים.

דאָס אַלץ האָט אונדז נישט געשטערט צוזאַמענצואַרבעטן. כ׳האָב אין אַ רעקאָרד־צײַט געהאַט פאַרענדיקט דאָס בוך „לענין און זײַן אַרבעט״, אָנגעהויבן שרײַבן דאָס צווייטע בוך „גיי מיט לענינס וועג״. די צוויי אַרבעטן געשריבן אין איין אָטעם, געזעסן ביז שפּעט אין דער נאַכט. ליטוואַקאָוו האָט שטאַרק גערימט ביידע ביכער, זיך געוווּנדערט ווי אַזוי איך באַוויַיז דאָס אַלץ אין אַ קורצער צײַט. ער האָט מיך געפרעגט:

— זאָג דעם אמת, אַרבעטסטו אויך ווען דו שלאָפסט? ווייניקסטנס טראַכסטו ווען דו שלאָפסט. צי קאָנסטו מיר אַרויסגעבן דײַן סוד ווי אַזוי דו מאַכסט דאָס?

— האָסט געטראָפֿן. איך אַרבעט, טראַכט אויך ווען איך שלאָף, נאָר מײַנע סודות ווי אַזוי איך מאַך דאָס, גיב איך נישט אויס. אַ סוד איז אַ סוד.

— אפשר האָסטו דיר גאָר אײַנגעשאַפט אַ בורזשואַזע טעכניק, אָדער דו באַנוצסט דיך גאָר מיטן רעאַקציאָנערן, ייִדישן שם־המפורש ? אַ קשיה אויף אַ מעשה אויף אַזאַ טאַכטער פון אַ למדנישער שטוב ווי דו ?

— שפּיל דיך נישט אין קיין אויספאָרשונגס־ריכטער, ס'פּאַסט דיר נישט צום פּנים, פאַראַן דערויף בעסערע ספּעציאַליסטן ווי דו...

כ'האָב אים געענטפערט מיט דער זעלבער וויציקייט מיט וועלכער ער האָט גערעדט. כ'האָב דעמאָלט נישט געקאָנט אַגנען, אַז אין מײַנע ווערטער „פאַראַן בעסערע ספּעציאַליסטן" איז פאַראַן אַ טראַגישער אמת. מיר האָבן ווײַטער, ביזן סוף, חבריש צוזאַמענגעאַרבעט, כאָטש כ'האָב אים כסדר דערמאָנט צו ענדערן דעם טאָן, טײַלווײַז דעם „שטאָף" פון זײַנע אַרטיקלען אין „בעזבאָזשניק". יאַקאָווס רייד האָבן פון מאָל צו מאָל אָפּגעקלונגען אין מײַנע אויערן, נישט געלאָזט רוען : „מיר פאַרוואַנדלען דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף אין אַ קאַמף קעגן פרומע ייִדן" ; „מיר פאַרשוואַרצן זיי דאָס פּנים בײַ נישט־ייִדן" ; „מיר מאַכן פון זיי אונדזערע שונאים". כ'האָב געטריבן פון זיך יאַקאָווס ווערטער און זיי זענען צוריקגעקומען. יאַקאָוו, ווי גערעכט ביסטו דעמאָלט געווען ! ווו ביסטו איצט ? אין אָנהייב 1937 איז זײַן יונגע פרוי, אויך אַן אַבסאָלווענטקע פון דער „מערבקע", געקומען צו לויפן צו מיר אַ צעטומלטע, מיט שרעק אין די אויגן און מיט אַ קליין קינד אין די אָרעמס. מיט אַ פאַרשטיקטן געוויין האָט זי געשטאַמלט :

— מ'האָט אים צוגענומען, אַרויסגענומען פאַרטאָג פון בעט. מאַריאַ יאַקאָוו־לעוונאַ, איר קענט אים גוט, טוט עפּעס פאַר אים.

טוט עפּעס פאַר אים... כ'האָב ביז דעמאָלט געפּרווט טאָן עפּעס פאַר אַ סך אַנדערע. געקלאַפּט אין באַקאַנטע טירן. ס'איז געווען אַ קול קורא במדבר. טײלמאָל האָט מען מיך געוואָרנט : „מאַריאַ יאַקאָוולעוונאַ, מישט אײַך נישט, ס'וועט זײַן בעסער פאַר אײַך און פאַר זיי". בעסער פאַר אײַך און פאַר זיי... אָט ווי ס'איז בעסער פאַר מיר און פאַר זיי !...

*

אַן אַנדער שמועס בײַ מיר אין קאַנטאָר, אויך „אויף פיר אויגן", האָט זיך נישט ווייניקער אײַנגעקריצט אין זכרון און אַלע יאָרן געפּיקט דעם מוח. דאָס האָט געקאָנט זײַן אין 1926, אפשר אָנהייב 1927. מײַן מיטשמועסער איז אויך געווען אַן אַספּיראַנט. דאָס איז געווען אַ מענטש פון אַ יאָר 35—36, אַ געוועזענער פּועלי־ציוניסט, איינער פון די, וואָס זענען אַרײַנגעטראָטן אין דער קאָמו־

ניסטישער פּאַרטיי כמעט אין דער זעלבער צײַט ווי די בונדיסטן — קיין אַנדערע ייִדישע מענטשן מיט אַנזען זענען דעמאָלט נישט אַרײַנגעטראָטן, כמעט בלויז בונדיסטן, פּועלי־ציוניסטן און פון די „פּאַראייניקטע". ער איז געקומען פון דער ייִדישער שטאָט אָדעס, געווען דאָרט פריִער אַ העברעיִשער לערער. אַן אויטאָדידאַקט, האָט ער אַמאָל אַליין געהאַט זיך צוגעגרייט צום אוניווערסיטעט, אָנזאַמלענדיק אַ סך וויסן. שמואל שטיינמאַן, אָדער סאַלאָמאָן, ווי מיר האָבן אים גערופן, איז געשווומען אין דער רוסישער און אייראָפּעיִשער ליטעראַטור, געווען אויסגעבונדן מיט דער ייִדישער און העברעיִשער ליטעראַטורן.

ס'איז געווען נאָך דעם ווי קאַלינין האָט, אין נאָוועמבער 1926, אויפן ערשטן אַלפאַרבאַנדישן צוזאַמענפאָר פון „געזערד", בקול רם דערקלערט, אַז פאַרן ייִדישן פאָלק שטעלט זיך די גרויסע אויפגאַבע אײַנצוהיטן און אַנטוויקלען די אייגענע נאַציאָנאַליטעט און נאַציאָנאַלע קולטור. אויף די סעמינאַרן מיט די ייִדישע סטודענטן איז געווען לעבעדיק. ס'האָט זיך געקאָכט. חברה יונגוואַרג האָט געשטעלט האַרבע פראַגן, געוואָלט זיך פונאַנדערקלײַבן אין דער שווערער פּלוגתא. אויף די לעקציעס פון לעניניזם האָבן זיי געלערנט גאָר אַנדערש. לויט לענינען און סטאַלינען זענען ייִדן נישט קיין נאַציע. און אָט גיט מען זיי אַ מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען זייער נאַציאָנאַליטעט. ווי ווײַט איז דאָס צו שאַפן אַ נאַציע? אין דעם זין האָט בפירוש גערעדט קאַלינין.

קאַלינינס רייד זענען אונדז, אָנפירנדיקע ייִדישע קאָמוניסטן, אַראָפּגעפאַלן ווי אַ שטיין אין קאָפּ. פאַר מיר איז דאָס געווען אַ גאָר שווערע נוס צו צעקנאַקן. ווי אַזוי ענטפערן אויף דעם שלל פראַגן פון די ייִדישע סטודענטן? אויסשטעלן עפּעס וואָס קעגן קאַלינינען טאָר מען נישט. ער איז אַ סאָוויעטישער פירער, פאָרזיצער פון צענטראַל־אויספיר קאָמיטעט פון די סאָוויעטן, וואָס באַדײַט: מלוכה־פּרעזידענט, דערצו מיטגליד פון פּאָליטביוראָ. לעגינס און נאָך־מער סטאַ־לינס באַצייכענונג טאָר מען אוודאי נישט אָנרירן. ס'איז הייליק. ווי אַזוי פאַר־אייניקט מען אַזעלכע קעגנזעצלעכע זאַכן? דאָ האָט מען געדאַרפט אָנווענדן דאָס שפּריכוואָרט: דער וואָלף זאָל זײַן זאַט און די שעפּס זאָל בלײַבן גאַנץ. כ'האָב עס אַזוי געפּרוּווט מאַכן. אומגעפער אַזאַ קאַזואיִסטיק: אַנדערש קאָנען און דאַרפן רעדן וועגן נאַציאָנאַלן פּראָבלעם די פאָרשטייער פון דער געוועזענער אונטערדריקנדיקער נאַציע, און אַנדערש די פאָרשטייער פון דעם אַמאָליקן אונטערדריקטן פאָלק. די אַמאָליקע אונטערדריקער האָלטן פאַר זייער חוב אַרויס־צוהייבן די נאַציאָנאַל־באַפרײַערישע אויפגאַבע זייערע אין באַצוג צו די אַמאָליקע אונטערדריקטע דורך זיי פעלקער, דאַקעגן די פאָרשטייער פון די געוועזענע אונטערדריקטע דאַרפן אונטערשטרײַכן נישט דאָס, וואָס צעטיילט די צוויי פעלקער,

נאָר דאָס, וואָס פֿאַראייניקט זיי אין רעוואָלוציאָנערן קאַמף. דעריבער האַלט קאַלינין פֿאַר זײַן חוב אונטערצושטרײַכן דעם נאַציאָנאַל־ייִדישן פּרט, מיר דאַקעגן... און אַזוי ווײַטער אין אָט־דעם סכאָלאַסטישן נוסח.

ווי האָב איך געקאָנט דערגיין דערצו? וואָס איז דאָס געווען? טעמפּקייט? ליקוי־מוח? שרעק? יאָ, שרעק. שרעק קאָן פֿאַרנעפּלען, פֿאַרטונקלען דעם מוח. מיר האָבן זיך אַלע געשראָקן פֿאַרן וואָרט נאַציאָנאַליטעט, נאַציאָנאַליזם, נישט פֿאַרדעכטיקט צו ווערן אין ייִדישן נאַציאָנאַליזם. אויף דער ביוראָ פֿון די ייִד־סעקציעס האָבן מיר נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט קאַלינינס דערקלערונג, מיר האָבן מורא געהאַט זיך צוצורירן צו איר. האָט מען אַראָפּגעשלונגען מײַן אַבסורדאַלע פֿאַרטײַטשונג און אָפּגעווישט די ליפּן. די חבֿרה ייִדישע סטודענטן האָבן די פֿאַלשע מטבע נישט גערן אָנגענומען, געטומלט, געשטעלט אָן אַ שיעור פֿראַגן. ווען מײַן אויפֿקלערונג איז דערגאַנגען צו אַזאַ אינטעליגענטן מענטש מיט אַן אָפֿענעם מוח ווי סאָלאָמאָן, האָט ער קודם נישט געוואָלט צוגלייבן, אַז איך זאָל האָבן פֿאַרקאָכט אַזאַ קאַשע; ווען ער האָט שוין געמוזט גלייבן, האָט ער באַגערט אויף פֿיר אויגן מיר שטעלן עטלעכע שאלות. איז אָט זיצן מיר אין מײַן קאַנטאָר, איך בײַ מײַן ביוראָ־טיש, ער אַנטקעגן מיר. דער שפּעטער נאָכמיטאָג איז אַ פֿאַרוואָלקנטער, אַ טריבער. דורכן פֿענצטער קוקט אַרײַן אַ פֿאַרכמורעטער, ווייַנעדיקער הימל. אין דרויסן טריפֿט דעם גאַנצן טאָג אַ דראָבנע, נודנע רעגנדל, אַזעלכעס, וואָס וויל נישט אָפּטרעטן. סאָלאָמאָנס פּנים זעט מיר אויך אויס פֿאַרוואָלקנט. וואָס קוועטשט אים? איך זע ס׳איז אים נישט לײַכט אָנצוהייבן, כ׳וויל אים אַרויסהעלפֿן.

— וואָס דערציילט איר נײַעס, חבֿר סאָלאָמאָן? ווי האַלט עס מיטן צוגרייטן אײַער אַספּיראַנטור?

— כ׳מיין, אַז אין אָרדענונג. אַז מען אַרבעט, רוקט מען זיך פֿאָרויס. אין דעם פּרט, רעכן איך, וועל איך נישט האָבן צופֿיל דאגות.

— אין וואָסער פּרט האָט איר יאָ דאגות?

— פֿאַראַן זאַכן, וואָס כ׳קאָן נישט צעקייען, למשל אונדזער שטעלונג צו דער ייִדישער, נאַציאָנאַלער פֿראַגע און קאַלינינס דערקלערונג וועגן אַנטוויקלען די ייִדישע נאַציאָנאַליטעט, די ייִדישע נאַציע.

— איז אײַך באַקאַנט מײַן אויסטײַטשונג, וואָס כ׳האָב געגעבן אויפֿן סעמינאַר פֿון די ייִדישע סטודענטן?

— געהערט עפּעס וואָס, ס׳איז נישט דײַטלעך, כ׳וואָלט מער געוואָלט הערן פֿון אײַך גופֿא...

כ׳האָב ברייט און לאַנג אַרומגערעדט די זאַך אין זעלבן נוסח, מיט עטלעכע

באַפּוצונגען. סאָלאָמאָן האָט געקוקט אויף מיר ווי ער וואָלט מיך שוין אַ לאַנגע צײַט נישט געהאַט געזען און ס׳קומט אים אָן שווערלעך מיך צו דערקענען. כ׳האָב זיך לײַכט אָנגעשטויסן די סיבה פון זײַן שטוינען. יאָ, ער קאָן דאָס נישט צעקײַען און נישט פאַרדייען. פונדעסטוועגן האָב איך אים אַ פרעג געטאָן:

— איז דאָס קלאָר?

— ניין, לחלוטין נישט קלאָר. זאָגט מיר, חברטע אסתר, צו וואָס איז נייטיק דער גאַנצער פּילפּול? פאַרוואָס זאָלן מיר נישט אָננעמען קאַליבינס דערקלערונג אַזוי ווי זי שטייט און גייט? איך פרעג, איך וויל וויסן וואָס עס שטערט אונדז צו גיין אויפן גלײַכן וועג? פאַרוואָס גיין מיט היגטערוועגן?

— עס פרעגט זיך, וואָס ס׳איז דער גלײַכער וועג פאַר אונדז? דאָס, וואָס אײַך און אַנדערע זעט אויס צו זײַן אַ גלײַכער וועג, קאָן זיך אַרויסווײַזן פאַר אַ גאָר קרומען וועג, אַפילו אַ געפערלעכן. פאַרגעסט נישט, חבר סאָלאָמאָן, אַז מיר אַלע, הײַנטיקע ייִדישע קאָמוניסטן, זענען געווען בונדיסטן, פּועלי־ציוניסטן, פאַראייניקטע, מיר זענען געווען אַרײַנגעוואַקסן אין ייִדישן נאַציאָנאַליזם. די פאַרטיי ווייסט דערוועגן זייער גוט. זי האָט צו אונדז צוטרוי. מיר טאָרן נישט אַנטוישן. צווישן אונדז גערעדט, האָבן מיר זיך דען פולשטענדיק באַפרײַט פון דעם, וואָס די ייִדישע פאַרטייען האָבן אײַנגעפלאַנצט אין אונדז? כ׳האָב אויף דער ביוראָ פון די ייִד־סעקציעס פאָרגעלייגט מ׳זאָל אָננעמען מיטלען אויס־צוואָרצלען די איבערבלײַבענישן פון בונדיזם. חברים זענען מסכים מיט מיר. צי שטעלט איר זיך פאַר דעם טאַראַראַם וואָס דאָס וואָלט אָנגעמאַכט, ווען מיר וואָלטן אָנגעהויבן פריידיקן דאָס אַנטוויקלען אַ ייִדישע נאַציאָנאַליטעט, אַ ייִדישע נאַציע? צי שטעלט איר זיך פאָר וואָס ס׳וואָלט זיך באַקומען? מיט וואָס פאַר אַ געפאַר דאָס איז פאַרבונדן?

כ׳האָב נאָך גערעדט און גערעדט. דאָס מאָל דווקא רויִק, געלאַסן, נישט ווי געווײנלעך מיט פלאַם־פײַער. דער אינטעליגענטער סאָלאָמאָן, סאָלאָמאָן מיטן אָפענעם מוח און מיטן ערלעכן האַרץ, האָט זיך אויפמערקזאַם, שווײַגנדיק אײַנגעהערט אין מײַנע רייד און לסוף זיך אָפּגערופן:

— חברטע אסתר, כ׳האָב פאַרשטאַנען. איר זענט גערעכט. כ׳בין מסכים מיט אײַך. ס׳קאָן אַנדערש נישט זײַן.

מיר האָבן זיך פרײַנדלעך געזעגנט. כ׳בין געווען גליקלעך. כ׳האָב לײַכט איבערצײַגט סאָלאָמאָנען. ער איז נישט אַבי ווער. מ׳וועט אים אין גיכן אַרויסרוקן אויף וויכטיקע אַרבעטן. און ער איז טאַקע דערנאָך אַוועק ווײַט. ער פלעגט קיינמאָל נישט דערמאָנען דאָס וואָרט נאַציאָנאַל, נאַציאָנאַלע ייִדישע קולטור.

אין די שווערע צײַטן, לאַנג פאַר מײַן אַרעסט, ווען אַרום מיר זענען כסדר

אַוועקגעריסן געוואָרן יִדישע טוער, איבערגעגעבענע קאָמוניסטן, צווישן זיי אויך סאַלאָמאָן, פֿיל אַנדערע אַבסאָלווענטן פֿון מערב־אוניווערסיטעט, איז מיר זייער אָפֿט געקומען אויפֿן זינען יענער שמועס מיט סאַלאָמאָנען. כ׳האָב זיך דעמאָלט געפֿרעגט: האָב איך אים ווירקלעך איבערצײַגט אָדער גאָר אָנגעשטעקט מיט שרעק? באַגערט האָב איך אויפֿריכטיק אים איבערצײַגן, אין דער אמתן האָב איך, אַפֿנים, אים נישט איבערצײַגט נאָר אַרײַנגעגאָסן אין אים אַ היפּשע דאָזע שרעק, אפֿשר גאָר מײַן אייגענע שרעק, נישט אָפּגעבנדיק זיך דערפֿון קיין רעכענונג. שרעק איז אַ שווערע חולאת, וואָס קאָן אַראָפּפֿירן פֿון גלײַכן וועג, פֿאַרפֿירן. פּונקט ווי אַ שווערע פֿיזישע חולאת קאָן שעדיקן, דעפֿאָרמירן דעם אָרגאַניזם, אַזוי קאָן די חולאת פֿון שרעק שעדיקן, פֿאַרטונקלען דעם מוח.

*

...די וויסטע וועלט דאָ איז הײַנט באַגאָסן מיט זון. אַ ווילדע, וויסטע לאַנדשאַפֿט, אַ באַדעקטע מיט ווײַסן בלישטשענדיקן שניי. אויף דער אומענדלעכער דעק פֿון שניי גליטשן זיך הײַנט די זון־שטראַלן, גלאַנצן, פֿינקלען, גליִען מוראדיק, ווי זיי וואָלטן געוואָלט צוזאַמען מיט דער קעלט אונדז אָפּבריִען, פֿאַרברענען מיט אַ פֿראָסטיקער שריפֿה. די באַשטראַלטע ווײַסקייט ברענט אויס די אויגן, מ׳מוז זיי פֿאַרמאַכן, פֿאַרדעקן מיט די הענט. די גליִענדיקע בלענדעניש און די פֿאַרצוימונגען פֿאַרשטעלן גאָטס וועלט. כ׳פֿיל מיך הײַנט מער ווי שטענדיק ווי אַ חיה פֿאַרמאַכט אין אַ שטײַג. כ׳האָב אינדערפֿרי זיך קוים געקאָנט שלעפּן אויף די קראַנקע פֿיס דורכן לאַגער. די אויגן פֿאַרזשמורעט, האָב איך קוים געטראָפֿן צום קאַנטאָר. אַפֿילו די זון איז דאָ אַ גרויזאַמע. דער ווײַסער שניי שטעכט אונטער דער זון נאָך מער אויס די אויגן. אפֿשר וועקט ער אויך מער אויף דעם הונגער? ער באַגט הײַנט שטאַרקער, דער הונגער. כ׳האָב געמיינט כ׳האָב זיך גוט צוגעוווינט צו אים. איז אַט דרייט הײַנט אין מאָגן ווי ס׳וואָלטן זיך דאָרט געיאָגט יאַגד־קעץ. שוין אינדערפֿרי האָט דער הונגער אָנגעהויבן שרײַען אין מיר אויף אַלע קולות. כ׳האָב אים נאָכגעגעבן, אויפֿגעגעסן כמעט דעם גאַנצן פּאַיאָק, צום „מיטאָג״ געבליבן אַ פּיצל ליימיק ברויט. ס׳האָט נישט געשטילט די נאָגעניש; די זופּ, די באַרימטע באַלאַנדאַ איז הײַנט געווען גאָר שיטער. ווי אַזוי אַרבעטן די אומגליקלעכע ווען דער הונגער נאָגט? צי פֿאַרגעסן זיי אין דער נאָגעניש ווי איך אין קאַנטאָר? איך פֿאַרגעס אין הונגער אין קאַנטאָר. צי דערפֿאַר ווײַל מײַן מוח איז פֿאַרנומען מיט פּאַפּיר? ווי אַזוי אַראָפּצושאַרן אַ ביסל בלעטלעך און זיי פֿאַרשטעקן? הײַנט האָב איך פֿאָרט געטראַכט: ווען מ׳וואָלט געקאָנט צעקײַען אַ שטיקל פּאַפּיר און אַראָפּשלינגען ווי אַ שטיקל ברויט.

✶

אין 1926 איז דערשינען אַ צווייטע אויפלאַגע פון מײַן בוך „לענין און זײַן אַרבעט". כ'האָב געדאַרפט, איידער ס'דערשײַנט, נאָכאַמאָל איבערקוקן דעם טעקסט. וואָס זאָל איך אָבער אויסבעסערן? וואָס צוגעבן? אפשר דאַרף מען עפּעס אויסשטרײַכן? גיכער עפּעס צוגעבן. צי האָב איך דען גענוג אונטער־געשטראָכן די נאַציאָנאַליסטישע אויסווירקונגען אויף דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג? צי איז דען נישט נייטיק אַ שטאַרקערע פאָרמולירונג? ווו נעמט מען אָבער צײַט דערויף? כ'דאַרף אין גיכן אָפּגעבן דעם טעקסט. אין דער צענטראַל־ביוראָ פון די ייִד־סעקציעס איז הויך־סעזאָן. די זיצונגען קומען אָפּטמאָל פאָר בײַ מיר אין שטוב, פאַרציִען זיך לאַנג. און איך בין דער קאַפּעליע־מײַסטער פונעם גאַנצן אָרקעסטער; די ביוראָ פון די יוגנט־סעקציעס איז מײַן שטענדיקע זאָרג, ס'קאָכט זיך דאָרט שטענדיק; אין דער רעדאַקציע פונעם זשורנאַל „יונג־וואַלד" איז אַלע מאָל פאַראַן עפּעס אַן ענין, וואָס מ'דאַרף אויסגלײַכן. כ'בין דאָך דאָרט דער טאָן־געבער; אויף מײַנע פּלייצעס ליגט אויך די אויפזיכט פונעם פּעדאַגאָגישן חודש־זשורנאַל „אויף די וועגן צו דער נײַער שול". מ'האַלט בײַם סוף רעדאַגירן די אַכט בענדער פון לענינס ווערק, מ'דאַרף צואײַלן. הײַנט דער מערב־אוניווערסיטעט! ער פאַרשלינגט דעם גרעסטן טייל פון מײַן טאָג.

כ'האָב ווידער אָפּגעריסן שעהען פון מײַן שלאָף, אַוועקגעזעצט זיך בודיקן דעם טעקסט, געזוכט, געגישטערט אין די שורות, צווישן די שורות צי כ'האָב גוט פאַרגעשטעלט און פאַרטיידיקט דעם לעניניזם, זײַן שטעלונג צום „בונד", צום ייִדישן אַרבעטער־קלאַס. איז דאָך געשריבן געוואָרן דײַטלעך, שוואַרץ אויף ווײַס, אַז די פאַרגאַנגענהייט האָט זיך אויפן ייִדישן אַרבעטער אָפּגעזעצט אין זײַן נשמה, אונטערן צייכן פון מענשעוויזם און נאַציאָנאַליזם. כ'האָב געהאָט באַאַרבעט אַ באַזונדער קאַפּיטל וועגן לענינס ריכטיקן קאַמף מיטן „בונד". האָב איך דאָך, שטיצנדיק זיך אויף לענינס שריפטן, באַוויזן ווי דער גאַנצער ענין נאַציאָנאַלע קולטור־אויטאָנאָמיע איז נישט עפּעס אַנדערש ווי אַ פאַרפײַנערטע פאָרם פון פּשוטן נאַציאָנאַליזם. פאַראַן וועגן דעם אַלעמען איבער גענוג אין בוך. וואָס האָב איך נאָך געזוכט צוצוגעבן? וואָס נאָך שטאַרקער צו באַטאָנען, ווען אַלץ איז שוין גענוג שטאַרק באַטאָנט? צי האָב איך דען נישט אויפגעוויזן, אַז לענין און די באָלשעוויקעס האָבן די זאַך פון די ייִדישע אַרבעטנדיקע פאַרשטאַנען און באַנומען אַ סך בעסער און טיפער פון אַלע ייִדישע טוער צוזאַמען? כ'האָב געלייענט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל דעם טעקסט, זיך געבראָכן דעם קאָפּ וואָס מ'קאָן נאָך צוגעבן, אויסבעסערן. וואָס האָט מיך דעמאָלט אַזוי באַאומרויִקט?

וואָס האָב איך אַזוי פֿיל קאָנטראָלירט, בעת אַלץ איז גענוי קאָנטראָלירט געווען מיט אַ יאָר צוריק?

יאָרן שפּעטער האָב איך מיך געכאַפּט פֿון וואַנען ס׳האָט דעמאָלט געשטאַמט מײַן באַגער צו קאָנטראָלירן, אויסצובעסערן. כ׳האָב נאָך אויך אין יענע יאָרן נישט געהאַט באַנומען, אַז דאָס בייז שטעקט אין וואָרצל, בײַ לעבינעגן גופֿא. זיך אויסניכטערן פֿון אַזאַ טאָטאַלער שיכּרות איז אַ לאַנגער פּראָצעס. אין קאָפּ האָבן אָנגעהויבן זיך אויספּיקן געדאַנקען, ווי אַ קאַרטשעקל פּיקט מיטן שנאָבעלע אין דער שאָל פֿון דער איי אַרויסצוגיין אויף דער פֿרײַ. ס׳איז מיר אויך געקומען דעמאָלט אויפֿן זינען די מעשׂה מיט דער צווייטער אויפֿלאַגע פֿונעם בוך. די ערשטע אויפֿלאַגע איז דערשינען אין פֿרילינג 1925. געשריבן האָב איך דאָס בוך ביז סוף 1924. זינט דעמאָלט האָט זיך עפּעס געענדערט, געהאַלטן שטופּנווײַז אין איין ענדערן זיך. געענדערט האָט זיך אומבאַמערקטערהייט אַ סך אין מיר גופֿא, אין אונדז אַלע. די שרעק, וואָס האָט זיך געהאַט, צומאָל אָן אונדזער וויסן, אַרײַנגעכאַפּט אין אונדז, איז שטופּנווײַז געוואַקסן. זי איז נאָך טיילווײַז געווען אין אונטערבאַוווסטזײַן, אָבער געשטעקט אין אונדז, אין מיר. כ׳האָב טאַקע אויפֿגעוויזן אין מײַן בוך דעם ריכטיקן, דעם בעסטן וועג פֿון לעבינעגן, כ׳בין אָבער פֿאַרט אַרויפֿגעטראָטן אויף אַ גליטשיקן וועג. כ׳קאָן זיך פֿאַרט אויסגליטשן. בין איך דאָך אַזוי פֿיל יאָרן געווען אין שפּיץ פֿון אַ ייִדישער פּאַרטיי. האָב איך דאָך גופֿא געהערט צום נאַציאָנאַלן פֿליגל פֿון יענער פּאַרטיי. קאָן מען דען מיך נישט חושד זײַן, אַז עפּעס איז נאָך פֿאַרבליבן? אפֿשר איז טאַקע פֿאַרבליבן? ווי אַזוי באַווײַזן, אַז כ׳בין ריין פֿון זינד, אויב נישט פֿאַרדאַמען ווי אַמשטאַרקסטן אַלץ, וואָס איז פֿריִער געווען געבונדן מיט מיר מיט די שטאַרקסטע פֿעדים?

ווי כ׳האָב דאָס געלייענט אַ צווייט מאָל און אַ דריט מאָל דעם זעלבן קאַפּיטל! ווי כ׳האָב דאָס אַרײַנגעטראַכט אין יעדן זאַץ! אפֿשר ענדערן דעם בוי פֿון דעם אָדער יענעם זאַץ, ס׳זאָל אויסקומען שטאַרקער? אפֿשר צוגעבן דאָ און דאָרט אַ וואָרט? כ׳האָב אַרײַנגעפּירט קלײנע ענדערונגען, דאָ און דאָרט געענדערט דעם פּונקט אויף אַן אויסרוף־צייכן, אַקצענטירט די פֿאַרדאַמונג פֿון ייִדישן נאַציאָנאַליזם. אַזוי בין איך געזעסן אַ סך אָוונטן ביז שפּעט אין דער נאַכט איבערן טעקסט ביז דער אינערלעכער, שטרענגער צענזאָר, וואָס איז געזעסן אין מיר אין דער געשטאַלט פֿון שרעק, איז ווייכער געוואָרן און באַוויליקט מיר אונטערצוזאָגן, אַז נישטאָ וואָס צו ענדערן. דערמאָנענדיק זיך הײַנט ווי אַזוי כ׳האָב דעמאָלט בודק־חמץ געווען דעם טעקסט, ווי אַזוי כ׳האָב פֿאַרגעשטעלט די ייִדישע אַרבעטער־באַוועגונג, פֿיל איך ווי מײַן אויסגעבלאַסט פּנים ווערט רויט פֿאַר חרפּה, ווי דאָס האַרץ פֿאַרקלעמט זיך פֿון ווייטיק.

די בייגעלעך פּאַפּיר גייען צום סוף. צו מײַן געהיימען רעזערוו קאָן איך איצט נישט צוקומען. ס׳בלײַבט מיר בלויז איין זײַטל צו פאַרשרײַבן. נאָכן פאַרענדיקן, וועל איך פּרווון זיך באַוועגן. דאָ, אין באַראַק, אין דרויסן צו קאַלט. דער אויוון ברענט הײַנט אַ ביסל בעסער. כ׳וועל מיך אָנוואַרעמען און גיין באַשטאַטן די פאַרשריבענע בייגעלעך. דער בוכהאַלטער האָט מיך הײַנט פרי, אין קאַנטאָר, געפרעגט:

— וואָס טוט איר, באַבושקאַ, דעם גאַנצן נאָכמיטאָג?

— כ׳שלאָף...

— איר שלאָפט בײַ טאָג? וואָס טוט איר בײַ נאַכט?

— כ׳שלאָף בײַ נאַכט אויך.

— זענט איר, באַבושקאַ, אַ גוטע שלאָפערקע. אַנדערע באַקלאָגן זיך, אַז דאָס אומפּליי לאָזט זיי בײַ נאַכט נישט שלאָפן, און איר, באַבושקאַ, שלאָפט בײַ נאַכט און בײַ טאָג.

ער איז נישט קיין בייזער מענטש, דער בוכהאַלטער וואַסילי, אָבער אַ גרויסער אויסטויגער. דער איינציקער פון די קרימינעלע, וואָס איז נישט פאַרווילדעט. זײַן פאַרברעכן באַשטייט אין דעם וואָס אַלס בוכהאַלטער אין אַ גרויסן מאָסקווער מאַגאַזין, האָט ער אַ סך יאָרן, יעדן חודש, בשותפות מיטן קאַסירער, אַראָפּגעלאָזט צו זיך אין קעשענע אַ נישקשהדיקע מטבע פון געלייזטן געלט. אין געריכט האָט ער צו זײַן פאַרטיידיקונג גענומען דאָס קראַנקע ווײַב מיט זײַנע זיבן קינדער. ער האָט זיי געדאַרפט באַשפּייזן, באַקליידן, אָנקומען צום פרײַעם מאַרק. ר׳האָט געדאַרפט דערהאַלן דאָס קראַנקע ווײַב. ווי האָט ער געקאָנט לאָזן זי שטאַרבן? ס׳האָט אים נישט געהאָלפן. מ׳האָט צוגעפּסקנט צען יאָר. ער איז אָבער פון אָנהייב אָן געווען גענוג פּיפיק זיך אַרויסצודרייען פון גיין אין קוילן־גרוב. ער איז אַ גאַנצער באַלעבאָס אין קאַנטאָר. מיך אויך גענומען אונטער זײַנע פליגל, קוקט מיר קיינמאָל נישט אויף די פינגער. ס׳קאָן גרײַלעך זײַן ער זאָל זיך אָנשטויסן וועגן מײַנע גנבות. טיילמאָל שאַר איך אַראָפּ מיט אַמאָל מער ווי אַ צענדליק בייגעלעך פּאַפּיר, רוק אַרײַן אין דער טאַליע פון דער זשופּעצע, פאַרשטעל מיטן שפּענצער. צײַטנווײַז גיט ער שעלמיש אַ ווונק צו מיר. כאָטש כ׳פאַרשטיי נישט אַלע מאָל דעם באַדײַט, איז דאָס פאַרט אַ סימן פון מענטשלעכער וואַרעמקייט. דאָס איינציקע, וואָס כ׳פאַרטראָג נישט פון אים, איז דער נאָמען באַבושקאַ. דאָס דערמאָנט מיך, אַז כ׳בין געוואָרן אַ שברי־כלי, אַן אַלטע, קראַנקע פרוי מיט געליימטע פיס. נאָר גיי זאָג אים, אַז ס׳געפעלט מיר נישט דער נאָמען באַבושקאַ! בעסער לעבן מיט אים בשלום און קאָנען גנבענען פּאַפּיר...

✶

...אַ שלעכטע נאַכט געהאַט. עטלעכע שעה געלעגן אויף דער נאַרע מיט אָפענע אויגן, נישט געקאָנט איַינשלאָפן. צו די אויערן איז כסדר דערגאַנגען דאָס קרעכצן, דאָס שווערע כראָפּען פון די אויסגעמאַטערטע שכנטעס. אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, ווען איך שלאָף נישט, הער איך מיך איַין אינעם אייגענעם רויש אין קאָפּ. ער ווערט דעמאָלט אומדערטרעגלעך, קלאַפּט מיט האַמערס אין מוח. די אויגן האָבן אָנגעהויבן זיך קלעפּן, דער רויש אין קאָפּ איז צעשוווּמען אין דרימל. פּלוצלינג האָב איך דערזען מיַין טאַטן. ער איז געקומען אין זיַין פּוטערנעם מאַנטל, דורכגעהאַקט מרחקים מיך צו זען צום לעצטן מאָל. זיַינע גוטע אויגן זענען געווען פול מיט טרערן. ער האָט אויס־געצויגן צו מיר די הענט, געוואָלט מיך אַרומנעמען און נישט געקאָנט. הענט פון ווינט, פון שניי. ער האָט געקוקט אויף מיר מיט גרויס צער. מיט טרערן אין האַלדז אויסגערופן:

— מלכהלע, מלכהלע, מיַין קינד, וואָס האָבן זיי געמאַכט פון דיר? פאַרוואָס קומט דאָס דיר? פאַר דעם האָסטו אָפּגעגעבן דיַין גאַנץ לעבן? דיַין בליִענדיקע יוגנט? אַזוי פיל האָפענונגען געלייגט אויף דיר און דו ביסט דערצו דערגאַנגען! וואָס איז געוואָרן מיט פריידעלען? זי ליגט מסתמא אויף אַ נאַרע איַינגעוויקלט אין שמאַטעס ווי דו. אוי, גאָט אין הימל, אל רחום וחנון, האָב רחמנות אויף מיַינע קינדער!

ער האָט זיך פונאַנדערגעוויינט אויפן קול. כ׳האָב געוואָלט אים טרייסטן, איַינשטילן זיַין שלוכצן און נישט געקאָנט אַרויסבאַקומען קיין איין וואָרט פון מויל. ס׳איז מיך באַפאַלן אַ שטומעניש. כ׳האָב זיך געראַנגלט מיט די ווערטער, וואָס זענען געבליבן שטעקן אין אויסגעטרוקנטן האַלדז ביז כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט. ס׳האָבן געשלאָגן אויף מיר אַנגסטן. כ׳האָב זיך געוואָלט דערמאָנען ווי דער טאַטע האָט אויסגעזען, ווען כ׳האָב אים דאָס לעצטע מאָל געזען און זיַין געזיכט, זיַין אַמאָליק געשטאַלט זענען צערונען געוואָרן אין דער שטיקנדיקער לופט פונעם באַראַק; זיַינע אָקאָרשטיקע רייד זענען פאַרטויבט געוואָרן פון דעם אומרויִקן כראָפּען און קרעכצן פון די שלאָפנדיקע אויף די נאַרעס.

מיַין טאַטע איז געשטאָרבן אין 1924. כ׳בין קיינמאָל נישט געווען ביַי אים, ווען ער איז קראַנק געווען. כ׳בין געווען צופיל פאַרנומען. נאָך זיַין טויט האָט די מאַמע מיר דערציילט ווי אָפט ער האָט מיך דערמאָנט, ווי באַזאָרגט ער איז געווען וועגן מיר:

— צי נעמט נישט מלכהלע צופיל אויף זיך? — האָט ער שטענדיק

געפרעגט. ווייסט וואָס, מײַן ווײַב? ס׳געפעלט מיר נישט וואָס אונדזער מלכהלע האָט מיט איין טראַסק זיך איבערגעפעקלט צו זײַ דאָרט. כ׳האָב גאָרנישט צו זיי, זיי שלאָגן זיך דאָך קעגן די פּאָגראָמשטשיקעס. וואָלטן זיי נאָר געלאָזט ייִדן זיך פירן לויט זייער שטייגער. נאָר אונדזער מלכהלען פאַרשטיי איך פּאָרט נישט. פריִער געווען אַ פאַרברענטע בונדיסטקע, פלאַם־פײַער, איצט אַ פאַרברענטע קאָמוניסטקע. אַלץ וואָס פריִער געווען הייליק — אַרויסגעוואָרפן אויפן מיסט. די פריִערדיקע חברים אויך גאָרנישט ווערט, זי זאָגט זיי אַרײַן אין דער לעבער. אַזאַ איבערקערעניש!

מײַן מאַמע האָט אים געטרייסט:

— זאָרג זיך נישט פאַר מלכהלען, זי ווייסט וואָס זי טוט. דו פלעגסט דאָך אַליין זאָגן, ווי דײַן טאַטע עליו השלום, אַז מלכהלע האָט אַ שטאַרקן קאָפּ, אַז זי וועט ווײַט דערגיין.

— אַז מען דערגייט צו ווײַט טויג אויך נישט. זי נעמט צופיל אויף זיך. און די מעשה מיטן ביכל וועגן רבנים, אויב ס׳זאָל זײַן אמת, ליגט מיר ווי אַ שטיין אויפן האַרץ. ווען כ׳וואָלט זיך כאָטש געקאָנט דורכרעדן מיט איר. האָט זי דאָך נישט קיין צײַט פאַר אונדז. זי פאַרגעסט אין גאַנצן, אַז זי האָט טאַטע־מאַמע.

— לאָז אָפּ, זי פאַרגעסט נישט. זי האָט פּשוט נישט קיין צײַט. און דאָס וואָס זי האָדעוועט גיטעס, עליה השלום, קינדער, איז גאָרנישט?

מײַן מאַמע האָט עס מיר איבערגעגעבן מיט אַ טרויעריקער שטימע. זי האָט קיינמאָל נישט געלאָזט פאַלן קיין שפּרענקעלע אויף מיר, שטענדיק מיך פאַרענט־פערט. דאָס מאָל האָב איך אין אירע ווערטער געפילט אַ מאַמישן האַרצווייטיק. אפשר האָט זי זיך געפרעגט מיט וואָס איך צאָל איר אָפּ פאַר די אַמאָליקע לויפענישן אין די תפיסות? פאַר אַלע טירחות, עגמת־נפשן? ניין, כ׳האָב נישט געהאַט קיין צײַט פאַר מײַנע גוטע עלטערן. כ׳בין אַרײַן אין אַן אַנדער וועלט, אַ ווײַטע פון זייערער. די אַנדערע וועלט האָט געמאַכט פון מיר אַן אַנדערן מענטש, אַ מענטש אַ האַרטן, אַ שטײַפן, אַ ווייניק פילנדיקן, ווייניק מיטפילנדיקן. אַלע געפילן, מחשבות, זענען געווען אונטערגעאָרדנט אַן אידייען. מײַן גאַנצער „איך" איז געוואָרן אַבסאָרבירט מיט איין איינציקן געדאַנק: דינען דער ראַטנ־מאַכט, דעם אויפבוי פון סאָציאַליזם. קיין איין ווינקעלע אין מײַן „איך" איז נישט פאַרבליבן פאַר עפּעס אַנדערש. מײַן פריידעלע איז שוין געווען אַ דערוואַק־סענע, געהאַלטן אין ענדיקן די „רויטע פּראָפעסור", געהאַט אַ בחור, געהאַט איר אייגן לעבן, געוווינט באַזונדער. כ׳בין באַפרײַט געווען צו זאָרגן וועגן איר.

מיט גיטעס יִינגלעך האָט זיך נאָך געהאַט פאַרנומען די אָם; כאָטש זיי האָבן מיך גערופן מאַמע זענען זיי אַוועק צו זייער טאַטן, ווי גיך זיי זענען אונטערגע־וואַקסן. 24 שעה אין מעת־לעת — ווייִל ריכטיק האָט געזאָגט ליטוואַקאָוו, אַז אויך אין שלאָף טראַכט איך — איז מיין מוח געווען איינגעשפּאַנט אין דער זאַך, דער אידיי פון וועלכער ס׳דאַרף געבוירן ·ווערן, פון וועלכער ס׳וועט שוין געבוירן, אַ נייַע וועלט. און דער מענטש אין דער נייַער וועלט? דעם מענטש האָבן מיר, האָב איך, נישט געזען, פּונקט ווי מיר האָבן נישט געזען דעם רעליגיעזן מענטש, דעם פרומען ייִד, וואָס האָט געליטן, ווען מיר זענען אים באַפאַלן, באַליידיקט זיינע רעליגיעזע געפילן. מיר האָבן געזען די מענטשהייט, גיכער אַ מענטשהייט און נישט דעם מענטש. דער מענטש איז געוואָרן אַן אַבסטראַקציע, ער איז צעשווומען געוואָרן. און אויך די מענטשהייט, דאָס פאָלק וועגן וועלכן מיר האָבן אַזוי פיל גערעדט, אין וועמענס נאָמען מיר האָבן גערעדט, איז געוואָרן אַן אַבסטראַקטער באַגריף.

שטופנווייַז האָבן זיך מייַן כאַראַקטער, מייַנע פירעכצן געענדערט. איך פלעג דאָך אַמאָל פיל אַכט לייגן אויף מייַן אויסזען, ליב געהאַט צו זייַן עלעגאַנט. כ׳האָב אָנגעהויבן זיך פאַרנאַכלעסיקן, ווערן אָפּגעלאָזן. כ׳בין געוואָרן דיק און גאָרנישט אונטערגענומען קעגן דעם. פון מאָל צו מאָל געכאַפּט אַ קוק אין שפּיגל, זיך אַרומגעזען, אַז די אַלטקייט קריכט אַרויף אויף מיר צו פרי. ס׳האָט מיר פאַרשאַפט עגמת נפש, אָבער באַלד זיך אויסגעמוסרט: האָסט שוין נישט קיין וויכטיקערע זאָרגן ווי זיך פאַרנעמען, זיך איבערנעמען מיט דייַן אויסזען? כ׳פלעג פריִער אַ סך זינגען, כ׳האָב געהאַט אַ גוטע שטימע. כ׳פלעג אַליין צופּאַסן באַקאַנטע מעלאָדיעס צו מייַנע אייגענע, געשאַפענע סטראָפן. אויף בונדישע צו־זאַמענקונפטן פלעג איך שלאָגן רעקאָרד אין אויסזינגען לידער. כ׳פלעג אַמאָל שטיל מורמלען אַ ניגון בעת איך פלעג שרייַבן. כ׳האָב אַמאָל ליב געהאַט צו דערציילן, צו הערן אַ גוטן וויץ, אַ ווערטל, אויך אַזעלכע וואָס האָבן אונדז קריטיקירט, אויסגעלאַכט. כ׳האָב אויפגעהערט צו זינגען, מורא געקריגן פאַר אַ וויץ, מ׳זאָל אים, חס וחלילה, נישט שלעכט אויסטייַטשן אויפן חשבון פון דער ראַטנמאַכט. איז מען דאָך ראַדעקן דערגאַנגען די יאָרן אויך פאַר זייַנע וויצן. כ׳בין געוואָרן ערנסט, מוראדיק ערנסט. אויך מייַן שטימע האָט זיך געענדערט: אָנגעהויבן רעדן הויך, מיט אַ זעלבסטזיכערן טאָן. צייַטנווייַז אויף עמעצן זיך צעשריגן. אומבאַמערקטערהייט האָט זיך אַרייַנגעכאַפּט אין מיר דער באַוווסטזייַן פון הִיעראַרכיע: כ׳בין געוואָרן נאָכגיביק, אומקריטיש, אונטערוואַרפעריש לגבי די, וואָס זענען געשטאַנען אויף שטאַפּלען העכער פון מיר, בפרט ווען זיי האָבן געהערט צו דער הויכער הִיעראַרכיע. ווען ס׳איז מיר אויסגעקומען צו אינטער־

ווענירן אין די שפּיצן וועגן אַ ייִדישן ענין, אָדער אין שייַכות מיט מייַנער אַ באַשעפטיקונג, זענען מיר דורכן האַלדז נישט דורכגעגאַנגען די צוויי ווערטער „נישט מסכים". איגנאַצי לאַיאָלאַ, דער גרינדער פון יעזואיטנטום, ענטפערנדיק אויף אַ פראַגע וואָס דאָס איז אַ גוטער קריסט, האָט געזאָגט: ווען די קירכע האַלט, אַז דאָס שוואַרצע איז ווייַס, דאַרף אַ גוטער קריסט נאָכזאָגן, אַז דער שוואַרצער קאָליר איז אַ ווייַסער.

אַ גוטער, געטרייַער קאָמוניסט האָט זיך געדאַרפט פירן אויפן זעלבן אופן. נישט מסכים זייַן מיט דער פּאַרטיי־אָנפירונג האָט נישט געקאָנט געמאָלט זייַן, אפילו ווען דער ווייַסער קאָליר איז בפירוש געווען שוואַרץ. בעת מייַנע אינטער־ווענצן פלעג איך אין אַזעלכע פאַלן אַרומגיין דעם ענין, באַטאָנען, אַז כאָטש די שטעלונג פון דער פּאַרטיי איז דורכויס אַ ריכטיקע — בעת ס'איז געווען בפירוש פאַרקערט — מוז מען צוליב די באַדינגונגען האַנדלען אַ ביסל אַנדערש. ביסלעכ־ווייַז האָט זיך דער מוח אויספּאַרמירט, געצוימט, אייַנגעשפּאַנט געוואָרן צו טראַכטן לויט באַשטימטע קאַטעגאָריעס, נישט צו דענקען זעלבסטשטענדיק, אָנצונעמען פאַרטיקע געדאַנקען, גרייטע, צוגעפּראַוועטע אמתן. דער משוגענער קאַליגולאַ האָט אין אַלטן רוים געזאָגט, אַז זייַן גרעסטער פאַרלאַנג איז, אַלע מענטשן זאָלן האָבן איין קאָפּ, ער זאָל קאָנען פאַר איין מאָל זיי אַראָפּנעמען דעם קאָפּ. דאָ האָבן אַלע מענטשן געדאַרפט טראַכטן מיטן קאָפּ פון איין מענטש, העכסטנס פון נאָך עטלעכע אונטערטאַנען זייַנע. צו דעם אַלעמען האָט צוגעשפּילט די שרעק. קאַרל מאַרקס האָט מיט אַ קנאַפּן יאָרהונדערט צוריק געשריבן, אַז דאָס געשפּענסט פון קאָמוניזם שוועבט איבער אייראָפּע. איבער רוסלאַנד האָט געשוועבט און שוועבט ווייַטער דאָס געשפּענסט פון מורא, אַ מורא, וואָס האָט זיך אַרייַנגעשפּינט אין האַרץ, אין דער נשמה, אין דער הויט, אין גאַנצן וועזן, זי איז געוואָרן אַ באַשטאַנדטייל פון אונדז, פון מיר. געוואָרן אַ נאָרמאַלע זאַך.

✶

...כמעט די גאַנצע וואָך געלעגן אין לאַגער־שפּיטאָל. ס'איז מיר בייַ דער אַרבעט אין קאַנטאָר נישט־גוט־געוואָרן, געחלשט. וואַסילי, דער בוכהאַלטער, האָט מיך אָפּגעמינטערט; זאַלבע־צוויי האָט מען מיך גענומען אונטער די אָרעמס, אָוועקגעפירט, גיכער אָוועקגעשלעפּט אין שפּיטאָל. געווען שטאַרק באַזאָרגט וועגן די בייגעלעך פּאַפּיר, וואָס כ'האָב פאַרשטעקט הינטער דער זשופּעצע. זיי האָבן דאָס נישט דערשנאַפּט. דער דאָקטער, מייַן אַמאָליקער תלמיד, האָט ווידער אויסגעשפּרייט איבער מיר זייַנע באַשיצערישע פליגלען, אויפסניי פאַרשריבן מיך אויפן רעגיסטער פון די שווערסטע קראַנקע. די צוקער־קראַנקייט מיט אַלע

נאָכשלעפּעניש גייט פאָרויס. ער פאַרבאַהאַלט דאָס נישט פאַר מיר. ווען ס׳וואָלט געווען אינסולין! ווו נעמט מען דאָס? כ׳האָב דעם דאָקטער ווידער געפרעגט:

— אויף ווי לאַנג האָב איך נאָך?

ער שמייכלט טרויעריק און ענטפערט ווי אַלע מאָל:

— כ׳בין נישט קיין גאָט. גאָר כ׳האָב שוין געזען ווי אַן אָרגאַניזם האַלט אויס מער ווי ס׳איז זײַן טבע.

איך גלייב נישט איך זאָל אויסהאַלטן. איך באַגער נישט מער ווי באַוויַיזן אויפצושרײַבן די בלעטלעך פון מײַן לעבן. נאָך אַ וואָך צײַט געבעטן דעם דאָקטער, מײַן גוטן פרײַנד, מיך אַרויסצולאָזן פון דעם מ׳שטיינס־געזאָגטן שפּי־טאָל, כאָטש דאָס עסן דאָ יאָגט אָפּ דעם הונגער, די וואָרעמקייט מונטערט אויף. כ׳האָב דאָס מאָל נישט געקאָנט פאַרטראָגן די קרעכצן, די געוויינען פון די קראַנקע מיט די אָפּגעפרוירענע פינגער, דאָס כאָרכלען פון די גוססדיקע. כ׳וואָלט געוואָלט שטאַרבן מיט איין מאָל, נישט אין קיין לאַנגער גסיסה.

— דאָקטער, איין שליחות האָב איך שוין אָרויפגעלייגט אויף אײַך. זײַט אויך וויסן וועגן מײַן באַגער נישט אויסצוהויכן די נשמה אין אַ לאַנגער גסיסה, ווי יענע דאָרט אויפן בעטל. דעם סוף קאָן מען דאָך צואײַלן, אויב ער מוז קומען.

ווען כ׳האָב אים אָנפאַרטרויט די ערשטע שליחות האָט ער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. אויף דער איצטיקער בקשה האָט ער נישט געענטפערט. ווען נישט ער, וואָלט מײַן שרײַבן געווען אַ ברכה לבטלה. און פאָרט פרעג איך מיך נישט איין מאָל: צי וועט עס דערגיין צו די לעבעדיקע? אפשר לוינט זיך נישט די גאַנצע טירחה? באַלד רופט זיך אָפּ אַן אַנדערע, אינערלעכע שטימע: שרײַבסט דאָך אויך פאַר זיך גופא. שרײַבסט דאָך זיך אַנטקעגנצושטעלן דעם גרויסן בייז, די רישעות; שרײַבסט אָפּצוהאַלטן אַ נצחון איבערן טויט. אין מײַנע קאָשמאַרע חלומות זע איך טייל מאָל ווי דער מלאך המוות דערנענטערט זיך צו מײַן נאָרע. דעמאָלט הייב איך אָן גיך־גיך צו שרײַבן און דער מלאך המוות דערווײַטערט זיך. איך ווייס נישט ווי לאַנג איך וועל נאָך דעם מלאך המוות דערווײַטערן פון זיך. דעריבער אײַל איך מיך, דעריבער רײַס איך אַרויס פראַגמענטן פון מײַן לעבנס־געשיכטע, נישט צוזאַמענגעבונדענע קאַפּיטלעך. אין דער וואָך צײַט, אויפן שפּיטאָל־בעטל, האָב איך מיך ווידער איבערגעטראָגן אינעם יאָר 1926. וואָס פאַרא רעשיק יאָר! ווי כ׳האָב דעמאָלט אינעם רעש אויסגעקרומט מײַן „איך”.

די אַקטיוויטעטן פון די ייִד־סעקציעס, פון דער צענטראַלער ביוראָ זענען געווען אויפן סאַמען הויכפּונקט. ס׳איז געווען הימל און ערד און ייִדישע אַרבעט, ווי מ׳האָט דאָס גערופן. שולן, טעאַטערס, פאַרלאַגן, ייִדישע פּרעסע, וויסנשאַפט־

אַקאַדעמיעס, קלובן, יוגנט־און קינדער־זשורנאַלן האָבן זיך אויסגעשפּרייט אין דער לענג און ברייט פון ראַטנלאַנד. ס׳האָט אויך געגרוישט מיט פּראָדוקטיוויזאַציע, מיטן איבערבויען דאָס אַלטע, אָפּגעלעבטע שטעטל. אַלץ איז לויט אַ צוגעשני־טענעם מאָדעל, אַ מאָדעל, וואָס קומט פון אויבן. ס׳איז ייִדיש אָן אַ ייִדישער נשמה, אויסגעהוילן פון נאַציאָנאַלן אינהאַלט. מיר, די ייִד־סעקציעס היטן דעם מאָדעל ווי דעם אַפּל אין אויג, ס׳זאָל זיך, חס וחלילה, נישט אַרײַנכאַפּן אין אונדזער אַרבעט עפּעס אַ נאַציאָנאַלע פּסולת. איך בין פון די אײפערדיקסטע היטערס פון דער קאָמוניסטישער ריינקייט אין דער ייִדישער אַרבעט. כ׳בין דאָך די טעאָרעטיקערין, באַגרינדערין פון ייִדיש־נאַציאָנאַלן פּראָבלעם אין ליכט פון לעניניזם־סטאַליניזם. לענינס פּראָזע קען איך אויף אויסנווייניק פּונקט ווי כ׳האָב אַמאָל געקענט אויף אויסנווייניק להבדיל שטיקער תנ״ך, אָדער „אהבת ציון״. בײַ אַ געלעגנהייט ציטיר איך פון אויסנווייניק לענינס אַזעלכע ווערטער: „די אידיי פון ייִדישער נאַציאָנאַליטעט טראָגט אַן אויסגעשפּראָכענעם רעאַקציאָנערן כאַראַק־טער. די אידיי פון אַ ייִדישער נאַציע איז סותר די אינטערעסן פון ייִדישן פּראָלעטאַריאַט. אין וויסנשאַפטלעכן זין איז די אידיי וועגן אַ באַזונדערן ייִדישן פאָלק רעאַקציאָנער. אין גאַנץ אייראָפּע איז דאָס פאַלן פון מיטלאַלטער און די אַנטוויקלונג פון דער פּאָליטישער פרײַהייט געגאַנגען האַנט בײַ האַנט מיט דער פּאָליטישער עמאַנציפּאַציע פון די ייִדן, מיט דעם פאַרבײַטן פון דעם זשאַרגאָן זייערן אויף דער שפּראַך פון דעם פאָלק צווישן וועלכן זיי לעבן און מיט דער אַסימילאַציע צווישן דער אַרומיקער באַפעלקערונג״... אמת, לענין האָט נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע געזאָגט, אַז מ׳דאַרף דערווײַל נישט ליק־ווידירן די נאַציאָנאַלע אונטערשיידן, אַנולירן די אַנדערשקייטן. אָבער דאָס האָט מען שפּעטער אויסגעטײַטשט ווי אַ צײַטווײַליקע טאַקטיק. און ווער דערמאָנט עס כלל הײַנט?

מעגלעך, דער זכרון דינט מיר שוין נישט אַזוי ווי אַמאָל און בײַם ציטירן לענינס ווערטער האָב איך דורכגעלאָזט דאָ און דאָרט אַ וואָרט, עטלעכע ווערטער, אָבער דער אינהאַלט איז געטרײַ איבערגעגעבן. און אויב אַזוי, שמעקט דאָך אַפילו די צוגעבונדנקייט צו דער ייִדישער שפּראַך מיט נאַציאָנאַליזם. און איך, די פריִערדיקע פאַרליבטע אין ייִדיש, וואָס איז פאַר מיר געווען ייִדיש־קודש, הייב אָן פריידיקן, אַז אונדזער לשון איז פאַר אונדז נישט קיין שום וויכטיקער ענין, ווײַל מיר זענען נישט קיין נאַציאָנאַליסטן, איך זע צומאָל פאַר, אַז אין דער נאָענטסטער צוקונפט וועלן די רײַכערע, הערשנדיקע שפּראַכן אַרויס־שטופּן אין יעדן לאַנד די ייִדישע שפּראַך. אויף דער פערטער קאָנפערענץ פון די ייִדישע סעקציעס טרעט איך אַרויס קעגן העגעך קאָזאַקעוויטשן פאַר זײַן „נאַציאָ־

נאַליסטישע״ שטעלונג צו ייִדיש, ווײַל לויט מײַן אײַנזען, באַטראַכט ער ייִדיש ווי אַ ציל און נישט ווי אַ מיטל צו אָרגאַניזירן די ייִדישע פֿאָלקס־מאַסן. פֿון אַלטשולער און ראַפּעס איז אָפּגערעדט, זיי האָבן פּראָסט־פּשוט געשטויסן צו אַסימילאַציע.

צי האָב איך מיך אויך אינערלעך אַזוי געענדערט? האָב איך דאָך מיט יאָרן צוריק באַטראַכט די אָנערקענונג פֿון ייִדישן לשון, אייגענע נאַציאָנאַלע קולטור, ווי אַ באַזע פֿאַר ייִדישער גלײַכבאַרעכטיקונג. ס׳איז טיף אין מיר פֿאַרבליבן. כ׳האָב עס פֿאַרשריִען, פֿאַרטויבט, אָבער די צעריסנקייט איז אינערלעך פֿאַרבליבן. דער באַגריף ייִדישער נאַציאָנאַליזם, ייִדישקייט בכלל, אין וואָסער פֿאָרם זי זאָל נישט זײַן, איז געוואָרן פֿאַר אונדז דאָס זעלבע ווי אַ רויטע פּלאַכטע פֿאַר אַן אָקס. ס׳האָט נישט געלאָזט שלאָפֿן. מ׳איז דערגאַנגען דערצו, אַז מיר האָבן צוגעלייגט אַ האַנט אומצוברענגען אין יענע שווערע צײַטן ייִדישע וווילטעטיקע אינסטיטוציעס, הילפֿס־חברות, צדקה־חברות, אַ חברה צו העלפֿן מלחמה־קרבנות, ייִדישע שפּיטאָלן, ווו אַ קראַנקער ייִדישער מענטש האָט געקאָנט זיך פֿילן היימישער, די חברה מפיצי־השכלה צו פֿאַרשפּרייטן בילדונג צווישן ייִדן, קולטור־פֿאַראייניגן, ווו אַ ייִד האָט געקאָנט זיך אויסלעבן ייִדיש־נאַציאָנאַל. דאָס אַלץ האָט דאָך באַדײַט לויט לעניניען ייִדישער סעפּאַראַטיזם, אַ סינאָנים פֿון נאַציאָנאַליזם. און מיר, ייִדישע קאָמוניסטן, האָבן געדאַרפֿט, געמוזט באַווײַזן, אַז מיר זענען אינטערנאַציאָנאַליסטן, געטרײַע אָנהענגער פֿון לעניניזם.

אין אַפּריל 1926, ווען ייִדישקייט אין אַלע פֿאָרמען איז שוין געווען פֿון אומעטום אַרויסגעריסן, בין איך אויף דער צענטראַל־ביוראָ פֿון די ייִד־סעקציעס געקומען מיט אַן אַנטדעקונג: פֿאַראַן נאָך שפּורן פֿון בונדיזם, וואָס דערלויבט נישט ווי געהעריק צו אַרבעטן צווישן די קוסטאַרן, צווישן דער ייִדישער באַפֿעל־קערונג אין די שטעטלעך, וואָס מ׳דאַרף אַרײַנציִען אין דער ראַטנבויונג. אַז ס׳קלעפּט זיך נישט איינס צום אַנדערן האָט קיינער נישט אָנגעוויזן, פֿאַרקערט, מ׳האָט מיך אונטערגעהאַלטן. מעגלעך, אַז מיר האָבן געוואָלט אין זיך אַליין פֿאַרשרײַען די צעריסנקייט, ווײַל ווי גיך מיר האָבן זיך צוגערירט צו עפּעס אַן ענין פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג, איז אין באַוווסטזײַן אויפֿגעשווומען דער ייִדיש־נאַציאָנאַלער פּראָבלעם, וואָס האָט נישט געפֿונען קיין שום לייזונג. דאָס זוכן בונדישע זינד איז געווען אַ סימן פֿון אינערלעכער צעריסנקייט. זענען דאָך גלײַכבאַרעכטיקונג פֿאַר ייִדן, אָנערקענונג פֿון אייגענער שפּראַך און קולטור געווען פֿאָדערונגען פֿון „בונד״. זענען זיי דאָך ווײַטער מײַנע פֿאָדערונגען געווען. מיט יאָרן שפּעטער האָב איך מיך פֿאַרגליכן צו אַ משומד, וואָס וויל גײַציק אָפּהיטן דעם נײַעם גלויבן אויס מורא מ׳זאָל אים נישט חושד זײַן אין צוגעבונדנ־

קייט צו ייִדישקייט. איין טשעמעריסקי האָט מיך דעמאָלט אויף פיר אויגן אַ פרעג געטאָן:

— אסתר, וואָס באַדײַט די מעשה מיט די רעשטלעך פון בונדיזם?

— מ׳דאַרף דיר עס נאָכאַמאָל צעקײַען? אַרײַנלייגן אין מויל?

— ניין, נישטאָ וואָס צו צעקײַען. איך פרעג דיך ווו זאָלן מיר זוכן די רעשטלעך פון בונדיזם? אפשר אויך פון ציוניזם?

— ווילסט אפשר מיר העלפן זוכן?

— ענטפער נישט מיט פראַגן אויף פראַגן, זאָג מיר ווו, ביי וועמען זאָל מען זוכן? ווו איז די געפאַר?

— גיב אַליין אַ טראַכט ווו, ביי וועמען...

— נישט אַנדערש נאָר ביי דיר גופא זענען פאַרבליבן רעשטלעך פון בונדיזם, אָדער ס׳פאַרפאָלגט דיך סתם אַ בונדישער געשפּענסט.

ער האָט זיכער נישט געגלייבט אין דעם וואָס ער האָט געזאָגט, אָבער אַן אמת איז געווען אין דעם. וואָס מער כ׳האָב געטראַכט פאַר זיך אַליין וועגן ייִדישע ענינים, אַלץ מער האָב איך געזען די אויסוועגלאָזיקייט, די ווידער־שפּרוכן, אַלץ מער זענען אין דמיון אויפגעקומען די ייִדישע פאַרטייען מיט זייערע פּראָגראַמען. דאָס זענען געווען אויפבליצן פון ניכטערקייט ביי אַ שטאַרק פאַרשיכורטן, פאַרטשאַדעטן. מיר זענען כמעט אַלע געווען צעריסן אינערלעך, און פאַרשרײַען די צעריסנקייט מיט באַגײַסטערונג פאַרן סאָציאַליסטישן אויפבוי.

דער זעלבער טשעמעריסקי, וואָס האָט מיר פאַרגעוואָרפן אַ בונדישן געשפּענסט, האָט אויף אַ באַראַטונג פון די ייִד־סעקציעס געזאָגט קלאָר און אָפן; „מ׳דאַרף מיטן וואָרצל אויסרײַסן דעם ייִדישן נאַציאָנאַליזם, וואָס קליידט זיך אין ייִדישיזם; דער ייִדישיזם, דער קלעריקאַליזם — אָט איז דער שונא אונדזערער!״ מ׳האָט אים אַפּלאָדירט. ווי ווײַט איז דאָס געווען פון פאַר׳לייקענען יעטווידן ייִדיש־נאַציאָנאַלן אייגנאַרט? ייִדישע, פאַרעווע קולטור, פּראָדוקטיוויזאַציע, אַרײַנציִען ייִדן אין ערד־אַרבעט, אין זאַוואָדן, איבערשיכטן די דעקלאַסירטע איז נישט, חס וחלילה, אַ נאַציאָנאַלע לייזונג, נאָר אַ קאָמוניסטישע לייזונג.

און אָט אין אַזאַ אַטמאָספער אַ באָמבע: „פאַר׳ן ייִדישן פאָלק שטייט די גרויסע אויפגאַבע פון אײַנהיטן זײַן נאַציאָנאַליטעט...״ און נאָך אַזעלכע רייד, אין זעלבן נוסח. מיר, ייִדישע קאָמוניסטן, האָבן דאָך אויסגעמיטן שוין אין יענער צײַט צו ברענגען פאַרן מויל די ווערטער ייִדישע נאַציאָנאַליטעט, ייִדישע נאַציע, צומאָל ייִדיש פאָלק, יידישע אינטערעסן. קומט אַ רוסישער קאָמוניסט, אַ פּירער, נישט אַבי ווער, און רעדט ברייט וועגן אײַנהיטן די ייִדישע נאַציאָנאַליטעט, נישט צו דערלאָזן צו אַ נאַציאָנאַלן אונטערגאַנג פון סאָוויעטישן ייִדנטום. ווי זאָלן

מיר האַנדלען? שרעק איז אַ שלעכטער עצה־געבער: מ׳דאַרף זיך קודם אויס־היטן, פֿאַרזיכטיק זײַן.

געהאַנדלט האָט זיך דעמאָלט אין באַזעצן קאָמפּאַקט ייִדן אויף ערד אין קרים, לויט אַ לאַנגסטיקן פּראָיעקט, וואָס מיר האָבן גערופֿן קרימער פּראָיעקט. די ערשטע פּרוּוון זענען שוין געהאַט געמאַכט געוואָרן, צוויי נעסטן איבער־וואַנדערער זענען שוין דאָרט געווען, דרײַ גרעסערע אין אוקראַיִנע. געווען נאָך עגלעכע אַזעלכע פּראָיעקטן פֿאַרן דרום. קאַלינין האָט אין זײַן אַרויסטריט אָנגע־וויזן, אַז דווקא קרים, אַנדערע דרומדיקע געגנטן זענען צומייִנסטן גינסטיק פֿאַר ייִדישער ערדבאַזעצונג, ווײַל חוץ דעם מילדן קלימאַט געפֿינען זיך די דרום־געביטן אין דורותדיקער שכנותשאַפֿט מיט ייִדישע וווינערטער, ווו „די שטרעבונג צו דערהאַלטן די ייִדישע נאַציאָנאַליטעט" לויט קאַלינינס ווערטער, וועט לײַכטער זײַן צו פֿאַרווירקלעכן.

מיר, ייִדישע קאָמוניסטן, האָבן די גאַנצע צייט גערעדט וועגן ייִדישער ערדבאַזעצונג אין קרים ווי וועגן אַ קאָנצענטראַציע פֿון ייִדן אויף לאַנדווירטשאַפֿט צו פֿאַרבעסערן זייער עקאָנאָמישן מצב און צו בויען, פֿאַרשטייט זיך, סאָציאַליזם, כאָטש דער „געזערד" האָט יאָ פֿאַרבײַגייענדיק דערמאָנט וועגן לייזן דעם ייִדיש־נאַציאָנאַלן פּראָבלעם דורך אַ קאָנצענטראַציע אויף לאַנדווירטשאַפֿט, וואָס מיר האָבן נישט גענומען זייער ערנסט. דער „געזערד" איז אויך פֿאַר אויסלאַנד, ער קאָן זיך דערלויבן, ער מוז אַנדערש רעדן. מיר, דאַקעגן, האָבן קיינמאָל נישט געוואַגט צו שטעלן די ייִדישע נאַציאָנאַלע פֿראַגע אין איר אמתן תוך און צומאָל זיך נישט אָפּגעגעבן קיין רעכענונג פֿון דער פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס מיר נעמען דערמיט אויף זיך. נישט נאָר מיר האָבן נישט פֿאַרמאָגט קיין שום נאַציאָ־נאַלן פּראָגראַם, נאָר מיר האָבן נעגירט דעם ייִדישן נאַציאָנאַלן פּראָבלעם, פּונקט ווי די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי האָט אים נעגירט. מיר זענען געווען געטרײַע, געמוזט זײַן דיסציפּלינירטע נאָכפֿאָלגער פֿון דער פּאַרטיי. נישט דער פֿריִער־דיקער, ייִדישער, צענטראַלער קאָמיסאַריאַט, נישט די ייִד־סעקציעס האָבן קיין שום נאַציאָנאַלע לייזונג פֿאַר ייִדן נישט געהאַט, ווײַל די פּאַרטיי־אָנפֿירונג האָט אַזאַ לייזונג קיינמאָל אין באַטראַכט נישט גענומען. איז ווי האָט קאַלינינס אַרויסטריט וועגן אַ ייִדישער נאַציאָנאַליטעט, וועגן אַ ייִדישער נאַציע, וואָס איז געווען אין ווידערשפּרוך מיט דער פּאַרטייאישער שטעלונג, אונדז געזאָלט נישט צעטומלען? ווי האָט עס געקאָנט נישט זײַן קיין אופּרײַס־באָמבע?

ס׳האָט נישט לאַנג גענומען ווי ס׳איז געפֿאַלן אַן אַנדערע באָמבע, וואָס האָט אונדז אַלע צעטרייסלט. ווען דער „געזערד"־צוזאַמענפֿאָר אין נאָוועמבער 1926 איז געווען אין פֿולן גאַנג, נאָך דעם ווי קאַלינין האָט אויפֿגעוויזן די גינסטיקייט

פון קרים פאַר יידישער ערדבאַזעצונג, נאָך דעם ווי אַלע דעבאַטן האָבן זיך געדרייט אַרום קרים ווי די באַזע פאַר יידישער קאָנצענטראַציע אויף לאַנד־ווירטשאַפט, איז דער סעקרעטאַר פון די ייִד־סעקציעס אַרויסגערופן געוואָרן אין סעקרעטאַריאַט פון דער פּאַרטיי. ס׳איז געווען אויך נאָך דעם ווי מערעזשין האָט אין זײַן באַריכט דערקלערט, אַז דער ענין קרים פאַר ייִדן איז אַ זיכערע זאַך.

— אסתר, איך מוז זיך טרעפן מיט דיר, שוין היינט, שוין איצט.

טשעמעריסקי האָט גערעדט מיט אַ נערוועזן, היציקן טאָן. פונדעסטוועגן האָב איך מיך נישט געאײַלט, געוואָלט אָפּלייגן:

— וואָס ברענט בײַ דיר? ס׳קאָן נישט צוואַרטן ביז מאָרגן? היינט אוממעג־לעך, כ׳האָב וויכטיקע ענינים אויפן אוניווערסיטעט, כ׳וויל נאָך צוגיין אויפן צוזאַמענפאָר.

— ניין, לייג נישט אָפּ אויף מאָרגן! ס׳מוז זײַן היינט, באַלד איצט. לאָז אַלץ.

— ביסט משוגע? באַלד איצט? די רגע? כ׳האָב מײַנע באַשעפטיקונגען איצט. מיר וועלן זיך אין אַ צוויי־דרײַ שעה אַרום טרעפן אויפן צוזאַמענפאָר.

— נישט אויפן צוזאַמענפאָר. איך קום שוין צו צו דיר.

ער האָט אָפּגעלייגט דאָס טעלעפאָן־טרײַבל. ס׳איז מיר געוואָרן אומהיימלעך. טשעמעריסקי איז אַ געזעצטער, געלאַסענער. אויב עס ברענט אַזוי בײַ אים איז עפּעס געשען. כ׳האָב אָנגעהויבן זיך אײַלן, אָפּפאַרטיקן זיך מיט עטלעכע ענינים. איידער וואָס־ווען איז טשעמעריסקי געווען בײַ מיר, געוואַרט אין מײַן קאַנטאָר. ער איז געווען בלאַס, צערודערט, גערעדט מיט אַ הייזעריקער שטימע, ווי דער האַלדז וואָלט אים וויי געטאָן:

— זאָג דאָרט דײַן ניקאָלאַי מ׳זאָל אונדז נישט שטערן.

— קיינער וועט אונדז נישט שטערן. מ׳קלאַפּט אָן איידער מ׳גייט אַרײַן. וואָס ביסטו אַזוי צעיאַכמעט?

— כ׳האָב בעסער געוואָלט זאָלסט קומען צו מיר, אין ביוראָ. צי הערט מען דאָ נישט דורכן וואַנט?

— נעם מיר נישט אַרויס די נשמה, לייג אַרויס וואָס דו האָסט צו זאָגן.

— אסתר, ס׳איז נישט פריילעך, כ׳בין געקומען מיט אַ שלעכטער בשורה.

— ביסט אַ מײַסטער אויף אַרויסצונעמען די נשמה. נו, איך הער דיך!

— ס׳איז אויס מיט קרים. מ׳האָט מיך ספּעציעל היינט גאַנץ פרי צוליב דעם אַרויסגערופן אין סעקרעטאַריאַט. דער שמועס איז געווען אַ קורצער, אפילו נישט קיין שמועס. מ׳האָט מיר איבערגעגעבן אַ באַשלוס: קרים נישט פאַר יידישער ערדבאַזעצונג. פאַראַן אַן אַנדער פּלאַן מיט גרעסערע, אומענדלעכע שטחים, וווּ מאַסן ייִדן וועלן קאָנען זיך אײַנאָרדענען אויף לאַנדווירטשאַפט.

כ׳האָב קוים געקאָנט אַ וואָרט אַרויסבאַקומען פון האַלדז:

— ווו ליגן זיי די גרויסע שטחים? ווי הייסט די געגנט?

— זי האָט גאָר קיין נאָמען נישט, ס׳איז ביי די כינעזישע גרענעצן, ס׳זעט מיר אויס ערגעץ הינטער די הרי חושך. אין גיכן שיקט מען אַהין אַרויס אַ פאָרש־עקספּעדיציע פון „קאָמערד״.

— האָסט נישט געפרעגט וועלכע ס׳זענען די סיבות וואָס מ׳ציט צוריק קרים?

— ס׳איז נישט שייך געווען צו פרעגן. מ׳האָט מיר איבערגעגעבן אַ באַשלוס און געהייסן אים איבערטראָגן אין דער ביוראָ פון די ייִד־סעקציעס.

— האָסט נישט פאָרגעלייגט אַ טרעפונג מיט אונדז, מ׳זאָל זיך דורכשמועסן? האָסט אַראָפּגעשלונגען די גוטע נייַעס און געקומען צו לויפן צו מיר?

— אדרבא, שלינג דו נישט אַראָפּ, דו קומסט דאָך לייַכט אָן אין די הויכע פענצטער, ביסט דאָך מיט אַ סך פון דאָרטן אויסגעקאָכט. אפשר וועסטו אָפּרופן די גזירה. מיר האָט מען איבערגעגעבן אַ באַשלוס און כ׳האָב נישט געהאַט וואָס צו זאָגן.

— אַ באַשלוס האָט מען דאָך נישט אָנגענומען הייַנט אינדערפרי, אויב יאָ הייַנט אינדערפרי, איז דאָך דער געדאַנק געווען פון פריִער. ווי קומט עס וואָס קאַלינין האָט מיט אַ זיכערקייט גערעדט וועגן קרים ווי די באַזע פאַר ייִדישער ערדבאַזעצונג?

— לאָז אָפּ מיט קאַלינינען! פאַרשטייסט נישט? ער האָט גערעדט אין זייַן אייגענעם נאָמען, ער וועט אונדז נאָך אָנטאָן צרות מיט זייַן ייִדישער נאַציאָנאַ־ליטעט. וואָרט, ס׳איז נישט אַלץ, וועסט באַלד פאַרשטיין ווי מיר קאָנען זיך שטיצן אויף קאַלינינס ווערטער. כ׳האָב נאָך אַ צווייטע ידיעה פאַר דיר.

— ווידער אַ שלעכטע בשורה?

— שלעכטע צי גוטע, דאָס איז פאַר מיר נישט קיין נייַעס: די פּאַרטיי מאַכט אונדז אויפמערקזאַם, אַז אויפן „געזערד״־צוזאַמענפאָר האָט זיך געשאַפן אַ שטאַרקע ייִדיש־נאַציאָנאַליסטישע פּראַקטיק.

דאָס איז ווירקלעך קיין נייַעס נישט געווען פאַר אונדז. אָבער די ידיעה וועגן ליקווידירן דעם קרימער פּראָיעקט האָט אונדז אַלע צעקלעמט. מיר האָבן געבונדן אַזוי פיל האָפענונגען מיט קרים, מיט די אַנדערע דרום־געביטן. אויב מיר האָבן נישט געהאַט די געוואַגטקייט, די פאַרשטענדעניש צו רעדן וועגן אַ ייִדיש־נאַציאָ־נאַלער לייזונג, האָט דאָס פאָרט געזאָלט זייַן אַ געוויסע לייזונג. אַ לייזונג פאַר צענדליקער, צענדליקער טויזנטער פאַראָרעמטע, ייִדישע משפחות, דער עיקר פון די שטעטלעך, ווו די אַמאָליקע ייִדישע פּרנסות זענען מיט יעדן טאָג מער אויסגערונען, צעשטויבט געוואָרן. ווי אַזוי וועלן מיר דעם דורכפאַל פון קרימער

פראָיעקט פאָרשטעלן פאַר די, וואָס האָבן אַזוי פיל דערוואַרט פון אים? וואָסערע סיבות וועט מען אָנגעבן? ס'האָט מיר גלײַך אָנגעהויבן עקבערן דער קאָפּ ווי אַזוי די זאַך אויפצוקלערן. אין מיר גופא האָבן זיך אויפגעוועקט שווערע מחשבות, ספיקות. און נישט נאָר אין מיר. משה ליטוואַקאָוו, מיט זײַן שאַרפער צונג, האָט מיר שפּעטער בסוד־סודות, כמעט אויפן אויער געזאָגט:

— דו ווייסט וואָס לאַרין האָט געזאָגט? מ'האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט געזאָגט, אַז אַנטיסעמיטן האָבן אונדז מיט קרים אָפּגעטאָן אַ מיאוס שפּיצל. ער איז גערעכט. אַזוי איז דאָס. זיי האָבן פאָרשטעלט קרים פאַר ייִדן, כדי זיי אַרויסצושיקן ערגעץ אין אַלדי שוואַרץ יאָר, אויף אַ וויסטער ערד, צו זײַן די היטער פון דער כינעזישער גרענעץ.

פאַר קיין אַנדערן וואָלט דאָס מסתמא ליטוואַקאָוו נישט געזאָגט. ער וואָלט אויך אָפן נישט געזאָגט, אַז דער דורכפאַל פון קרימער פּלאַן איז געווען פאַר ייִדן אַ שווערער קלאַפּ.

דער פאַרדרוס, דער ווייטיק צוליבן קרימער דורכפאַל איז גרויס געווען. וואָס וועט איצט זײַן? קיינעם פון אונדז האָט די ווײַטע, ווילדע ערד בײַ די מאַנדזשורישע, כינעזישע גרענעצן נישט געשמייכלט. און וואָס וועט זײַן מיט קאַלינינס דערקלערונג וועגן אײַנהיטן און אַנטוויקלען די ייִדישע נאַציאָנאַליטעט? ווי בײַסט מען אײַן אַזאַ דערקלערונג? זי האָט אָנגעוואָרפן אויף אונדז אַ שרעק, דווקא איצט נאָך מער, נאָך דעם ווי דער סעקרעטאַריאַט פון דער פאַרטיי האָט אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז אויפן „געזערד"־צוזאַמענפאַר איז אויפגעקומען אַ נאַציאָנאַליסטישע פראַקציע. ס'איז מיר אַראָפּגעפאַלן אַ באַרג אויף די פּלייצעס. דער מוח האָט געפּלאַצט פון אָנשטרענג, פון וועלן עפּעס צוטראַכטן. אַלע אויגן זענען דאָך געוואָנדן צו מיר. זאָל איך אַנקלאַפּן אין טיר פון סטאַלינען? ס'וואָלט גוט געווען צו הערן וואָס ער גופא וועט זאָגן. איידער וואָס־ווען, איידער כ'האָב זיך אויסגעקליבן, האָט מען דעם „קאָמערד" פאָרגעלייגט צו שיקן אַן עקספּעדיציע אויסצופאָרשן יענע ווײַטע געגנט פאַר ייִדישער באַזעצונג און גלײַך נאָך דעם, כמעט אין דער זעלבער צײַט, האָט דער סעקרעטאַריאַט פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין דער שטיל ווידער געגעבן צווויסן אויסצוהיטן די ייִד־סעקציעס נישט אַרײַנצופאַלן אין „נאַציאָנאַלער התפעלות". באשר זיי, די ייִד־סעקציעס, זענען שטאַרק געניגט צו נאַציאָנאַליזם... און ווער רעדט דורכן סעקרעטאַריאַט פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, אויב נישט ער גופא, סטאַלין? איז דען נישט איבעריק צו גיין אים שטעלן פראַגן? איז דען די זאַך נישט קלאָר?

אין דער צענטראַל־ביוראָ פון די ייִד־סעקציעס האָט זיך געטאָן אויף טיש און אויף בענק. די טרער־באָמבע האָט אויפגעריסן, זי האָט פאַרגאָסן די אויגן,

פאַרטשאַדעט. איינע האָבן פאַרטשאַדעטערהייט געטומלט, אַנדערע האָבן זיך געשושקעט, אָדער פאַרביסן געשוויגן. דימאַנשטיין, דער זעלבער דימאַנשטיין, וואָס האָט מיר געהאַט דערציילט ווי אַזוי לענין האָט אים אין 1919 פאַרטײַטשט, אַז ייִדן זענען נישט קיין נאַציע, פרעגט מיך איצט אין דער שטיל: איז דען אויסגעשלאָסן ייִדן זאָלן זיך אַנטוויקלען אין אַ נאַציע? איך פאַרשטיי, זײַן ייִדיש האַרץ איז מיט קאַליִנען, אָבער ער האָט דער ערשטער באַקומען די וואָרענונג פונעם סעקרעטאַריאַט פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. טשעמעריסקי, דער סעקרעטאַר פונעם ביוראָ, אַ פאָרזיכטיקער צוליב די אַלטע זינד נאָך אין מינסק, ווען ער האָט זיך געלאָזט כאַפּן צײַטווײַליק פון דער זובאַטאָוושיזנע, טרעט אַרויס שאַרף קעגן דעם באַגריף גופא פון ייִדישער נאַציאָנאַליטעט. ער דערמאָנט נישט קאַליִנס נאָמען, אָבער פאַרשטעלטערהייט איז ער קעגן זײַנע רייד. שווער געווען דעמאָלט צו פאַרשטיין, צי עס רעדט פון אים אַרויס די שרעק, צי אַן איבערצײַגונג. ערשט אַ סך שפּעטער האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ס'איז געווען שרעק. ראַפּעס און אַלטשולער האַלטן זיך ווי שטענדיק בײַ זייערס — אַסימילאַציע. ליטוואַקאָוו נוצט אויס די געלעגנהייט אָנצופאַלן אויפן ייִדישיזם, שטעקט דערבײַ אַרײַן אַ שפּילקע דעם ליטעראַרישן זשורנאַל די „רויטע וועלט" אין וועלכן ייִדישע שרײַבער, לויט אים, „בעטן זיך אויס אַ נאַציאָנאַליסטישע נעסט". גיי ווייס וואָס ער טראַכט איצט אין דער אמתן. צו וויסן בײַ אים דעם אמת, וואָלט איך געדאַרפט רעדן מיט אים אויף פיר אויגן. דעמאָלט רעדט אַרויס פון אים זײַן ייִדיש האַרץ. ער איז נישט ווייניקער ווי אַנדערע אינערלעך צעריסן. אברהם מערעזשין, אויך אַ געוועזענער בונדיסט, אַ געוועזענער לערער פון ייִדיש און העברעיִש, שווײַגט פאַרביסן, אָבער זײַנע פלאַמיקע אויגן שרײַען, ער דרייט זיך אויף דער שטול ווי דער בויך וואָלט אים ווײ געטאָן. רחמיאל ווײַנשטיין וואַרפט צו דעם און יענעם אַ וואָרט, שטעלט האַרבע פראַגעס טשעמעריסקין. ס'איז קענטיק ווי ס'ברויזט אין אים. אַזוי איז אין טומלעניש אויפגעשווומען נאַציאָנאַלער ניהיליזם, און סתם צערודערטקייט.

איך האָב געדאַרפט, געמוזט אַרײַנברענגען אָרדענונג אין דער צעטומלעניש. צי מוז איך דען נישט „אויפקלערן", באַרויִקן די געמיטער? מײַן „איך" צערײַסט זיך אויף צווייען, צעצווייט זיך פולשטענדיק; מײַן פּערזענלעכקייט צעשפּאַלט זיך; פון דער אינערלעכער צעריסנקייט אַנטשטייען אין מיר צוויי אַנדערשדיקע פּערסאָנאַזשן, איינער פאַר זיך גופא, אַ צווייטער, אַ געבוירענער פון פאַרטייאישער דיסציפּלין, און דער עיקר פון שרעק פאַרן דרויסן, פאַר דער אָפיציעלער עפנטלעכקייט. די ערשטע פּערזענלעכקייט אין מיר (אַזוי אויך בײַ אַנדערע) פאַרשטעקט זיך, לעבט אויסבאַהאַלטענערהייט, כאָטש זי איז די נאַטירלעכע, די

אמתדיקע; די צווייטע, די אָפיציעלע, טרעט אַרויס פאַר דער עפנטלעכקייט, זי רעדט אַזוי ווי מ׳דאַרף, ווי מ׳מוז רעדן, לויט דער אָנגעוואָרפענער סכעמע פון דער פּאַרטיי. אויך דאָס אויפגעצוווּנגענע לשון דאַרף, מוז אויסקומען באַטירלעך, איבערציַיגנדיק. איך מאַך אַן אָנשטעל (דאָס איז די אָפיציעלע פּערזענלעכקייט אין מיר): די מיינונגס־פאַרשידנקייטן זענען נישט קיין וועזנטלעכע, און לאָז מיך אַריַין אין אַ לאַנגן פּילפּול וועגן דעם ווי אַזוי אַ פאַרשטייער פון אַן אַמאָליקער אונטערדריקטער נאַציע דאַרף רעדן וועגן דער אַמאָליקער אונטער־דריקטער מינדערהייט, בעת דאָס אַמאָליק אונטערדריקטע פאָלק דאַרף אויפנע־מען גאָר אַנדערש דעם גאַנצן ענין. צוריק געשמועסט, וואָס איז דער טומל אַזוי גרויס? פאַרוואָס לויפן פאַרויס איידער מען ווייסט געטוי מיט אַלע פּינקטלעכקייטן די שטעלונג פון דער פאַרטיי? צי איז דערוויַיל נישט גליַיכער אונדזער ציַיט און מי אָפּצוגעבן עיקר־פּראָבלעמען? און דער עיקר איז דאָך צו זען ווי אַזוי מ׳וועט צומבעסטן אָרגאַניזירן די ייִדישע איבערוואַנדערונג.

כ׳האָב זיך אָבער גליַיך געכאַפּט, דערזעענדיק ווי אויגן זענען געוואָנדן צו מיר, אַז ס׳איז נישט גלאַטיק, כ׳טאָר דאָס נישט אָפּפטרן מיט פּאַרעווע ווערטער. מיַין טאָפּלטע פּערזענלעכקייט לאָזט זיך אַריַין אין טעאָרעטישע באַהויפּטונגען צו פאַרזיסן די ביטערע ווירקלעכקייט, כ׳נעם ווי געווינלעך צו הילף לעניגען און סטאַלינען, קליַיב צו אויפן אָרט ציטאַטן, וואָס איך קען אַן אַ שיעור אויף אויסנווייניק. עס רופט זיך אָבער פאָרט אָפּ אין מיר מיַין אורפּערזענלעכקייט, דער אמתדיקער, פאַרשטיקטער „איד״, ער ווירבלט אין דער שטיקעניש, ווייל נישט רוען, זוכט אָט־שוין באַלד אַרויסצוזאָגן וואָס ס׳דריקט אים. איך גיב אים נאָך אַ ביסל. אָט דערלאַנג איך אַ פּסק ווי ס׳דאַרף צו זיַין ראַפּעסן פאַר זיַין פּרעדיקן דורכויסיקע אַסימילאַציע, איך רעכן זיך אויך שטרענג אָפּ מיט טשע־מעריסקין פאַר זיַין װעלן פאַרווישן יעטוועדן ייִדיש־נאַציאָנאַלן אייגנאַרט, איך קער מיך אום צו די גרויסע אויפגאַבן, וואָס ליגן אויף אונדז אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פאַרשטייענדיקער, ייִדישער איבערוואַנדערונג.

אַזוי ביך איך געשוווּמען, געשוווּמען הין און צוריק מיט מיַין צעשפּאָלטע־נעם „איך״ ביז כ׳האָב דערפילט אַ הייסן שווייס אויף מיַין לײַב. כ׳האָב נעמלעך פאַרשטאַנען, אַז כ׳האָב גאָרנישט אויפגעקלערט, קיינעם נישט איבערציַיגט, כאָטש מ׳האָט מיר דאָס נישט געזאָגט. נישט איבערציַיגט, ווייל איך בין דאָך אַליין וויַיט נישט געווען איבערציַיגט אין דעם וואָס כ׳האָב געזאָגט אין שייכות מיט ייִדישער נאַציאָנאַליטעט. טיף אין האַרצן האָבן פריידיק אָפּגעקלונגען קאַלי־נינס ווערטער...

כ׳בין אַהיימגעקומען אַ דערשעפּטע, מיט אַ גרויסן קאָפּווייטיק. כ׳האָב אויס־

געטרונקען דרײַ גלעזער טיי, אַוועק צו זיך אין צימער און אַרויפגעוואָרפן זיך אויפן בעט. דורכטראַכטנדיק אויפסנײַ די גאַנצע זאַך, האָב איך דערזען בולט ווי שוין פון אָנהייב ווערט אַלץ באַגראָבן. פונעם פּלאַן צו באַזעצן ייִדן אויפן ווײַטן מזרח, בײַ דער כינעזיש־מאַנדזשורישער גרענעץ וועלן מיר קיין נחת נישט האָבן. דער גאַנצער פּלאַן איז מיר פאַרדעכטיקט געווען, געשראָקן. קודם וועלן אַהין, הינטער די הרי־חושך, ייִדן נישט גערן פאָרן. די, וואָס וועלן יאָ פאָרן, וועלן ווייניק וואָס קאָנען אויפטאָן. דאָס קינד ווערט מסתמא געבוירן אַ טויטס. פון דער ווײַטער, וויסטער ערד וועט נישט נאָר קיין ייִדישע רעפּובליק, נאָר אויך קיין ייִדישע געגנט נישט אַרויסוואַקסן. איך וועל מיט מײַנע אויפקלערונגען, ציטאַטן, טעאָריעס, מיט מײַן מי דעם וואָגן פון דער בלאָטע נישט אַרויסשלעפן. ערגער אָבער וואָס איך בין אײַנגעשפּאַנט, און שלעפּן דעם וואָגן מוז איך. און כ׳האָב געשלעפּט לויטן פּאַלשן, בייזווילליקן, פון אויבן־אָנגעצייכנטן וועג. ווער ווייסט, האָב איך מיר געטראַכט, צי קאַלינינס גוטער ווילן און זײַנע ריכטיקע רייד וועלן קאָנען בײַשטײַן די שווערע דרענגער, וואָס מען שטעקט שוין אַרײַן אין די רעדער פון וואָגן? כ׳האָב זיך פאָרט נישט פאַרגעשטעלט, נישט געקאָנט זיך פאָרשטעלן, נישט געקאָנט אַנען וועגן אַזאַ קאַטאַסטראָפע. צען יאָר שפּעטער האָט מיך ווי אַ דונער געטראָפן די ידיעה וועגן פאַרשווינדן פון פּראָפעסאָר יוסף ליבערבערג, דעם פאָרזיצער פון אויספיר־קאָמיטעט פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט און פון פיל אַנדערע. ביז מײַן אַרעסט זענען שפּעטער דערגאַנגען אָפּגעריסענע, געהיימע ידיעות וועגן כסדרדיקע אַרעסטן.

— זענט איר זיך משער וואָס פאַראַ „פאַרברעכן" מען וואַרפט זיי פאָר? — האָב איך אויף פיר אויגן געפרעגט דימאַנשטיינען.

— ראשית כל מסתמא ייִדישן נאַציאָנאַליזם, וואָס מיר האָבן אַלע יאָרן אַליין פאַרשריִען, פאַרטריבן מיט די בעסטע נאַציאָנאַלע ווערטן.

*

... נעכטן פאָרגעקומען בײַ מיר צוויי גרויסע געשעענישן: אינדערפרי נישט געגאַנגען אין קאַנטאָר. מײַנע געשוואָלענע פיס האָבן אינדערפרי נישט געדינט, געווען געליימט. כ׳האָב לאַנגזאַם מיט מי און מאַטערניש געשפּאַנט איבערן באַראַק אַרײַנצוברענגען זיי ביסלעכווײַז אין באַוועגונג, אַרויסצוטרײַבן פון זיי די געליימטקייט. אַ פאַרשפּעטיקטע בין איך אַוועק נעמען דאָס „מיטאָג", דערנאָך אין קאַנטאָר. און דאָ אַ גוטער סורפּריז: אויפן צעדראַפּעטן, אַלטן טישל בײַ וועלכן כ׳אַרבעט, ליגט אַ שטיק צײַטונג. כ׳קוק אויף דער דאַטע, ס׳איז פון מיט 6 וואָכן צוריק. ווי אַזוי איז דאָס געקומען אַהער? צי האָט עס וואָסילי פאַרגעסן אַוועקצו־

נעמען, צי בכיוון אוועקגעלייגט פאַר מיר? ווי ס'זאָל נישט זײַן, ס'האָט מיך דערפרייט. אַ ביסל ידיעות פון דער ווײַטער, לעבעדיקער וועלט. מיר זענען דאָ אויף אַן אַנדער פּלאַנעט, אַ קאַלטער, אומברחמנותדיקער, אוממענטשלעכער. טיילמאָל, בײַ נאַכט, ווען כ'שלאָף נישט, דוכט מיר, אַז אונדזער קאַלטער פּלאַנעט שוועבט אין אַ ווײַטן פינצטערן חלל, ער וועט זיך אַ ליאַדע שעה אָפּרײַסן, צעשמעטערן זיך מיט אונדז צוזאַמען. אַ ידיעה פון דער ווײַטער, לעבעדיקער וועלט דערמאָנט, אַז מיר זענען אַמאָל געווען נאָרמאַלע מענטשן, אויף אַ נאָרמאַלער וועלט, געפירט אַ נאָרמאַל לעבן. וואָס קומט דאָרט פאָר? מיר ווייסן ס'איז די מלחמה ווײַט פון אונדז. וואָס נאָך? מיר גאַרן נאָך אַ ידיעה ווי אַ דורשטיקער נאָך אַ טרונק.

— וואַסילי, צי וועל איך קאָנען מיטנעמען דאָס שטיקל צײַטונג?

— איר ווילט, באַבושקאַ,לייענען? לייענט-זשע דאָ, איך בין אויך אַ מענטש, כ'וויל אויך לייענען אַ שטיקל צײַטונג; די אַרבעט יאָגט אײַך נישט, די אַנדראַ־נאָוואַ וועט נישט אַרײַנקומען, זי איז אַוועק צו איר באַלעבאָס, צום הויפּט־נאַטשאַלניק, לייענט-זשע, נאָר גיך, ס'קאָן ווער אַרײַנפאַלן און דערנאָך וועט ער דערציילן, אַז בײַ מיר איז אַ לייען-זאַל.

כ'האָב אָנגעהויבן שנעל פירן מיט די אויגן אויף איין זײַט, אויף דער צווייטער זײַט פון צעריסענעם שטיקל צײַטונג. איך שלינג יעטוועדע ידיעה, צומאָל אַזעלכע, וואָס האָט נישט קיין גרויסן ווערט. כ'נעם מיך לסוף צום לאַנגן אַרטיקל. דער סוף פעלט, אָבער דער אָנהייב איז פאַראַן. איך לייען און לייען און ס'ווערט מיר פינצטער פאַר די אויגן. איז דאָס מעגלעך? היטלער-דײַטשלאַנד איז דאָ דאָס אייבערשטע פון שטייסל. צווישן דײַטשלאַנד און דעם ראַטנלאַנד אַ גרויסע פרײַנדשאַפט, מען קושט זיך פשוט אין די פּיסקעלעך: „דײַטשלאַנד וועט נישט דערלאָזן די אימפּעריאַליסטן זאָלן אויסברייטערן די מלחמה"... וועגן אַן אָפּמאַך צווישן היטלער-דײַטשלאַנד און מײַן לאַנד האָב איך שוין געהאַט עפּעס וואָס געהערט. אָבער אַזאַ פרײַנדשאַפט! סטאַלין און היטלער גרויסע פרײַנד! סטאַלין האָט צוטרוי צו היטלערן...

— נו, געֶנוג! סערגיי שלעפּט זיך אַהער, ער איז אַ פּלאַפּלער, קאָן דערציילן. גיט אַהער דאָס שטיקל צײַטונג און נעמט אײַך צו דער אַרבעט, באַבושקאַ.

כ'האָב געמאַכט חשבונות און געטראַכט וועגן דעם איבערגעלייענטן, עטלעכע מאָל זיך טועה געווען, געמוזט איבערשרײַבן; כ'האָב צומאָל פאַרגעסן אין מײַן וויכטיקסטער אויפגאַבע בײַ דער אַרבעט, נישט אַראָפּגעשאַרט קיין איין בלעטל פּאַפּיר. דער קאָפּ איז געווען פאַרנומען מיט דעם איבערגעלייענטן. די טרויעריקע טראַכטענישן זענען מיט שעהען שפּעטער אָפּגעטראָטן פאַר אַן אַנדערן, נישט

געוויינלעכן סורפּריז. ס׳איז שוין געווען ווײַטער אָונט. צוויי געשטאַלטן, ווי מענטשלעכע מראות, אײַנגעוויקלטע אין שמאַטעס, זענען אַרײַן אין מײַן באַראַק, אומרויִק זיך אַרומגעקוקט, געזוכט מיט די אויגן, נאָכגעפּרעגט זיך אויף עמעצן. מ׳האָט זיי אָנגעוויזן אין מײַן ריכטונג, בײַם אײזערנעם, בײַכיקן אויוון בײַ וועלכן כ׳האָב געוואַרעמט די אַרומגעוויקלטע פיס. איין מראה האָט זיך גערוקט פאָרויס, די צווייטע איז איר נאָכגעגאַנגען. אָט שטייען זיי פאַר מיר. אין אַ פאַרפינצטערט פּנים, נישט קיין אַלטס, נישט קיין יונגס, עפּנט זיך אַ מויל מיט פון פראָסט צעשניטענע ליפּן. די ווערטער קײַקלען זיך אַרויס מיט אַ הייזעריקער שטאַמלעניש:

— איר זענט מאַריאַ יאַקאָוולעוונאַ פּרומקינאַ, נישט אמת?

— יאָ, איך.

— כ׳האָב אײַך אַ סך מאָל געזען פון דער ווײַטנס, אין דער זאָנע, איידער ס׳איז קאַלט געוואָרן, געזען אײַך זונטיק, נאָר נישט דערקענט. מ׳האָט מיר דערנאָך געזאָגט, אַז דאָס זענט איר. מיר קלײַבן זיך שוין פון לאַנג צו אײַך, נאָר מיר זענען נאָך דער אַרבעט פאַרמאַטערט.

— ווער זענט איר?

— איך בין סאַלאָמאָנס פרוי. כ׳הייס נאַטאַליאַ, נאַטאַ. איך פלעג קומען צו סאַלאָמאָנען אין דער „מערבקע״, פלעג אײַך זען. סאַלאָמאָן האָט מיך איין מאָל פאָרגעשטעלט פאַר אײַך.

— יאָ, כ׳דערמאָן זיך. זענט איר דאָס? איר זענט דעמאָלט געווען זייער יונג, אַ גאָר יונג מיידל. שווער צו דערקענען...

— הײַנט בין איך 36 יאָר, כ׳זע זיכער אויס אויף אַ סך עלטער, נישט אמת?

צוואָס ענטפערן אויף אַזאַ פראַגע? אין מײַן דמיון איז אויפגעשוווּמען די גאָר יונגע, פריִערדיקע שיינהייט; איצט איז זי אַ פאַרוועלקטע פרוי, אָן אַן עלטער. כ׳האָב אָן אַ זין, ווי כ׳וואָלט זיך נישט געוואָלט צוגלייבן, איבער־געפרעגט:

— זענט איר טאַקע סאַלאָמאָנס פרוי?

— יאָ, דאָס בין איך, סאַלאָמאָנס פרוי. ווען ער האָט געמאַכט זײַן אַספּי־ראַנטור, האָבן מיר חתונה געהאַט.

— ווו איז ער, סאַלאָמאָן?

— כ׳ווייס נישט. מ׳האָט אים אַוועקגענומען פאַר מיר, אין אָנהייב 1937. דרײַ חדשים נאָך זײַן אַרעסט האָט מען מיך גענומען.

— און איר ווער זענט? — האָב איך געפרעגט די אַנדערע מראה.

— איך? איך בין פון האָמעל. כ׳געדענק אײַך פון דער צײַט, ווען איר האָט

געוווינט אין אונדזער שטאָט. מײַן עלטערע שוועסטער פלעגט מיך מיטנעמען אויף אײַערע רעפעראַטן.

— ווער זענט איר פון האָמעל?

— איך? איך בין געווען די טאָכטער פון ראש־הקהילה. מײַן פֿאָטער לעבט שוין נישט. ביי אונדז אין שטוב פלעגט מען רעדן וועגן אײַך.

ס׳האָט מיר אַ זעץ געטאָן אין האַרץ. אַ באַגעגעניש דאָ מיט אַ טאָכטער פון אַ געוועזענעם ראש־הקהילה. ער האָט זיכער געהאַט מיט מיר גרויסע חשבונות; מסתמא מיך געשאָלטן. אין האָמעל איז אַ בית־הכנסת פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קלוב, אַ צווייטער האָט געזאָלט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שוסטער־קאָאָפּעראַטיוו. די ייִדישע אָרטיקע קאָמוניסטן האָבן אַזוי באַלעבאַטעוועט. ייִדן האָבן דערלאַנגט אַ פּעטיציע צו לונאַטשאַרסקין. לונאַטשאַרסקי האָט זיי הייס אונטערגעשטיצט. דער צווייטער בית־מדרש איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן. צי געדענקט דאָס האָמעלער מיידל יענע געשעענישן?

— ווי אַלט זענט איר?

— איך? איך בין 34 יאָר, כ׳בין אַלט געווען 14 יאָר, ווען איר האָט געוווינט אין האָמעל. כ׳בין אַלט געווען 16 יאָר, ווען כ׳בין אַרײַן אין קאָמסאָמאָל. דערנאָך האָב איך אָפּגעטאָן אַ גרויסע נאַרישקייט. כ׳האָב דערציילט מײַנער אַ חברטע, אַ קאָמסאָמאָלקע, אַז כ׳פלעג קומען אויף אייערע רעפעראַטן, זי האָט מיר פאַר־מסרט. מ׳האָט אָנגעהויבן מיך אַרויסרופן. אויך צוליב מײַן פאָטער. כ׳בין שוין געווען אין דער פאַרטיי, נאָר ס׳האָט זיך מיר נאָכגעשלעפּט פון אַמאָל.

— ווען איז אײַער פאָטער געשטאָרבן?

— מיט 12 יאָר צוריק.

— געווען נאָך דעמאָלט ראש־הקהילה?

— געווען, נאָר אין גאַנצן אַנדערש ווי אַמאָל. איר ווייסט מסתמא ווי אַזוי ס׳איז געווען מיט די קהילות?

יאָ, כ׳האָב געוווּסט. אויך דאָס איז געווען אַ נישט־פאַרהיילטע וווּנד. דאָס האַרץ האָט ווײַטער געזעצט אין מיר ווי דאָס קלאַפּן מיט אַ האַמער, די קני האָבן געציטערט. דערווײַל האָט די עלטערע, נאַטאַליאַ, אַרויסגעצויגן פון אונטערן אָרעם אַ פּעקעלע, אײַנגעוויקלט אין צעקנייטשט פּאַפּיר, דערלאַנגט מיר:

— דאָס איז פאַר אײַך, מאַריאַ פּרומקינאַ. נעמט. כ׳האָב באַקומען אַ פּאַסילקע, נאָר ס׳איז פון אונדז ביידע, סאָניע האָט צוגעלייגט צוקער.

דאָס גאַנצע ביסל בלוט, וואָס האָט נאָך געפּליסט אין מײַנע אָדערן, איז מיר געקומען אין פּנים.

— ניין, מ׳דאַרף נישט, כ׳וועל עס נישט נעמען, האַלט עס פאַר זיך, איר גייט צו דער אַרבעט, אײַך איז עס נייטיקער.

— נעמט, מאַריאַ יאַקאָוולעוונאַ, כ׳בעט אײַך. מיר אַרבעטן אויס די נאָרמע, האָבן מיר דעם גאַנצן פּאַיאָק. דאָ זענען סוכאַרן, טרוקענער וואורשט, אַ ציבעלע אויך, ס׳גיט וויטאַמינען. נעמט, מיר בעטן אײַך, מיר מוזן שוין צוריקגיין אין אונדזער באַראַק, ס׳איז דער ערשטער באַראַק, ווײַט פון דאַנען.

בײַ דער טאָכטער פון געוועזענעם ראש־הקהילה האָט זיך צווישן די צעשפּאָל־טענע ליפּן באַוויזן אַ בלאַסער שמייכל, אַזאַ שמייכל, וואָס איז ענלעך צו אַ ווייטיק־גרימאַסע און דאָך אַ דערמוטנדיקער:

— איך בעט אײַך אויך, זאָגט אונדז נישט אָפּ. נעמט עס, נעמט.

כ׳האָב גענומען. כ׳האָב באַלד געכטן, נאָך זייער אַוועקגיין זיך געמאַכט אַ סעודה. זיצנדיק אויף דער נאַרע אויפגעגעסן מער ווי אַ העלפט פונעם געשעענקטן וואורשט מיט אַ סוכאַר. עסנדיק האָב איך געפילט ווי טרערן זענען מיר אַנגעלאָפן אין די אויגן, ווי אין האַלדז שטיקט, קוים געקאָנט אַראָפּשלינגען די ביסנס. צווישן אַזוי פיל רישעות און רציחה אַזאַ גוטהאַרציקייט! אַזאַ אָפּ־פערוויליקייט! אָפּגעבן דעם ביסן פון הונגעריקן מויל! און דאָס אויך אַ טאָכטער פון אַ געוועזענעם ראש־הקהילה. האָט זי דאָך זיכער געהערט פון איר פאָטער ווי אַזוי מיר זענען זיך באַגאַנגען מיט די קהילות. נישט מעגלעך זי זאָל נישט וויסן וואָסערע צרות מיר האָבן זיי אָנגעטאָן. „בײַ אונדז אין שטוב פלעגט מען רעדן וועגן אײַך" — האָט זי געזאָגט. די גאַנצע געשיכטע מיט די קהילות איז מיר אויפסנײַ אויפגעקומען אין קאָפּ. כ׳בין בײַ נאַכט לאַנג געלעגן אַ וואַכע, אַן אויפגערודערטע. פאַר די אויגן איז מיר דורכגעלאָפן אַ לאַנגער פילם פון די געשעענישן מיט די קהילות, וואָס האָבן מיר, אין די שווערע דרײַסיקער יאָרן, אַוועקגענומען דעם שלאָף פון די אויגן.

די מיאוסע מעשה מיט די קהילות האָט זיך אָנגעהויבן אַ סך פריִער ווי איך בין אַרויסגעטראָטן אויף דער סאָוויעטישער אַרענע. כ׳בין נאָך דעמאָלט געווען אין מײַן אַלטער פּאַרטײַ, אין „בונד". דאָס האָט געקאָנט זײַן אין אָנהײַב 1919. דער צענטראַלער ייִדישער קאָמיסאַריאַט האָט געדאַרפט ווײַזן ווי געהעריק ער קאָן אַריבערפירן די רעוואָלוציע צווישן דער ייִדישער באַפעלקערונג. האָט ער זיך גענומען צו די קהילות. מיט וואָס האָבן זיי זיך פאַרזינדיקט? זיי זענען, רחמנא לצלן, שונאים פון אַרבעטער־קלאַס, פאַרטונקלען די מוחות פון די אַרבע־טנדיקע מאַסן, זייער דערציִונג פאַרן יונגן דור איז קלעריקאַל, אַנטיפּראָלעטאַריש. אַזאַ צוגעשטעלטע אָפּשאַצונג איז גענוג געווען אומצוברענגען די קהילות. און דער ייִדישער קאָמיסאַריאַט האָט אַזאַ פסק־דין אַרויסגעטראָגן: פאַרמאַכן קודם

די צענטראַלע ביוראָ פון די קהילות, דעם גאַנצן אינווענטאַר איבערגעבן די אָרטיקע יידישע קאָמיסאַריאַטן. באַלד נאָך דעם האָט מען אין מאָסקווע, לענינגראַד, אין עטלעכע אַנדערע שטעט פאַרמאַכט די אָרטיקע קהילות. דאָס איז געווען אין דער צייַט, ווען אויף יידן זענען אַראָפּגעפאַלן בלוטיקע רדיפות, ווען איבער גאַנץ אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד און אַנדערע יידישע געגנטן האָבן געבושעוועט פּאָגראָמען; טויזנטער און טויזנטער פאַגראָמירטע יידישע משפחות, הימלאָזע, פאַריתומטע קינדער האָבן זיך גענייטיקט אין הילף און נישט געהאַט צו וועמען, ווו זיך צו ווענדן און קערן חוץ צו די קהילות. אין יענער אַטמאָספער פון פּאָגראָמען האָט דער פּסק־דין קעגן די קהילות נאָך מער פאַרשטאַרקט די געדריקטע שטימונגען פון דער יידישער באַפעלקערונג.

כ׳האָב דעמאָלט געוווינט אין האָמעל. די דעמאָלסטיקע מעשה מיט די קהילות האָט אַרויסגערופן בייַ מיר אַ ווידערווילן, ווי אַ סך אַנדערע אַזעלכע מעשים. קורץ נאָך דעם איז מייַן פאָטער געקומען מיר אָפּשטאַטן אַ וויזיט. פאַרבענקט זיך נאָך מיר, נאָך פריידלען, נאָך גיטעס קינדער, ווי ער האָט געזאָגט. אפשר גאָר באַגערט זיך אויך דורכצושמועסן מיט מיר וועגן זאַכן, וואָס זענען אים געלעגן אויפן האַרץ? מייַן פאָטער האָט אַלץ נאָכגעפאָלגט, באַטראַכט מיט אַ קאַלטן קאָפּ און אין דער שטיל רעאַגירט מיט אַ וואַרעם יידיש האַרץ. ער האָט שוין דעמאָלט גערעדט וועגן אַזעלכע זאַכן מיט אַ שטילער שטימע, נאָכגעפרעגט צי אונדזערע רייד קאָנען אַמאָל נישט דערגיין צו שכנים פון דער צווייטער זייַט וואַנט.

— דו גלייבסט טאַקע, טאַטע, אַז ווענט האָבן אויערן?

— הייַנטיקע צייַטן, טאָכטער, האָבן ווענט אויערן, כ׳וואָלט געוואָלט דו זאָלסט זייַן אַ ביסל פאָרזיכטיקער...

— כ׳האָב נישט וואָס אויסצובאַהאַלטן, מען קען מיך גוט, כ׳זאָג אַלץ אָפן, כ׳שרייַב מייַנע אַרטיקלען אַזוי ווי איך טראַכט.

— דאָס באַאומרויִקט מיך, טאָכטער; מיינסט ס׳וועט דיר בייַשטיין דער זכות וואָס ביסט געזעסן אין תפיסות, געווען אויף פאַרשיקונג? ווער ווייסט וואָס ס׳קאָן זיך נאָך אויספּיקן פון דעם אַלעמען? ס׳איז ערשט דער אָנהייב. און שוין בייַם אָנהייב גיט מען אונדז פּולווער צו שמעקן. פאַר אונדז יידן האָט נאָך די זון נישט אויפגעשייַנט.

— וועגן וואָסער פּולווער רעדסטו?

— אָט נעם, אַ שטייגער, די געשיכטע מיט די קהילות. נישט אַלץ געפעלט מיר בייַ זיי. אָבער עפּעס טוען זיי דאָך פאַר דער פאַראַרעמטער באַפעלקערונג. צי ווייסטו, טאָכטער, ווי די יידישע באַלעמעלאָכעס, קרעמערס, קליינהענדלערס

ווערן רויִנירט? די נייַע מאַכט לייגט אַרויף אויף זיי אַזעלכע שטייַערן, אַז זיי ווערן דערדריקט. צאָלן זיי נישט, נעמט מען אַוועק אַפֿילו דאָס בעט פֿון שטוב. שוין אָפּגערעדט וואָס די האַנטווערקערס קריגן נישט קיין שטאָפֿן, האָבן נישט פֿון וואָס אויסצואַרבעטן סחורות, זיצן אָן פּרנסה. די אַלע אביונים האַלט מען פֿאַר בורזשויען, בעלי־גופֿים, האָבן נישט קיין רעכט צו וויילן, קיין שום רעכט נישט. נאָר מילא, פֿון דעם שטאַרבט מען נישט. אָבער אַז קיין פּרנסה איז נישטאָ און צאָלן שטייַערן דאַרף מען, איז צו וועמען מיינסטו ווענדט מען זיך נאָך אַ הלוואה, אַ גמילות־חסד אין אַן עת צרה? צו דער לייַ־קאַסע, צו דער אָפּשפּאָר־קאַסע אין דער קהילה. צו וועמען זאָל זיך ווענדן אַן אָרעמע אלמנה? אַ הונגע־ריקער אָפּגעריסענער יתום? אויך צו דער קהילה. זי פֿירט דאָך אַ פֿילאַנטראָפּישע אַרבעט. איך רעד שוין נישט פֿון אַנדערע ייִדישע הצטרכותן. איז פֿאַרוואָס זאָל מען פֿאַרבאָטן די קהילות? וואָסער שלעכטס טוען זיי דער מאַכט? וואָס, ס׳איז נישט אַזוי?

כ׳האָב דעמאָלט געגעבן גערעכט מייַן קלוגן, פֿאַרזיכטיקן פֿאָטער. די קהילות האָט מען אָבער אַזוי לייַכט נישט אומגעבראַכט. זיי האָבן זיך געוועהרט מיט הענט און פֿיס. פֿאַרבאָטן זענען זיי געווען בלויז פֿאָרמעל, זיי האָבן עקזיסטירט האַלב־לעגאַל, אומלעגאַל, זיך פֿאַרוואַנדלט אין בתי־תפֿילות. מ׳האָט געשמועסט, אַז בלויז אין אוקראַינע פֿונקציאָנירן אין אַזעלכע באַדינגונגען העכער טויזנט קהילות. צום גרעסטן טייל זיך פֿאַרנומען מיט הילף פֿאַר דער פֿאַראַרעמטער, רויִנירטער באַפֿעלקערונג. זיי האָבן אָפּגעטעמט, ווען די ייִדישע קאָמיסאַריאַטן זענען אין 1924 פֿאַרשוווּנדן, האָבן זיך געוואָנדן צו די מאַכט־אָרגאַנען צו אָנערקענען זיי ווי רעליגיעזע אינסטיטוציעס, ווי מען אָנערקענט אַזעלכע פֿון אַנדערע רעליגיעס. ביז נאָך דער העלפֿט פֿון די צוואַנציקער יאָרן האָט די ראַטנמאַכט נאָך טיילווייַז געשוינט די רעליגיעזע געפֿילן און באַדערפֿענישן, בפֿרט פֿון געוויזענע אונטערדריקטע מינדערהייטן, כאָטש ס׳האָט זיך געפֿירט אַן אַנטי־רעליגיעזע קאַמפּאַניע. די ייִדישע קהילות האָבן צומאָל געקריגן אַ דערלויבעניש אויף אַ צוזאַמענפֿאָר, נאָר נישט אין קיין הויפּטשטאָט, ערגעץ אין דער שטיל, אָן טאַראַראַם. ווי לאַנג האָט אַזאַ באַגרענעצטע טאָלעראַנץ געדויערט? אין אָנהייב צווייטער העלפֿט צוואַנציקער יאָרן איז די געבעכדיקע טאָלעראַנץ צעשוווּ־מען ווי פּוטער אויף דער זון.

די קהילות האָבן זיך ווייַטער געהאַלטן בייַ זייערס: זיי זענען אויסשליסלעך רעליגיעזע אינסטיטוציעס. ווער זאָל פּסקענען אַזאַ שאלה וואָס זיי זענען אויב נישט די צענטראַל־ביוראָ פֿון די ייִדסעקציעס? האָבן מיר געדאַרפֿט זיך פֿאַר־נעמען מיטן האַרבן ענין: וואָס זענען זיי ווירקלעך די קהילות? וואָס זענען זיי

אַמאָל געווען? וועלכע איז זייער פונקציע אין די סאָוויעטישע באַדינגונגען? זענען זיי נייטיק אָדער שעדלעך? אַרויסצוטראָגן אַן אורטייל, דאַרף מען מאַכן אַן אויספאָרשונג, אַ מין געריכטס־אַקט. ווער זאָל דאָס צוגרייטן? כ׳האָב פאַר־געלייגט אַלטשולערן, אָדער דימאַנשטיינען, זיי האָבן בײדע יִדישע קענטענישן, קענען זיך גוט אויס אין אַלטע מקורות, קאָנען אַריינקוקן אין די אַלטע העברעיִשע כתב־ידן פון אַמאָליקע קהילות. זיי האָבן נישט אָנגענומען. אויך נאָוואָקאָווסקי האָט געהאַט סמיכות אויף רבנות, איז אַ בקי אין אַזעלכע זאַכן. איז ער אָבער אין דעם פּרט אַ צו „ווייכער” מענטש, זיין מילדע באַציִונג צו די קהילות איז געווען באַקאַנט.

— דו ביסט נישט קיין קלענערער בקי אין די זאַכן ווי מיר, וואָלסט געווען אַ ייִנגל און נישט קיין מיידל וואָלסטו אויך דערגאַנגען צו סמיכות אויף רבנות — האָט מיר אַריינגעזאָגט אַלטשולער.

— איר זענט דער בעסטער קאַנדידאַט דערויף, האָט אים אונטערגעהאַלטן דימאַנשטיין.

ס׳איז געווען אַ לאַנגע, נודנע אַרבעט. מ׳האָט געדאַרפט זוכן אין אַלטע אַרכיוון, דורכקוקן צענדליקער און צענדליקער כתב־ידן, פאַרשידענע שריפטן, דאָקומענטן. כ׳האָב ווי אַלע מאָל דורכויס געוואָלט גרייכן צו די וואָרצלען, אַרומנעמען די זאַך מיט אַלע איינצלהייטן. ס׳איז אַרויסגעקומען פון אונטער מיין פעדער אַן אַלזייטיקע אויספאָרשונג, וואָס האָט געוויזן די ראָל פון די קהילות אין לויף פון לאַנגע דורות, דעם אָנטייל אין זיי פון רבנים, דיינים, אַנדערע כלי־קודש. וואָס האָט זיך פון דער אויספאָרשונג אַרויסגעוויזן? די קהילות זענען שטענדיק געווען פאַרשטייערשאַפטן מצד דער יִדישער באַפעל־קערונג ביי די מאַכט־אָרגאַנען, נישט ווי רעליגיעזע אינסטיטוציעס, כאָטש זיי האָבן זיך אויך פאַרנומען מיט חדרים, ישיבות, תלמוד־תורה׳ס, בתי־מדרשים. האָב איך געדרונגען, אַז ווי אַזעלכע האָבן זיי געטראָגן אַ קלאַסן־כאַראַקטער, מיטגעאַרבעט מיט דער מאַכט, אַרויפגעלייגט שטייערן אויף די אָרעמע שיכטן, בעיקר דורך דער טאַקסע, כאָטש זיי האָבן זיך אויך פאַרנומען מיט פילאַנטראָפּיע. דער אויספיר? ראשית זענען די קהילות מער נישט נייטיק צו פאַרמיטלען צווישן דער יִדישער באַפעלקערונג און דער מאַכט, והשנית זענען זיי נישט נייטיק ווי רעליגיעזע אינסטיטוציעס, די רעליגיעזע ייִדן פון אַ בית־תפילה קאָנען מיט זיך אַליין פאַרוואַלטן.

מ׳האָט מיין פאַרשאַרבעט גערימט ביזן הימל, מסכים געווען מיט מיינע אויספירן. מ׳האָט נאָך צוגעגעבן פּרטים אין זעלבן זינען. איין איינציקער בלויז האָט זיך אָנגענומען מיט כוח, דערמאָנט, אַז די טאַקסע און ענלעכע זאַכן האָבן

די קהילות פון לאַנג אומגעבראַכט, אַז פאַראַן אויך נוצלעכע זאַכן ביַי די קהילות, ווי הילף פאַר די אָרעמע שיכטן, זייער זאָרג פאַר ייִדן במשך פון דורות בעת גזירות, רדיפות און אויך היַינט וואָלטן זיי געקאָנט נוצלעך זיַין, אויב מ׳וואָלט זיי געגעבן אַ מעגלעכקייט זיך צוצופאַסן צו די נייַע באַדינגונגען.

דער איינציקער איז געווען, ווי מ׳האָט זיך געקאָנט ריכטן, נאָוואַקאָווסקי. ס׳איז אָבער קענטיק געווען ווי ער מיַידט אויס שאַרף צו קריטיקירן מיַינע באַהויפּטונגען און אויספירן. קורץ נאָך דעם האָבן מיר זיך ווי דורך אַ צופאַל באַגעגנט. ער האָט מיט אַן אומעטיקער שטימע מיר געזאָגט:

— חברטע אסתר, איר האָט אַריַינגעלייגט אַ באַרג אַרבעט אין איַיער פאַרשעריישן פאַרטראַג וועגן די קהילות, אַ שאָד נאָר וואָס ס׳איז געווען אַזוי איינזיַיטיק און מיט אַזעלכע אויספירן. אַזעלכע אויספירן קאָנען ברענגען אַ סך שאָדן.

— פאַרוואָס האָט איר דאָס באַלד אויפן אָרט נישט געזאָגט?

— פון דעם וואָס כ׳האָב יאָ געזאָגט האָט איר געקאָנט זיך אָנשטויסן וואָס איך טראַכט.

— פאַרוואָס דאַרף מען זיך אָנשטויסן וואָס איר טראַכט? פאַרוואָס זאָגט איר נישט אָפן וואָס איר טראַכט?

— מיר האָבן זיך אויסגעלערנט נישט צו זאָגן אָפן וואָס מיר טראַכטן, אפילו נישט נישט־אָפן...

— מיר? ווער מיר?

— מיר אַלע. איר אויך, חברטע אסתר. זיַיט מיר מוחל, איך ספק צי וועגן די קהילות האָט איר געזאָגט וואָס איר טראַכט. איר זענט צו אינטעליגענט צו טראַכטן אַזוי און צו מאַכן אַזעלכע אויספירן. איר האָט געזאָגט וואָס מ׳דאַרף זאָגן און נישט וואָס איר טראַכט. נאָר איצט האָב איך שוין צופיל געזאָגט. צו אָפן. טאָ זיַיט מיר געזונט!

ער האָט זיך שנעל געזעגנט און אַוועק. כ׳בין געבליבן ווי אַן אָפּגעשמיסענע. פון וועמען אָפּגעשמיסן? פון נאָוואַקאָווסקין. ער האָט מיר שטענדיק אַרויסגעוויזן אַ סך רעספּעקט, געוואָנדן זיך צו מיר מיט פאַרשידענע ענינים, געפרעגט אַן עצה. צי האָט ער פריִער אויך געטראַכט אַזוי וועגן מיר, צי נאָר איצט? און אפשר איז ער איצט גערעכט? צי בין איך דען זיכער מיט זיך אין אַלץ וואָס איך טו און זאָג? האָב איך דען אַליין נישט קיין ספיקות? בין איך דען מיט זיך אַליין שטענדיק אין אַלעמען מסכים? רעד איך דען נישט אַזוי ווי מען דאַרף און נישט ווי איך פיל, ווי איך טראַכט? איז דען נאָוואַקאָווסקי נישט גערעכט, פאַרוואָרפנדיק

מיר איינזײַטיקייט אין פּרט פון די קהילות? אפשר טאַקע אויספירן, וואָס קאָנען ברענגען שאָדן?

די פראַגן האָבן וויברירט אין מײַן מוח אַ שטיק צײַט, זיי האָבן נישט געלאָזט צו רו. ס'איז אָבער אונטערגעקומען אַ נײַער טאַראַראַם, וואָס האָט זיי פאַרטויבט, פאַרטומלט. כ'האָב זיך ווידער אײַנגעשפּאַנט אין דער „מערבקע", פאַרזונקען געוואָרן אין די פּיל באַשעפטיקונגען און טעגלעכע דאגות.

ערשט אין אַ צײַט אַרום האָט ווידער אַ ריס געטאָן בײַם האַרץ ווי אַן אויס־באַהאַלטענע ווונד, וואָס רופט זיך אָפּ ווען מ'רירט זיך צו צו איר. צוגעריירט זיך צו דער אויסבאַהאַלטענער ווונד האָט זיך ווידער יאַקאָוו. פאַר די לעצטע צײַטן נישט אָפּגעטאָ אים געזען. ער האָט געגרייט זײַן אַספּיראַנטור אויפן סמך פון אַ פאַרשונג: „איבערשיכטונג, פּראָדוקטיוויזאַציע אינעם יידישן שטעטל". ס'האָט אים געצוווּנגען אַרומצוּוואַנדערן, צו רעדן מיט ייִדן. ער איז פאַר יעדן מאָל געקומען אַ פאַרטראַכטער, זײַן אַמאָליקער שמייכל איז געוואָרן בלאַסער, ער איז כמעט נישט אַרײַנגעקומען צו מיר אין קאַנטאָר. דאָס מאָל האָב איך אים פאַרבעטן.

— ווי גייט עס, יאַקאָוו?

— מע האָרעוועט, מע וואַנדערט איבער די שטעטלעך.

— וואָס דערציילט איר פון די וואַנדערונגען?

ער האָט געשוויגן, געקנייטשט דעם יונגן, הויכן שטערן, ווי ער וואָלט נאָכגעטראַכט פון וואָס אָנצוהייבן. כ'האָב אים אַרויסגעהאָלפן:

— ווו זענט איר לעצטנס געווען?

— געווען אַזש אין האָמעל.

— וואָס הערט זיך דאָרט צווישן ייִדן?

— נישט גוט. נישט גוט, מאַריאַ יאַקאָוולעוונאַ, מ'רעדט נישט גוט וועגן אונדז ייִדישע קאָמוניסטן; מ'ווייסט אַלץ, כ'ווייס נישט דורך וועמען, ווי אַזוי, נאָר מע ווייסט.

— וואָס, אַ שטייגער?

— מע ווייסט, אַז די ביוראָ פון די ייִד־סעקציעס האָט אונטערגעטראָגן דער מאַכט אַ „דאָקלאַד" וועגן די קהילות, זיי זאָלן האָבן געדינט דער בורזשואַזיע, זיי זאָלן אויך איצט זײַן שעדלעך.

— ווער האָט אײַך דאָס דערציילט?

— געטראָפן בײַ באַקאַנטע אַ ייִד, וואָס האָט אַמאָל געהערט צו דער קהילה.

— אַמאָל געהערט און הײַנט נישט?

— אפשר געהערט ער היינט אויך, נאָר האָט מורא אויסצוזאָגן. זי דישעט קוים די קהילה.

— פון וואַנען ווייסט ער וועגן אונדזערן אַ „דאָקלאַד" וועגן דער קהילה?

— דאָס האָט ער נישט אויסגעזאָגט, נאָר מ'ווייסט; מ'ווייסט אַלץ, מ'ווייסט אפילו, אַז איר, מאַריאַ יאַקאָוולעוונאַ, האָט אויסגעאַרבעט דעם דאָקלאַד. שיין זעען מיר, יידישע קאָמוניסטן, אויס אין זייערע אויגן.

כ'האָב געמיינט צו מאַכן אַ שפּאַס, נאָר אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז די זאַך איז ערנסט.

— מיר דוכט, אַז אין אייערע אויגן, יאַקאָוו, זעען מיר אויך נישט אויס שיין.

— מאַריאַ, יאַקאָוולעוונאַ, פאַר אייך באַהאַלט איך נישט ווי פאַר אַנדערע, מיט אייך וויל איך זיין אויפריכטיק. אַ סך זאַכן שרעקן מיך. וואָס האָט מען צו די קהילות? זיי פאַרנעמען זיך דאָך אויך מיט נויטבאַדערפטיקע. איז שוין ביי אונדז אַזאַ הילף נישט נייטיק? וואָס אַרט עס אונדז וואָס זיי סטאַרעווען זיך צו באַזאָרגן יידן מיט מצות? וואָס זיי העלפן יידן מאַכן שבת? איינאָרדענען אַ סדר? וואָס שטערט דאָס אונדז? די זעלבע מענטשן וואָלט מען דאָך געקאָנט האָבן אויף אונדזער זייט, ווען מ'וואָלט זיי נישט דאָקוטשעט. וואָלט אייער פאָטער געעלבט וואָלט איר אים פאַרווערט צוצוגרייטן מצות אויף פסח? צי געהערן צו אַ קהילה?

כ'האָב אים געלאָזט רעדן, אויסגעהערט רויק אָן אַריינצוואַרפן אַ וואָרט, בלויז צום סוף זיך אָפּגערופן: „איר זענט גערעכט". יאַקאָוו איז אויפגעלייגט געוואָרן, ער האָט אַ סברה געפילט ווי ער האָט אַריינגעטראָפן אין פינטל. ביים געזעגענען זיך האָט ער מיר געשאָנקען אַ ברייטן שמייכל, געווען גאָר אַן אַנדער מענטש ווי ביים אַריינקומען. איך בין אויך געוואָרן אַן אַנדער מענטש. ס'איז מיך באַפאַלן אַן אומעט. יאַקאָוו האָט עפּעס אויפגערודערט אין מיר, דערוועקט אין מיר די געפילן, וואָס זענען געווען טיף פאַרשטעקט, דערדריקט. ווידער האָבן אין מוח אָנגעהויבןווירבלען צענדליקער פראַגן, ספיקות. זיי האָבן אין געהיים, שטילערהייט געמאַטערט. צו שפּעט געווען צו פאַרקערעווען פון וועג. און ווידער זענען די פראַגן, די ספיקות פאַריאָגט געוואָרן פון אַן אַ שיעור ענינים, וואָס זענען טאָג איין טאָג אויס אונדז באַפאַלן. צי האָב איך אָבער נישט געפילט די צעריסנקייט אין זיך? געפילט. אין מאָמענטן פון אַן אָטעם־צוג זיך באַזיניקט. רעכט באַזיניקט זיך וואָס עס איז אָפּגעטאָן געוואָרן מיט די קהילות האָב איך ערשט אין 1930, ווען ס'זענען אומגעבראַכט געוואָרן די ייִד־סעקציעס, ווען ס'איז געקומען דער סוף פון יעטוועדער פאַרשטייערשאַפט מצד דער ייִדישער באַפעלקערונג.

*

...געמיינט, אַז קיין שום זאַך וועט מיך שוין נישט אויפרודערן, צעטרייסלען. כ׳האָב שוין אַלץ געזען, אַלץ געפילט אויף מיין הויט, דורכגעגאַנגען אַלע קרייזן פון דאַנטעס גיהנום. כ׳בין לעבן געבליבן. כ׳לעב נאָך. כ׳האָב זיך פאַרהאַרטעוועט. געוואָרן אַ שטיין. כ׳האָב זיך נישט איין מאָל באַפוילן: מוזט זיין האַרט ווי אַ שטיין! אין אַנבליק פון טויט, פון אַ סך טויטן, זאָלסטו קיין צאַפּל נישט טאָן! און אָט זענען אַלע מיינע באַפעלן צו זיך צונישט געוואָרן. כ׳האָב אויפגעצאַפּלט. אַלע אברים האָבן אויפגעציטערט אין מיר.

כ׳בין ווידער עטלעכע טעג געלעגן אין לאַגער־שפּיטאָל. מיין וועלט פאַרמאַכט זיך אין אַ דרייעק: באַראַק־קאַנטאָר־שפּיטאָל. אַז אַלטער, נאַקעטער קוסט וועמענס נאָמען כ׳קען נישט, איז אַן אַנדערע וועלט, אַ באַזונדערע, אַ נישט־דאַיִקע. ווען איך גיי נישט פון באַראַק צום קוסט, אין קאַנטאָר, גיי איך אין שפּיטאָל. מיט אַ וואָך צוריק, מיט גרויס מאַטערניש, זיך קוים דערשלעפּט אַהין. מיין גוטער פריינד, דער דאָקטער, האָט זיך דערשראָקן פאַר מיין אויסזען. כ׳האָב מיין אויסזען נישט געזען נאָר געפילט ווי ס׳וואַרפט מיך פון פיבער.

— פאַרוואָס זענט איר באַלד נישט געקומען? איר מוזט זיך גלייך לייגן!

וואָס טוט ער אָבער ווען קיין פריי בעטל איז נישטאָ? דער דאָקטער געפינט אויף אַלץ אַן עצה: ער לייגט צוויי ענלעכע קראַנקע צוזאַמען, איינע פון איין זייט בעטל, די צווייטע פון דער צווייטער זייט. ס׳איז פאַרט בעסער ווי צוריקשיקן אין באַראַק. דאָ איז וואַרעמער, זויבערער, די זופּ געדיכטער, דער פּאַיאָק אַ ביסל אַ גרעסערער. איך בין אָבער ביים דאָקטער אַ יחסן. איין קליניקייט, ער איז אַמאָל כמעט מיין תלמיד געווען. טראַכט ער נישט קיין סך, פירט איבער אַ קראַנקע צו איר שכנטע און טרייסט מיך:

— נעמט אייך נישט איבער, זיי דאַרפן ביידע אינגיכן, היינט אַרויסגיין, זיי האָבן שוין אָפּגעפיבערט.

די פרוי מיטן אויסגעבלאָסטן, צעקנייטשטן פנים האָט נישט פּראָטעסטירט. פאַרקערט, גוטווייליק אָפּגעגעבן מיר איר אָרט, נאָר איינגעגעסן זיך מיט די אויגן אין מיר, דערנאָך פון דערנעבנדיקן בעטל געקוקט זייטיק, שאַרף, ווי זי וואָלט מיך אין געהיים געפאָרשט.

כ׳בין געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן אַ פיבערדיקע, אַ דערשעפּטע ווי דער פונק לעבן וואָלט זיך געלאָשן אין מיר. מיין אויער איז אָבער וואַכזאַם. מיין געהער איז זייער אויסגעשאַרפט זינט כ׳בין געזעסן אין די תפיסות אין אַ „אָדינאָטשקע״. אויך זינט דער טויטער שטילקייט ביי טאָג אין באַראַק. צומערשט

געפילט ווי עס בלאָנקען איבער מיר פאַרשעריִשע בליקן, דערנאָך איז צו מײַנע אויערן דערגאַנגען אַ שטילע שושקעריי:

— דאָס איז זי, האַ?

— יאָ, דאָס איז זי. כ׳האָב זי שוין געהאַט געזען, נאָר דעמאָלט נישט דער־קענט, איצט דערקען איך זי, ס׳איז די פרומקינאַ.

— מ׳האָט מיר געזאָגט, זי איז די שוועגערין פון דעם, וואָס האָט זיך דאָרט גענומען דאָס לעבן.

— ששששש...

— זי שלאָפט, זי הערט נישט. ער האָט, דוכט מיר, געהייסן טשעמעריסקי, האַ?

— ניין, טשעמעריסקין האָט מען דערשאָסן, דער וואָס האָט זיך גענומען דאָס לעבן האָט געהייסן ווײַנשטיין.

— וועלכער איז געווען איר שוואָגער?

— ששששש... זי וועקט זיך, הער אויף...

כ׳האָב מסתמא אַ צאַפּל געטאָן. כ׳האָב געפילט ווי דורך מײַן לײַב איז ווי אַן עלעקטרישער שטראָם דורכגעלאָפן אַ שטאַרקער ציטער. ס׳האָט מיך פונאַנ־דערגענומען. פון דער שושקערײַ זיך דערוווּסט, אַז טשעמעריסקי, מײַן לאַנדסמאַן פון מינסק, דער אַמאָליקער שוואַרצער סאַשאַ, דער סעקרעטאַר פון די ייִד־סעקציעס איז דערשאָסן געוואָרן און רחמיאל איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. אין דער טויטער וועלט זיך דערוווּסט וועגן צוויי באַזונדערע טויטן. פאַרוואָס האָט עס מיך אַזוי אויפגעשוידערט? איז דען זיי שוין נישט בעסער פון מיר? זעט אויס דער טויט איז שטענדיק פאַר די לעבעדיקע, אַפילו פאַר האַלב־לעבעדיקע, אַ בייז געשפּענסט. אפשר שרעקט מער דער אופן ווי אַזוי דער טויט קומט? דערשאָסן ווערן איז מסתמא ווייניקער מוראדיק ווי אַליין זיך אָפּגעבן דעם טויט. רחמיאל אַליין זיך אָפּגעגעבן דעם טויט. ווי איז דאָס מעגלעך? ער, אַזאַ באַזאַכטער, אַזאַ שטאַרקער כאַראַקטער. ער האָט געהאַט איבערגעטראָגן אַזוי פיל אומגליקן און דעם אומגליק נישט געקאָנט איבערטראָגן.

צי זאָל איך אויספרעגן די צוויי פרויען ווי אַזוי דאָס איז געשען? ווו דאָס איז געשען? אין פלוג געוואָלט אַזוי טאָן, באַלד זיך באַרעכנט. בעסער נישט צו פאַרפירן קיין שמועס, זיי וועלן אָנהייבן אויך מיך אויסצופרעגן, זעען אויס צו זײַן באַרעדעוודיק. איך בין נישט אויפגעלייגט צו רעדן, צו דערציילן, דערצו איז מיר טרוקן אין האַלדז, כ׳קאָן קיין וואָרט נישט אַרויסבאַקומען. פאַרט האָט אין קאָפּ געקעקבערט: ווער זענען זיי? פון וואַנען קומען זיי? ווו האָט מײַנעביידע פרײַנד געטראָפן דער טויט?

קיין סך צײַט זיך צו באַטראַכטן איז מיר נישט פאַרבליבן. איידער וואָס־

ווען האָט מען מײַנע בײדע שכנטעס געהייסן פאַרלאָזן דעם שפּיטאָל. אויפן בעטל האָט געוואַרט אַן אַנדערע קראַנקע. מ׳האָט זי געבראַכט פון דער אַרבעט מיט אַן אויפגעשוואָלענעם פּנים, די הויט פּלאַצט אויף איר. זי האָט זיך אויס־געדרייט צו מיר, פאַרזיכטיק אויפגעמאַכט דאָס מויל, געוויזן מיר די פאַרבלוטיקטע יאַסלעס, די זיך שאָקלענדיקע ציין און געגעבן מיר אַ מעדיציניש לעקציע:

— ווייסט וואָס דאָס איז צינגאַ? אַזאַ לאַגער־קראַנקייט. זעסט, פון דער צינגאַ־קראַנקייט פוילן די יאַסלעס. זיי בלוטיקן אויך. און דאָס וואָס די ציין שאָקלען זיך איז אויך פון צינגאַ. דו ביסט נישט לאַנג דאָ, איך בין שוין דאָ 5 יאָר, כ׳האָב נאָך דרײַ יאָר. צוליב אַ נאַרישקייט. כ׳האָב חרטה געהאַט, נאָר וואָס איז פאַר זיי יענעמס חרטה?

נאָכן אויפקלערן מיר פון וואַנען ס׳שטאַמען אירע חולאתן און איר אומגליק האָט זי היימישלעך מיך אַ פרעג געטאָן:

— וואָס איז דײַן „דיעלאָ״?

כ׳האָב איר אָנגעוויזן אויף מײַן האַלדז, אויף מײַנע פאַרברענטע ליפּן. זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— כ׳פאַרשטיי, ס׳איז דיר שווער צו רעדן, האָסט אַ סך פיבער. ווערסט מסתמא שטאַרבן. נאָר דו ביסט אַן אַלטע, האָסט שוין דײַנס אָפּגעלעבט. איך בין יונג, 25 יאָר. איך וויל נישט שטאַרבן.

ס׳איז איר נמאס געוואָרן צו רעדן צו אַ מענטש, וואָס ענטפערט נישט אָדער וואָס וועט אין גיכן שטאַרבן. זי האָט זיך אויסגעדרייט צו מיר מיטן רוקן, שטילערהייט זיך אויסגעוויינט, דערנאָך אָנגעהויבן כראָפּען מיט אַ גרילץ ווי ס׳וואָלט אַרויסגעפּײַפט פון איר.

כ׳בין געבליבן אַליין מיט מײַנע שווערע טראַכטענישן, מיט מײַן טרויער. אין דמיון איז ווי אין אַ פילם אויפגעשטיגן רחמיאל אין זײַן יוגנט, דער אָפּפער־וויליקער רחמיאל, דער פאַרליבטער בחור פון מײַן ייִנגערער שוועסטער גיטע, דער געטרײַער פאָטער פון בײדע ייִנגלעך, וואָס כ׳האָב בײַ מיר אין שטוב אויס־געהאָדעוועט; רחמיאל, דער איבערגעגעבענער מיט לײַב און לעבן דער אַרבע־טער־זאַך. ער איז מיר געווען אַ פרײַנד, דער נאָענסטער מענטש, פלעגט מיר שטענדיק דערמאָנען צו שוינען דאָס געזונט, בעת ער אַליין האָט זיך קיינמאָל נישט געשוינט, אָפּגעגעבן זײַן געזונט, זײַנע כוחות, זײַן גאַנצע צײַט דער זאַך פון סאָציאַליזם. אין צײַטן פון ספקות פלעגט ער פאַר מיר עפענען דאָס האַרץ. ער פלעגט מיר בסוד־סודות איבערגעבן געשעענישן, וואָס פלעגן אונדז בײדע אָדער צעקלעמען, אָדער דערפרייען. דערוויסנדיק זיך וועגן זײַן טויט איז מיר געקומען אויפן זינען אַזאַ סודותפולע געשעעניש, וואָס ער האָט מיר פאַרטרויט:

ס'איז געווען דאָס יאָר 1919. כ'בין צײַטווײַליק געקומען קיין מאָסקווע. דער טעראָר פון די באָלשעוויקעס איז נאָך דעמאָלט פאַר רחמיאלן אַזוי גוט ווי פאַר מיר געווען אַן אָפּהאַלט צוזושטיין צו דער קאָמוניסטישער פאַרטיי. ס'איז געווען פאַר אונדז אַ זאַך פון געוויסן.

— ווײסט בעסער פאַרשטיין מײַנע וואַקלענישן ווען ווײסט אויסהערן די מעשה, וואָס קאַמענעוו האָט מיר בסוד־סודות דערציילט, האָט ער מיר געזאָגט.

קאַמענעוו איז געווען זײַנער אַ נאָענטער פרײַנד פון די צאַרישע, אומלעגאַלע צײַטן. אין די ערשטע יאָרן נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע פלעגט ער, זײַענדיק אין מאָסקווע, זיך באַגעגענען מיט אים. בײַ איינער אַזאַ באַגעגעניש האָט אים קאַמענעוו דערציילט אַזאַ מעשה: צו נײַ־יאָר 1919 איז אין קרעמל אײַנגעאָרדנט געוואָרן אַ „וועטשערינקע". געווען איז אויף דער נײַ־יאָר־פײַערונג דער גאַנצער באָלשעוויסטישער שטאָב, מיט לענינען בראש. געווען איז אויך אַ סך בראָנפן. ווער שיכורט זיך אָן צוממײַנסטן? אַ פּאָליאַק. זאָגן דאָך די פּראַנצויגן: שיכור ווי אַ פּאָליאַק. רוסן טרינקען אַ סך בראָנפן און ווערן נישט גיך שיכור. אָבער דזשערזשינסקי איז טויט־שיכור געוואָרן. און וואָס בײַ אַ ניכטערן אויפן לונג איז בײַ אַ שיכורן אויפן צונג. האָט זיך דזשערזשינסקיס שיכורערהייט פונאַדערגעוויינט, געבעטן זיך בײַ לענינען: חבר לענין, הייס מיך דערשיסן, איך פאַרדין דערשאָסן צו ווערן, כ'האָב צופיל בלוט פאַרגאָסן. אַזוי פיל בלוט! אַזוי פיל בלוט! איך קאָן נישט לעבן. מ'דאַרף נישט לאָזן לעבן אַ מענטש, וואָס פאַרגיסט אַזוי פיל בלוט. האָב רחמנות אויף מיר, חבר לענין, הייס דערשיסן!

מ'האָט אים קוים אײַנגעשטילט, אַרויסגעפירט אין אַ צווייטן צימער.

קאַמענעוו האָט עס דערציילט רחמיאלן ווי זײַנעם אַ נאָענטן פרײַנד בסוד־סודות. רחמיאל האָט עס מיר דערציילט בסוד־סודות. קאַמענעוו און רחמיאל ריזיקירן שוין גאָרנישט, אויב דער סוד וועט זיך אויסגעבן. דער זעלבער בלוטדורשטיקער גאָט האָט זיי געבראַכט אויפן זעלבן מזבח. איך ריזיקיר אויך נישט קיין סך, כ'בין סײַווי פאַרמישפּעט, איך ווייס נאָר נישט ווי לאַנג דאָס שוואַכע פלעמעלע לעבן וועט נאָך טליִען. ס'קאָן זיך אַ ליאַדע טאָג אויסלעשן. אָבער אַליין עס אויסלעשן, ווי רחמיאל האָט עס געטאָן, — דאָס נישט! איך אורטייל נישט רחמיאלן, פאַרקערט, איך פאַרשטיי: ער, דער זויבערער מענטש, דער ערלעכער, מסירות־נפשדיקער רעוואָלוציאָנער האָט דאָס אַראָפּקײַקלען זיך צו אַזאַ מענטשלעכער געפאַלנקייט נישט געקאָנט איבערטראָגן. מסתמא איז דאָס אויך געווען אַ פּראָטעסט קעגן דער רישעות. אויך דערצו דאַרף מען האָבן אַ שטאַרקן כאַראַקטער: „איר ווילט ביסלעכווײַז פאַרניכטן מײַן לעבן, טאָ נעמט עס אײַך מיט איין מאָל! כ'וויל נישט זײַן קיין שפּילעכל אין אײַערע מיט בלוט־

פאַרפלעקטע הענט!" איך, אסתר פרומקין, ווייל אַנדערש זײַן שטאַרק: כ'וויל נאָך עפּעס אויפטאָן איידער איך פאַרשווינד. דערפאַר וויל איך אויסהאַלטן, אויסדויערן ווי לאַנג ס'איז מעגלעך. אַזוי איז שווערער. כ'האָב קיינמאָל נישט אויסגעקליבן קיין לײַכטן וועג.

כ'ווייס נישט וואָס רחמיאל האָט געטראַכט אין די לעצטע שעהען, אין די לעצטע מינוטן. צי איז אים, ווי מיר, אויפן זינען געקומען יענע מעשה מיט דזשערזשינסקין, וואָס האָט שיכּורערהייט געווײנט אויפן פאַרגאָסענעם בלוט? ווי קומט עס וואָס מיר האָבן דעמאָלט אַזוי גיך פאַרגעסן? פאַרוואָס האָט די מעשה אײַנגעדרימלט אין אונדזער זכּרון? פאַרוואָס האָט זי נישט דערמאָנט, געמאָנט? נישט צו באַנעמען וואָס ס'קאָן געשען מיטן מענטש. מיר זענען, ווי דזשערזשינסקי, געווען פאַרשיכּורט, כאָטש נישט פון בראָנפן.

✶

...נעכטן אָוונט נישט געקאָנט אַרויפקריכן אויף דער נאַרע, וואָס איבער דער ערשטער ריי. צוויי שכנטעס האָבן געפּרוווט מיר צוהעלפן. אומזיסט. נישט געקאָנט זיך רירן פון אָרט. כ'האָב זיך געהאַט געטווישט מיט אַ שכנטע. אַ העכערע נאַרע האָט אַ מעלה: מ'איז ווייטער פון טומל, פון טאַראַראַם. אין אָוונט בײַם לייגן זיך, אינדערפרי בײַם אויפשטיין, איז דער האַרמידער גרויס אָן אַ שיעור. אַ דרײַ צענדליק אויסגעמאַטערטע, צעווייטיקטע פרויען־גופים רײַסן זיך אויף אויפן קלאַנג פון גאַנג 6 אַזייגער אינדערפרי, אײַלן זיך אײַנצוּוויקלען אין די שמאַטעס, באַוועגן זיך נערוועז, זיפצן, קרעכצן, שרײַען, קריגן זיך, וואַרפן אַרויס פון זיך זידל־ווערטער, קללות. ס'שרײַט אַרויס פון זיי די פּײַן. אַ ביסל העכער פון דיל, איז אַ ביסל ווײַטער פון גערודער. איך אײנע בלײַב דאָך ליגן אויף דער נאַרע. האָב איך נעכטן ווידער געמוזט בעטן די שכנטע צוריק צו נעמען די פריִערדיקע נאַרע. מײַן קערפּער ווערט פון טאָג צו טאָג שלאַבעריקער, ווי מ'וואָלט מיט אַ פּאָמפּע אויסגעפּאָמפּעט פון אים די כּוחות. טיילמאָל דוכט מיר, אַז אַלץ רײַסט זיך פונאַנדער אין מיר. נעכטן בײַם פּרוּוון דערגרייכן די אייבערשטע נאַרע געמיינט איך ווער צעשאָטן ווי אַ צעלעכערטער זאַק טרוקענע ביינער.

שלאַפלאָזיקייט געוואָרן ביי מיר אַ געוווינהייט. זי שטאַמט פון די תּפיסות. גענוג געווען איבערצוגיין פון דער העכערער אויף דער נידעריקערער נאַרע כ'זאָל נישט קאָנען אײַנשלאָפן. אַמאָל, אַפילו ביזן אַרעסט, פלעג איך דורכשלאָפן די נאַכט מיט איין צי. כ'האָב שטענדיק געהאַט אַ האַרטן שלאָף. מײַן פריידעלע פלעגט זאָגן: „מאַמע, דיך קאָן מען אַרײַנלייגן אין אַ וואַליזקע, אַוועקשיקן דורך

טראַנספּאָרט און ווייסט ווייטער דורכשלאָפֿן די נאַכט". זינט דעם אַרעסט איז דער שלאָף אַ קאָשמאַרער, אַ קראַנקער, אַ דינער, ער רײַסט זיך ווי שפּינוועבס. ווען ער רײַסט זיך איבער, כאַפּ איך מיך אויף מיט אַן אַנגסטיק, פֿאַרשטיקט געשריי. מײַנע שכנטעס זענען צוגעוווינט דערצו, נעמען שוין מער נישט פֿאַר אומגוט. איך בין דאָך אַ שווער קראַנקע, אַן אינוואַליד, אַ סימן נאַטשאַלסטוואָ האָט מיך באַפֿרײַט פֿון גיין צו דער אַרבעט. ווען איך שלאָף נישט, קוק איך אויפֿסנײַ דורך מײַן גאַנץ לעבן, פֿאַרשרײַב אין זכרון אָפּגעריסענע פֿראַגמענטן צו קאָנען אויף צומאָרגנס שנעל איבערגיסן אויף שטיקלעך פּאַפּיר. הײַנט בײַנאַכט, ליגנדיק וואַך, האָבן זיך געאַמפּערט אין מיר צוויי פּערזאָן. כ'בין אויפֿסנײַ צע־צווייט געוואָרן, כמו אסתר פֿרומקין און מאַריאַ יאַקאָוולעוונאַ טרעטן אַרויס איינע קעגן דער אַנדערער, אַ קטיגור און אַ סניגור. דער סניגור אין מיר טרייסט מיך: אומזיסט רײַסטו פֿון זיך פּאַסן. נישט געזוג קומסט אָפּ אין דעם־אָ גיהנום, עסטו דיר אַליין אָפּ די גאַל. האָסט אין די 15 יאָר פֿאַרט עפּעס אויפֿגעטאָן, איר אַלע האָט געטאָן מער ווי איר האָט געקאָנט. איר האָט דערפֿירט צו אַזאַ פֿונאַנדערבלי פֿונעם ייִדישן שולוועזן, פֿאַך־שולן מיט ייִדישן אונטעררריכט, ביבליאָטעקן, טעאַטערס, פֿאָרש־אַנשטאַלטן, מיט אינסטיטוטן פֿאַר ייִדישער קולטור אין קיִעוו און מינסק, אַזאַ נעץ פֿון ייִדישער פּרעסע, פֿאַרלאַגן מיט צענדליקער טויזנטער ייִדישע ביכער, מיט טויזנטער פֿאַרשידנאַרטיקע שעפֿערס. דאָס וואָס פֿיר און זעכציק פּראָצענט ייִדישע קינדער האָבן געלערנט אין ייִדישע שולן איז שוין גאָרנישט? דאָס וואָס ייִדישע ביכער זענען אַרויסגעגאַנגען אין...

דער קטיגור אין מיר רײַסט מיר, אָדער אים, דעם סניגור, איבער: גענוג! גענוג! נאַר אַן ציפֿערן! נישטאָ דאָ קיין מער פֿאַלשע זאַך ווי ציפֿערן! מיט ציפֿערן האָט מען פֿאַרבלענדט די אויגן אי זיך, אי אַנדערע. ווייסט אַליין, אין דעם אַלעמען, וואָס דו האָסט אָקאָרשט אויסגערעכנט האָט געפֿעלט אַ נשמה, מ'האָט עס אָפּגעריסן פֿון די ייִדישע וואָרצלען, אויסגעליידיקט פֿון ייִדישן אינהאַלט.

דער סניגור: איבערגעטריבן, איבערגעטריבן. ייִדישע שרײַבערס, לערערס, פֿאָרשערס, טעאַטער־מענטשן האָבן אַרײַנגעגעבעט דאָס ייִדישע פּינטעלע. ס'איז נישט געווען אין גאַנצן אַן ייִדישן אינהאַלט, טיף־טיף האָט געטליִעט... צוריק געשמועסט, מ'האָט דען געקאָנט אַנדערש? וואָלט דען בעסער געווען ווען דאָס אַלץ וואָלט זיך נישט צעבליט?

קטיגור: סײַווי האָט מען דאָס אַלץ אומגעבראַכט, מיטן וואָרצל אויסגע־ריסן. וואָלט עס געהאַט אַ ייִדישע נשמה, וואָלט מען כאָטש געוווסט פֿאַרוואָס, פֿאַר ווען אויסגעראָטן.

סניגור: אַ טעות, אַ טעות. ווען ס׳וואָלט נישט געווען ווי געווען, וואָלט מען עס באַלד פון אָנהייב אויסגעריסן, ס׳וואָלט באַלד געווען אַן אָנהייב פון סוף.

קטיגור: האָט מען דען באַלד פון אָנהייב נישט אָנגעהויבן אונטערצושנײַדן די וואָרצלען? איז דען געווען בלויז איין אָנהייב פון סוף?

צו קיין טאָלק זענען די צוויי פאַרשווינען אין מיר נישט דערגאַנגען. כ׳האָב זיך געהאַט נישט איין מאָל געבראָכן דעם קאָפּ, ווען ס׳איז ווירקלעך געווען דער אָנהייב פון סוף. אין פלוג האָט זיך געקאָנט אויסדוכטן, אַז אין יאָר 1930, ווען מ׳האָט אומגעבראַכט די ייִד־סעקציעס. מיט אַלע זייערע אויסקרומעניש זענען זיי פאָרט געווען די פאַרבינדונג צווישן דער ייִדישער געזעלשאַפטלעכקייט און דער מאַכט. אַנדערע האָבן אָנגעוויזן אויפן מוראדיקן יאָר 1937, ווען ס׳האָט אַ פלייץ געטאָן אַ מבול פון טעראָר, אַרעסטן, דערשיסונגען. וואָס מער איך טראַכט אַרײַן, אַלץ מער זעט מיר אויס, אַז אָנגעהויבן האָט זיך עס אַ סך פריִער. אומבאַמערקטערהייט כמעט אין די צוואַנציקער יאָרן. דער ערשטער בפירושער גרויסער קלאַפּ איז געקומען, ווען אַלץ איז געווען אין סאַמען הויך פון אויפבלי, אין 1926, ווען ס׳איז צוריקגעצויגן געוואָרן דער פּראָיעקט צו באַזעצן ייִדן אויף ערד אין קרים. שוין צו יענער צײַט האָט מען דאָ און דאָרט ליקווידירט אַ ייִדישע צײַטונג, אַ קינדער־גאָרטן; ס׳האָט שוין דעמאָלט געדראָט דעם ייִדישן מלוכה־טעאַטער אַרויסגעשיקט צו ווערן פון מאָסקווע אין אַ פּראָווינץ־שטאָט. כ׳האָב דעמאָלט כסדר געדאַרפט קלאַפּן אין טירן אָפּצורופן עפּעס אַ שטילע, געהיימע גזירה. באַלד דערנאָך איז געקומען די מעשה מיט ביראָבידזשאַן, וואָס זעט מיר הײַנט אויס ווי אַ בייזוויליקער פּלאַן צו פאַרשיקן ייִדן ערגעץ הינטער די הרי־חושך. מ׳האָט זיך דערצו געמוזט אויסהיטן ס׳זאָל נישט טראָגן קיין ייִדיש־נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. אַזוי איז דאָס. מיר האָבן געפילט בחוש, אַז מיר מוזן זיך אויסהיטן. שוין דעמאָלט איז געהאַנגען איבער אונדז די דאַמאָקלעס־שווערד. האָט מען דערפאַר גערעדט וועגן איבערוואַנדערונג אָבער נישט דערמאָנט וועגן נאַציאָ־נאַלער, ייִדישער קאָנצענטראַציע, אפילו ווען ביראָבידזשאַן איז אין 1930 פּראָקלאַמירט געוואָרן ווי אַן אויטאָנאָמער ייִדישער ראַיאָן און פיר יאָר שפּעטער ווי אַן אויטאָנאָמע ייִדישע געגנט. ס׳איז דאָך געווען נאָכדעם ווי מ׳האָט מיט איין טראַסק אַראָפּגערוימט די ייִד־סעקציעס. פאַר וואָסערע זינד, אויב נישט צוליבן חשד פון ייִדישן נאַציאָנאַליזם? פאַרדאַכט שאַפט שרעק און פאַרקערט. מיר האָבן געלעבט אין פאַרדאַכט און אין שרעק. מ׳האָט אָנגעהויבן קוקן מיט פאַרדאַכט אויף דעם, אויף יענעם. מ׳האָט אויסגעפונען דאָ, דאָרט עפּעס אַ נאַציאָנאַליסטישן פּסול, אַ פּגימה. קראַנקע שטימונגען. ס׳האָט זיך שוין דעמאָלט געוועבט אַ נעץ אַרום אונדז. אַ שווערע אַטמאָספער.

שווער געווען צו אָטעמען. דעם און יענעם האָט מען אַרויסגערופֿן אויף אַ פֿאַרהער, ביי דעם און יענעם קוקט מען איבער זיין ביאָגראַפֿיע. ס'איז מיר נישט איין מאָל דעמאָלט אויסגעקומען זיך צו ווענדן צו מיין לאַנג־יאָריקן פֿריינד יעמעליאַן יאַראָסלאַווסקי, פֿאַרשטייער פֿון דער פּאַרטייאישער קאָנטראָל־קאָמיסיע און סטאַלינס אָפֿיציעלער היסטאָריקער. ווער נאָך ווי ער האָט מיר געקאָנט אַרויסהעלפֿן, אויפֿקלערן? ביטער ווי סם זענען שוין דעמאָלט געווען די אויפֿקלערונגען.

צי האָב איך דעמאָלט פֿאַרשטאַנען וואָס עס גרייט זיך קעגן אונדז, יידישע טוער, יידישע גייסט־מענטשן? יאָ און נישט. שטיינער זענען מיר געלעגן אויפֿן האַרץ, געפֿילט, אַז עפּעס גרייט זיך. קאָן זיך דען אָבער אַ מענטש פֿאַרשטעלן זאַכן, וואָס זענען קעגן מענטשלעכן שכל? ס'זאָלן אייגענע קעגן אייגענע אָן אַ פֿאַרוואָס, אָן אַ פֿאַרוועגן, דורכפֿירן אַ בלוטיקן שניט? כ'בין אין 1930 אַלט געוואָרן 50 יאָר, כ'האָב געהאַט הינטער זיך לאַנגע יאָרן רעוואָלוציאָנערע שטרייטן, קרוב צען יאָר קאָמוניסטישע דערפֿאַרונגען. כ'האָב אויפֿגעהערט צו פֿאַרשטיין אַ סך זאַכן, אָבער געפֿילט ווי די אַטמאָספֿער ווערט אָנגעלאָדן ווי פֿאַר אַ שטורעם. ניין, דער אומגליק איז נישט אַראָפּגעפֿאַלן פּלוצלינג ווי אַ דונער פֿון הימל, ווי ס'האָט זיך שפּעטער מענטשן געקאָנט אויסדוכטן. ער איז שטופֿנווייז אָנגעוואַקסן. כ'האָב זיך ווייטער מיט לייב און לעבן אָפּגעגעבן דעם מערב־אוניווערסיטעט, אָבער זיך פֿאַרמאַכט אין זיך, געלעבט אין אָפּגעזונדערטקייט. ס'האָט געגורטעוועט אין מיר אַ גרויסער אומרו, ס'האָבן געמאַטערט פֿראַגן: אויף וואָס זאָל מען זיך ריכטן? וואָס קאָן נאָך אַרויסשפּרינגען? וואָס האָט מען צו אונדז?

אין אַזאַ מצב האָב איך מיך דערוווסט וועגן טויט פֿון מיין מוטער. זי איז געשטאָרבן אין 1932. זי איז אויסגעגאַנגען שטיל, זיך נישט באַקלאָגט, נאָר איר גרויסע זאָרג בין איך געווען ביז אירע לעצטע טעג. „מלכהלע נעמט צופֿיל אויף זיך", האָט זי שטיל איבערגעחזרט דעם טאַטנס ווערטער פֿאַר מיין יינגסטער שוועסטער האָדל. כ'האָב זיך נישט פֿאַרגעשטעלט איך זאָל קאָנען אַזוי וויינען אויפֿן טויט פֿון אַ נאָענטן מענטש. נאָך דער לוויה האָט מיין שוועסטער געקוקט מיט צער אויף מיר. זי האָט זיך אפֿשר געוווּנדערט וואָס איך, אַזאַ האַרט געפֿרווטער מענטש, באַוויין אַזוי אונדזער מאַמע. היינט פֿאַרשטיי איך, אַז דאָס האַרץ איז ביי מיר געווען איבערפֿולט, כ'האָב שוין דעמאָלט מסתמא באַוויינט אויך זיך גופֿא, מיין אייגן לעבן.

די טעג, חדשים האָבן זיך פֿויל געשלעפּט און געלאָפֿן. מיין וועלט איז זינט 1930 קלענער געוואָרן, איינגעשרומפּן, באַגרענעצט זיך צום מערב־אוניווערסיטעט. קיין באַשעפֿטיקונגען און דאגות האָבן מיר אויך דאָ נישט געפֿעלט, כ'האָב אים

אָפּגעגעבן דעם גאַנצן טאָג, מײַן גאַנץ לעבן. אַזוי איז אַ טאָג צו אַ טאָג ענלעך געווען ביז סוף 1933. אין אַ קאַלטן, שפּעטן נאָכמיטאָג איז אַרײַן צו מיר אין קאַנטאָר דער 26 יאָריקער יעפּים זאַלאַטניק, אַ סטודענט פֿון לעצטן יאָר, אַן אָפּשטאַמיקער פֿון קיִעוו. פֿון זײַן געהיימניספֿולער מינע, פֿון זײַן אַרומקוקן זיך, האָב איך גלײַך פֿאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז געשען. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער אָנגעוויזענער שטול און גלײַך צוגעטראָטן צו דער זאַך:

— מאַריאַ יאַקאָוולעווגאַ, מ׳האָט מיך אַרויסגערופֿן. אויף אַן אויספֿאָרשונג. אָפּגעהאַלטן מיך מער ווי 6 שעה...

— וואָס האָט מען דיך געפֿרעגט?

— וועמען איך קען פֿון די אויסלענדישע סטודענטן, צי כ׳גיי אַרויס מיט זיי, וואָס מ׳רעדט צווישן זיך און נאָך און נאָך וועגן זיי. ס׳האָבן זיך געשאָטן אויף מיר פֿראַגן. אַ האָגל מיט פֿראַגן. זיי האָבן אויך געפֿרעגט אויף אײַך.

— וואָס געפֿרעגט?

— וואָס דען נישט? צי איר גיט זיך מער אָפּ מיט די אויסלענדישע סטו־דענטן, צי זיי קומען צו אײַך אין קאַנטאָר, צי איר רעדט מיט זיי רוסיש, צי אין זייער אייגענער שפּראַך. ווער קאָן דאָס אַלץ געדענקען?

— און וועגן דיר גופֿא האָט מען נישט געפֿרעגט?

— געפֿרעגט, געפֿרעגט, אַפֿילו וועגן טאַטן, וועגן דער מאַמען, מײַן גאַנצע ביאָגראַפֿיע. כ׳האָב געזאָגט, אַז מײַן ביאָגראַפֿיע איז אין אוניווערסיטעט, אין דער פּאַרטיי. זיי האָבן ווײַטער געפֿרעגט. דרײַ זענען זיי געווען. צוויי האָבן מיך באַוואָרפֿן מיט פֿראַגן, איינער האָט נאָטירט, אַלץ פֿאַרשריבן, 3 בויגנס, דערנאָך מיר געגעבן אונטערצושרײַבן.

האָסט כאָטש איבערגעלייענט וואָס דו האָסט אונטערגעשריבן?

— געלייענט, נאָר געווען צופֿיל דענערווירט, נישט אַלץ איז געווען פּינקטלעך ווי כ׳האָב געענטפֿערט אויף די פֿראַגן.

— האָסט נישט אויפֿמערקזאַם געמאַכט, אַז ס׳איז פֿאַרצייכנט נישט אַזוי ווי דו האָסט געענטפֿערט?

— יאָ אויפֿמערקזאַם געמאַכט, נאָר איינער האָט שטרענג אַ זאָג געטאָן, אַז איך הער אַליין נישט וואָס איך זאָג, זיי הערן גוט. אפֿשר איז דאָס אַ ביסל אמת, כ׳האָב טיילמאָל געפּלאָנטערט מיט דער צונג, געווען צעטומלט.

— איצט זײַ זשע נישט צעטומלט און רעד מיט קיינעמען נישט דערוועגן.

— חס וחלילה. נאָר אײַך, מאַריאַ יאַקאָוולעוונאַ, פֿאַרטרוי איך מיך. כ׳האָב געוואָלט וויסן וואָס איר טראַכט דערוועגן. קלערט מיר אויף...

— נישטאָ וואָס אויפֿצוקלערן. מיר מאַכןביידע אַ שווייַג דערוועגן און דאָס אַלץ.

פֿאַר מיר איז דאָס נישט געווען אַלץ. כ׳האָב מיך כּסדר געריכט, אַז אַנדערע וועלן נאָך קומען זיך פֿאַרטרויען פֿאַר מיר. מ׳איז נישט געקומען. צי דערפֿאַר ווײַל אַזעלכע זענען מער נישט געווען? גיכער ווײַל מ׳האָט מורא געהאַט אויס־צוזאָגן די געהיימעניש. אַלצאיינס, מ׳דאַרף זיך ווײַטער פֿירן ווי ס׳וואָלט גאָרנישט געשען. זאָל נאָר נישט קענטיק זײַן אויף מיר דער אומרו. כ׳האָב ווײַטער גערעדט הויך, מיט אַ טאָן פֿון אַ קאָמאַנדיר, פֿאַרנומען זיך מיט אַלע פּרטים, אַרײַנגע־קוקט אין אַלע ווינקעלעך. דאָס פֿון־אָנהייב־דערוואַרטע איז געקומען שפּעט, כמעט נאָך אַ יאָר צײַט. אין טיר פֿון מײַן קאַנטאָר האָט אָנגעקלאַפּט דער דרײַ און צוואַנציק־יאָריקער קאָמוניסט פֿון פּוילן. אויך אַ ייִד. ער האָט מיט דרײַ יאָר צוריק, מיט דער הסכּמה פֿון דער פּוילישער פּאַרטיי געשוואַרצט די גרענעץ, געקומען מיט אַ גוטער רעקאָמענדאַציע. ס׳האָבן אים אין פּוילן געדראָט לאַנגע יאָרן תּפֿיסה. אַן אינטעליגענטער בחור, נאָר זייער אַ נאַיִווער, אַ ביסל אַן אומ־באַהאָלפֿענער. דאָס אויסלערנען זיך רוסיש איז אים אָנגעקומען שווערלעך, כ׳האָב זיך מיט אים פֿאַרנומען מער ווי מיט אַנדערע, אפֿשר דערפֿאַר וואָס ער האָט מיר אויסגעזען קינדיש. ער האָט זיך צוגעבונדן צו מיר טאַקע ווי אַ קינד צו אַ מאַמע.

— מאַריאַ יאַקאָוולעוונאַ, כ׳וויל אײַך איבערגעבן אַ סוד, קיינער טאָר נישט וויסן דערוועגן, מ׳האָט מיר אָנגעזאָגט, פֿאַרבאָטן צו דערציילן. צו אײַך האָב איך צוטרוי.

— אַז האָסט צוטרוי, טאָ דערצייל.

— מיט אַ וואָך צוריק בין איך געווען... אַ יונגערמאַן האָט מיך אָפּגעוואַרט נישט ווײַט פֿון אינטערנאַט, האָט מיר געזאָגט ער איז פֿון עפּעס אַן אַדמיניסטראַ־ציע. אין אַ ביוראָ האָט מע מיך גענומען אויפֿן פֿאַרהער, אויסגעפֿרעגט אָן אַ שיעור, אַלץ פֿאַרשריבן, אָנגעזאָגט כ׳זאָל חס וחלילה קיינעמען נישט דערציילן.

— וואָס האָבן זיי געפֿאָדערט פֿון דיר?

— ס׳איז מיר אַליין נישט קלאָר. איר ווייסט דאָך, אַז איך קען שוואַך רוסיש. נישט אַלץ האָב איך פֿאַרשטאַנען. מ׳האָט געפֿרעגט וועגן פּוילן, ווי אַזוי כ׳בין אַהער געקומען, וועגן אַנדערע אויסלענדישע סטודענטן און נאָך אַנדערע זאַכן.

— האָסט עפּעס אונטערגעשריבן?

— אונטערגעשריבן. מ׳האָט געהייסן.

— האָסט איבערגעלייענט איידער האָסט אונטערגעשריבן.

— ניין. יאָ אָנגעהויבן לייענען, נאָר ס׳איז מיר שווער אָנגעקומען, ס׳איז

נישט געווען קיין דײַטלעכע שריפט. כ'האָב אויך געוואָלט וואָס גיכער פּטור ווערן פון דער גאַנצער געשיכטע. כ'האָב אפילו פון אָנהייב געזעכנט נישט צו דערציילן, זיי האָבן אָנגעזאָגט. כ'האָב זיך אָבער באַרעכנט, אַז אײַך דאַרף איך יאָ דערציילן און בעטן אײַך צו האַלטן סוד.

כ'האָב געהאַלטן סוד. פּאַרויסגעזען נאָך אַנדערע אַזעלכע סודות. מסתמא זענען שוין פאַראַן, נאָר דערגייען נישט צו מיר. צי שפּינט זיך דאָ נישט אַ געהיימע נעץ קעגן מערב־אוניווערסיטעט? קעגן מיר גופא? אפשר דאַרף מען פון פּאַרויס רעאַגירן? יעדנפאַלס דאַרף מען פּרוּוון שטילערהייט דערגיין מיט וואָס דאָס שמעקט. בײַ ווערמען זאָל איך פּרוּוון אָנטאַפּן דעם דופק אויב נישט בײַ יאַראָסלאַווסקין? ער שטייט נאָענט צו סטאַלינען, אויך דער אַפּוטראָפּוס פון אוניווערסיטעט, דערצו מײַנער אַ גוטער פרײַנד. ער האָט מיך אויפגענומען פרײַנדלעך. דאָך האָט מיר געדוכט, אַז ווייניקער פרײַנדלעך ווי געוויינלעך. כ'האָב געהאַט פון פאַרויס צוגעטראַכט אַ מעשה:

— חבר יאַראָסלאַווסקי, כ'וואָלט געוואָלט דאָס מאָל באַצײַטנס זיך באַראַטן מיט אײַך וועגן פּראָגראַם פון די לימודים אויפן קומענדיקן יאָר. אפשר נאָך דאָס יאָר עפּעס ענדערן אין פּראָגראַם? ס'זענען דערגאַנגען צו מיר קלאַנגען, אַז מ'האָט טענות צום אוניווערסיטעט. מסתמא צום פּראָגראַם...

— טענות צום פּראָגראַם? כ'גלייב נישט.

— וואָסערע דען טענות אויב נישט צום פּראָגראַם? אפשר שטאַמט דאָס פון סטודענטן? שוין געווען אַזעלכע פאַלן, ס'האָט זיך אָנגעהויבן פון די סטו־דענטן און ס'איז אַוועק ווײַטער; יעדנפאַלס וואָלט איך געוואָלט וויסן.

— איך האָב וועגן טענות צום פּראָגראַם נישט געהערט.

— אפשר אַנדערע טענות?...

— איר זענט דאָך געקומען וועגן פּראָגראַם.

— חבר יאַראָסלאַווסקי, איך בין געקומען צו אײַך נישט נאָר ווי צו אַ מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט, ווי צו אַ פאַרשטייער פון דער פּאַרטייאישער קאָנטראָל־קאָמיסיע, נאָר אויך ווי צו מײַנעם אַ פרײַנד. איך טראָג די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן אוניווערסיטעט. אויב זענען פאַראַן טענות צו אים, וויל איך דאָס פון אײַך וויסן.

— מאַריאַ יאַקאָוולעוונאַ, אויב איר פרעגט מיך ווי אַ פרײַנד אויף פיר אויגן, וויל איך אײַך ענטפערן אויפריכטיק ווי אַ פרײַנד. וועגן טענות צום פּראָגראַם ווייס איך נישט. אויב ס'האָט ווער דערמאָנט דערוועגן, איז דאָס מיר נישט באַקאַנט. דאַקעגן זענען מיר אַ ביסל באַזאָרגט וועגן אוניווערסיטעט. אַנדערש באַזאָרגט. איר ווייסט ווי די אימפּעריאַליסטן לויערן פון אַלע זײַטן אויף אונדזער

סאָציאַליסטיש לאַנד, ווי זיי באַנוצן זיך מיט אַלע מיטלען אונדז צו שעדיקן. שפּיאָנאַזש איז איינער פון זייערע שטאַרקסטע מיטלען. אַזאַ אינסטיטוציע ווי דער מערב־אוניווערסיטעט איז פאַר זיי... זיי קאָנען וואַרפן אַן אויג אויף אים.

— וואָס מיינט דאָס, חבר יאַראָסלאַווסקי?

— צי דאַרף מען אײַך דאָס אויסטײַטשן?

— יאָ, כ׳וויל פּראָסט פּשוט וויסן וואָס דאָס באַדײַט?

— דאָס באַדײַט פּראָסט פּשוט, אַז זיי קאָנען דאָרט פאַרלייגן אַ שפּיאָנאַזש־נעסט.

— איז וואָס דאַרף מען טאָן?

— מ׳דאַרף ערשטנס וויסן, אַז דער שונא שלאָפט נישט. מ׳דאַרף זײַן וואַכזאַם, וואַכזאַם און נאָכאַמאָל וואַכזאַם.

כ׳האָב מער קיין פראַגן נישט געשטעלט. ס׳וואָלט מיך צו ווײַט פאַרפירט. כ׳האָב בשום אופן נישט געגלייבט דער אוניווערסיטעט זאָל ווערן, זאָל שוין זײַן אַ שפּיאָנאַזש־נעסט. די קאַנדידאַטן, הויפּטזאַכלעך די פון אויסלאַנד, ווערן שטאַרק קאָנטראָלירט. זיי זענען געשיקט פון די פאַרטייען. דאָך, דאָך האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט אין מיר אַ פאַרדאַכט. כ׳האָב אין דער שטיל אָנגעהויבן באַטראַכטן אַן אויסלענדישן סטודענט ווי אַ מעגלעכן שפּיאָן, אָנגעהויבן זיך אויסהיטן מיט אַ וואָרט, געוואָרן פאַרזיכטיק בײַ יעדן קער און ווענד. כ׳האָב פאַרלוירן דעם צוטרוי נישט נאָר צו אַנדערע, נאָר אויך צו זיך אַליין, זיך גופא נישט געטרויט מיט עמעצן צו רעדן וועגן געוויסע ענינים. צי וועט זיך נישט אַראָפּגליטשן פון צונג עפּעס, וואָס נישט געוואונטשן? עפּעס, וואָס קאָן וואַרפן אַ פאַרדאַכט אויף מיר? אַ מענטש דאַרף האָבן אַ טרייסט. האָב איך טיילמאָל איבערגעחזרט פאַר זיך גופא די קלוגע אַלטע פאָלקס־ווערטער: גם זה יעבור — אויך דאָס וועט דורכגיין.

ס׳איז נישט דורכגעגאַנגען. פאַרקערט. טויזנטער סטודענטן זענען אַרויס פון אוניווערסיטעט, זיי זענען אויף פאַרשידענע אַרבעטן, זענען אַלע געווען נאָענט געבונדן מיט מיר. כ׳האָב געלעבט ווי אין אַ טומאַן. אין די אָוונטן געזעסן אין מײַן פאַרמאַכטן צימער פאַרן שפּיגל, באַטראַכט זיך צי די אויסבאַהאַלטענע צערודערונג איז חס וחלילה נישט קענטיק אויף מיר. יאָ, קענטיק, די שטריכן אויפן פּנים זענען געוואָרן אָנגעצויגן, געשפּאַנט. די עלטער איז ראַפּטעם אַרויפגעקראָכן אויף מיר. כ׳האָב שטענדיק אַזוי באַגערט נישט צו עלטערן זיך צו פרי, פּשוט געהאַט אַן אַנגסטיקע מורא נישט צו ווערן אַלט. צו דער אַלגעמיינער שרעק איז צוגעקומען די אַנגסט, ווען כ׳האָב דערזען אַרום מויל, אַרום די אויגן די אײַנגעשניטענע קנייטשן, די האָר, וואָס זענען שיטער געוואָרן און פאַרוועבט

מיט זילבערנע פעדים. אין די אויגן האָט זיך פאַרקליבן אַן אומעט. די צוקער־קראַנקייט האָט געהאַט אַ גוטן באָדן צו גיין פאָרויס.

— וואָס איז דיר, מאַמע? זעסט אויס ווי דו וואָלסט קראַנק געווען.

— גאָרנישט, גאָרנישט, מײַן קינד, אַ ביסל מיד, אַ סך אַרבעט...

— באַהאַלטסט עפּעס אויס פאַר מיר.

— וואָס פאַלט דיר אײַן?...

כ'האָב זיך אויסגעהיטן פאַר מײַן אייגן קינד. פריידל טאָר גאָרנישט וויסן פון דעם וואָס ס'קומט פאַר אין מיר. מיר וועט עס נישט העלפן, איר קאָן דאָס שאַדן ברענגען, ס'קאָן זי אויך אַרײַנציִען אין דער געהיימער נעץ. און צי ווייס איך ווי זי וואָלט דאָס אויפגענומען? זי איז דערצויגן אין גאַנצן אין היגן גײַסט. נאָכן ענדיקן די „רויטע פּראָפעסור" האָט מען זי געשיקט אויף פּאַרטייאישער אַרבעט. כ'האָב אויפגעהערט צו קלינגען צו איר, אויסגעמיטן זי זאָל קומען צו מיר, דערציילט איר מעשיות נישט געשטויגן, נישט געפלויגן. כ'גרייט כלומרשט אַ נײַ בוך, פאַרנומען איבערן קאָפּ. אַבי זי זאָל זיך נישט אָנשטויסן. כ'האָב ביסלעכווײַז מײַן קינד נאָך מער דערווײַטערט פון זיך. בײַ די גאָר זעלטענע באַגעגענישן נישט געענטפערט אויף אירע פראַגן. כ'האָב געפילט, אַז זי גלייבט נישט מײַנע מעשיות, טיילמאָל געקוקט אויף מיר פאַרדעכטיק. ערשט מיט איבער אַ יאָר שפּעטער, בעת איר אייגענעם אומגליק, האָט זי זיכער פאַרשטאַנען וואָס ס'איז מיט מיר פאָרגעקומען אין די לעצטע צײַטן.

דער מענטש איז אַזאַ באַשעפעניש, וואָס אַדאַפּטירט זיך, אַ סברה, לײַכטער ווי יעדער בעל־חי. מ'געוווינט זיך צו אַלעמען צו. מײַן גוטע מאַמע פלעגט זאָגן: מ'זאָל אַזוי נישט געפרוווט ווערן מיט דעם צו וואָס מ'קאָן זיך צוגעווינען. אַ געוווינהייט קאָן צומאָל ווערן אַ צווייטע נאַטור. דאָס לעבן אונטער פאַרדאַכט, די צעקלעמטקייט איז געוואָרן אַ נאַטירלעכע זאַך. גם זה יעבור. דאָס מאָל איז עס דורכגעגאַנגען, ווי ס'האָט מיר געדוכט. אין מאַי 1936 איז דער מערב־אוניווערסיטעט, נאָך אַן אַנדערהאַלבן צענדליק יאָר עקזיסטענץ, פאַרמאַכט געוואָרן. כ'האָב פון אָנהייב אָפּגעעטעמט. אין פלוג איז די דאַמאָקלעס־שווערד, וואָס איז געהאָנגען איבער מיר, אַוועקגענומען געוואָרן. באַלד אָבער האָב איך דערפילט ווי דאָס איז אַ בפירושער קלאַפּ, וואָס שנײַדט זיך אַרײַן ווייטיקלעך אין מײַן גאַנץ וועזן. שוין אָפּגערעדט וואָס כ'האָב אין אוניווערסיטעט אַרײַנגעלייגט מײַן גאַנץ האַרץ, מײַן גאַנץ לעבן, האָט מען אים דאָך ליקווידירט צוליב די שווערע פאַרדאַכטן. אויף וועמען פאַלט די שולד, אויב נישט אויף מיר, דעם רעקטאָר? וואָס וועט זײַן? וועט מען מיר געבן אַן אַנדערע באַשעפטיקונג? פון אַלע זײַטן זענען ווידער דערגאַנגען ידיעות, איינע מוראדיקער פון דער אַנדערער. דער

און יענער איז פֿאַרשוווּנדן. דער און יענער געוועזענער סטודענט מײַנער אַרעסטירט. ווען מײַן ריי?

✶

אומגעריכט פֿאַר מיר אַליין אַ נײַע, בכּבֿודיקע אַרבעט. כ'האָב צומאָל נישט געדאַרפֿט טוישן דאָס אָרט. אין דער געבײַדע פֿון דעם מערבֿ־אוניווערסיטעט האָט מען איבערגעפֿירט דעם אינסטיטוט פֿאַר אויסלענדישע שפּראַכן. מ'האָט מיך נאָמינירט אַלס דירעקטאָר פֿון אינסטיטוט.

— מאַריאַ יאַקאָוולעוונאַ, מיר האַלטן אײַך פֿאַרן פּאַסיקסטן דירעקטאָר פֿון אינסטיטוט. איר באַזיצט זעקס שפּראַכן אין וואָרט און שריפֿט, איר האָט גרויסע דערפֿאַרונגען אין פּעדאַגאָגישער אַרבעט, איר זענט אַ ספּעציאַליסט אין מעטאָדיק, מיר גלייבן איר וועט צופֿרידן זײַן פֿון אײַער נײַער באַשעפֿטיקונג.

איך בין צופֿרידן געווען שוין פֿון דעם צו האָבן אַ באַשעפֿטיקונג. ס'איז אויך אַ סימן פֿון אַ געוויסן צוטרוי צו מיר. ס'איז מיר אַראָפּגעפֿאַלן אַ שווערער שטיין פֿון האַרץ. אפֿשר וועט מען אַראָפּנעמען פֿון מיר דעם פֿאַרדאַכט? און אפֿשר איז גאָר דער פֿאַרדאַכט געבוירן געוואָרן אין מײַן קראַנקן קאָפּ? צי דאַרף איך מיך אַליין נישט באַפֿרײַען פֿון כּלומרשטע פֿאַרדאַכטן?

ניין, כ'האָב מיך נישט באַפֿרײַט פֿון זיי. קוים ווי כ'האָב מיך אַ ביסל אײַנגעביסן אין דער נײַער באַשעפֿטיקונג האָבן ווידער אָנגעהויבן דערגיין אָפּטע ידיעות וועגן אַרעסטן, אויך פֿון מײַנע געוועזענע סטודענטן. שווער האָט מיך געטראָפֿן דער אַרעסט פֿון מאַקס עריק. ער איז געווען אַ זײַל פֿון קיִעווער אינסטיטוט פֿאַר ייִדישער קולטור, אַרײַנגעלייגט אין אים אַ סך שעפֿערישע כּוחות, געווען אַ וויסנשאַפֿטלער מיט פֿאַרנעם. אין קאָפּ האָט מיר ווי מיט אַ פֿײַערדיקער שפּיז אַ שטאָך געטאָן אַ געדאַנק: אָן אָנהייב אומצוברענגען דעם ייִדישן אינסטיטוט. מײַן פֿריידל האָט אין די אָוונטן, נישט קלינגנדיק פֿריִער, אָנגעהויבן אַרויפֿקומען צו מיר:

— מאַמע, עפּעס גרייט זיך, אַלע זענען שווײַגנדיק, מען רעדט נישט צווישן זיך ווי אַמאָל, מ'היט זיך מיט אַ וואָרט.

פּלוצלינג גיט זי אַ פֿרעג:

— פֿאַרוואָס האָט מען ליקווידירט דעם מערבֿ־אוניווערסיטעט? ער האָט דאָך געגרייט קאַדרן. מען נייטיקט זיך דען שוין נישט אין זיי? איך פֿאַרשטיי נישט. דו, מאַמע, באַהאַלטסט אויך עפּעס אויס פֿאַר מיר.

פֿײַנלעך, זייער פֿײַנלעך זענען געוואָרן פֿאַר מיר די שמועסן מיט מײַן טאָכ־טער. דער קאָמסאָמאָל, דערנאָך די פּאַרטיי האָבן זי אויספּאַרמירט. זי האָט שטודירט אין „אינסטיטוט פֿון רויטער פּראָפֿעסור", וואָס האָט „אויסגעקנאָטן"

די יוגנט. קיין גרויסע נאָענטקייט איז צווישן אונדז נישט געווען. כ'האָב קיינמאָל נישט געהאַט קיין צײַט פאַר איר. זי האָט עס מיר נישט פאַרגעסן. צי טאָר זי גאָר וויסן וועגן מײַנע ספיקות, וועגן פאַרדאַכטן? וועגן געפאַרן, וואָס הענגען איבער מיר? אפשר וועט זי אַליין אָנהייבן קוקן אויף מיר מיט פאַרדאַכט? פאַראַן נישט ווייניק דראַמעס צווישן עלטערן און קינדער: קינדער שפּיאָנירן נאָך טאַטע־מאַמע, טראָגן צו. אַזאַ איז די פליכט פון אַ פּיאָניר, פון אַ קאָמסאָמאָל. צי מאַכט דען אויך די שול נישט פון קינד אַ נאָכשפּירער אין דער היים? כ'פלעג אָפּפטרן מײַן טאָכטערס פראַגן מיט פאַרעוועע ענטפערס. זי איז צו אינטעליגענט זי' אָנצונעמען פאַר אַ גוטער מטבע. כ'האָב דאָס דערקענט אין אירע אויגן. אָבער איך האָב ווײַטער געלעבט מיט אַ פאַרבאַהאַלטן, ליגנעריש לעבן. זיך אָפּגעגעבן דער נײַער אַרבעט מיט אַ געמאַכטן ענטוזיאַזם. דער אַמאָליקער, נאַטירלעכער ענטוזיאַזם האָט שוין געהאַט אויסגערונגען. כ'האָב ווידער געפּרווט זיך טרייסטן מיט די קלוגע ווערטער: גם זה יעבור.

ס'איז נישט פאַרבײַגעגאַנגען. פאַרקערט. ס'האָט זיך שטופנווײַז אָנגערוקט אַ הוראַגאַן. ס'איז געקומען דאָס יאָר 1937. יעדער טאָג אַן אַנדערע פינצטערע ידיעה. מ'האָט פאַרטאָג פון בעט אַרויסגענומען דעם, יענעם. דאָס זענען חברים, וואָס איך קען, כ'קען זייער געטרײַשאַפט, זייער איבערגעגעבנקייט צו דער קאָמוניסטישער זאַך. ס'גיט יעדעס מאָל אַ זעץ אין האַרץ, ס'דרייט אויס די געדערים. די כוואַליע אַרעסטן צעגיסט זיך ווי אַ שוואַרצער מבול איבערן לאַנד.

ס'איז אַ שפּעטער אָוונט. דער טעלעפאָן קלינגט. זיכער פריידל. ניין, נישט איר שטימע.

— ווער רעדט?

— נישט וויכטיק דער נאָמען. מאַריאַ יאַקאָוולעוונאַ, כ'קלינג פון גאַס. פרידאַ איז דעם פערטן טאָג נישט געקומען צו דער אַרבעט. כ'בין געגאַנגען זען צי זי איז קראַנק. זי איז אין שטוב אויך נישטאָ. איר מאַן אויך נישט.

מ'האָט פון דער צווייטער זײַט דראָטן אָפּגעלייגט דאָס טרייבל. מ'איז אַוועק. בלויז עטלעכע ווערטער האָט פרידאַס פריינדין אײַנגעשטעלט. דאָס איז אויך געווען אַ סך. כ'האָב נישט באַוויזן עפּעס וואָס צו פרעגן. זי האָט די ידיעה מיר איבערגעגעבן אין איין אָטעם. מיר איז דורך אַ קאַלטער ציטער איבערן לײַב. פריידל מיטן מאַן אַרעסטירט. כ'האָב זיך גיך אָנגעטאָן און דאַך אַוועק צו זיי. אפשר וועל איך זיך עפּעס דערוויסן. געטראָפן די טיר פאַרחתמעט. פון דער הויז־וועכטערין שוער עפּעס אַרויסצובאַקומען. די שרעק קוקט איר אַרויס פון די אויגן:

— כ'וויים גאָרנישט, כ'ווייס גאָרנישט, לאָזט מיך צורו!

— האָט מען זיי גענומען פון שטוב?

— געקומען. לאָזט מיך צורו!

נאָך אַ שלאָפֿלאָזער נאַכט בין איך אַוועק צו דער אַרבעט. די ערשטע שלאָפֿלאָזע נאַכט. וואָס טאָן מ׳זאָל נישט דערקענען אין מיר די דערשיטערונג? אַלקאָהאָל, זאָגט מען, הייטערט אויף. כ׳האָב זיך שטענדיק אָפּגעהאַלטן פֿון טרינקען. דאָס מאָל אַרײַנגעגאָסן אין זיך אַ היפּש גלעזל בראָנפֿן. כ׳בין נישט געווען נישט שיכּור און נישט אויפֿגעהייטערט. ס׳האָט מיר בלויז אַ ביסל געדרייט אין קאָפּ, געפֿילט ווי די קניִען ברעכן זיך אונטער. כ׳האָב זיך אײַנגעחזרט: „נישט לאָזן דערקענען אין מיר, נישט לאָזן דערקענען די צעדרודערטקייט". כ׳האָב מיט אַ געמאַכטער געלאַסנקייט דערלײדיקט די וויכטיקסטע ענינים און אַוועק צו מײַן אַלטן פֿרײַנד יאַראָסלאַווסקי. ער וועט נישט אָפּזאָגן אין אַ נויט, אין אַן אומגליק מיר אַרויסצוהעלפֿן. צום ערשטן מאָל האָב איך געוואָרט אָנצוקומען צו אים. ער האָט מיך צום ערשטן מאָל אויפֿגענומען קאַלט. כ׳האָב געפֿילט, ווי ס׳איז פֿאַרשווונדן די אַמאָליקע היימישקייט, די נאָענטקייט. כ׳האָב דאָך גערעדט מיט גערירטקייט:

— חבר יאַראָסלאַווסקי, איר זענט מיר שטענדיק געווען אַ נאָענטער פֿרײַנד. כ׳קום צו אײַך אַ פֿאַרצווייפֿלטע. מ׳האָט אַרעסטירט מײַנע קינדער, כ׳ווייס נישט...

ער האָט מיר איבערגעריסן:

— איר זענט דאָך אַ פּאַרטייאישער מענטש. ווי קאָן דאָס אַ פּאַרטייאישער מענטש זײַן פֿאַרצווייפֿלט? פֿאַרצווייפֿלונג איז אומגלויבן. צי גלייבט איר נישט אין דער פּאַרטיי?

— כ׳ווייס נישט די סיבה פֿון זייער אַרעסט. כ׳ווייס נישט וווּ זיי זענען?

— צו וואָס דאַרפֿט איר דאָס וויסן? אויב מ׳האָט זיי אַרעסטירט, האָט מען געדאַרפֿט זיי אַרעסטירן. איר האָט נישט קיין צוטרוי צו אונדזערע מאַכט־אָרגאַנען?

— ס׳איז נישט קיין פֿראַגע פֿון צוטרוי. אפֿשר אַ מיספֿאַרשטייעניש. כ׳וואָלט אויך געוואָלט וויסן וווּ זיי געפֿינען זיך, זיי עפּעס אַרײַנשיקן.

— עס ווונדערט מיך פֿון אײַך. אַזאַ פּאַרטייאישער מענטש ווי איר דאַרף וויסן ווי זיך צו האַלטן.

— כ׳בין אַ פּאַרטייאישער מענטש, אָבער אויך אַ מאַמע. ס׳איז מײַן טאָכטער, מײַן קינד. כ׳וויל וויסן וואָס מ׳האָט צו איר, ווייניקסטנס וווּ זי געפֿינט זיך. אַ מאַמע וויל וויסן, אַ מאַמע האָט...

— אַ מאַמע, און ווידער אַ מאַמע, אַ טאָכטער, איר ווערט, מאַריאַ יאַקאָוולעוונאַ, סענטימענטאַל, בורזשואַזע סענטימענטאַליטעט.

— חבר יאַראָסלאַווסקי, ווען כ׳בין געזעסן אין תפיסה פאַר די צאַרישע צײַטן, האָט מײַן מאַמע זיך פאַרנומען מיט מיר. אומעטום אָנגעקומען, אַרײַנגעשיקט פּעקלעך.

ער איז געוואָרן מוראדיק ערנסט, אַרויסגעוואָרפן די ווערטער מיט ערגערניש:

— כ׳ווונדער מיך אַלע מאָל מער אויף אײַך, מאַריאַ יאַקאָוולעוונאַ.

ווו האָט זיך דעמאָלט גענומען די עקשנות, די דרייסטקייט בײַ מיר? כ׳בין נישט אָפּגעשטאַנען:

— קאָנט איר מיר נישט געבן קיין עצה ווי אַזוי זיך עפּעס צו דערוויסן?

— אַן עצה? יאָ. זיך נישט פאַרנעמען מיט זאַכן, וואָס דאַרפן אײַך נישט אָנגיין.

— ווי זאָל דאָס מיר נישט אָנגיין? מײַן טאָכטער, מײַן קינד. אפשר געשען אַ טעות?

— גלייבט איר, אַז אונדזערע מאַכט־אָרגאַנען מאַכן טעותן? איר גלייבט אפשר אויך, אַז אונדזער פּאַרטיי מאַכט טעותן?

כ׳האָב דערשפּירט ווי מ׳פירט מיך אַרויף אויף אַ גליטשיקן וועג, כ׳קאָן זיך אויסגליטשן, ברעכן האַלדז און נאַקן. כ׳האָב אויך דערפילט ווי איך זיץ פאַר אַ פרעמדן מענטש, אַ קאַלטן, אַ האַרטן. כ׳האָב דאָך ריזיקירט נאָך עטלעכע ווערטער:

— בלײַבט מיר נישט עפּעס אַנדערש ווי זיך צו ווענדן צום חבר סטאַלין, כ׳האָף ער וועט מיך אויפנעמען...

— מאַריאַ יאַקאָוולעוונאַ, איר האָט אָקאָרשט געפרעגט מיך אַן עצה, וויל איך אײַך געבן אַ גוטע עצה: נישט ווענדן זיך צום חבר סטאַלין. אומבאַדינגט נישט. צו קיינעמען. כ׳ווייס, איר האָט אַ סך באַקאַנטשאַפטן, פון דאַנען, פון אויסלאַנד. גייט נישט צו זיי! פאַר אייער טובה. שלאָגט אײַך די גאַנצע זאַך אַרויס פון קאָפּ.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט. ס׳האָט באַדײַט ס׳איז פאַרענדיקט. כ׳דאַרף זיך אָפּטראָגן. כ׳האָב אויך פאַרשטאַנען: אומזיסט וועל איך מיך ווענדן ערגעץ אַנדערש. צי האָב איך דען נישט געוווסט, אַז אַן אַרעסט איז ווי אַ שטיין אין וואַסער? ס׳האָט מיך אָבער געיאָגט, געטריבן, אונטערגעהויבן פון אָרט. אויף צומאַרגנס אַוועק אין צענטראַל־אַמט פון אינערן־מיניסטעריום. בלויז בעטן אַן אינפאָרמאַציע ווו מ׳קאָן עפּעס אַרײַנשיקן פאַר מײַנע קינדער. דער אָפיציר צו וועלכן כ׳האָב זיך דערשלאָגן האָט געקוקט אויף מיר ווי כ׳וואָלט געוועזן אויפן זינען.

— בירגערין, דאָ איז נישט קיין אינפֿאָרמאַציע־ביוראָ, נישטאָ ביי אונדז אַזעלכע אינפֿאָרמאַציע־ביוראָען.

כ׳האָב אויפסניי דערפילט די גרויזאַמע אָנמעכטיקייט פון מענטש. דערפילט זיך אויך שולדיק קעגן מיין טאָכטער, ווי כ׳וואָלט געהאַט אַ חלק אין איר אומגליק. פאַרוואָס האָב איך אויסבאַהאַלטן פאַר איר? נישט אויפגעדעקט פאַר איר מיינע אומרועו? פאַרוואָס זיך פאַרשטעלט? אָפּגענאַרט זי? וואָס טראַכט זי איצט וועגן מיר? ס׳האָט מיך ווייטער נישט געלאָזט איינזיצן. צו וועמען זיך נאָך ווענדן? נאַדיעזשדאַ קרופּסקאַיאַ איז קראַנק. צי וועל איך קאָנען אָנקומען צו איר? כ׳האָב זיך געלאָזט אין וועג. זי האָט מיך אויפגענומען קראַנקערהייט. איר אויסזען האָט מיך אויפגעשווידערט: די באַקן איינגעפאַלן, די אויגן פאַר־טרערט, די ליפּן פאַרטריקנט, דאָס גאַנצע פּנים איין שטיק טרויער, יאוש. ווי רעדט מען וועגן אייגענע צרות צו אַ מענטשן מיט אַזאַ אויסזען? קרופּסקאַיאַ האָט זיך אָבער אָנגעשטויסן, אַז כ׳קום צו איר מיט אַ שווער האַרץ.

— איר זעט שלעכט אויס, מאַריאַ יאַקאָוולעוונאַ, צי האָט איר דאגות?

— יאָ, נאַדיעזשדאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ, גרויסע דאגות.

— ס׳גייט נישט גוט אין דער נייער אַרבעט?

— די אַרבעט פאַרשאַפט מיר נישט קיין דאגות. נאַדיעזשדאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ, איר זענט קראַנק, כ׳ווייס נישט צי איך דאַרף אייך דערציילן.

— דערציילט, דערציילט, מיר גייט אָן וואָס ס׳טוט זיך ביי אייך.

כ׳האָב אַראָפּגענידערט די שטימע, איבערגעגעבן די ידיעה מיט אַ פליסטער:

— מיין טאָכטער און איר מאַן זענען אַרעסטירט.ביידע איבערגעגעבענע, ערלעכע פאַרטייאישע מענטשן, די ערלעכקייט אַליין, כ׳ווייס נישט...

— וואָרט־זשע אַ ווײַלע, וואָרט...

זי האָט גערופן די הויז־פרוי, געשיקט זי איינקויפן.

— בעסער זי זאָל איצט נישט זיין אין שטוב. מ׳קאָן קיינמאָל נישט וויסן... ביידע אַרעסטירט, זאָגט איר?

איר אויסגעצערט, צעקנייטשט פּנים איז פאַרוואָלקנט געוואָרן. זי האָט לייכט, אומעטיק געשאָקלט מיטן קאָפּ, שטיל געמורמלט:

— שלעכט, זייער שלעכט ביי אונדז. ס׳דערגייען צו מיר כסדר אַזעלכע ידיעות און איך קאָן גאָרנישט העלפן. אין די פריערדיקע יאָרן אָפט אינטער־ווענירט, טיילמאָל אַרויסגעריסן עמעצן. איצט אוממעגלעך. איך בין אַליין... מעגלעך אויב איך וואָלט נישט געווען קראַנק, וואָלט איך אויך...

זי האָט נישט פאַרענדיקט, נאָר פלוצעם, ווי ס׳וואָלט איר באַפאַלן אַ נייער אומרו, אַ פרעג געטאָן:

— ווי איז מיט אײַער געזונט? הײַנטיקע צײַטן דאַרף מען היטן דאָס אײגענע געזונט. איר דאַרפט טראַכטן אויך וועגן זיך...

כ'האָב פאַרשטאַנען וואָס דאָס מײנט. פאַרשטאַנען אויך ווי הילפלאָז זי איז. אַ קראַנקע, פאַרלאָזענע פרוי, אויסגעשטעלט אויף אַלע בײזע ווינטן. די ידיעה, וואָס כ'האָב איר געבראַכט, האָט איר קײן געזונט נישט צוגעגעבן. זי איז געבליבן פאַרשמאַכט, געקוקט אויף מיר מיט טרויעריקע, בעטנדיקע אויגן, ווי זי וואָלט זיך געבעטן בײַ מיר: „מ'דאַרף היטן דאָס אײגענע געזונט". כ'האָב זיך געישובט צי זאָל איך נאָך פרעגן און דאָך געפרעגט; בין איך דאָך אויך צוליב דעם געקומען.

— נאַדיעזשדאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ, כ'וואָלט געוואָלט עפּעס פרעגן, נאָר איר זענט צו מיד, נישט אמת?

— פרעגט, פרעגט, אויב כ'וואָלט געקאָנט מיט עפּעס העלפן...

— מײַן טאָכטער האָט געלערנט אין „אינסטיטוט פון רויטער פּראָפעסור" צוזאַמען מיט אַ חבר, וואָס איז הײַנט... דער יונגער מענטש איז געווען זײער באַפרײַנדעט מיט איר. איר פאַרשטײט וואָס באַדײַט יוגנט־פרײַנדשאַפט פון אוניווערסיטעט. הײַנט איז ער הויך, אין דער פאַרטײאישער קאָנטראָל־קאָמיסיע. ער הײסט מיכאיל אַנדרעיעוויטש סוסלאָוו. זאָל איך פּרוּוון זיך ווענדן צו אים? צי קענט איר אים?

איר פּנים האָט זיך פאַרקרימט. אַ ביטערער, איראָנישער שמײכל האָט זיך אײַנגעשניטן אין די פאַרטריקנטע ליפּן.

— כ'קען אים. כ'קען אים גוט. ער איז זינט 1931 אין דער קאָנטראָל־קאָמיסיע. אַ האַרטער מענטש, אַ יונגער נאָך און שוין אַ טרוקענער, אָן אַ מענטשלעך געפיל. דאָס מענטשלעכע אין אים האָט גיך אויסגעטריקנט, אויסגע־וועפּט, געוואָרן אַ ספּעציאַליסט פון „רײניקן" די פּאַרטײ. ער שנײַדט זיך אויך אויף אַ טעאָרעטיקער, ס'רעדן אַרויס פון אים אויסגעלערנטע ציטאַטן, פאָרמולן. ער געהערט צו די, וואָס זעען סתם נישט דעם מענטש נאָר קלערן אַלץ אויף מיט אַ טויטער פאָרמול. ער וועט מסתמא, לײדער, גײן ווײַט. אַזעלכע דאַרף מען איצט. איך גלײב נישט ער זאָל אײַך אויפנעמען, זאָל מסוגל זײַן עפּעס צו טאָן פאַר עמעצן. אַ מענטש האָט פאַר אים זײער אַ קנאַפּן ווערט, ווי פאַר די אַלע. כ'ווײס, אויב איר ווילט אײנשטעלן, פּרוּווט, אפשר...

די כאַראַקטעריסטיק איז געווען גענוג נישט צו פּרוּוון אײַנשטעלן. כ'בין צוריקגעפאָרן נאָך מער צעקלעמט ווי פאַרגעדיק צו איר. כ'האָב זיך געפילט ווי מ'וואָלט אַרויסגענומען די בײנער פון מיר. נישט געהאַט קײן שום ווידער־שטאַנד, געקאָנט יעדע רגע אַוועקפאַלן, צעטראָטן ווערן. כ'בין אויפצומאָרגנס

געגאַנגען צו דער אַרבעט אַ פונאַנדערגעבראָכענע; אין קאָפּ איז געווען אַ פוסטקייט. ווי אַזוי צי׳ט מען אַרויף אויף זיך אַ מאַסקע פון געמיטלעכקייט? פון צופרידנקייט? מען מוז! מען דאַרף! ס׳קוקן מסתּמא אויף מיר אויגן. כ׳האָב איבערגעבראָכן אין זיך די אַפּאַטיע, אָנגעהויבן זיך פאַרנעמען מיט צענדליקער ענינים מיט איין מאָל, אַרײַנקוקן אין אַלע ווינקלען, אָבער אין קאַנטאָר אָנגעגאַנגען מיט מײַנע באַשעפטיקונגען ווי אַן אויטאָמאַט. ווי כ׳בין געזעסן בײַ מײַן ביוראָ־טיש האָב איך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר און איידער כ׳האָב באַוויזן צו ענטפערן איז אין קאַנטאָר אַרײַן לידיאַ, דער אַמס טאָכטער. זי האָט זיך אַנגסטיק אַרומגעקוקט, אָן צו זאָגן אַ גוט־מאָרגן איז זי צוגעפאַלן צו מיר און זיך צעכליפּעט. דורך איר פאַרשטיקטן געוויין קוים אויפגעכאַפּט אירע שטילע ווערטער:

— איליאַ, איליאַ, מ׳האָט אים פאַרטאָג צוגענומען, געווען קראַנק, מיט היץ, ברוטאַל אים גענומען פון בעט אַרויס.

לידיאַ איז ווי מײַן אייגן קינד, פלעגט אָפט קומען צו איר מאַמען, צו מיר אין שטוב. איליאַ, איר מאַן, איז געווען מײַן סטודענט. ער האָט זיך דערצויגן אין פּיאָניר, אין קאָמסאָמאָל. אויף מײַן עצה גענומען זיך צום לערנען, אָנגעקומען אויפן מערב־אוניווערסיטעט. נאָכן פאַרענדיקן באַקומען אַ פאַרטייאישן פּאָסטן. דורך אים האָט אויך לידיאַ אויפגעלעבט, באַקומען אַ גוטע אַרבעט. איצט בעט זי זיך בײַ מיר:

— מאַריאַ יאַקאָוולעוונאַ, איר קענט אים גוט, איליאַ איז געווען אײַער סטודענט, נעמט אײַך אָן פאַר אים.

דאָס האַרץ האָט זיך שיעור נישט אָפּגעריסן אין מיר. ווי אַזוי איר אויפקלערן, אַז איך קאָן גאָרנישט טאָן? אַפילו נישט פאַר מײַנע קינדער. איך טאָר איר צומאָל נישט דערציילן דערוועגן. ווי אַזוי זי באַרויִקן? צי טאָר איך גאָר זי באַרויִקן? זי גענאַרן, ווי כ׳האָב גענאַרט מײַן פריידלען? כ׳האָב זי פאָרט אײַנגענומען. זאָל זי נישט מאַכן קיין רעש. ס׳וועט זיך מסתּמא אויפקלערן... אויב זי וועט דאַרפן געלט, וועל איך איר געבן. מ׳דאַרף וואַרטן, האָבן געדולד, זיך פאַרהאַלטן רויִק... איך ווייס נישט וואָס לידיאַ האָט דערנאָך געטראַכט וועגן מײַנע דעמאַלסטיקע ווערטער, נאָר מיר האָט באַלד אויפן אָרט יעדעס וואָרט אַ שטאָך געגעבן אין האַרץ ווי מיט אַ שאַרפער שפּיז. שפּעטער, ווען ס׳איז דערגאַנגען צו מיר אַ ידיעה וועגן אַן אַרעסטירטן געוועזענעם סטודענט מײַנעם, האָב איך דאָס אָפּגעפילט ווי מ׳וואָלט מיר אויסגעשניטן אַ לעבעדיק שטיק לײַב פון מײַן גוף. יעדעס מאָל איז דאָס אויך געווען אַ בײַער אָנזאָג, אַז מײַן ריי וועט אין גיכן קומען.

★

...מײַנע אומגליקלעכע שכנטעס בעטן אויף אַ שטאַרקערן פראָסט. הײַנט איז אונטער 39 גראַד צעלזיוס. וואָלט געווען 40 גראַד פראָסט, וואָלטן זיי נישט געגאַנגען צו דער אַרבעט. די הנחה, וואָס מ׳מאַכט בײַ איבער 40 גראַד, איז מסתמא דער עיקר פאַר די באַגלייטערס, כאָטש זיי טראָגן גראָבע פעלצן. אַ סברה אויך — פאַר די דרעסירטע הינט. אַ דרעסירטער הונט האָט אַ ווערט. אויף אַ הונט האָט מען רחמנות, ער קאָן פאַרפרוירן ווערן. אַן אַרעסטירטער מענטש, בפרט אַ פּאָליטישער „פאַרברעכער״, האָט קיין שום ווערט נישט. נישט שייך צו האָבן רחמנות אויף אים ווי אויף אַ הונט. אַלע טויערן פון רחמנות, פון גערעכטיקייט זענען דאָ פאַרמאַכט, פאַרהאַקט, נישט פאַרבליבן אָפן קיין שפּעלטעלע. ווען איך קוק אויף די פאַרפּײַניקטע פרויען, ווען זיי קערן זיך אום פון דער קאַטאָרגע־אַרבעט, ווילט זיך מיר שרײַען פון ווייטיק, פון פראָטעסט. זייערע פנימער זענען שוואַרץ, פאַרשרפעט פון פראָסט, די אויגן אויסגעלאָשן, טיף אײַנגעגראָבן אין קאָפּ, די גופים אײַנגעקאָרטשעט, ווי זיי וואָלטן יעדעס מאָל קלענער, אײַנגעשרומפּענער געוואָרן. הײַנט אינדערפרי האָט ווידער יעקאַטערינאַ וואַסילעוונאַ, די מאַטעמאַטיקערין, מיר געזאָגט: האָסט אַ גליק, וואָס דו מוזט נישט גיין צו דער אַרבעט, הלוואי וואָלט איך אַזוי קראַנק געווען. כ׳האָב איר אַרײַנגעשטעקט אַ רעפטל ברויט, פון דעם, וואָס ס׳האָט מיר נעכטן בשתיקה באַזאָרגט מײַן פרײַנד, דער דאָקטער.

— כ׳האָב נישט דאָס רעכט דאָס צו נעמען, דו ביסט אַ קראַנקער מענטש.

— נעם, נעם, שפּיל זיך נישט אין קיין רעכט, ס׳וועט דיר לײַכטער זײַן איבערצוטראָגן די קעלט.

זי האָט צוגענומען, נאָך עפּעס געגעדט צו מיר וואָס כ׳האָב נישט קלאָר באַנומען. געווײנלעך דרייען זיך אונדזערע שמועסן אַרום ברויט און טויט. אַ שטיקל ברויט פאַרמאָגט דאָ אין זיך מער אינהאַלט, מער פילאָזאָפיע, ווי אַלע ביכער מיט זייערע דאָקטרינעס, ווי אַלע שטאַרקע קעפּ. כ׳פלעג אַמאָל אַ סך לייענען, כ׳פלעג שלינגען ביכער. געווען אויך שטענדיק נאָענט צו דער רעאַליטעט. צי האָב איך דעמלט ווירקלעך באַגריפן וואָס עס באַדײַט אַ שטיקל ברויט? צי האָב איך מיר פאַרגעשטעלט, אַז אַ מענטש קאָן זיך געפינען אין אַ מצב פון אַ גייעגטער, געפלאָגטער חיה, וואָס פירט מלחמה צו דערהאַלטן דאָס חיות? בײַ ענגעלסן האָב איך ערגעץ־וווּ געלייענט, אַז דער קאָמוניזם וועט פירן די מענטשן פון חיהשן צושטאַנד צו אַ מענטשלעכן, הומאַניטאַרן. איצט זע איך, אַז ס׳קאָן אויך געשען דאָס פאַרקערטע. טיילמאָל, ווען איך כאַפּ מיך אויף אינדערפרי אויפן אימהדיקן קלאַנג פון גאָנג און דער שלאָף שטעקט נאָך אין אַלע אברים, פרעג איך מיך: ווו בין איך? וואָס איז געשען? בין איך נאָך

אין קאָשמאַרן חלום? צי האָט מיך אַ טײַוולאָנישער הוראַגאַן פאַרשלעפּט ערגעץ אין אַ כּף הקלע? דער האַרמידער, דער טומל פון די אײַלנדיקע פרויען־שקלאַפינס ברענגט מיך צו זיך, צו דער וואָר.

נעכטן אָוונט, פאַרן אײַנשלאָפן, האָב איך מיך אויסגעלערנט אַ נײַע לעקציע געאָגראַפיע. אויף דער אייבערשטער נאַרע, האָבן זיך געלייגט צוזאַמען דרײַ שכנטעס, צי זיי זאָלן דערוואַרעמען די לײַבער איינע בײַ דער אַנדערער, צי זיך אַראָפּצורעדן פון האַרץ. זיי זענען ווי איך פון די לעצטע אָנגעקומענע אַהער. זיי זענען שוין אָבער אויסגעוועזן אַ וועלט, די ווײַסע, קאַלטע, אומברחמנותדיקע וועלט. איינע האָט שוין אָנגעשפּאַרט אין וואָרקוטאַ, קאָלימאַ, אַ צווייטע האָט דערמאָנט סאָלאָווקי, סודאַל, די דריטע האָט דערציילט, אַז דער בײַקאַל איז ווי אַ ים.

— און די פּעטשאָרא האָסטו געזען? ניין? ווייסטו נישט וואָס דאָס איז אַזעלכעס אַ מוראדיק וואַסער, אַ צפונדיקע אָזערע.

— די פּעטשאָראַ איז מסתמא אַ טײַך, נישט קיין אָזערע.

— א טײַך, צי אַן אָזערע, זי וואַרפט אָן אַ מורא.

— הע, דאָרט, לאָזט שלאָפן! צום גלאָק בלײַבט נישט קיין סך צײַט.

איינע איז אַראָפּגעקראָכן, אַוועק צו איר אייגענער נאַרע; די צוויי פאַרבליבענע האָבן נאָך קורץ געמורמלט צווישן זיך. מײַן שאַרפער געהער האָט אויפגעכאַפּט אייניקע פּרטים. אַזוי זענען מיר צום ווירקלעכן קאַראַגאַנדאַ־כּף־הקלע צוגעקומען פאָרשטעלונגען פון אַנדערע קרײַזן פון דאַנטעס גיהנום. דאָרט, בײַ דאַנטען, אין אימאַגינירטן גיהנום — שוואַרץ־רויטער פײַער, דאָ אומעטום, אין די רעאַלע גיהנומס — אַ פראָסטיק־ברענענדיק, ווײַס פײַער. די ווײַסע, ווילדע, מיסטעריעזע וועלט ברענט מיט אַ פראָסטיק פײַער. וואָס שטאַרקער דער פראָסט, אַלץ ווײַסער, בלישטשענדיקער דער שניי. הײַנט אינדערפרי, גייענדיק אין קאַנטאָר, האָט די ווײַסקייט ווידער אַ זעץ געטאָן אין די אויגן, מיך בלינד געמאַכט. דאָס מאָל זיך נישט דערשראָקן ווי דאָס ערשטע מאָל אין אָנהייב ווינטער. דער דאָקטער האָט דעמאָלט אויפגעקלערט: צוליבן מאַנגל אין וויטאַמינען איז דער קאָנטאַקט פונעם אויג מיט דער שאַרפער לופט, מיט דער בלענדנדיקער ווײַסקייט, אַזאַ געוואַלטיקער אַז ס׳רופט אַרויס אַ צײַטווײַליקע בלינדקייט. די צײַטווײַליקע בלינדקייט האָט שוין צומאָל אַ נאָמען: העמעראַלאָפּיע. דעמאָלט איבער אַ שעה געווען כמעט בלינד. כ׳האָב קיינמאָל פריִער וועגן אַזאַ קראַנקייט נישט געהערט, כאָטש כ׳האָב אַמאָל געלייענט אָן אַ שיעור ביכער וועגן די פאַרשיקטע אין די צאַרישע צײַטן. וועגן די פאַרשיקטע דעקאַבריסטן אויף סיביר איז פאַראַן אַ צאָלרײַכע ליטעראַטור. געלייענט אויך אַמאָל זייערע אייגענע דערי־

נערונגען. זייערע גרויסע לײַדן זענען גיכער געווען מאָראַלישע. זיי זענען נישט צעפּרעסן געוואָרן פון הונגער, קעלט, נישט פאַרפּײַניקט געוואָרן פון שווערער אַרבעט. זיי האָבן אין דער פּיאָטראָ־פּאַוולאָווסקער פּעטערסבורגער פעסטונג, שפּעטער אויף פאַרשיקונג, געקאָנט לייענען, שטודירן, דורכפירן לעקציעס, מאַכן פאַרווײַלונגען. זייערע משפחות זענען צוליב זיי נישט געווען פאַרפאָלגט. מ'האָט צומאָל דערלויבט זייערע פרויען, כּלות צו קומען זיך באַזעצן דערלעבן, צו פאַרקערן מיט די פאַרמישפּטע. דאָך האָבן זייערע לײַדן אויפגערודערט רוסלאַנדס שענסטע גײַסטער. פּושקין, ניעקראַסאָוו, אַנדערע דיכטער האָבן באַשריבן, באַזונגען זייער מאַרטירערטום. נאָכן פאַרמאַכן אין שליסעלבורגער פעסטונג די פאַר־מישפּטע נאַראָדאָוואָלצעס פאַרן אַטענטאַט אויף דעם צאַר אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, זענען וועגן די פאַרמישפּטע אַנטשטאַנען לעגענדעס ווי וועגן גרויסע מאַרטירער. און יענע מאַרטירער האָבן געהאַט דאָס רעכט צו באַקומען ביכער, צו שטודירן, צו שרײַבן. ווען מ'האָט נאָך צוואַנציק יאָר באַפרײַט ווערא פיגנער, האָט די פרײַער־פאַרמישפּטע צום טויט בײַם אַרויסגיין פון דער פעסטונג מיט־גענומען מיט זיך אַ סך פאַרשריבענע העפטן. די פאַרמישפּטע נאַראָדאָוואָלצעס האָבן צומאָל בײַ דער פעסטונג באַקומען שטיקלעך ערד, זומער צו פלאַנצן בלומען. און רוסלאַנד האָט געקאָכט מיט זיי. לעוו טאָלסטאָי האָט לאַנג געמאַכט באַמיִונגען צו קאָנען זיי באַזוכן, כּדי צו באַשרײַבן זייער לעבן אין דער פאַרשאָלטענער פעסטונג. אַן אַלטע, וווילטעטיקע גרעפין האָט אויפגערודערט הימל און ערד און באַקומען אַ דערלויבעניש אָפּצושטאַטן אַ וויזיט ווערא פיגנער. אַרום אונדז איז אַ שטומקייט. רוסלאַנד האָט אײַנגענומען אַ שטומעניש. רוסלאַנד האָט פאַרלוירן דאָס לשון. רוסלאַנד איז טויב און שטום געוואָרן. אומגליקלעכע רוסלאַנד, מ'האָט דורך פּחד און געוואַלד דאָס לשון פון מויל דיר אָוועקגענומען, די אויערן פאַרשטאָפּט. ווען כ'האָב אַמאָל מיט מײַנע תּלמידים גערעדט וועגן די פאַרשפּאַרטע אין די תּפיסות, פאַרשיקטע אויף סיביר, פלעג איך שטענדיק אָנווײַזן אויף דער ירושה, וואָס ס'האָבן געלאָזט איוואַן דער גרויזאַמער, פּיאָטר דער גרויסער, אַנדערע גרויזאַמע הערשער. אָ, ווי ווײַט אַ ירושה קאָן גרײַכן! אפילו אין גאַנץ אַנדערע אומשטענדן. אַן אַלט שפּריכוואָרט זאָגט: וואָס מער עס ענדערט זיך, אַלץ מער ווערט עס ענלעך צום פריִערדיקן. הײַנט וואָלט גילטיק געווען אַזאַ שפּריכוואָרט: וואָס מער עס ענדערט זיך, אַלץ מער שטײַגט עס איבער דאָס פריִערדיקע.

...לויט דער נומעראַציע האָבן דאָ נאָכגעפאָלגט דרײַ בלעטלעך פאַרשריבענע געדיכט מיט נערוועזער שריפט. די בלעטלעך צעקנייטשטע, ווי זיי וואָלטן פּלוצלינג אויסבאַהאַלטן געוואָרן אין דער פּויסט אָדער ערגעץ אַנדערשוווּ אַרײַנגעשטופּט

געוואָרן. דאָס ביליקע פּאַפּיר — דאָ, דאָרט אײַנגעריסן, די שריפט פאַרבלאַסט, נישט לייענבאַר...

ס׳האָט מיר געדוכט אַ שאָרך בײַ דער טיר. אומזיסטע שרעק. ס׳בלײַבט מיר נאָך מסתמא אַ שעה צײַט קאַרגע טאָג־ליכט. דורך די קליינע פענצטער, דורך די פאַרשמירטע שויבן שפּאַרט זיך אַרײַן די העלקייט פון דער ווײַסער וועלט. די שויבן זענען באַמאָלן מיט פראַסטיקע געמעלן, וואַרפן אַ קאַרגן אָפּשײַן פון דער דרויסיקער, ווײַסער, שטעכיקער ליכטיקייט. אַרום מיר, אין באַראַק, קרײַזן, שוועבן אין רוים שאָטנס. איך זע זיי שטענדיק אין מײַן אַליינ־קייט. שאָטנס פון די, וואָס מ׳האָט אַוועקגעריסן פון מיר אין דעם פינצטערן יאָר 1937. ווו זענען איצט די לעבעדיקע ? און דו, מײַן קינד, ווו ביסטו ? וואָס טראַכסטו, פריידעלע, וועגן דײַן מאַמען, וואָס האָט אויסבאַהאַלטן פון דיר דעם אמת ? צי שטעלסטו דיר פאָר וואָס ס׳איז דעמאָלט מיט מיר פאָרגעקומען ? צי ווייסטו, אַז איך טייל דײַן גורל ? מײַן גרויסער באַגער, אַז מײַנע איצטיקע פאַרצייכענונגען זאָלן דערגיין צו דיר. דו ביסט יונג, טאַכטער, ביסט שטאַרקער, אויסהאַלטעוודיקער פון מיר. איך באַגער אַזוי שטאַרק זאָלסט איבערלעבן. אפשר, אפשר וועלן מײַנע איצטיקע ווערטער דערגיין צו דיר. וועסט פאַרשטיין אַ סך זאַכן, וואָס כ׳האָב מורא געהאַט דיר צו פאַרטרויען אין יענע יאָרן, אין יענעם פינצטערן זיבן און דרײַסיקסטן יאָר.

✶

נאָכן אומגליק מיט מײַנע קינדער, האָט מיך צוממײַנסטן אויפגעשווידערט די ידיעה, אַז בוכאַרין ווערט אַרײַנגעצויגן אין דער טײַוולאָנישער שפּיל. ווען ער איז אין פעברואַר 1937 אַרעסטירט געוואָרן, האָט אַלץ אין מיר געשריִען, פּראָטעסטירט. בוכאַרין דער ערלעכער, איידעלער מענטש, דער געטרײַער קאָמו־ניסט, אַ פאַררעטער ? מײַן גוטער פרײַנד בוכאַרין, וואָס איז אַזוי שאַרף אַרויס־געטראָטן קעגן אַנטיסעמיטיזם — אַ פאַרברעכער ? נײַן ! טויזנט מאָל ניין ! איך ווייס נישט צי ער האָט זיך אויך „מודה" געווען אין די „פאַרברעכנס". ווען ס׳איז צו מיר שפּעטער אין תפיסה דערגאַנגען די ידיעה וועגן אורטייל איבער אים איז שוין מער פאַר מיר קיין שום ספק נישט געווען וועגן דער באַדײַטונג פון די פריִערדיקע אַלע משפּטים.

דעם אמת געזאָגט איז פאַר בוכאַרינס אורטייל אַלץ קלאָר געווען פאַר מיר. אַזוי קלאָר, אַז ס׳האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ פינצטערניש אַרום מיר. אין דער פינצטערניש האָב איך געפּילט ווי עס שפּרייט זיך אויס אַ נעץ אין וועלכער כ׳וועל געפאַנגען ווערן. אַלע מיט וועלכע כ׳האָב געאַרבעט, פאַרקערט, זענען שטופּנווײַז פאַרשוווּנדן. כ׳האָב מורא געהאַט זיך צו טרעפן מיט עמעצן נישט

מיטצושלעפּן אין דער נעץ. כ׳האָב אונטער פּאַרשידענע פּרעטעקסטן אָפּגעזאָגט מײַנע ייִנגלעך, רחמיאלס זין, וואָס זענען געהאַט אַוועק פון מיר און ווײַטער מיך באַטראַכט פאַר זייער מאַמע, זיך צו באַגעגענען, אַרײַנצוקומען צו מיר. אין דער פּרעסע האָט זיך געטומלט מיט „שונאים פון פאָלק", וואָס זיצן אויף פּאָסטנס און שעדיקן אין געהיים. איך בין אויך געזעסן אויף אַ פּאָסטן. דעם גאַנצן טאָג בײַ דער אַרבעט געמאַכט איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען צו פאַר־יאָגן פון זיך די געשפּאַנטקייט, אויסצובאַהאַלטן די אַנגסט, זי זאָל נישט קענטיק זײַן אויף מײַן געזיכט, אין מײַן שטימע. אין אָוונט געריייניקט די שטוב, צעריסן מאַנוסקריפּטן, בריוו, פאָטאָגראַפיעס, פאַרצייכענונגען; קלענערע פּאַפּירלעך אַראָפּ־געלאָזט מיטן וואַסער אין קלאָזעט, גרעסערע פאַרברענט; אַרויסגעצויגן אומשול־דיקע ביכער פון מײַן ביבליאָטעק, צעריסן, אַרויסגעוואָרפן מיטן מיסט. דערנאָך זיך מישב געווען: ס׳טויג נישט אַרויסצוואַרפן, מ׳דאַרף פאַרברענען. כ׳האָב געברענט ביכער אין דער הרובע. וואָס אָבער טאָן מיטן אַש? אַרויסוואַרפן? ס׳קאָן באַמערקט ווערן. כ׳האָב אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן דאָס אַש מיטן וואַסער; ס׳האָט זיך נישט געלאָזט, אַש פון פּאַפּיר איז לײַכט, ס׳בלײַבט אויפן אויבערפלאַך פון וואַסער, די קאַבינעט־שיסל ווערט פאַרשוואַרצט, ס׳וועט לײַכט זײַן צו דער־קענען וואָס כ׳האָב אָפּגעטאָן, די הויז־פרוי וועט פרעגן פון וואַנען ס׳קומט.

יעדן אָוונט צוגעטראַכט נײַע מיטלען ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון דאָקומענטן, ביכער, מאַנוסקריפּטן. ס׳האָט זיך אַזוי פיל אָנגעזאַמלט. כ׳האָב שטענדיק געלאָזט אַ קאָפּיע פון אַלץ, וואָס כ׳האָב געשריבן. איצט קאָן יעדער דאָקומענט, יעדער מאַנוסקריפּט ווערן אַ פאַרדאַכט, ווערן אַ באַשולדיקונגס־אַקט. דערצו אַזוי פיל ייִדישע ביכער, ייִדישע קאָפּיעס פון מאַנוסקריפּטן, ייִדישע פאַרצייכענונגען. אַלץ וואָס אין ייִדיש קאָן באַשולדיקן. דאָס ייִדישע אות גופא ווערט אַ באַשולדיקונג. נישט מעגלעך אַלץ אומצוברענגען. און דאָס האַרץ ווערט צעריסן בײַם פאַרניכטן אַ מאַנוסקריפּט, אַ בוך. נאָך די רייניקונגען ביז שפּעט אָוונט וואַרט איך. אָט־אָט קומט מען נאָך מיר. איך שלאָף אײַן אַ דערשעפּטע, כאַפּ זיך אויף פאַרטאָג. ס׳איז די שעה ווען מ׳קלאַפּט אין טיר. טריט, אַ שאַרך אויף די שטיגן, אַ רויש פון אַן אויטאָ פאַרן הויז, הייבן מיך אונטער. אָט האָט זיך פאַרן הויז אָפּגעשטעלט אַן אויטאָ — מסתמא איז מען געקומען נאָך מיר. דאָס ריכטן זיך, דאָס וואַרטן אויף אַן אומגליק איז ערגער ווי דער אומגליק גופא. אומדערטרעגלעך איז דאָס וואַרטן! דאָס איזאָלירן זיך אויס שרעק נישט אַרײַנצוציִען עמעצן אין דער נעץ, וואָס מ׳שפּרייט אויס פאַר דיר, אָדער סתם צוליב אומצוטרוי פון איינעם צום אַנדערן. האָט מען דאָך צווישן די פאַרבליבענע געוואָיעט אָפּטמאָל ווי וועלף; אַן אַרעסטירטער איז געשטעמפּלט געוואָרן ווי אַ „שונא פון פאָלק".

דאָך האָבן איינצלנע פֿאַרבליבענע שטומערהייט, אין דער שטיל, אויסגעדריקט זייער עמפּערונג, באַגערט איבערצוברעכן די שרעק, זיך צו באַגעגענען, אויס־טוישן עטלעכע ווערטער, דערוויסן זיך עפּעס. אָט גיי איך פֿון דער אַרבעט און דערזע אַן אָנקומענדיקן מענטש. עמעצער קוקט אויף מיר פֿון דער ווײַטנס. דאָס האַרץ קלאַפּט שטאַרקער. דימאַנשטיין! מ׳האָט אים אויך דערוויַיל געלאָזט. דערפֿרייט זיך און דערשראָקן זיך. געווען זיכער, ער איז ווי אַנדערע פֿאַרשוווּנדן. אַ מענטש פֿון יענער וועלט. מיט אים, דימאַנשטיינען געווען אויך די לעצטע צײַטן נאָענט, פֿאַרטרווילעך. מיט אים קאָן מען רעדן אָפֿן. פֿון זײַנע רייד שטויס איך זיך אָן, אַז ס׳איז אויף מיר מער קענטיק די שרעק ווי די פֿרייד.

— וואָס אַזוי דערשראָקן?

— נישט געריכט זיך אײַך צו באַגעגענען.

— כ׳האָב געוווּסט איר גייט אין דער צײַט דורך דאַנען פֿון דער אַרבעט.

— נישט צופֿעליק? בכיוון אַהער געקומען?

— נישט צופֿעליק. געקומען זיך זען מיט אײַך; ס׳ווילט זיך שטאַרק זען מיט אַ נאָענטן, אייגענעם מענטש. קלינגען דאַרף מען נישט, אויך נישט גיין צו קיינעמען. עפּעס אַנדערש אַ צופֿעליקע באַגעגעניש. וואָס הערט זיך ביַי אײַך? איר זעט שלעכט אויס.

— איר ברענגט מיר עפּעס נײַעס?

— אַלע נײַעסן ווייסט איר מסתּמא אַזוי ווי איך. ס׳קאָכט זיך, האַ? מ׳אַרעס־טירט אויף רעכטס און לינקס.

ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן, גענומען מיך אונטערן אָרעם און פֿאַרקערעוועט צו די הינטערשטע גאַסן.

— דאָ קאָן מען רויִק שפּאַצירן. מיר דוכט, אַז פֿון אונדזער גאַנצער חבֿרותא זענען בלויז מירביידע פֿאַרבליבן. צי ווייסט איר פֿון נאָך עמעצן, וואָס איז פֿאַרבליבן?

— כ׳ווייס גאָרנישט. דער אַרעסט פֿון מײַנע קינדער האָט מיך געגנצלעך פֿון אַלץ, פֿון אַלעמען דערווײַטערט. צי ווייסט איר אין וואָס מען באַשולדיקט די אַרעסטירטע יִדישע טוער?

— כ׳ווייס נישט. קיינער ווייסט נישט, נאָר מ׳קאָן זיך משער זײַן.

— וואָס זענט איר זיך משער?

— מסתּמא „שולדיק" טאָפּלט. צו די אַלגעמיינע זינד קומען מסתּמא צו ספּעציעלע זינד, יִדישע.

ס׳האָט זיך אָפּגערופֿן ביַי מיר אַ פֿאַרשטעקטע, אײַטערדיקע וווּנד. כ׳האָב שטיל ווי פֿון ווייטיק אויסגערופֿן:

— אוי, די ייִדישע זינד! זיי נעמען מיר נאָך מער אָוועק דעם שלאָף פון די אויגן. יאָ, יאָ, דימאַנשטיין, מיר האָבן אַ סך געזינדיקט, אָבער קעגן אונדז גופא, קעגן אונדזער ייִדיש פאָלק. מישפּטן וואָלט מען אונדז געדאַרפט פאַר די זינד.

ער האָט אויסגעדרייט דאָס פּנים צו מיר, צווישן די ליפּן האָט אויפגעשפּראָצט אַ שמייכל.

— נו, אסתּר, איר זענט דאָך די לעצטע צײַטן אין דער שטיל געוואָרן אַ בעל־תּשובה, אַ בעל־תּשובה פאַרגיט מען אַלץ.

— צו שפּעט, דימאַנשטיין, צו שפּעט זיך אַרומגעזען. יאָ, יאָ, אויב מישפּטן, דאַרף מען מיך מישפּטן פאַר די זינד קעגן מײַן אייגן פאָלק.

— איר זענט דאָך אַ בת־תּורה, וויל איך אײַך דערמאָנען אַן אמרא פון אַ גמרא. איך געדענק נישט גענוי ווו ס'שטייט שוואַרץ אויף ווײַס, דוכט מיר אין ברכות לד, אפשר אין עמוד ב, ס'ווערט געזאָגט: „מקום שבעלי תשובה עומדין, צדיקים גמורים אינם עומדין". און אויב דער זכרון פאַרפירט מיך נישט איז אויף אַ צווייטן אָרט ערגעץ ווו געשריבן: במקום שבעלי תשובה עומדים צדיקים גמורים אינם יכולים לעמוד. ווי איר זעט איז אַ בעל־תּשובה מער ווי אַ צדיק.

מיר האָט זיך געדוכט, אַז ער האָט עס שטיל אויסרעציטירט אין אַ שפּאַסיקן טאָן. ס'האָט מיך אויפגעבראַכט:

— אײַך, דימאַנשטיין, גלוסט זיך נאָך צו שפּאַסן. מיר נישט.

— מיר גלוסט זיך אויך נישט צו שפּאַסן, נאָר איר עסט זיך אַליין צופּיל אָפּ די גאַל. כ'האָב עס בײַ אײַך פון לאַנג שוין געזען. איצט שלאָגט מען אונדז. דאַרף מען זיך אַליין נישט שלאָגן. אויך דעריבער געוואָלט אײַך זען.

— צו טרייסטן מיך?

— נישט שייך צו טרייסטן. מיר ווייסן ביידע ווי ס'זעט אויס, נאָר דער אוראַגאַן וועט דורכגיין, אַ שטורעם ווילדעוועט נישט שטענדיק. ס'מוז דורכגיין.

— אויב ס'וועט אפילו דורכגיין וועט שוין אויך פון דעם קאָרן, וואָס מיר האָבן פאַרזייט, קיין ייִדיש ברויט נישט זײַן.

— איר זענט, אסתּר, געוואָרן אַ פּעסימיסט.

— גיכער אַ רעאַליסט. פריִער געווען אַ פאַנטאַזיאָר, ווי מיר אַלע, אַ וויזיאָנער מיט אַ קרומער וויזיע, איצט אַ רעאַליסט. איר דען נישט? איך פרעג מיך, דימאַנשטיין, ווי אַזוי מיר, ייִדישע טוער, האָבן געקאָנט גיין אַזוי בלינדערהייט אין שפּאַן? פאַרוואָס נישט געזען...? פאַרוואָס נישט פאַרויסגעזען? פאַרוואָס?!...

— איר שטעלט פראַגן אויף וועלכע מ'קאָן נישט ענטפערן. פראַגן, וואָס

מ׳דאַרף נישט, מ׳טאָר נישט שטעלן. איך שטעל מיר אויך אַ סך פֿראַגן, אָבער נישט אַזעלכע. פֿאַרוואָס נישט פֿאַרויסגעזען? וועלכער גאַרמאַלער מענטש האָט געקאָנט אַזעלכעס פֿאָרויסזען? איר זענט אַ קלוגער מענטש און ס׳ווילט זיך אײַך דאָך זאָגן: ס׳איז לײַכט צו זײַן אַ חכם אחר המעשה.

— יאָ, אחר המעשה. ליידער אחר המעשה. צי דערמאָנט איר זיך אָבער נישט דעם אַלטן ייִדישן פּסוק: איזהו חכם הרואה את הנולד. נאָר דער פּאַרדינט אָנגערופֿן צו ווערן אַ קלוגער, וואָס זעט פֿאָרויס וואָס ס׳קאָן פֿון עפּעס אַרויסקומען.

— איך וואָלט אײַך געקאָנט ענטפֿערן אויך מיט אַן אַלטן, ייִדישן פּסוק, נאָר ס׳איז נישט די צײַט און נישט דאָס אָרט דערויף. כ׳בין געקומען זיך דער־וויסן וואָס ס׳הערט זיך בײַ אײַך. צי האָט איר זיך עפּעס דערוווּסט וועגן אײַערע קינדער?

— גאָרנישט. ווי אַ שטיין אין וואַסער. איך וואַרט אויף מײַן ריי. פֿרעג מיך פֿאַרוואָס זיי לאָזן מיך אַזוי לאַנג וואַרטן. אײגנטלעך האָבן מיר בײדע געדאַרפֿט זײַן די ערשטע. פֿאַרוואָס לאָזן זיי אונדז?

— וואָס אַרט עס אײַך? וואָס אײַלט איר זיך?

— דעם אמת געזאָגט איז מיר דאָס וואַרטן אומדערטרעגלעך. כ׳ווייס ס׳וועט מיר נישט אויסמײַדן. דאָס וואַרטן אויף דעם, וואָס דאַרף געשען... ס׳איז ערגער ווי דאָס ערגסטע געשעענע.

— טאָ נעמט אײַך אַרײַן אין זינען, אַז ס׳איז שוין געשען. מיר זענען בײדע אין דעם זעלבן פּעקל. איך זאָג מיר: כ׳בין ווי אַלע אַן אַרעסטירטער. אַזוי מײַדט מען אויס דעם אומרו, די פּײַן פֿון וואַרטן אויפֿן ערגסטן.

ער האָט מיך אַראָפּגעפֿירט אין האָל פֿון מעטראָ. איך האָב שוין געשוויגן, ער האָט ווײַטער גערעדט אין זעלבן טאָן, בלויז נאָך מער אַראָפּגענידערט די שטימע:

— אויב מיר וועלן זיך שוין מער נישט זען, געדענקט מײַן עצה: נישט אָפּעסן זיך די גאַל. אַליין שלאָגן זיך טאָר מען נישט. און נאָך אַן עצה: אײַנהאַלטן מאַקסימום רויִקייט.

— איר ווילט מיך נישט אָפּפֿירן אַהיים?

— בעסער נישט. דאָס מאָל וועל איך נישט זײַן קיין דזשענטלמען. אַן אַנדערש מאָל. זאָל מען האָפֿן זיך נאָך צו באַגעגענען.

ס׳איז געווען די לעצטע באַגעגעניש אונדזערע. בײַם געזעגענען האָט ער מיר שטאַרק געדריקט די האַנט. „אויף ווידערזען, אסתר”. ער האָט עס אַרויס־געזאָגט מיט אַ טרויעריקן שמייכל, ווי ער וואָלט אַליין נישט געגלייבט, אַז מיר

וועלן זיך נאָך זען. כ׳האָב ערשט דעמאָלט, קוקנדיק אויף אים, באַמערקט ווי ער האָט אָפּגעמאָגערט, ווי זײַן געזיכט איז פאַרעלטערט געוואָרן. כ׳האָב מיך דערנאָך דערמאָנט, אַז כ׳האָב אים גאָרנישט אויסגעפרעגט וועגן אים גופא, סתם נישט אויסגעפרעגט, נאָר אַראָפּגערעדט זיך פון האַרץ. ס׳האָט מיר פאַרדראָסן. דאָס געמיט איז פאָרט אַ ביסל לײַכטער געוואָרן. דאָך געזען אַ נאָענטן מענטש. ער איז ספּעציעל געקומען זיך זען מיט מיר. וואָס קאָן נאָך אַזוי דערוואַרעמען, דערמוטיקן ווי מענטשלעכע פרײַנדשאַפט?

כ׳האָב די לעצטע עטלעכע אָוונטן שוין נישט געריייניקט. דער דרוק אויפן האַרץ האָט נאָכגעלאָזט. כ׳האָב יענע נאַכט זיך געלייגט פרי. גוט זיך דורכגע־שלאָפן. ס׳איז אָנהייב דעצעמבער. עס דערנענטערט זיך דאָס יאָר 1938. מאָסקווע איז באַדעקט מיט אַ ווײַס־זילבערדיקן שניי. דער פרימאָרגן אַ זוניקער, אַ גע־מיטלעכער. דאָס געמיט ביי מיר האָט זיך אויך אויסגעלײַטערט. אַן אָפּגעפרישטע פון געשמאַקן שלאָף האָב איך מיך געאײַלט צו דער אַרבעט. דער שניי האָט מילד געסקריפּעט אונטער מײַנע טריט. כ׳האָב צוגענײַגט דאָס אויער צום שנייאיקן געזאַנג, דערמאָנט זיך ווי דער טאַטע, דער בעל־נגינה פלעגט זאָגן, אַז דער שניי זינגט אונטער אונדזערע פיס מיט אַן אייגענעם ניגון. כ׳בין צוגעקומען צום אינסטיטוט און געטראָפן פאַר דער טיר דעם הויז־וועכטער. ניקאָלאַי האָט אויסגעזען צעטראָגן, ווי ער וואָלט פאַרשעמט געווען, האָט פאַרגעסן אַראָפּצונעמען פאַר מיר דאָס היטל, ווי ער טוט עס געוויינלעך.

— מאַריאַ יאַקאָוולעוונאַ, ר׳קאָנט נישט אַרײַנגיין, כ׳טאָר נישט אַרײַנלאָזן. מ׳האָט... מ׳האָט מיר... אָנגעזאָגט...

פון זײַן שטאַמלעניש איז שווער געווען עפּעס צו פאַרשטיין.

— וואָס זאָגסטו?

— ר׳קאָנט נישט אַרײַנגיין...

— וואָס איז געשען?

— גאָר... נישט. גאָרנישט געשען. נאָר כ׳טאָר אײַך נישט אַרײַנלאָזן. זײַט מיר מוחל... כ׳טאָר נישט...

ס׳האָט זיך מיר אָרויסגעכאַפּט אַן זיך צו באַטראַכטן:

— ניקאָלאַי, פאַרגעסט, אַז איך בין דירעקטאָר.

— ר׳זענט שוין נישט...

כ׳האָב אָנגעהויבן צו באַגרײַפן.

— וועל איך אַרײַנגיין בלויז צוצונעמען מײַנע זאַכן, אַ נאָטיץ־ביכל, אַנדערע קלייניקייטן. אויך אַ זשאַקעטל. כ׳וועל צונויפנעמען און אַרויסגיין.

— ניין, ניין, מאַריאַ יאַקאָוולעוונאַ, אָן אוקאַז איך נישט אַריינצולאָזן. זייט מיר מוחל. אָן אוקאַז...

דער מילדער, גוטמוטיקער ניקאָלאַי פלעגט מיך שטענדיק ביים אַריינקומען און אַוועקגיין מיט הכנעה גריסן, בייגנדיק זיך ביז דער העלפט. דאָס מאָל האָט ער פאַרבויגן די גאַנצע עטיקעט, געווען צעשראָקן, כמעט פאַרצווייפלט אויס מורא איך זאָל נישט פּרוון זיך אַריינרייסן אין אינסטיטוט טראָץ דעם אוקאַז. כ׳האָב מיך אַ רגע געוואַקלט: זאָל איך אים יאָ אָדער נישט בעטן ער זאָל מיר אַרויסברענגען מיינע זאַכן פון קאַנטאָר? אין מיין נאָטיץ־ביכל איז אפשר פאַראַן עפּעס אומפאַרזיכטיקס פאַרצייכנט? כ׳האָב זיך אָבער מאָמענטאַל באַרעכנט: ס׳וועט זיין אַ ברכה לבטלה. ניקאָלאַי וועט זיך פון אָרט נישט רירן. די מורא איז שטאַרקער פון דעם פריערדיקן דרך־ארץ. פונעם גוטן ווילן.

כ׳בין אַוועק אַ דערשלאָגענע, אַ דערנידעריקטע, ווי מ׳וואָלט מיך אָפּגעשמיסן. כ׳האָב פון שטענדיק אָן צום ערגסטן איבערגעטראָגן אַ דערנידערונג. האָט מען דען נישט בכיוון צוגעטראַכט אַזאַ פּראָצעדור צו דערווייטערן מיך פון אינס־טיטוט? צי דען נישט כדי צו מאַכן מיך צו שאַנד און צו שפּאָט? צי דען נישט אַ שפּיי מיר צו געבן אין פּנים? כ׳האָב צוגעאיילט די טריט ווי מ׳וואָלט מיך געיאָגט. ווי קומט עס אָבער וואָס מ׳האָט מיך באַלד נישט אַרעסטירט? מסתמא וואַרט מען דאָ ערגעץ אויף מיר. אפשר ביי מיין הויז.

מ׳האָט אין ערגעץ נישט געוואַרט אויף מיר. כ׳בין אַריין אין שטוב און זיך געוואָרפן אויפן בעט. ס׳האָט געזעצט אין די שלייפן. פון וואָס מער, פון שרעק צי פון דערנידערונג? כ׳האָב צום ערשטן מאָל דערפילט אַ רויש אין קאָפּ. „נעם זיך אין די הענט, נעם זיך אין די הענט", האָב איך מיר באַפוילן. „מ׳דאַרף זיך האַלטן, האַלטן און אויסהאַלטן", האָב איך אַריינגעטענהט אין זיך. ס׳האָט זיך גלייך אָפּגערופן די צוקערקראַנקייט. ס׳איז מיך באַפאַלן אַ דורשט. כ׳האָב זיך אויפגעהויבן, צוגעגרייט טיי, אויסגעטרונקען עטלעכע גלעזער און צוריק זיך געלייגט. צי בין איך איינגעשלאָפן? מסתמא נישט, נאָר איך בין געלעגן ווי אין היגערפלעט. אַ שטאַרק קלינגען האָט מיך אַרויסגעריסן פון דער לעטאַרגיע. „זיי זענען געקומען נאָך מיר! איצט זענען זיי דאָ"! כ׳האָב פאַפּראַוועט דאָס קלייד, די האָר און מיט אַ געמאַכטן גלייכגילט צוגעגאַנגען צום טיר:

— ווער איז?

— וואַרוואַראַ, איך, וואַרוואַראַ!

די הויז־פרוי איז אַריין אין שטוב מיט אַ פּעקל און אַ צעגאָסענעם שמייכל אויפן פּנים:

— כ׳האָב אייך פון דער וויטנס געזען קומען. געגאַנגען נאָך עפּעס איינקויפן.

כ׳בין גאַנץ פרי געווען אויפן קאַלכאַזנעם מאַרק, איינגעקויפט פּאָר אייַך אויך. זעט, מאַריאַ יאַקאָוולעוונאַ, קעלבערנס. נישט צו טײַער. אַ מציאה. גרינוואַרג אויך. ווען כ׳האָב אײַך געזען פון דער ווײַטנס, האָב איך געטראַכט, אַז מ׳דאַרף אַרײַנגיין צוגרייטן. איר וועט האָבן וואָס צו עסן, אַז איר זענט אין שטוב.

— ניין, נישט איצט, מאָרגן, כ׳דאַרף אַוועקגיין.

אפשר האָב איך געדאַרפט די מציאה איר מיטגעבן? געדאַרפט אפשר זאָגן, אַז איך פאָר אַוועק אויף אַ שטיקל צײַט? מאָרגן פאַרטאָג וועט מען זיכער קומען נאָך מיר. מ׳דאַרף זען וואָס ס׳איז נייטיק מיטצונעמען. נאָר נישט פאַרלירן דעם קאָפּ. מ׳דאַרף נאָך אַלץ דורכקוקן. כ׳האָב צונויפגענומען אַ ביסל וועש, נאָז־טיכלעך, אַ וואַרעם זאַפּאַס־זשאַקעטל, טואַלעט־קעגנשטאַנדן, אַנדערע קלייניקייטן, געמאַכט אַ קליינעם באַגאַזש, אַרײַנגערוקט אין אַ ווינקל. כ׳האָב אויפסנײַ אָנגעהויבן קאָנטראָלירן די שופלאָדן, צערייסן פאַרשריבענע בלעטלעך, זיך ווידער גענומען צו דער ביבליאָטעק. דאָס מאָל האָב איך באַטראַכט די ביכער ווי כ׳וואָלט זיך געזעגנט מיט זיי. ביכער זענען שטענדיק געווען בײַ מיר ווי לעבעדיקע מענטשן. ווען כ׳האָב די לעצטע צײַטן פאַרניכטעט ביכער, האָב איך מיך געפילט ווי כ׳וואָלט באַגאַנגען אַ מאָרד. כ׳בין נישט אימשטאַנד געווען ווײַטער צו קאָנטראָלירן אָדער פאַרניכטן, כאָטש כ׳האָב געוווסט, אַז מ׳קאָן זיך טשעפּען צו דעם, צו יענעם בוך. ס׳איז מיר אַרײַנגעפאַלן אין אויג דאַנטעס „געטלעכע קאָמע־דיע", אין דײַטשישער איבערזעצונג. כ׳האָב זיך גענומען לייענען אַ בוך, וואָס כ׳האָב שוין געלייענט עטלעכע מאָל. אין פריִען אָוונט האָב איך אַראָפּגעשלונגען צוויי פּאָרציעס שלאָף־געטראַנק. מ׳דאַרף שלאָפן, שלאָפן. ווען זיי וועלן קומען וועלן זיי קלינגען, קלאַפּן אין טיר.

מ׳האָט נישט געקלונגען, נישט געקלאַפּט. מ׳איז נישט געקומען. מ׳איז אויך נישט געקומען די ווייטערדיקע פאַרטאָגן. אומזיסט געוואַרט יעדן טאָג. אוי, דאָס וואַרטן, דאָס וואַרטן! דאָס ריכטן זיך אויף אַ קלאַפּ איז זיכער אַ סך ווייטיקלע־כער ווי דער קלאַפּ גופא. דימאַנשטיינס עצה האָט נישט געהאָלפן. ס׳זענען אַוועק צוויי וואָכן. אַלע מײַנע פריִערדיקע מיטאַרבעטער, פיל פון מײַנע געוועזענע סטודענטן זענען פאַרשווונדן. איך אַלײַן בין פאַרבליבן. איך פיל מיך ווי בעת אַן ערד־ציטערניש. אַלע אײַנגעשלונגען פונעם קאַטאַקליזם. אַלץ ווערט צעשטערט. איך איינע געפין מיך צווישן חורבות. אָט־אָט גיט זיך ווידער די ערד אַ טרייסל און שלינגט מיך אויך אײַן. ווי קומט עס אָבער וואָס ס׳האָט מיך ביז איצט נישט אײַנגעשלונגען? וואָס באַדײַט דאָס לאָזן מיך? צי האָב איך ערגעץ אַ מליץ יושר? ס׳לייגט זיך נישט אויפן שכל. צי גרייט מען גיכער נישט צו אַ שטאַרקן קלאַפּ פאַר מיר? כ׳וועל מיך נישט אונטערגעבן; כ׳וועל מיך ווערן מיט אַלע

כּוחות קעגן אויסגעטראַכטע באַשולדיקונגען. ווי לאַנג ס׳וועט זיין אַ פּלעמל לעבן אין מיר, וועל איך מיך ווערן. איך זאָג מיר צו, איך שווער זיך צו, איך וועל מיך נישט מודה זייַן צו נישט קיין באַגאַנגענע פאַרברעכנס. אפשר דאַרף מען שוין אָנהייבן? פאַרוואָס וואַרטן ביז כ׳וועל צו קיינעמען נישט קאָנען אָנקומען?

כ׳האָב זיך אָנגענומען מיט כּוח און אַוועק צו מייַן אַמאָליקן פרייַנד יאַראָס־לאַווסקי. אַזאַ פראַגע ווי׳ פאַרוואָס מ׳האָט מיך באַזייַטיקט פון אינסטיטוט קאָן מען לכל הפּחות יאָ שטעלן. דאָס איבעריקע וועל איך זען אויפן אָרט. ס׳איז נישט געווען וואָס צו זען. כ׳האָב בלויז געפילט דעם שטאַרקן פּאַטש אין פּנים. נאָך צוויי שעה וואַרטן האָט זייַן סעקרעטאַרין קורץ און שאַרף מיר מודיע געווען: „איר האָט נישט אויף וואָס צו וואַרטן". נאָך צוויי שעה. ער איז אויך נישט פרייַ, דאַרף אָנפרעגן. קיינער איז נישט פרייַ אין דעגישן קעניגרייַך. אין צאַרישן רוס־לאַנד פלעגט מען זאָגן, אַז יעדער מענטש איז אָפּהענגיק פון אַ טשינאָווניק און יעדער טשינאָווניק איז אָפּהענגיק פון אַ טשינאָווניק פון אַ העכערן שטאַפּל.

ס׳איז צווייטע העלפט דעצעמבער. די קורצע ווינטערדיקע טעג ציִען זיך אויס לאַנג; די אָוונטן זענען אומגעהייער לענגער. כ׳בין אַליין, איזאָלירט, פאַר־איינזאַמט. איך פיל מיך צווישן מייַנע פיר ווענט ווי אויף אַן אינדזעלע, וואָס ליגט אויף אַ צעשטורעמטן ים. פון די צייַטונגען דערוויס איך מיך, אַז אויף דער וועלט רעדט מען אַ סך וועגן מלחמה. ביי אונדז אין לאַנד פירט מען אַן אויסראָטונגס־מלחמה קעגן אַלטע קאָמוניסטן, קעגן ערלעכע מענטשן. די דייַט־שישע פאַשיסטן דראָען, ווערן אַלע מאָל חוצפּהדיקער, גרייטן זיך אָנצופאַלן אויף די שכנישע לענדער. ביי אונדז אין לאַנד גרייט מען דעם פּראָצעס פון בוכאַרינען, וואָס זיצט שוין כּמעט אַ יאָר אין תּפיסה, קעגן אַנדערע ערלעכע מענטשן. היטלער באַוואָפנט זיך איבער די ציין, שטעלט אויף אַ קריגס־אַרמיי. ביי אונדז צעשטערט מען די אַרמיי, ס׳ווערן אַרעסטירט, אומגעבראַכט טויזנטער אָפיצירן, גענעראַלן ווי טוכאַטשעווסקי, יאַקיר, מאַרשאַלן ווי בליכער, יעגאָראָוו וואָס האָט צעקלאַפּט דע־ניקינס באַנדעס. אין דער פּרעסע גייט ווייַטער אַן דער טומל אַרום די „שונאים פון פאָלק". יעדער קאָן יעדן טאָג, יעדע שעה אַרונטערפאַלן אונטער דער דאָזיקער קאַטעגאָריע. איך בין שוין פון לאַנג אין דער קאַטעגאָריע. איך וואַרט בלויז מ׳זאָל קומען נאָך מיר. כ׳האָב זיך דערוואַרט.

# IV

אַ פּראַסטיקע סוף־יאַנואַר־נאַכט. אין פריִען אָוונט האָב איך זיך ווידער אַמאָל גענומען צו מײַן ביבליאָטעק. כ׳האָב געפונען פאַרשטעקט הינטער די ביכער אַ קליין תנ״כל, וואָס מײַן זיידע האָט מיר געהאַט געשענקט אַ מתנה צו מײַנע צען יאָר. וואָלט איך עס פריִער געפונען, וואָלט געוואָרן דערפון אַש. איצט האָט דאָס האַרץ נישט געלאָזט. כ׳האָב עס צוריק פאַרשטעקט הינטער די געדיכט־איינגעשטעלטע ביכער, ווײַטער געזוכט און געפונען „די פערציק טעג פון מוסאַ דאַג״ פון פראַנץ ווערפעל. כ׳האָב עס שוין געהאַט דורכגעלייענט. אַ פּאַסיקע ליטעראַטור. איך מיש אויפסנײַ די בלעטלעך, ווער מיד און זוך ווײַטער. און אָט אַן אַנטדעקונג! אַ באַנד פון פּרצן. עסייען. צווישן זיי דער עסיי „האָפענונג און שרעק״. כ׳האָב עס אַמאָל אַ סך מאָל געלייענט, ציטירט פון אויסנווייניק. פּרצן געהאַט דאָס שטאַרק פאַר אומגוט גענומען, געהאַט צו אים אַ סך טענות. אין יענעם איינזאַמען אָוונט אויפסנײַ גענומען זיך צום לייענען, איין מאָל און אַ צווייט מאָל, געשלונגען די ווערטער, אײַנגעחזרט זיי: „מײַן האַרץ איז מיט אײַך, מײַן אויג וועט נישט זאַט ווערן פון אײַער פלאַמענדיקער פּאָן. מײַן אויער ווערט נישט מיד הערנדיק אײַער מעכטיק געזאַנג. מײַן האַרץ איז מיט אײַך. זאָט דאַרף זײַן דער מענטש און ליכטיק דאַרף אים זײַן. און פרײַ מוז ער זײַן, און האָבן איבער זיך צו שאַפן. איבער זיך און זײַן אַרבעט״.

„און אַז איר בײַסט די פויסט, וואָס וויל אײַך אײַער פרײַ וואָרט, אײַער ברענענדיקן פּראָטעסט צוריק אַרײַנזועצן אין דער קעל מען זאָל עס נישט הערן, פרייט מיך. בעט איך גאָט ער זאָל אײַך שאַרפן די ציין. און ווען איר מאַרשירט אויפן אַלטן סדום און ווילט עס אײַנרײַסן, גייט מײַן נשמה מיט אײַך. און די זיכערקייט, אַז איר מוזט זיגן, מאַכט מיך פול און וואַרעמט און באַרוישט מיך ווי אַלטער ווײַן״.

„און דאָך האָב איך פחד פאַר אײַך. איך שרעק מיך פאַר באַצווונגענע, וואָס זיגן. עס קאָנען פון זיי באַצווינגער ווערן. און יעדער באַצווינגער זינדיקט קעגן מענטשלעכן גײַסט. איך פאָרכט מיך פאַר אײַך. אַלס זיגער קאָנט איר ביוראָקראַטן

װערן, אױסצײלן יעדן זײַן ביסן װי פּאַר אָרעמע לײַט אין הקדש, אָפּמעסטן זײַן אַרבעט װי לעקציעס אױף דער קאַטאַרגע. און איר װעט פאַרטיליקן דעם באַשאַפער פון נײַע װעלטן, דעם פרײַעם מענטשלעכן װילן און פאַרשיטן דעם רײנסטן קװאַל פון מענטשלעכן גליק..."

„און איר װעט זײַן פאַרנומען מיט רעגלעמענטירן, מיט שרײַבן, פאַר־צײכענען און שאַצן... מיט פאַרשרײַבן װי אָפט עס מעג שלאָגן דער מענטש־לעכער פּולס, װי װײַט עס מעג זען אַ מענטשלעך אױג און װאָס פאַראַ חלומות עס מעג האָבן אַ מענטשלעך האַרץ..."

װײַטער געדענק איך נישט. איך געדענק אָבער גוט װי כ'האָב יענעם אָװנט פאַר זיך אַלײן שטיל רעציטירט פון אױסנװײניק פּרצעס גביאישע װערטער. און אומפאַרשטענדלעך: פּרצעס װערטער זענען דעמאָלט געװען װי אַ באַלזאַם צו מײַן צעװײטיקט האַרץ. כ'האָב צוריק פאַרשטעקט דעם באַנד עסײען הינטער די רוסישע ביכער, געלײגט זיך אין בעט און אײַנגעשלאָפן אָן אַ שלאָף־געטראַנק.

כ'האָב זיך אױפגעכאַפּט װען דאָס גלעקל האָט געקלונגען אָן אױפהער, מיט אַ לאַנגן, אײנטאָניקן קלאַנג. אַ סברה, כ'האָב נישט באַלד דערהערט. „דאָס מאָל זענען זײ געקומען". כ'האָב געכאַפּט אַ קוק אױפן זײגערל: 10 מינוט נאָך פיר אַ זײגער פאַרטאָג. ס'איז די ריכטיקע שעה. כ'האָב זיך נישט געאײַלט צו עפענען. כ'האָב זיך אָנגעטאָן, כ'װעל נישט באַװײַזן זיך פאַר זײ אין דעם שטוב־כאַלאַט. זײ זענען אַרײַן דרײַ. יונגע, צװאָקסענע, פעסטע. דרײַ ריזן נאָך אָן אַלטער, קראַנקער פרױ.

— פאַרװאָס האָט איר גלײַך נישט געעפנט?!

— איך שלאָף מיט אַ האַרטן שלאָף. און... כ'האָב זיך נישט געריכט אױף אײַך.

— איר האָט זיך געדאַרפט ריכטן!

— האָט איר געדאַרפט צװױסן געבן, װאָלט איך געװאַרט אױף אײַך.

— אײַלט אײַך, מיר האָבן נישט קײן צײַט צו פאַרלירן.

כ'האָב זיך נישט געדאַרפט קײן סך אײַלן, מײַן באַגאַזשל איז געװען צוגע־גרײט. צו מײַן פאַרװוּנדערונג האָט מען נישט געמאַכט קײן „אָביסק". מסתמא איז שױן אין מײַן „דיעלאָ" אַלץ, װאָס כ'האָב געשריבן, פאַרצײכנט. און װער קאָן דאָס װיסן װען ס'איז זײ יאָ און װען נישט נײטיק אָן „אָביסק"? זײ האָבן זיך קײן סך צײַט נישט געזאַמט מיט מיר אין שטוב. בײַם אַראָפּגײן מיך באַװאַכט פון בײדע זײַטן, אַפּנים כ'זאָל נישט אַנטלױפן. דורכן פענצטערל פונעם אױטאָ האָב איך געזען די אײַנגעשלאָפענע שטאָט, אײַנגעטונקען אין פראָסט און שנײ.

לויטן וועג האָב איך פאַרשטאַנען ווו מ׳פירט מיך. ס׳האָט נישט לאַנג גענומען און כ׳בין געווען אין לוביאַנקאַ.

✶

...— איר זענט ביַי אונדז אַ באַרינע, אַ גאַנצע פריצה, מ׳צאַצקעט זיך מיט איַיך. דער דאָקטער שטאָט איַיך אָפּ אַ וויזיט אין באַראַק, שיקט מיך מיט אַ רפואה צו איַיך. ווען איך וואָלט געדאַרפט גיין צו אַלע קראַנקע אין די באַראַקן וואָלט איך שיין אויסגעזען.

אַזוי האָט נעכטן צו מיר געטענהט די מעדשוועסטער, ווען זי האָט מיר געבראַכט אַ רפואה נאָך דעם ווי דער דאָקטער איז געווען ביַי מיר אין באַראַק. דריַי טעג בין איך געבליבן אומבאַוועגלעך. די פיס האָבן דאָס מאָל געגצלעך אָפּגעזאָגט אויסצופירן זייער פונקציע. כ׳האָב זיך מיט פיר טעג צוריק אַוועקגע־שלעפּט אין שפּיטאָל. קיין ליידיק בעטל איז נישט געווען און דער דאָקטער איז אויך נישט געווען; מ׳האָט אים אויף עטלעכע טעג געשיקט אין צווייטן לאַגער, אַ 5 ווערסט פון דאַנען; נעכטן אינדערפרי האָט ער מיך באַזוכט, געבראַכט אויך ניַיעסן.

— מאַריאַ יאַקאָוולעוונאַ, דאָ איז נאָך גאָלד אַנטקעגן דעם וואָס עס טוט זיך דאָרט, אין מענער־לאַגער. אויפן געפלאַכטענעם, דראָטענעם טויער פון לאַגער אַ פעטע אויפשריפט: „אַרבעטן איז אַ כבוד, אַ ווירדיקע פליכט און מענטשלעכע העלדישקייט". צי ווייסט איר וואָס פאַר אַן אַרבעט? אין די היגע קוילן־גרובן, 12, צייטנוויַיז 16 שעה אין מעת־לעת; אין טייל ערטער אין די גרובן שטייט מען ביז די קני אין וואַסער. נאָך אַ 6 וואָכן, טיילמאָל נאָך אַ חודש, איז דער מענטש אַן אויסגעענדיקטער, אַ צעבראַכענע כלי. די לאַגערניקעס זענען לעבעדיקע מתים. זומער, איידער איר זענט אָנגעקומען אַהער, איז דאָרט אויס־געבראָכן טיפוס. ס׳איז נישט געווען גענוג וואַסער. אויף אומגעפער פינף הונדערט מענטשן אַ צען וואַשבעקנס. איצט איז דאָרט אויסגעבראָכן דיזענטעריע. פון דער ברוקעוו־זופּ. נישט־גוט־צעקאָכטער אָדער רויער ברוקעוו רופט אַרויס דיזענטעריע, איז מסוגל אַרויסצורופן בויך־טיפוס. דער יונגער דאָקטער האָט זיך קוים געקאָנט אַן עצה געבן. מ׳האָט אים געהאַט אַרעסטירט ווען ער האָט נאָר וואָס פאַרענדיקט מעדיצין. פאַר זיַינע ייִנגלשע סימפּאַטיעס צום טראָצקיזם, ווען ער איז ווי אַ שילער געווען אין קאָמסאָמאָל. מ׳האָט זיך נאָך אַזוי פיל יאָרן אויך דערמאָנט אין זיַינע אַמאָליקע סימפּאַטיעס צו דער זינאָוויעוו־קאַמעניעוו „באַנדע". דערציילט מיר דער בחור אַזאַ מעשה: ס׳ליגט אין שפּיטאָל אַ זעק, אַ פּשוטער, יונגער

אַרבעטער, וואָס האָט געטירחעט אין אַ פּאַפּיר־פאַבריק, אַ פאַרמישפּעטער פאַר טראָצקיזם. שטעלט ער, אויף פיר אויגן, דעם יונגן דאָקטער אַזאַ שאלה:

— דאָקטער, איר זענט אַן אינטעליגענטער מענטש, קלערט מיר אויף וואָס דאָס איז אַזוינס דער טראָצקיזם? קום איך אָפּ דערפאַר, וויל איך כאָטש וויסן וואָס דאָס איז אַזוינס.

— נו, איר האָט אים אויפגעקלערט? — האָב איך געפרעגט מײַן פאַך־קאָלעגע.

— כ׳האָב אים געזאָגט, אַז איך ווייס אויך נישט וואָס דאָס איז אַזוינס. ס׳גייט אים אָבער אין לעבן צו וויסן, ווי דאָס וואָלט געקאָנט פאַרלײַכטערן זײַן שטראָף. אפשר ווילט איר אים אויפקלערן?

— איך ווייס אויך נישט — האָב איך אים געענטפערט.

מיר האָבן זיך ביידע צעלאַכט.

— טאַטע, דו לאַכסט? אַז ווײ איז צו אונדזער געלעכטער!

— דער יונגער דאָקטער האָט עס אַרויסגעזאָגט מיט אַ שטאַרקן רוסישן אַקצענט, אָבער מיט אַ ייִדישן טעם. אַזוי האָב איך מיך דערוווּסט, אַז ער איז פון אחינו בני ישראל. צווישן זײַנע קראַנקע אין שפּיטאָל האָט ער אַ 70־יאָריקן פּאַציענט, אַ היסטאָריקער. אויך ער מוז גיין אין די קוילן־גרובן. ער פּאָכעט שוין מיט דער נשמה. מענטשן פאַלן ווי פליגן אין האַרבסט. נאָך יעדע דריי־פיר חדשים ברענגט מען צו פירן אַ נײַע פּאַרטיע צו פאַרטרעטן די אויסגעשטאַרבענע. פאַרלאָזנדיק דעם לאַגער, האָב איך ווידער געכאַפּט אַ קוק אויפן אויפשריפט, אויבן בײַם אַרײַנגאַנג: „אַרבעט איז אַ כבוד״... איר האָט זיכער אַמאָל געלייענט דאַנטען. מיר דוכט, דאָרט איז פאַראַן בײַם אַרײַנגאַנג אַן אויפשריפט, וואָס וואָלט זיך דאָ געפּאַסט.

— געהאַט געלייענט עטלעכע מאָל. אויב מײַן זכרון פאַרפירט מיך נישט, האָט דאַנטע בײַם אַרײַנגאַנג אין זײַן אימאַגינירטן גיהנום אויסגעקריצט: „איר אַלע, וואָס טרעט אַהער אַרײַן, פאַרלאָזט יעטוועדע האָפענונג״.

— אָט־אָט, דאָס וואָלט זיך גוט געפּאַסט אויפן אָרט פון יענער אויפשריפט. מאַריאַ יאַקאָווּלעוונאַ, איר האָט אַ סך מער דערפאַרונג פון מיר, זאָגט מיר, וואָס קומט דאָ פאָר?

ער האָט זיך געאײַלט צו זײַנע קראַנקע. וואָלט די אַנדראָנאָווּאַ זיך דערוווּסט וועגן זײַן לאַנגן זאַמען זיך בײַ מיר, וואָלט ער אַרײַנגעכאַפּט אַ פּאַרציע, כאָטש זי האָט אָפּשיי פאַרן דאָקטער, פאַרט אַ מענטש פון אַ העכערער ראַנגע. פאַרן אוועקגיין האָט ער אַרויסגענומען פון כאַלאַט־קעשענע אַ היפּש פּעקעלע „דעליקאַטעסן״, אַרײַנגעשטעקט מיר, אָנגעזאָגט נישט צו ליגן; כ׳מוז זיך אָנשטרענגען צו שפּאַנען איבערן באַראַק, דאָס בלוט אין די פיס־אָדערן זאָל קאָנען פליסן.

הײַנט אינדערפֿרי בין איך צומאָל געגאַנגען אין קאָנטאָר. וואָסילי האָט מיר געמאַכט אַ גוטן „מי־שברך", אָוועקגעלייגט פֿאַר מיר אַ חשבון־בוך, אַ פּעקל בייגעלעך פּאַפּיר און שעלמיש אַ ווונק געטאָן צו מיר. צי ווייסט ער וועגן מײַנע גנבֿות און גיט מיר דאָס אָנצוהערן? אָדער סתּם איז ער אַ שמעלקע מיט מיר? ווי ס'זאָל נישט זײַן האָב איך נאָך דאָ אַ שטיקל הצלחה. אַפֿילו די שיסל־לעקערקע (מ'רופֿט זי אַזוי, ווײַל זי לעקט אויס מיט דער צונג דאָס שיסעלע פֿון דער זופּ), וואָס טשעפּעט זיך צו אַלע, האָט אויך נישט קיין טענות צו מיר. זי דערמאָנט מיר בלויז, ווען איך לאָז איר נישט שלאָפֿן.

— איר האָט הײַנט בײַנאַכט ווידער גערעדט פֿון שלאָף, געשריגן אויך. איך וועק מיך גלײַך איבער, אַזאַ צרהדיקער שלאָף בײַ מיר. נאָר איר זענט דאָך נישט שולדיק וואָס איר שרײַט פֿון שלאָף. מסתּמא האָט מען אײַך אָנגעטאָן אַ סך צרות.

כ'בין טאַקע די נאַכט געווען אין לוביאַנקאַ. אויף אַ פֿאַרהער. דער שרעק־נאָמען איז פֿאַרבונדן מיט דער תּפֿיסה, אָבער לוביאַנקאַ איז מער ווי אַ תּפֿיסה. ס'איז דאָס זיץ־אָרט פֿון אַלמעכטיקן שטאַב פֿונעם אינערן־מיניסטעריום, פֿון דער נ.ק.וו.ד. די תּפֿיסה פֿאַרנעמט בלויז איין געביידע פֿון דעם גרויסן קאָמבינאַט געביידעס. אַ תּפֿיסה מסתּמא פֿאַר פּאָליטישע „מיוחסים", „אויסדערוויילטע". אַ פּשוטער בשׂר ודם האָט מסתּמא נישט די זכיה דאָרט אָנצוקומען. פֿאַראַן אין מאָסקווע גענוג אַנדערע, גרויסע תּפֿיסות. דאָ האָבן די הויכע לײַט פֿון דער נ.ק.וו.ד. דירעקט די „אויפֿזיכט" איבערן „פֿאַרברעכער".

*

אַ ווינטערדיקער פֿאַרטאָג. אין דרויסן נאָך נאַכט. פֿינצטער. ס'האָט זיך געעפֿנט איין טויער, אַ צווייטער. מײַנע באַגלייטער האָבן מיך אַרײַנגעפֿירט אין אַ גערוימען צימער. אפֿשר אַ צענדליק אײַנגעקאָרטשעטע, צעשראָקענע געשטאַלטן אויף די בענק, וואָס בײַ די ווענט. אַ גוטער האַלבער טוץ באַוואָפֿנטע וועכטער. די מענטשן אויף די בענק זענען, זעט אויס, די ערשטע געבראַכטע פֿון דעם בײַנאַכטיקן שניט. נישט ווײַט פֿון מיר אַ מאַן אין מײַנע יאָרן, אפֿשר עלטער פֿון מיר. אויף זײַן געזיכט איז אויסגעגאָסן אי פֿאַרווונדערונג, אי עפּעס אַזאַ רוחניותדיקייט. מסתּמא אַן אינטעלעקטועלער. איך פֿיל זײַנע בליקן אויף מיר. צי קען ער מיך? ס'זעט מיר אויס ווי ער וואָלט געוואָלט פֿאַרפֿירן מיט מיר אַ שמועס. כ'בין זיך נישט טועה. איך דערהער באַלד:

— אַנטשולדיקט, וויפֿל האַלט דער זייגער?

— שווײַגן! פֿאַרבאָטן צו רעדן!

דער וועכטער האָט זיך געוואָנדן צום פֿרעגער, ער האָט זיך אָבער גלײַך אויסגעדרייט צו מיר מיט אויסגעגלאָצטע אויגן, מיט אַ שטיינערנעם פּנים ווי

ער וואָלט מיך געוואָרנט נישט צו באַגיין דאָס נײַע פאַרברעכן און זאָגן מײַן שכן וויפֿל ס'האַלט דער זייגער. טאָמער פאַרשטיי איך נישט פון זײַן שטרענגן קוק, וואַרפט ער מיר צו:

— פאַרבאָטן צו רעדן!

מיר זיצן ווײַטער שווײַגנדיק. די בליקן פון דעם אומבאַקאַנטן מענטש בלאָנקען ווײַטער אין געהיים צו מיר. ווען כ'דריי אויס דעם קאָפּ צו אים, שענקט ער מיר אַ דיסקרעטן, בלאַסן שמייכל. ווער איז ער? אַזאַ פּנים זאָגט מיר יאָ עפּעס. ווער קאָן דאָס זײַן? מיט אַמאָל איז אַ בליץ מיר דורכגעלאָפן אין זכרון: פּראָפעסאָר קאָנטעלעוויטש! ס'איז דער אַקאַדעמיקער אָסיפּ אַלעקסאַנדראָוויטש קאָנטעלעוויטש. ווי ער האָט זיך געענדערט! ער איז מיט 6—7 יאָר צוריק געווען אײַנגעלאַדן אויפן מערב־אוניווערסיטעט צו האַלטן אַ ציקל לעקציעס וועגן מיטלאַלטערלעכער געשיכטע. געווען דעמאָלט אַ יונגער מענטש פון אַ יאָר 36—40. איצט איז זײַן געזיכט פון אַש קאָליר, אין די שוואַרצע האָר זילבערנע פעדים. ווי אַזוי געבן אים צוויסן, אַז איך דערקען אים? ווי אַזוי אים זאָגן אַ וואָ־רעם וואָרט? כ'האָב זיך אויסגעדרייט צו אים, אויפגעצווונגען זיך אַ שמייכל צו טאָן.

— נישט קוקן איינער צום אַנדערן!

די זעלבע האַרטע, באַפעלערישע שטימע. ס'ציט זיך אויס אַ האַנט, ווײַזט אָן:

— זעצט אײַך דאָרט!

כ'האָב גענומען מײַן באַגאַזשל, זיך איבערגעזעצט. די אַראָפּגעלאָזענע אויגן פון פּראָפעסאָר קאָנטעלעוויטש האָבן אַרויסגעשיקט צו מיר געהיימע, וואַרעמע בליקן. כ'האָב געפילט ווי עס פּאַלגן זיי נאָך שטומע, פרײַנדלעכע ווערטער. מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן ווי ער, פאַרזיכטיק, מיט געהיימע בליקן, ענטפער איך אים אָפּ שטומערהייט. מיר פירן אַ שמועס אויף שטום־לשון, שיקנדיק קעגנזײַטיק צו זיך אויסבאַהאַלטענע בליקן. אין דעם עפנט זיך די טיר:

— פרומקינאַ, קומט!

עס עפנט זיך אַ דערנעבנדיקע טיר און איך געפין מיך אין אַ קליינעם, כמעט ליידיקן צימער. בײַם וואַנט אַ קליין טישל, אין מיטן צימער אַ טאַבורעטקע. איך בלײַב אַליין, זעץ מיך צו אויף דער טאַבורעטקע. זאָל דאָס זײַן מײַן תּפֿיסה־קאַמער? אָן אַ בעטל? אַזוי באַענגט צום וואַרט־צימער? פאַרוואָס האָב איך נישט געפרעגט? דער סוד קלערט זיך באַלד אויף. ס'קומט אַרײַן אַ פרוי אין אַ ווײַסער שירץ. ווי אַלט קאָן זי זײַן? איר קאַלט, שטרענג פּנים, די שאַרפע אויגן, די פאַרביסענע ליפּן זאָגן דאָס נישט אויס. מסתּמא אַ תּפֿיסה־דאָקטער, זי טראָגט דאָך אַ ווײַסע שירץ.

— טוט אײַך אויס!

כ'האָב געטראָפֿן, אַ דאָקטער... כ'נעם אַראָפּ פֿון זיך די אויבער־מלבושים, בלײַב שטיין אין אונטערוועש.

— נעמט אַראָפּ אַלץ! טוט אײַך אויס נאַקעט! די שיך, די זאָקן אויך!

— נאַקעט? כ'בין נישט קראַנק. מיר איז קאַלט.

— טוט וואָס מ'הייסט אײַך!

— איר זענט אַ דאָקטער?

— שטעלט נישט קיין פֿראַגן! טוט וואָס מ'הייסט אײַך!

כ'פֿיר אויס דעם באַפֿעל. כ'בין נישט אויסגעשלאָפֿן, ציטער פֿון קעלט. די פֿרוי אין דער ווייסער שירץ אײַלט זיך נישט. זי בודקט פֿריִער מײַנע קליידער, קוקט דורך יעדעס נעטעלע, דרייט איבער די זאָקן, דרייט אויס די אַרמל, די קעשענעס פֿון מאַנטל, פֿון דער בלוזע, זוכט אין די שיך. ס'דויערט לאַנג. איך שטיי נאַקעט, מיט באָרוועסע פֿיס אויפֿן קאַלטן דיל. כ'נעם צוזאַמען די אָרעמס, פֿאַרלייג זיי פֿאַר זיך ס'זאָל מיר וואַרעמער ווערן.

— לאָזט אַראָפּ די הענט!

זי האָט פֿאַרענדיקט מיט די קליידער און נעמט זיך צו מײַן נאַקעטן קערפּער. זי הייבט אָן פֿון קאָפּ, זוכט אין די האָר, צעפּלאָשעט זיי, מאַכט אַ תל פֿון מײַן פֿריזור, קוקט אַרײַן אין די אויערן, שטעקט אַרײַן אַ פֿינגער, הייסט מיר עפֿענען דאָס מויל, הייבט אונטער די בריסטן, קוקט אַרונטער אונטער די אָרעמס.

— שטעלט אַרויף אַ פֿוס אויפֿן טאַבורעט! דעם אַנדערן!

זי צענעמט די פֿינגער פֿון די פֿיס, קוקט אַרײַן, לאָזט נישט דורך קיין איין שפּעלטעלע פֿונעם קערפּער.

צעשפּרייט די פֿיס! מער, מער!

זי שטעקט אַרײַן די האַנט. כ'לאָז אַרויס אַ געשריי: אומווירדיק! נידער־טרעכטיק!

— שווײַגט! אויב איר ווילט נישט אַ מאַנסביל זאָל אײַך באַזוכן. דרייט אײַך אויס מיטן הינטן צו מיר, בייגט אײַך אָן. מער!

איך פֿיר ווײַטער אויס די באַפֿעלן. זי צענעמט מיט בײדע הענט בײדע זײטן פֿון מײַן הינטן, קוקט אַרײַן. ס'גייט מיר דורך אַ ציטער איבערן לײַב, נישט נאָר פֿון קעלט נאָר פֿון צאָרן, פֿון עקל. איך שטאַמל שטיל: אומווירדיק, אומ־ווירדיק. צום גליק האָט זי געהערט נישט דײַטלעך.

— וואָס מרוקעט איר אין דער שטיל? מ'האָט אײַך געזאָגט ס'איז פֿאַרבאָטן צו רעדן.

זי האָט פֿאַרענדיקט מיט מײַן קערפּער און גענומען זיך צו קאָנפֿיסקירן די פֿאַרבאָטענע זאַכן, אָפּגעלייגט אין אַ זײַט דעם ביוסטהאַלטער, דאָס גאַרטעלע פֿון

מײַן בלוזע, די בראַשקע, דעם האַלדז־שאַליק, באַפֿוילן איר אָפּצוגעבן דאָס חתונה־רינגל, אַ צווייט רינגל און דאָס האַנט־זייגערל.

— טוט אײַך אָן!

— גיט מיר דעם ביוסטהאַלטער.

— טוט אײַך אָן אַ ביוסטהאַלטער!

— איך קאָן נישט זײַן אָנגעטאָן אָן אַ ביוסטהאַלטער. איר האָט דאָך מײַן ביוסטהאַלטער שוין באַזוכט.

— טוט אײַך אָן אָן אַ ביוסטהאַלטער זאָגט מען אײַך. שטעלט נישט קיין פֿאָדערונגען.

בעת כ׳האָב זיך אָנגעטאָן האָט זי קאָנטראָלירט מײַן האַנט־בײַטל, מײַן באַגאַזשל, אָװעקגענומען מײַן נאָטיץ־ביכל, די פֿעדער, די בלײַפֿעדערס, אַ שעכטעלע מיט נאָדלפֿאָדים, קנעפּלעך, אַ שערעלע, אַ מעסערל, די ברילן, דאָס געלט, אַ צווייטן ביוסטהאַלטער, אַ צווייטן שאַליק, אַנדערע קלייניקייטן. ווי גיך כ׳האָב זיך אַ ביסל אָנגעטאָן, כאָטש אָן אַ ביוסטהאַלטער, האָב איך אָנגעהויבן זיך פֿילן צוריק אַ מענטש. ס׳איז אויסערסט דערנידערנדיק זיך צו געפֿינען מחוץ יעטוועדן געזעץ, צו זײַן אין הענט, וואָס קאָנען מיט אײַך טאָן וואָס זיי ווילן. שטיין אָבער מחוץ יעטוועדן געזעץ אַ נאַקעטער מענטש, איז טאָפּלט דערנידערנדיק. די פֿרוי אין דער ווייסער שירץ האָט נישט געוואַרט איך זאָל אָנטאָן די שיך, זי האָט צוזאַמענגענומען די פֿאַרבאָטענע זאַכן און איז אַוועק. איך בלײַב ווידער אַליין. ווי שפּעט קאָן זײַן? כ׳האָב פֿאַרגעסן אַ קוק צו כאַפּן אויפֿן זייגערל, איידער כ׳האָב עס אָפּגעגעבן. דאָס באַזוכן מיך, דאָס קאָנטראָלירן די זאַכן דויערט לאַנג. ווי לאַנג וועל איך נאָך וואַרטן אין דער ליידיקער קאַמער? דאָס טאָר איך זיכער נישט פֿרעגן. אויב ס׳וואָלט אַפֿילו וועגן די װעכטער דאָ געוועגן. כ׳בין פֿאַרמאַטערט פֿון דעם לאַנגן „אַביסק״, דערשלאָגן, שלעפֿעריק. כ׳רוק צו די טאַבורעטקע צום טישל, זעץ מיך אַוועק און שפּאַר אָן דעם מידן קאָפּ. צי האָב איך אײַנגעדרימלט? גיכער געהאַלטן אײַנגענורעט דעם קאָפּ אין די אָרעמס. כ׳האָב נישט געהערט ווי די טיר האָט זיך אויפֿגעמאַכט.

— אויפֿשטיין! דאָ טאָר מען נישט שלאָפֿן!

אַ נײַער פּאַרשוין איז אַרײַן. לויטן אוניפֿאָרם פֿון נישט קיין הויכער ראַנגע. ער האָט מיר דערלאַנגט צוויי בויגנס פּאַפּיר איבערצולייענען און אונטערצושרײַבן. ס׳זענען פֿאַרשריבן געוועגן אַלע מײַנע קאָנפֿיסקירטע זאַכן, אַפֿילו די צוויי נאָדלען און די זיכערשפּילקע. גענוי אַלץ פֿאַרשריבן. וואָס־וואָס, נאָר אין פּרט פֿון פּירן חשבונות, אַלץ פֿאַרנאָטירן, אין פּרט פֿון פֿאַרשרײַבן אַ סך פּאַפּיר, קאָן מען זיי גאָרנישט פֿאָרוואַרפֿן. דאָ, אין לאַגער, וועט אויך אַלץ גענוי פֿאַר־

שריבן, באַחשבונט. ווען אַ מענטש, עטלעכע מענטשן שטאַרבן אַוועק, ווערט דורכגעפירט אַ גאַנצע בוכהאַלטעריע: ווו און וויפל לײדיקע נאַרעס עס בלײַבן, וויפל שפּײַז ווײניקער מ׳דאַרף גלײַך צוטײלן פאַר דער קיך און ענלעכע „וויכטי־קע" פּרטים. למען האמת: ס׳ווערט אויך פאַרצײכנט געגוי ווו און ווען דער מענטש איז אַוועקגעשטאַרבן, די גענויע דאַטע. אין לאַנד איז אַ קריזיס אויף פּאַפּיר, אָבער אויף די זאַכן אין די תפיסות און לאַגערן קאַרגט מען נישט קײן פּאַפּיר.

כ׳האָב אונטערגעשריבן די צוויי בויגנס מיט מײַנע קאָנפיסקירטע זאַכן, אויסגענוצט די געלעגנהייט און געפרעגט ווען מ׳וועט מיך איבערפירן אין אַ קאַמער באַשטימט פאַר מיר. דער באַאַמטער האָט אַ קוק געגעבן אויף מיר ווי כ׳וואָלט באַגאַנגען אַ גרויסע אומטאַקטישקייט. איז אַוועק אָן אַ וואָרט צו זאָגן. כ׳ווייס ווײַטער נישט וואָס ס׳וועט ווערן מיט מיר. ווי לאַנג האָב איך נאָך געוואַרט? ס׳האָט מיר אויסגעזען זייער לאַנג. די טיר האָט זיך פאָרט געעפנט. דער זעלבער מונדירטער באַאַמטער:

— נעמט אײַער קלומעק און קומט!

מיר זענען אַרויף אויפן ערשטן שטאָק, געגאַנגען דורך אַ לאַנגן קאָרידאָר. (און אפשר האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז ער איז זייער לאַנג?) אומעטום פאַרהאַקטע טירן. אַ טויטע שטילקייט. בײַם סוף קאָרידאָר שליסט אויף אַ וועכטער אַ שווערע, מעטאַלענע טיר. כ׳בין אַרײַן אין אַ קליינטשיקע קאַמער, אַן „אָדינאָטשקע". אַן איינצל־קאַמער ווי אַ שטייג. גרויע ווענט, אַ בעטל, אַ טאַ־בורעטקע און די באַרימטע „פּאַראַשאַ" אין אַ ווינקל; אויבן, כמעט בײַם סופיט אַ קליינטשיק פאַרקראַטעוועט פענצטערל. די „פּאַראַשאַ" האָט באַלד געלאָזט הערן פון זיך. כאָטש זי איז פאַרדעקט, טראָגט זיך פון איר נישט קײן אַנגע־נעמער ריח. זי איז מיר אָבער באַלד צונוץ געקומען.

כ׳האָב זיך „אײַנקוואַרטירט", אַרײַנגערוקט מײַן טשעמאָדאַנטשיקל אין אַ ווינקל, אַוועקגעלייגט דעם מאַנטל און אַ מידע זיך אויסגעצויגן אויפן בעטל. כ׳האָב דערפילט אַ דערלײַכטערונג. מײַן גאַנצער קערפּער איז געווען צעבראָכן, די אויגן האָבן זיך געקלעפּט. קוים ווי כ׳האָב אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם ווי איך דערהער אַ טיק אין טיר. צו מײַנע אויערן זענען דערגאַנגען באַפעלערישע ווערטער:

— נישט ליגן אויפן בעט! פאַרבאָטן צו שלאָפן בײַטאָג.

כ׳האָב געוואָנדן די אויגן צום טיר. דאָס „אויגל" איז אָפן געווען. דער וועכטער האָט ווידער אַרײַנגעשריִען:

— אויפשטיין! פאַרבאָטן צו ליגן בײַטאָג אויפן בעט!

כ׳האָב צוזאַמענגענומען די צעבראָכענע גלידער, אויפגעשטאַנען, אַרומגעקוקט

זיך. מײַנע אויגן האָבן זיך אָנגעהאָנגען אויפֿן פֿאַרקראַטעוועטן פֿענצטערל. אַ גרוי, קאַרג פֿרימאָרגן־ליכט האָט זיך אַרײַנגעשפּאַרט דורכן פֿענצטערל. כ׳האָב זיך אָוועקגעזעצט אויף דער טאַבורעטקע מיטן פּנים געוואָנדן צום פֿענצטערל ווי ס׳וואָלט מיך געמונטערט דערמיט וואָס פֿון יענער זײַט איז פֿאַראַן אַ לעבע־דיקע וועלט. אין טיר האָט ווידער אַ צוק געטאָן. אַ גרילצנדיקע שטימע האָט ווידער אַרײַנגעשריִען דורכן „אויגל״:

— נישט זיצן מיט דער פּלײַצע צו דער טיר! מיטן פּנים צו דער טיר!

כ׳האָב זיך אומגעדרייט. דאָס „אויגל״ האָט זיך פֿאַרמאַכט. ס׳איז מיך באַפֿאַלן אַ קלעפּעדיקע שלעפֿעריקייט. כ׳האָב זיך די נאַכט געלייגט שפּעט, מ׳האָט מיך אויפֿגעוועקט 4 אַ זייגער. געשלאָפֿן אַ פֿיר שעה. שלאָף איך אײַן אויף דער טאַבורעטקע, וועל איך אַראָפּפֿאַלן, ברעכן האַלדז און נאַקן. בעסער זיך אָוועקזעצן אויפֿן דיל, ס׳איז צעמענט, קאַלט, אָבער איך ריזיקיר נישט צו פֿאַלן. כ׳האָב אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אין דער קאַלטער בעטאָנענער וואַנט, אויסגעצויגן די פֿיס. אַ דומפּיקע קעלט האָט אַרײַנגעטריפֿט אין מײַן לײַב. כ׳וועל פֿאַרשטײַנערט. אין האַלדז איז טרוקן. ס׳ברענט אַ דורשט. דער קאָפּ איז שווער, הייבט אָן זיך צו וואַקלען, די אויגן קלעפּן זיך ווידער. ס׳באַפֿאַלט מיך ווידער אַ שלעפֿעריקייט. צי האָב איך דאָס מאָל אויף אַן אמת אײַנגעדרימלט? ניין, כ׳האָב בפּירוש געוואָלט פֿאַריאָגן דעם דרימל, אָבער פֿאַרמאַכט די אויגן. איך דערהער אַ הייזעריקע, גראָבע שטימע:

— מ׳האָט אײַך געזאָגט ס׳איז פֿאַרבאָטן צו שלאָפֿן בײַטאָג! מ׳דאַרף זיצן מיטן פּנים צו דער טיר! וויפֿל מאָל דאַרף מען עס אײַך איבערחזרן?

און שוין מיט אַ ווייכערן טאָן:

— נעמט אײַער פֿרישטיק. עסט נישט אויף דאָס ברויט מיט איין מאָל. ס׳איז אויפֿן גאַנצן טאָג.

דאָס קענדעלע שוואַרצע, וואַרעמע וואַסער מיטן שטיקל צוקער האָט מיך דערוואַרעמט, געלאָשן דעם דורשט. כ׳האָב אויסגעטרונקען ביזן דנאָ. דאָס ברויט נישט געפּרוווט אפֿילו אײַנבײַסן. ס׳איז שווער, קלעפּיק, אַ שטיק ליים. דערווײַל בין איך נישט הונגעריק. אַבי אָפּגעיאָגט דעם דורשט. די שלעפֿעריקייט איז אויך אָפּגעטראָטן. וואָס טוט מען אָבער מיט זיך? ווו זיך אַהינטאָן? כ׳האָב אָנגעהויבן שפּאַנען, זיך דרייען אין קליינטשיקן קעמערל ווי אַ געפֿאַנגענע חיה אין אַ שטײַג. עטלעכע טריט אין דער לענג, עטלעכע טריט אין דער ברייט. אָט זיץ איך אויף דער טאַבורעטקע און אָט שפּאַן איך ווידער. ווען מ׳וואָלט כאָטש געקאָנט וויסן וויפֿל ס׳האַלט דער זייגער. כ׳האָב זיך לסוף דאָך דערוווּסט. אַ גרילץ אין טיר: „מיטאָג״. אַ בלעכן שיסעלע אָנגעפּולט מיט אַ שלאַמיקער פּליסיקייט מיטן

אויסזען פון פּאָמיעס. אויבן שווימט אַרום אַ בלעטל פון קרויט. כ׳פּרוּוו פאַרזוכן, כ׳קאָן דאָס נישט אַראָפּשלינגען. כ׳בין נאָך נישט געגוג אויסגעהונגערט. כ׳גיס עס אויס אין דער „פּאַראַשאַ״. כ׳בייס אײַן אין לײַמיקן ברויט. יאָ, ס׳וועט סטאַיען אויפן גאַנצן טאָג.

דער ווינטערדיקער, קורצער טאָג האָט זיך אויסגעצויגן אומענדלעך. כ׳וואַרט אויפן אָוונט ווי ער וואָלט געדאַרפט ברענגען אַ דערלייזונג. דער אָנקומענדיקער אָוונט דינט אויך פאַר אַ זייגער. כ׳האָב שטענדיק געלעבט מיט אַ זייגער. אפילו אין די צאַרישע תפיסות. די צײַט איז בײַ מיר שטענדיק געווען אויסגערעכנט. זי איז געגאַנגען שנעל. אין לוביאַנקאַ, שוין דעם ערשטן טאָג, האָט זיך די צײַט אָפּגעשטעלט. ווי קאָן דאָס אַ טאָג, אַן אָוונט זײַן אַזוי לאַנג? איך טראַכט נישט וואָס ס׳וועט ווערן מיט מיר, ווי אַזוי זיך צו פאַרטיידיקן, איך טראַכט בלויז ווי אַזוי דורכצושטופּן פריִער דעם טאָג, דערנאָך דעם אָוונט. מײַן גאַנצער קערפּער באַגערט אָפּרו, שלאָף, דאָס פאַרבאָטענע בעטל ציט מיך, לאָקט מיך ווי אַ גוטע שפּײַז אַ הונגעריקן. כ׳פאַל צו צום בעטל און צי מיך אויס. ווי אַזוי האָט מען זיך פון דער אַנדערער זײַט מעטאַלענער טיר דערוווּסט וועגן מײַן „פאַר־ברעכן״? דורכן אָפּענעם „אויגל״ ריטשעט גלײַך אַרײַן אַ שטימע:

— איר וועט גיין אין קאַרצער אויב איר וועט זיך בונטעווען קעגן רעגולאַמין!

כ׳דריי מיך ווידער ווי אַ חיה אין אַ שטײַג. כ׳הייב אָן ציילן מײַנע טריט, ס׳העלפט נישט. כ׳בין דערשעפּט, שלעפעריק. איך ריזיקיר, קלאַפּ אין טיר. דאָס „אויגל״ עפנט זיך, אַ שטימע ווי פון יענער וועלט פרעגט:

— וואָס איז ווידער?

— כ׳וויל זען עמעצן פון דער תפיסה־דירעקציע.

— שוין דעם ערשטן טאָג? בונטעוועט אײַך נישט! מ׳וועט קומען נאָך אײַך!

— גיט מיר עפּעס צו לייענען.

— פאַרבאָטן צו לייענען!

דאָס „אויגל״ פאַרקלאַפּט זיך. כ׳קלעפּ מיך צו צו דער טאַבורעטקע, קוק שטאַר צו דער טיר, צום מיסטעריעזן „אויגל״. כ׳באַקום ווידער מורא נישט אײַנצודרימלען. הייב אָן צו רעציטירן פערזן פּאָעזיע, וואָס כ׳האָב אַמאָל געקענט אַ סך אויף אויסנווייניק. איך רעציטיר שטיל מען זאָל נישט דערהערן פון דער צווייטער זײַט טיר. כ׳האַלט אין מיטן רעציטירן אברהם רייזען ווי איך דערהער אַ סקריפּע אין טיר:

— נעמט אײַער פּאַרציע!

כ׳האָב זיך דערוואַרט. דער אָוונט האָט זיך אַ רוק געטאָן. ווידער אַ שיסעלע געקעכץ, אַ ביסל האָבער־גרויפּן אין אַ שוואַרצער פליסיקייט. דאָס מאָל האָב

איך געגעסן. דער הונגער לאָזט זיך שוין פילן. כ׳האָב יעדן לעפל „מאכל" אַרײַנ־געגאָסן אין האַלדז. האַלטן אין מויל אַזאַ וויסטן מאכל איז נישט קיין פאַר־גענינגן. כ׳בין נאָך נישט צוגעוווינט געווען. כ׳האָב פאַרביסן מיטן קלעפּיקן ברויט. צו פאַרטרײַבן די צײַט געצופּט קליינע שטיקעלעך און געלייגט אין מויל. דאָס ברויט האָט זיך געענדיקט. כ׳בין געזעסן אויף דער טאַבורעטקע אַ פאַרגלי־ווערטע. אין קאָפּ אַ פּוסטקייט. כ׳האָב נישט געהערט דעם צוק פון „אויגל", דערהערט די גרילצנדיקע שטימע:

— לייגט אײַך שלאָפן!

אָ, ווי כ׳האָב געוואַרט אויף דעם! פון 4 אַזייגער פאַרטאָג ביז 10 אָוונט. 18 שעה אָן אָפּרו. אין אַ שטייג. כ׳האָב גיך אַראָפּגעצויגן פון זיך די אויבערשטע קליידער און אין די טאָג־וועש זיך אַרונטערגערוקט אונטער דער שמוציקער, דינער דעק. שלאָפן! שלאָפן! כ׳האָב זיך אײַנגענורעט, אויסגעדרייט צום וואַנט דאָס ליכט פון עלעקטרישן לעמפּל זאָל נישט ברענען אין די אויגן. איך מוז שלאָפן. אָט שלאָף איך שוין אײַן. אַ כריפּנדיקע שטימע האָט מיך אַרויסגעריסן פון האַלבן שלאָף.

— נישט ליגן אויף דער זײַט! אויף דער פּלייצע! נישט פאַרבאַהאַלטן די הענט, די הענט אויף דער דעק!

כ׳האָב אין פלוג נישט באַנומען. דער באַפעל דורכן „אויגל" האָט זיך איבערגעחזרט. כ׳האָב זיך אומגעדרייט, אַרויפגעלייגט די הענט אויף דער דעק. ס׳האָט אַוועקגענומען דעם שלאָף פון די אויגן. ס׳האָט איצט גענומען שעהען ביז כ׳בין בײַם עלעקטרישן ליכט אײַנגעשלאָפן.

*

דער ערשטער טאָג, דער שווערסטער איבערצוטראָגן דעם רעגולאַמין. ערשט אויפן צווייטן טאָג זיך געכאַפּט, אַז כ׳בין אין פולשטענדיקער איזאָלאַציע. אפילו ווען כ׳טראָג אינדערפרי אַרויס די „פּאַראַשאַ", ווען איך באַקום די עטלעכע מינוט אויף זיך אָפּצוואַשן, זעט מען און מען הערט דאָ קיינעמען נישט. די וועכטערין איז אַ שווײַגנדיקע, זי גיט באַפעלן כמעט אויף שטום־לשון.

די טעג זענען ענלעך צו זיך ווי טראָפּנס וואַסער. די זעלבע אַליינקייט. דער זעלבער רעגולאַמין. די זעלבע שטילקייט. אַ טויטע שטילקייט, וואָס עסט זיך אײַן אין לײַב, אין די ביינער, זי לייגט זיך ווי בלײַ אויפן מוח, אויף דער נשמה, זי פּײַניקט מיט אַן אויסטערלישער פּײַן. כ׳האָב נישט געוווּסט, אַז אַ שטילקייט קאָן צעדריקן דאָס האַרץ. נישט צו באַנעמען: די קאַמער איז קליינטשיק און מ׳פילט זיך ווי אין אַ ליידיקן, פּוסטן חלל, מ׳לייזט זיך אויף אין דער פּוסטקייט.

ס׳איז אַזאַ פּוסטקייט ווי עס ווערט געשילדערט אין בראשית, איידער גאָט האָט באַשאַפן די וועלט: והארץ היתה תוהו ובוהו ורוח אלוהים מרחפת על פני המים. אין דעם תוהו ובוהו שוועבט נישט אַרום גאָטס גייַסט, נאָר דער גייַסט פון אַ טייַוולאָנישער רציחה. אין אַזאַ תוהו ובוהודיקער שטילקייט לייזט זיך דער מענטש אויף. ווערסט אַן אַבסטראַקציע. ווערסט אויס מענטש. גלייַכצייַטיק פילסטו ווי די שטילקייט רייַסט שטיקער פון דייַן לייַב, ווי זי וואָלט געהאַט ציינער פון אַ טאָרטור־מאַשין; זי דערהרגעט אָבער נישט מיט איין מאָל ביזן סוף, זי האָט אַ סיסטעם: זי האַלט אין כסדרדיקער גסיסה. דאָ, אין דער איזאָ־לאַציע, האָב איך באַלד פון אָנהייב אָנגעהויבן פאַרשטיין, אַז פּייַניקן אַ מענטש איז געוואָרן אַ קענטעניש, אַ געניטשאַפט, פּשוט אַ וויסנשאַפט. מען שטודירט אויס אַלע מיטלען, איינצלהייטן ווי אַזוי ווירקזאַמער אָנצווענדן די מעטאָדן פון פּייַניקונג. כ׳האָב אַמאָל געוואָלט זיך שלאָגן מיט דער גאַנצער וועלט פאַר אַלע אומגליקלעכע, געשלאָגן זיך אומעטום, אפילו אין די צאַרישע תפיסות, אויף פאַרשיקונג, קעגן יעטוועדער פאָרם פון פּייַניקן מענטשן. הייַנט ווערן אויף מייַן אייגענער הויט אויסגעפּרוווט נייַע, אכזריותדיקע מיטלען פון פּייַניקונג.

איך צייל די טעג. זיי שלעפּן זיך מוראדיק. איך פאַרליר דעם חשבון. איך צייל ווידער: איינס, צוויי, דרייַ, פיר, פינף, זעקס, זיבן. אויב כ׳בין מיך נישט טועה איז דאָס געווען צוויי מאָל זיבן. זאָל דאָס זייַן בלויז צוויי וואָכן? צוויי וואָכן אַן אייביקייט ווי כ׳בין אין צעמענטענעם קבר. פאַרוואָס רופט מען מיך נישט אויף אַ פאַרהער? אויף אַן אויספאָרשונג? צי האָט מען פאַרגעסן אין מיר ווי מ׳האָט אין אַלטערטום פאַרגעסן אין מענטשן אין פאַרגעסונגס־לעכער? כ׳האָב שוין עטלעכע מאָל געבעטן צו זען עמעצן פון דער תפיסה־דירעקציע, אָדער פּאַפּיר און אַ פעדער אָנצושרייַבן אַ ווענדונג צום פּראָקוראָר. צו פרי. מ׳וויל מיך, משמעות, פריִער, פאַרן פאַרהער, אויסמאַטערן, דערהרגענען אין מיר דעם ווילן, דערדריקן יעטוועדן ווידערשטאַנד. מיט מייַן גוף קאָנען זיי דאָס דערגרייכן, כ׳וועל אָבער נישט לאָזן אָפּטעמפּן מייַן באַוווסטזייַן. אין די צוויי וואָכן האָבן זיי שוין היפּש אויסגעצאַפּט פון מיר די כוחות. די טעג באַקומען אַ זופּ פון פאַרפוילטע געטריקנטע פיש. ס׳האָט געזעצט עיפּוש; כ׳האָב אַראָפּגעשלונגען עטלעכע לעפל. ס׳האָט אַרויסגערופן דורשט. כ׳בין דורשטיק. הונגעריק. כ׳בין שטענדיק געווען אַ גרויסע עסערקע. גרויסע עסערס ליידן מער פון הונגער. די צוקער קראַנקייט רופט כסדר אַרויס דורשט, כ׳קאָן אים נישט לעשן. דאָס עלעקט־רישע לעמפל, וואָס ברענט אַ גאַנצע נאַכט, ברענט מיר אויס די אויגן, לאָזט נישט שלאָפן. כ׳האָב געפּרוווט אַרויפלייגן אויף די אויגן אַ נאָז־טיכל, ס׳האָט נאָך מער געשטערט אייַנצושלאָפן. דאָס ליגן בייַנאַכט לויטן רעגולאַמין אויף

דער פּלייצע באַשווערט זיך אײַנצוקאָרטשן, זיך צו דערוואָרעמען. בײַטאָג טראָג איך דעם מאַנטל, כ'שפּרייז פון מאָל צו מאָל איבערן קעמערל צו דערוואַרעמען די פיס. בײַנאַכט, אין קאַלטן בעטל, זענען מײַנע פיס אײַז־קאַלט. בײַטאָג בעט איך ס'זאָל שוין קומען דער שפּעטער אָוונט צו קאָנען זיך אויסציִען, אויסגלײַכן די גלידער, בײַנאַכט בעט איך ס'זאָל שוין קומען דער טאָג צו קאָנען זיך דער־וואַרעמען. אין דרויסן ברענט אַ פראָסט. דאָס אײַזערנע בעטל מיטן פלאַכן, שטרוי־ענעם מאַטראַץ איז אַ קאַלטס, די שמוציקע, אַלטע דעק וואַרעמט נישט. פון די בעטאָנענע ווענט, דער צעמענטענער פאָדלאָגע יאָגט אַ קעלט. די קעלט און דאָס עלעקטרישע ליכט לאָזן נישט שלאָפן.

יענעם אָוונט האָב איך אויסגעטאָן בלויז דעם מאַנטל, די פיס אין די זאָקן אַרומגעוויקלט מיט בײדע וואַרעמע זשאַקעטלעך. ס'האָט פאַרט לאַנג גענומען ביז דער שלאָף איז געקומען, אָבער כ'בין אײַנגעשלאָפן. ווי לאַנג בין איך גע־שלאָפן? כ'האָב זיך דערנאָך משער געווען, אַז בלויז אַ צוויי שעה. אַ שטרענגער, האַרטער באַפעל האָט מיך אַרויסגעריסן פון דאָס מאָל האַרטן שלאָף:

— אויפשטײן! טוט אײַך אָן! שנעלער!

כ'האָב אויפגעריסן דעם קאָפּ, נישט געוווּסט ווו איך געפין מיך. כ'האָב דערזען דאָס ברענענדיקע לעמפּל, די ענגע, גרויע ווענט און צו זיך געקומען. וואָס וויל מען איצט פון מיר? בײַנאַכט? צי בין איך דען נישט געלעגן לויטן רעגולאַמין? מ'האָט מיך לאַנג נישט געלאָזט טראַכטן.

— שנעלער אויפשטײן און זיך אָנטאָן!

כ'האָב דאָס מאָל געהאַט אַרויפצוציִען בלויז די שיך, אָנצוטאָן דעם מאַנטל. כ'האָב געציטערט פון קעלט, פון מידיקייט, ס'האָט מיר געהאַקט אַ צאָן אין אַ צאָן. פאַר מײַן טיר האָט זיך באַוויזן אַ באַוואָפנטער סאָלדאַט. ער האָט מיך געפירט דורך לאַנגע, געדרייטע קאָרידאָרן. דער שלאָף האָט געשטעקט אין אַלע גלידער. ס'האָט מיר געדוכט, אַז מיר גייען דורך לאַבירינטן. כ'האָב אײַנגעז־שטעלט, געפרעגט:

— וווּהין פירט איר מיך?

דער סאָלדאַט ענטפערט נישט. שטום ווי אַ פיש. וווּהין פירט ער מיך פאַרט? צי נישט צו דערשיסן? אפשר אין קאַרצער? האָט מען דאָך שוין עטלעכע מאָל מיר געדראָט מיט קאַרצער. פאַרוואָס אָבער שפּעט בײַנאַכט? פאַרוואָס פון שלאָף אַרויסגעריסן? נישט אַנדערש נאָר צו דערשיסן. האָט מען דען מיך נישט פאַרמאַכט אין איזאָלאַציע ווי אַ צום טויט פאַרמישפּעטע?

כ'האָב נישט געטראָפן. ס'האָט זיך ערגעץ־ווו געעפנט אַ טיר און כ'בין אַרײַן אין אַ געררוימען, גוט־באַלויכטענעם צימער. דער סאָלדאַט איז פאַרשוווּנדן.

הינטער אַ גרויסן ביוראָ־טיש איז געזעסן אַ מאַן פון אַ יאָר פינף און דרייסיק, אפשר פערציק, אין אַן אוניפאָרם פון אַ פּאָלקאָווניק. פון דער צווייטער זײַט ביוראָ איז געשטאַנען אַ טאַבורעטקע. דער פּאָלקאָווניק האָט געהאַלטן דעם קאָפּ אײַנגעגראָבן אין בויגנס פּאַפּיר, נישט אָפּגערופן זיך צו מיר. כ׳בין אַ ווײַלע געשטאַנען, געוואַרט, דערנאָך אָפּגערוקט די טאַבורעטקע, אַוועקגעזעצט זיך. דער פּאָלקאָווניק האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אײַנגעגעסן זיך אין מיר מיט די אויגן. אויגן שפּיזן, שאַרפע מעסערס.

— איר האָט געקאָנט צוװאַרטן כ׳זאָל ענדיקן, כ׳זאָל אײַך הייסן זיך זעצן.

— כ׳האָב געוואַרט. איר, פּאָלקאָווניק, האָט געמעגט באַלד מיך בעטן זיך זעצן.

— איר זענט דאָ נישט אונדז צו לערנען, נאָר צו ענטפערן אויף פראַגן, דאָס איבעריקע צו שווײַגן.

— כ׳האָב זיך געריכט אויף מער העפלעכקייט מצד אַ סאָוויעטישן פונקציאָנאַר.

זײַן מויל האָט זיך פאַרקרימט מיט אַ בייזן, סאַרקאַסטישן גרימאַסע־שמייכל:

— העפלעך זײַן מיט פאַררעטער, מיט שפּיאָנען פון אימפּעריאַליזם, מיט שונאים פון פאָלק. מיר זענען צו העפלעך, צו געדולדיק. איר האָט פון לאַנג געדאַרפט באַקומען אײַער שטראָף.

— איר האָט נישט קיין רעכט אַזוי צו רעדן צו מיר.

— קיין רעכט?

ער נעמט אַרויס אַ קאַרטל און ווײַזט, נאָר איך זע נישט וואָס ס׳איז אָנגעשריבן.

— זינט דרײַ חדשים האָט איר געדאַרפט זײַן פאַרמאַכט, אָדער...

אַזאַ איז געווען דער ערשטער אַרויספאָר. איידער נאָך ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער פאַרהער. כ׳האָב זיך בעת מעשה צוגעקוקט צו אים: אַ פּנים אָן איין מענטשלעכן שטריך, ליפּן פאַרביסענע, זיי דריקן אויס אַ געמיש פון פאַראַכטונג און שנאה; די שפּיזיקע אויגן, בעת ער רעדט, שפּריצן מיט שינאה, פאַרציִען זיך מיט אַ רויט הײַטל; די שטימע אַ מעטאַלענע, טיילמאָל אַ גאַרגלדיקע, דער טאָן אַ באַפעלערישער, אַן אָפּחוזקנדיקער. שפּעטער האָב איך די זעלבע פּנימער און שטימען געזען און געהערט בײַ אַלע סלעדאָוואַטיעלס, פון די נידעריקע ביז די העכערע שטאַפּלען. גאָט מײַנער, פון וואַנען האָבן זיי זיך גענומען? ווו האָבן זיי זיך אויסגעלערנט אַזאַ אוממענטשלעכקייט? ס׳האָט מיר אויסגעזען ווי זיי אַלע וואָלטן דורכגעגאַנגען אַ ספּעציעלע שולע, געאיבט זיך צו טראַנספאָרמירן זיך פון אַ מענטש אין אַ צוויי־פיסיקער חיה. מײַן השערה האָבן מיר שפּעטער באַשטעטיקט באַגעגנטע, דערפאַרענע אַרעסטירטע. דעם ערשטן פאַרדאַכט אַזעלכן האָט אַרויסגערופן בײַ מיר דער פּאָלקאָווניק קופּאַצאָוו, כאָטש

ער האָט געהאַט בלויז די פונקציע צו אידענטיפיצירן מיך און צונויפצושטעלן דעם פּראָטאָקאָל.

— אייַער נאָמען, פאָרנאָמען, פּאַטראָנים־נאָמען?

— מאַריִאַ יאַקאָוולעוונאַ פּרומקינאַ.

— אין אייַער מעטריקע הייסט איר אַנדערש. פון וואַנען שטאַמט דער נאָמען מאַריִאַ?

— פון מלכּה.

— פאַרוואָס האָט איר געביטן פון מלכּה אויף מאַריִאַ?

— מ׳האָט מיר דעם נאָמען געביטן אין דער שולע, ווען איך בין אַ קינד געווען.

— „מ׳האָט". ווער? אייַערע עלטערן?

— מעגלעך, אַז די עלטערן.

— צוליב וואָס געביטן?

— צוליב גאָרנישט. ס׳איז געווען אַ רוסישע שולע האָט מען מיר געגעבן אַ רוסישן נאָמען.

— נישט צוליבן אויסבאַהאַלטן דעם אָפּשטאַם?

— נישט מייַנע עלטערן און נישט איך האָבן קיינמאָל נישט אויסבאַהאַלטן אונדזער אָפּשטאַם; מיר שעמען זיך נישט מיט אונדזער אָפּשטאַם.

— המם... אייַער סאָציאַלער אָפּשטאַם? גיין, אייַער פאַך?

— כ׳בין פּעדאַגאָג, שרייַבער.

— נאָמען פון אייַערע עלטערן? זיידעס, באָבעס? זייערע באַשעפטיקונגען?

כ׳האָב אַמאָל געקענט די נעמען פון מייַנע ביידע זיידעס און באָבעס. דאָס מאָל האָט זיך אַלץ פאַרפלאָנטערט, ווי עפּעס אינערלעך וואָלט אַ שטויס געטאָן נישט צו ענטפערן צו דער זאַך. און גייט דערציילט אים, אַז מייַן זיידע אַברהם ליפשיץ האָט זיך מער באַשעפטיקט מיט עולם הבא ווי מיט עולם הזה.

— איך בין נישט מחויב צו קענען די באַשעפטיקונגען פון מייַנע זיידעס און באָבעס. כ׳האָב געקענט בלויז די באַשעפטיקונג פון מייַן פאָטער, ער האָט געהאַט אַ קראָם.

— ס׳באַדייַט איר זענט פון בורזשואַזן, עקספּלואַטאַטאָרישן אָפּשטאַם, נישט אמת?

— מייַן פאָטער האָט נישט געהערט צו דער בורזשואַזיע, ער האָט קיינעמען נישט עקספּלואַטירט, ער האָט אַליין שווער געאַרבעט.

— וואָס דען איז ער געווען? מיטלשטאַנד?

— זאָל זייַן מיטלשטאַנד.

— צי האָט איר נאָך אַנדערע נעמען ווי מאַריאַ פרומקינאַ?
— אסתר.
— וואָס איז דאָס פאַרא נאָמען?
— אַ פסעוודאָנים.
— צי נישט קיין ביבלישער נאָמען?
— אַ ביבלישער.
— פאַרוואָס אַ ביבלישער פסעוודאָנים?
— אַ גרויסע צאָל יידישע נעמען זענען ביבלישע.
— ס׳הייסט איר האָט אַ ביבלישן פסעוודאָנים?
— קורץ: כ׳האָב אַ פסעוודאָנים.
— אַנדערע נעמען?
— כ׳האָב נישט קיין אַנדערע.
— זינט ווען דער פסעוודאָנים אסתר?
— זינט כ׳בין אין די צאַרישע צייַטן געוואָרן אַ רעוואָלוציאָנערע קעמפערין.
— ווו האָט איר געקעמפט?
— אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג; אויך אין דער רוסישער.
— ווי האָט זי געהייסן די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג?
— „בונד״.
— האַ, „בונד״, אַ באַקאַנטע קאָנטררעוואָלוציאָנערע סעקטע אין דער אַרבעטער־באַוועגונג.

כ׳האָב נישט באַוויזן אַרייַנצושטעלן אַ וואָרט ווי ס׳איז געפלויגן צו מיר אַ ווייַטערדיקע פראַגע:

— ווען זענט איר פון „בונד״ אַרייַנגעשיקט געוואָרן אין דער רוסישער קאָמוניסטישער פאַרטיי איר צו שעדיקן פון אינעווייניק?

— איך פראָטעסטיר. כ׳בין קיינמאָל פון „בונד״ נישט אַרייַנגעשיקט געוואָרן! כ׳האָב אים אַליין פאַרלאָזט און אין מערץ 1921, פון מייַן אייגענעם ווילן, לויט מייַן אייגענער איבערצייַגונג אַרייַנגעטראָטן אין דער רוסישער קאָמוניסטישער פאַרטיי.

— ווער דען האָט אייַך אַרייַנגעשיקט אויב נישט דער „בונד״?

— כ׳האָב געזאָגט: קיינער. כ׳בין פון מייַן אייגענעם ווילן, פון איבערצייַגונג אַרייַנגעטראָטן.

— ווילט איר זיך נישט מודה זיין אין דעם? וועלן מיר דאָס שפעטער זען. זאָגט אונדז איצט וועלכע זענען אייַערע פאַרבינדונגען מיטן אימפעריאַליזם?

— כ׳האָב קיין שום פאַרבינדונגען נישט מיט קיין שום אימפעריאַליזם!

— איז אויף וועמענס חשבון האָט איר געפירט אין אונדזער לאַנד שפּיאָ־נאַזש־אַרבעט ?

— איך פּראָטעסטיר. כ׳האָב קיין שום שפּיאָנאַזש־אַרבעט קיינמאָל נישט געפירט.

— מיר האָבן גענויע באַווייַזן. אייַערע אייגענע חברים האָבן אייַך אויס־געגעבן; אַליין זיך מודה געווען און אייַך אויסגעגעבן.

— אַ ליגנט! קיינער פון מייַנע חברים...

ער רייַסט מיר איבער מיט רציחה:

— אַ ליגנט ? ! איר האָט די חוצפה צו מאַכן פאַר אַ ליגנער אַ פאַרשטייער פון דער סאָוויעטישער מאַכט ? איר באַשולדיקט די סאָוויעטישע מאַכט אין ליגנס ?

ער ווערט רויט פון רציחה, די אויגן גיסן זיך אָן מיט בלוט. איך פאַר אים אַרייַן אין די רייד:

— ס׳האָט גאָרנישט צו טאָן מיט דער סאָוויעטישער מאַכט. אַ ליגנט איז בלויז, אַז כ׳האָב געפירט שפּיאָנאַזש.

— איר האָט באַליידיקט, דאָ בייַ אונדז, די סאָוויעטישע מאַכט! אויף פאַר דעם וועט איר געמישפּעט ווערן!

ער בייגט זיך אָן איבערן גרויסן בויגן פּאַפּיר, פאַרשרייַבט מיט אַ נער־ווענזער שנעלקייט. איך כאַפּ דערווייַל אָפּ דעם אָטעם.

— דערציילט וועגן אייַערע פאַרבינדונגען מיטן אויסלענדישן שפּיאָנאַזש.

— כ׳האָב געזאָגט, קיין שום פאַרבינדונגען מיט קיין שום שפּיאָנאַזש.

— מיר האָבן מיטלען אייַך צו צווינגען אויסצוזאָגן דעם אמת.

— קיין שום מיטלען וועלן מיך נישט צווינגען צו זאָגן דאָס, וואָס איז נישט אמת.

— מיר האָבן שוין געזען אַזעלכע העלדן ווי איר, מיר האָבן זיי געצוווּנגען זיך מודה צו זייַן אין זייערע פאַרברעכנס.

— כ׳בין נישט באַגאַנגען קיין שום פאַרברעכנס קעגן קיינעם, חוץ אפשר קעגן זיך...

ס׳האָט זיך מיר אַרויסגעכאַפּט דאָס, וואָס האָט מיך געמאַטערט. אוי, ווי אומבאַרעכנט! פאַר וועמען דערציילן וואָס ליגט אויפן האַרץ ? ער האָט געקוקט אויף מיר מיט שפּיזיקע אויגן, אויגן פול מיט אָנגערייצטע הינט. אויף די רציחה־דיקע ליפּן האָט זיך באַוויזן אַ חוזק־שמייכעלע:

— דאָך באַגאַנגען עפּעס אַ פאַרברעכן. איר זאָגט דאָך חוץ.. חוץ וואָס ?

— יאָ, כ׳האָב געזאָגט חוץ קעגן זיך גופא. כ׳האָב רעזיגנירט פון מייַן פערזענלעך לעבן. אַנדערש געלעבט ווי איר, בירגער פאַלקאָווניק, אָפּגעגעבן זיך

אין גאַנצן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, נישט געלאָזט קיין מינוט צײַט פֿאַר זיך, פֿאַר מײַנע עלטערן, פֿאַר מײַן קינד.

ער האָט אויסגעשאָסן מיט אַ מעפּיסטאָפּעלישן געלעכטער. אַפּילו אַזאַ געלעכטער האָט זיך אויך נישט געפּאַסט צו זײַן פּנים. די שטיינערנע ערנסטקייט איז באַלד צוריק געקומען.

— אײַער קינד... איר ווייסט זיכער פֿאַרוואָס אײַער טאָכטער איז אַרעסטירט?

— ניין, כ׳ווייס נישט. כ׳גלייב, אַז צוליב אַ טעות. כ׳ווייס זי איז אומשולדיק.

— איר ווייסט, אַז מיר אַרעסטירן אומשולדיקע, וואָס?

— כ׳בעט נישט דעפֿאָרמירן מײַנע ווערטער. אַזוי האָב איך נישט געזאָגט. כ׳האָב געזאָגט, אַז צוליב אַ טעות. כ׳בין זיכער זי איז אומשולדיק.

— איר זענט אַלע אומשולדיקע לעמעלעך, די טאָכטער ווי די מאַמע.

פֿון חוזק גייט ער איבער צו כּעס, צו האַרטער באַפֿעלערישקייט:

— איך פֿאָדער אײַך אויף צו דערציילן וועגן אײַערע אויסלענדישע פֿאַרבינדונגען.

— איך זאָג קאַטעגאָריש: קיין שום אויסלענדישע פֿאַרבינדונגען נישט געהאַט!

— און אַז מיר וועלן אײַך דאָס באַווײַזן?

— איר קאָנט דאָס בשום אופֿן נישט באַווײַזן!

פֿון זעץ מיטן פֿויסט אין טיש איז אַלץ וואָס אויפֿן טיש אונטערגעשפּרונגען.

— ווי וואַגט איר צו באַהויפּטן, אַז מיר קאָנען דאָס נישט באַווײַזן? איר פֿירט זיך אויף חוצפּהדיק, ווי די פֿריִערדיקע דאַמע, וואָס מאָסקווע האָט געקלונגען מיט איר. געענדיקט יענע צײַטן. איצט איז געקומען די צײַט זיך מודה צו זײַן אין אײַערע פֿאַרברעכנס קעגן דעם ראַטנלאַנד.

איך נעם צונויף אַלע כּוחות און ענטפֿער גלײַך אָפּ:

— איך חזר איבער: כ׳בין קיין שום פֿאַרברעכנס נישט באַגאַנגען און קיינער וועט מיך נישט צווינגען זיך מודה צו זײַן אין נישט באַגאַנגענע פֿאַרברעכנס.

ווידער אַ זעץ מיט דער פֿויסט אין טיש. ער צעשרײַט זיך מיט שוים אויף די ליפּן:

— רעדט נישט ווען מ׳פֿרעגט אײַך נישט! איר זענט נישט דאָ אויף קיין מיטינג נאָר פֿאַר אַ סאָוויעטישן סלעדאָוואַטיעל. איר האָט צו ענטפֿערן בלויז אויף פֿראַגן. ענטפֿערט צו דער זאַך: מיט וועמען זענט איר געווען אין פֿאַרבינדונג אין אײַער שפּיאָנאַזש־אַרבעט?

איך חזר איבער דאָס, וואָס כ׳האָב שוין געזאָגט. דער סלעדאָוואַטיעל דריקט

אָן אויף אַ קנעפּל. ס׳באַווייזט זיך אַ מענטש אין אַן אוניפאָרם. זײַן ראַנגע האָב איך נישט אויפגעכאַפּט.

— פירט אים אַרײַן!

נאָך אַ ווײַלע האָט זיך די טיר געעפנט. דער פונקציאָנאַר האָט פאַרן האַנט אַרײַנגעפירט אַ מענטש, וואָס האָט לויט זײַן גאַנג אויסגעזען ווי אַ קוקלע. די קוקלע איז געבליבן שטיין. דער פונקציאָנאַר איז פאַרשוווּנדן.

— באַשולדיקטע פּרומקינאַ, איר קענט דעם שפּיאָן?

כ׳האָב זיך אײַנגעקוקט אין דער קוקלע. דער קאָפּ איז בײַ אים אַראָפּגעלאָזן, די הענט הענגען אַראָפּ ווי זיי וואָלטן לויז צוגעטשעפּעט געווען. די האָר אויפן קאָפּ צעשויבערט, דאָס פּיאַלעטענע פּנים אָנגעדראָלן, אויפגעבלאָזן, אַרום די אויגן ברייטע שוואַרץ־בלויע רינגען, דער אָנצוג צעקנאָדערט, ערטערווײַז צעריסן. דער צעמימתטער איז מיר יאָ באַקאַנט און נישט באַקאַנט. ווער קאָן דאָס זײַן? דער פּאָלקאָווניק האָט מיר אַרויסגעהאָלפן אים צו דערקענען, ער האָט אים באַפוילן:

— הייבט אויף דעם קאָפּ! מאַכט אויף די אויגן!

די קוקלע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אויפגעמאַכט די אויגן, נאָר אָפּגעוואַנדן זיי פון מיר. כ׳האָב זיך נאָך אַמאָל אײַנגעקוקט אין אים און אַרויסגעלאָזט אַן „אוי". כ׳האָב אים דערקענט: ראַשפּעס! ער איז געהאַט געקומען פון אַ קליין פּויליש שטעטל, באַשעפטיקט געווען אין דער אַדמיניסטראַציע פון מערב־אוניווערסיטעט, געדרייט זיך אַרום די ייִדסעקציעס, לסוף גענומען זיך צום לערנען, געווען עטלעכע יאָר אַ סטודענט פון דער „מערבקע", און אַוועק ערגעץ אויף אַן אַרבעט.

— באַשולדיקטער ראַשפּעס, איר דערקענט די פּרומקינאַ?

אַ שטומער ענטפער מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ אויף יאָ.

— איז פּרומקינאַ געווען אין דער שפּיאָנאַזש־נעץ?

אַ שאָקל מיטן קאָפּ אויף יאָ.

ס׳האָט מיך אונטערגעהויבן. ס׳פּאַלט אַ באַפעל פון פּאָלקאָווניק:

— ראַשפּעס, ענטפערט דײַטלעך! פּרומקינאַ איז געווען אין דער שפּיאָנאַזש־נעץ?

— יאָ...

כ׳בין אויפגעשפּרונגען מיט דער דעה אים אַראָפּצולאָזן אַ פּאַטש, נאָר ווי קאָן מען שלאָגן אַ געשלאָגענעם מענטש? ער האָט אַרויסגערופן בײַ מיר גרויס רחמנות, רעוואָלט און אויף עקל פאַר זײַן פּחדנות; כ׳האָב זיך נישט געקאָנט אײַנהאַלטן און געגעבן אַ שפּײַ אויף אים, אָבער גלײַך חרטה געהאַט. ווי אַ פײַל פון בויגן איז מיר דורכגעלאָפן אין קאָפּ דער אַלטער ייִדישער זאָג: אל תדון

את חברך עד שתגיע למקומו. כ׳בין נאָך נישט דורכגעגאַנגען דאָס, וואָס ער, אים צו משפּטן. כ׳האָב זיך געוואָנדן צו אים מיט אַ הילכיקער אָבער מילדערער שטימע:

— איר האָט געלאָזט זיך צווינגען צו זאָגן ליגן. ס׳איז אַן אומדערהערטער ליגן דאָס, וואָס איר האָט געזאָגט. נישט איר און נישט איך זענען געווען אין אַ שפּיאָנאַזש־נעץ. לייקנט אָפּ דעם ליגן!

דער זעץ מיט דער פויסט אין טיש איז דאָס מאָל געווען אַ שטאַרקערער:

— באַשולדיקטע פּרומקינאַ! איך רוף אײַך צו אָרדענונג! איר וואָגט אָנ־צורעדן אַן עדות קעגן אײַך? איר וועט אויך דערפֿאַר באַצאָלן!

ער האָט אָנגעדריקט אויפֿן קנעפּל. דער באַאַמטער איז אַרײַן. אוועקגענומען די קוקלע. די קוקלע האָט נאָך מער געהאַלטן דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן. כ׳האָב באַוויזן אויפֿצוכאַפּן ווי אַ גראָבער טראָפּן, וואָס האָט אַרויסגערונען פֿון אַן אונטערגעשלאָגענעם אויג, האָט זיך געקײַקלט איבער דער אויפֿגעשוואָלענער באַק. דער פֿאָלקאָוויק האָט זיך אָנגעבויגן איבערן בויגן און דאָס מאָל לענגער געשריבן. זײַן שטימע איז געוואָרן רויִקער.

— צום ענין שפּיאָנאַזש וועלן מיר זיך נאָך אומקערן, דערווײַל וועלן מיר דאָס לאָזן. זאָגט מיר איצט וואָסערע זענען געווען אײַערע פֿאַרבינדונגען מיטן רעכטן, אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק בוכאַרין־ריקאָוו?

— כ׳קען נישט, כ׳האָב קיינמאָל נישט געקענט אַזאַ בלאָק.

— איר האָט נישט געקענט דעם פֿאַררעטער בוכאַרין?

— איך קען נישט קיין פֿאַררעטער, איך קען בוכאַרינען.

— זינט ווען קענט איר דעם פֿאַררעטער בוכאַרין?

— איך קען בוכאַרינען זינט מער ווי אַ צענדליק יאָר.

— זינט וועלכן יאָר?

— איך געדענק נישט גענוי, אפשר זינט 1926, אפשר זינט 1927.

— אין וועלכן יאָר האָט איר דעם פֿאַררעטער בוכאַרין אַרײַנגעצויגן אין דער אויסטראַכטעניש, אַז אין אונדזער ראַטנלאַנד איז פֿאַראַן אַנטיסעמיטיזם?

— כ׳האָב בוכאַרינען נישט אַרײַנגעצויגן אין קיין שום אויסטראַכטעניש.

— איר האָט אײַך געוואָנדן צו אים און צו פּרעאָבראַזשענסקין וועגן אַ כּלומרשטן אַנטיסעמיטיזם אין ראַטנלאַנד, יאָ צי נישט?

— כ׳האָב זיך געוואָנדן צו זיי אויפֿן סמך פֿון קאָנקרעטע, אַנטיסעמיטישע אַרויסטריטן.

— האָט איר זיי יאָ אָדער נישט אָנגערעדט אַרויסצוטרעטן קעגן אַ כּלומרשטן

אַנטיסעמיטיזם? האָט דער פֿאַררעטער בוכאַרין יאָ אָדער נישט אויף אײַער עצה אויף אַ גרויסן אַרבעטער־מיטינג געטאַדלט אַ כלומרשטן אַנטיסעמיטיזם?

— יאָ, כ׳האָב בוכאַרינען דערציילט וועגן קאָנקרעטע אַנטיסעמיטישע אַרויסטריטן, וועגן דעם איז אויך געווען אין דער פּרעסע, נישט נאָר אין דער ייִדישער. כ׳האָב געבעטן בוכאַרינען ער זאָל רעאַגירן, דאָס זעלבע געבעטן פּראָאַבראַזשענסקין.

— ווער האָט אײַך דערציילט וועגן אַנטיסעמיטישע אַרויסטריטן? גיט אָן נעמען, נעמען!

— איך קען נישט קיין נעמען. ס׳איז נישט געווען קיין סוד. ס׳איז דערוועגן געווען אין דער פּרעסע. מ׳האָט דעמאָלט אומעטום גערעדט וועגן אַנטיסעמיטישע האַנדלונגען אין פֿאַרשידענע אַמטן, אויף אַרבעטס־ערטער. ווי קאָמוניסטן איז אונדזער חוב געווען צו רעאַגירן דערויף.

— אַנטיסעמיטישע האַנדלונגען אין סאָוויעטישע אַמטן? אויף אַרבעטס־ערטער? הייסט דאָס, איר זענט זיך מודה איצט אויסטראַכטן, אַז אין ראַטנפֿאַרבאַנד איז פֿאַראַן אַנטיסעמיטיזם.

— בירגער פֿאָלקאָווניק, כ׳בעט נישט איבערדרייען מײַנע ווערטער, כ׳האָב געזאָגט...

— איר וואָגט צו זאָגן, אַז אַ סאָוויעטישער פֿאָלקאָווניק דרייט איבער די ווערטער? איר זענט נישט נאָר אַ פֿאַררעטער, איר האָט אויך ייִדישע חוצפּה!

— פֿאָלקאָווניק, כ׳בעט צו פֿאַרנאָטירן מײַנע ענטפֿערס געגוי; כ׳בין זיך נישט מודה געווען אין האָבן אויסגעטראַכט, אַז ס׳איז געווען אַנטיסעמיטיזם, כ׳האָב גערעדט וועגן אַנטיסעמיטיזם אויפֿן סמך פֿון פֿאַקטן.

— איר האָט די פֿאַקטן אויסגעטראַכט!

— ניין, די פֿאַקטן האָבן עקזיסטירט, זיי עקזיסטירן אויך הײַנט, נאָך מער ווי פֿריִער, אַ באַווײַז דער איצטיקער פֿאַרהער דאָ.

ער האָט זיך אויפֿגעריסן פֿון אָרט, אָנגעהויבן זעצן מיט דער פּויסט אין טיש, ווי ער וואָלט מיר געוואָלט די ווערטער צוריק אַרײַנשטופּן אין האַלדז:

— שווײַגט! מיר וועלן אײַך אויסלערנען ווי אַזוי זיך אויפֿצופֿירן אין אַ סאָוויעטישן אַמט.

ער האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט און אָנגעהויבן פֿאַרנאָטירן. שרײַבנדיק האָט ער, זעט אויס, זיך אַ ביסל אָפּגעקילט, געכאַפּט אַ קוק אויפֿן האַנט־זייגער און ווײַטער צוגעטראָטן צום פֿאַרהער:

— מיר זיצן שוין דאָ כמעט פֿינף שעה און איר ווילט נישט ענטפֿערן אויף קיין שום פֿראַגן. איר לייקנט דאָס וואָס מיר ווייסן. איר פֿאַרערגערט אײַער לאַגע.

איך ווייס, אַז איר זענט אַ געלערנטע פּרוי; איר האָט אָבער אויסגעקליבן אַ שלעכטע טאַקטיק, ס׳איז אַ ייִדישע טאַקטיק: לייקענען, לייקענען און נאָך אַמאָל לייקענען. אַ זייער שלעכטע טאַקטיק. זי קאָן ברענגען בלויז גרויס שאָדן אײַך. ס׳איז שפּעט, ס׳וועט באַלד אָנהייבן טאָגן. כ׳וועל אײַך שטעלן קורצע, קאָנקרעטע פראַגן און פאַרלאַנג קאָנקרעטע ענטפערס. איר זענט פון 1921 ביז 1930 געווען דער קאָפּ פון דער ביוראָ פון די ייִד־סעקציעס, יאָ אָדער ניין?

— געווען.

— ווער איז געווען דער סעקרעטאַר?

— איר ווייסט דאָס אַליין.

— פאַרוואָס ענטפערט איר נישט אויף אַזאַ פראַגע?

— ווײַל איר ווייסט דאָס אַליין.

— איך פרעג נאָך אַמאָל: ווער איז געווען סעקרעטאַר?

— איר ווייסט דאָך, אַז טשעמעריסקי.

— צי ווייסט איר, אַז ער איז אַרעסטירט?

— כ׳ווייס.

— צי ווייסט איר פאַרוואָס?

— כ׳ווייס נישט.

— איר שטויסט זיך זיכער אָן.

— איך שטויס מיך נישט אָן.

— זאָגט מיר, זינט ווען און מיט וואָסערע מיטלען האָט די ביוראָ פון די ייִד־סעקציעס פאַרשפּרייט ייִדישן נאַציאָנאַליזם און ייִדישן שאָוויניזם?

— נישט איך און נישט די אַנדערע פון די ייִד־סעקציעס האָבן קיינמאָל נישט פאַרשפּרייט קיין ייִדישן נאַציאָנאַליזם און שאָוויניזם. פאַרקערט, אין אונדזער קאַמף קעגן ייִדישן נאַציאָנאַליזם זענען מיר דערגאַנגען ביז לעכערלעכקייט, אויב נישט באַנוצן זיך מיט אַן ערגערן אויסדרוק.

ער האָט אָנגעשטעלט אויף מיר די בייזע אויגן, געשטאָכן מיט זיי ווי מיט שפּיזן, זײַן סאַרקאַסטיש שמייכעלע איז געווען פול מיט חוזק:

— צי האָט איר יאָ אָדער נישט געשאַפן ייִדישע שולן, קלובן, פּראָפּאַגירט די זשאַרגאָנישע שפּראַך, אָפּגעריסן ייִדישע קינדער פון דער רוסישער שול, די יוגנט פון דער רוסישער שפּראַך?

— דאָס אַלץ האָט גאָרנישט צו טאָן מיט ייִדישן נאַציאָנאַליזם. מיר האָבן קיינמאָל די יוגנט נישט אָפּגעריסן פון דער רוסישער שפּראַך און קולטור. דאָס, וואָס מיר האָבן געטאָן איז געווען אין אײַנקלאַנג מיט דער סאָוועטישער פּאָליטיק בנוגע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן.

— איר האָט אויף אַלעמען אַ גלאַטיקן, פֿאַרטיקן ענטפֿער. אויך אין פֿאַר־שפּרייטן ייִדישן נאַציאָנאַליזם ווילט איר זיך נישט מודה זײַן, וואָס?

— ניין, טויזנט מאָל ניין! קיין שום נאַציאָנאַליזם נישט פֿאַרשפּרייט. פֿאַר־קערט, מיר האָבן אַלץ דערווײַטערט פֿון יעטוועדן ייִדיש־נאַציאָנאַלן אינהאַלט, זיגלאָז אָפּגעווישט...

כ׳האָב זיך ווידער פֿאַרגאַלאָפּירט. כ׳בין געווען דערשעפּט, אויפֿגעטרײַסלט; ס׳האָבן זיך אַראָפּגעגליטשט פֿון צונג צוויי ווערטער. ער האָט מיך ווידער דורכגע־שטאָכן מיט די שפּיזיקע אויגן, אונטערגעיאָגט:

— דערזאָגט, וואָס איר האָט געוואָלט זאָגן, דערזאָגט.

כ׳האָב געשוויגן, פֿאַרגעוואָרפֿן זיך שטילערהייט מײַן אומפּאַרזיכטיקייט. ווי אַ נישט־דערפֿאַרענער אַקראָבאַט, וואָס גייט אויף אַ ליניע אין דער לופֿטן, דאַרף מען זיך היטן נישט צו מאַכן קיין אומגייטיקע באַוועגונג. בײַ יעטוועדער אומ־פּאַרזיכטיקייט קאָנסטו ברעכן האַלדז און נאַקן. ער האָט געוואַרט איך זאָל „דערזאָגן". כ׳האָב פֿאַרביסן ווײַטער געשוויגן. כ׳האָב פֿאַרריסן דעם קאָפּ. ס׳איז אַ סגולה נישט אײַנצושלאָפֿן. נישט אַראָפּצופֿאַלן פֿון דער טאַבורעטקע פֿון דערשעפּונג.

— פֿײַן, פֿײַן, די שטאָלצע דאַמע באַוויליקט נישט צו ענטפֿערן קאָרעקט אויף קיין איין פֿראַגע. אפֿשר ווייסט איר וועגן אַזאַ זאַך וואָס מ׳האָט גערופֿן קרימער פּראָיעקט?

— יאָ, כ׳ווייס וואָס ס׳איז געווען דער קרימער פּראָיעקט.

— צי זענט איר געווען פֿאַרן קרימער פּראָיעקט?

— אַזוי לאַנג ווי אונדזער רעגירונג איז געווען פֿאַרן קרימער פּראָיעקט, בין איך אויך געווען פֿאַר אים. ווען די רעגירונג האָט אויפֿגעגעבן דעם פּלאַן צו באַזעצן ייִדן אויף ערד אין קרים, האָבן מיר אויך אויפֿגעגעבן.

— צי ווייסט איר פֿאַרוואָס די רעגירונג האָט אויפֿגעגעבן דעם פּלאַן?

— כ׳בין נישט געווען קיין רעגירונגס־מענטש, כ׳קען נישט די רעגירונגס־סודות.

— אײַערע סודות קענט איר זיכער יאָ. איר האָט זיכער נישט פֿאַרגעסן וועגן אײַער פּלאַן אָפּצורײַסן קרים פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד און אָנצושליסן אַ ייִדישע, קרימער רעפּובליק אין אַן אימפּעריאַליסטישער מלוכה.

ס׳האָט מיך אויפֿגעטרייסלט. כ׳בין אויפֿגעשטאַנען און אויסגערופֿן נישט מיט מײַן קול:

— איך פּראָטעסטיר קעגן אַזעלכע בילבולים! ס׳איז ערגער ווי ליגנט, ס׳איז טיפּשות!

ער האָט ווי זײַן שטייגער אַ זעץ געטאָן מיט דער האַנט אין טיש, רויט געוואָרן ווי אַ בוראַק און זיך צעשריִען מיט אַ גאָרגלדיק קול:

— שוויַיגט, יידישע חוצפּהניצע! מיר וועלן אײַך אויסלערנען זיך אויפפירן אין אַ סאָוויעטישן אַמט. איר מיינט מיר וועלן זיך צאַצקען מיט אײַך? נישט געגנוג וואָס איר לייקנט שטיין און ביין, פירט איר זיך אויף חוצפּהדיק, באַליידיקט די סאָוויעטישע מאַכט.

ער האָט דאָס געזאָגט מיט שוים אויף די ליפּן. די מיט־בלוט־פאַרלאָפענע אויגן האָבן געשפּריצט מיט שינאה. ס'האָט זיך מיר געדוכט אַט־אַט שפּרינגט ער צו צו מיר און דערלאַנגט קלעפּ. כ'האָב מיך צוריק געזעצט אויף דער טאַבורעטקע. אויב וועט ער שלאָגן, זאָל ער זיך אַראָפּבייגן צו מיר. ער האָט אָבער איינגעגראָבן דעם קאָפּ אינעם בויגן פּאַפּיר אויף וועלכן ס'זענען, זעט אויס, געווען אויסגערעכנט מײַנע „פאַרברעכנס”, געפירט מיט די אויגן, ווי ער וואָלט נאָך עפּעס געזוכט. ס'האָט געדויערט. דער קאָפּ איז געוואָרן בײַ מיר שווער ווי איינצושלאָפן. ווי גיך ער האָט זיך ווידער געוואַנדן צו מיר, בין איך געוואָרן וואַכזאַם. ס'האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט שוין אויך שטאַרק מיד געווען. זײַן האַרטע, שטרענגע שטימע האָט אַראָפּגענידערט:

— אפשר וועט איר באַוויליקן צו ענטפערן אויף אַזאַ פראַגע: ווער איז דאָס געווען דער הירש לעקערט וועגן וועלכן איר האָט געהאַט געשריבן אַרטיקלען, אָנגעשריבן אַ בראָשור מיט לויבגעזאַנגען?

— הירש לעקערט איז געווען אַ יונגער רעוואָלוציאָנער. ער האָט אין ווילנע געשאָסן אויפן צאַרישן גובערנאַטאָר פאָן וואַהל, ווייל יענער האָט באַפוילן צו שמײַסן אַרבעטער פאַרן דעמאָנסטרירן דעם ערשטן מאַי אין 1902. אַ צאַרישער געריכט האָט לעקערטן פאַרמשפּט צום טויט, מ'האָט אים אויפגעהאַנגען. ער איז געוואָרן דער סימבאָל פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף.

ער האָט אויפסנײַ איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין בויגן פּאַפּיר. ס'האָט זיך מיר דערמאָנט, אַז די בראָשור האָב איך אָנגעשריבן אין 1922, צו לעקערטס צוואַנציקסטער יאָרצײַט. כ'בין געהאַט געפאָרן קיין ווילנע, אָפּגעזוכט דאָס אָרט, ווו מ'האָט לעקערטן אויפגעהאַנגען. קיין סימן פון אַ קבר איז אין ערגעץ נישט פאַרבליבן. די צאַרישע סאַטראַפּן האָבן אויסגעגלײַכט די ערד ס'זאָל קיין סימן נישט בלײַבן. ס'האָט זיך מיר אויך דערמאָנט, אַז אַלס מאָטאָ צו דער בראָשור האָב איך געגעבן אַ סטראָפע פון אַן אַלט, רעוואָלוציאָנער פאָלקסליד: „...און ווען מען וועט אין פּנים / געבן דיר אַ שפּײַ / זאָלסט נישט שוויַיגן דײַנע שונאים / שפּײַ צוריק מיט בלײַ...” איצט שפּײַט מיר אין פּנים אַ שונא, אַלץ וואָס כ'קאָן טאָן איז צוריק

שפּײַען אין פּנים אים, אויפדעקן די שקרים. ער האָט מיר איבערגעריסן די טראַכטענישן:

— ער איז געווען אַ מיטגליד אין „בונד", דער דאָזיקער הירש לעקערט, נישט אמת? וואָס איז ער געווען, אַ געשעפטסמאַן? אַ רײַכער אַדוואָקאַט? אַ זון פון דער פּלוטאָקראַטיע?

כ'האָב געפילט ווי איך ווער בלאַס פון צער און צאָרן, כ'האָב זיך קוים אײַנגעהאַלטן נישט אַרויסצופּלאַצן, באַמיט מיך צו ענטפערן רויִק:

— הירש לעקערט איז געווען אַן אָרעמער שוסטער־אַרבעטער, אַ צוואָנציק יאָריקער אַרבעטער, אַ זון פון אָרעמע מענטשן.

— איר האָט נישט געענטפערט אויף דער ערשטער פראַגע. ער האָט געהערט צום „בונד", דער לעקערט, נישט אמת?

— ער האָט געהערט צום „בונד".

— איר האָט דעמאָלט אויך געהערט צום „בונד", כ'מיין, ווען איר האָט געשריבן די בראָשור?

— כ'האָב שוין דערויף געענטפערט. זינט מערץ 1921 האָב איך געהערט צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

— אויב איר האָט געהערט צו דער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, ווי קומט עס וואָס איר האָט דעמאָלט, אין 1922, געשריבן מיט אַזוי פיל שבחים וועגן אַ בונדיסט?

— כ'האָב געשריבן וועגן אַ רעוואָלוציאָנער. ער האָט אָפּגעגעבן זײַן לעבן פאַרן אַרבעטער־קלאַס, פאַר דער רעוואָלוציע.

ער האָט געקוקט אויף מיר אַ ווײַז, אַ מיט אַ מינע פון טריומף. אָט האָט ער מיך געכאַפּט בײַ דער האַנט, בײַ אַן אויסבאַהאַלטענעם פאַרברעכן. דאָס קאָן איך נישט אָפּלייקענען, ער האָט ערגעץ מײַנע אַלע שריפטן. ס'איז פאַראַן שוואַרץ אויף ווײַס: כ'האָב געשריבן וועגן אַ בונדיסט מיט גרויסע שבחים בעת איך בין שוין געווען אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. כ'האָב זיך גערעכט אויף אַנדערע, ענלעכע פראַגן, אָבער אויך ער, זעט אויס, איז שוין געווען פאַר־מאַטערט נאָך אַזוי פיל שעהען, כאָטש נאָך דער ווילסטער אַרבעט וועט ער זיך, נישט ווי איך, אַרײַנלייגן אין אַ וואַרעמען ריינעם בעט. ער האָט מיר דערלאַנגט דעם פאַרענדיקטן פּראָטאָקאָל:

— לייענט שנעל דורך און שרײַבט אונטער.

איידער כ'האָב זיך גענומען לייענען פון אָנהייב האָב איך איבערגעמישט די בויגנס צו זען ווי גרויס דאָס איז. אַ געוווינהייט בײַ מיר צו כאַפּן אין אַ מאַנוסקריפּט אַ שלונג דאָ, דאָרט. ס'זענען מיר גלײַך אַ שפּרונג געטאָן צו די

אויגן אייניקע זאַצן: „כ׳האָב געשריבן וועגן לעקערטן דעם בונדיסט ווײַל ער האָט מיר אויסגעזען צו זײַן אַ רעוואָלוציאָנער״; „כ׳האָב געקענט דעם פאַררעטער בוכאַרין זינט דעם יאָר 1926״. כ׳האָב דאָך אָנגעהויבן לייענען פון אָנהייב, ווײַט נישט דערלייענט און צוריק געגעבן:

— כ׳וועל דאָס נישט אונטערשרײַבן. כ׳האָב קיין איין מאָל נישט געזאָגט, אַז כ׳האָב געקענט דעם פאַררעטער בוכאַרין, נאָר בוכאַרינען; כ׳האָב נישט געזאָגט, כ׳האָב נישט געזאָגט... כ׳וועל דאָס נישט אונטערשרײַבן!

— וועט איר איצט נישט אונטערשרײַבן, וועט איר מאָרגן זיך בעטן אונטערצושרײַבן. מיר וועלן אײַך אויסלערנען ווי אַזוי זיך צו פירן אין אַ סאָוויעטישן אַמט. איר פירט זיך ווי איר וואָלט געווען אויף אַ ייִדישער סכאָדקע פון פאַררעטער.

— איך פּראָטעסטיר קעגן אַזעלכע רייד. כ׳בין קיינמאָל אויף קיין סכאָדקע פון פאַררעטער נישט געווען.

— שרייבט אונטער אויב איר ווילט נישט מ׳זאָל אײַך לאָזן פוילן אין קאַרצער.

— כ׳וועל נישט אונטערשרײַבן.

ער האָט אָנגעדריקט אויף אַ קנעפּל. ס׳האָט זיך באַוויזן דער זעלבער סאָלדאַט, וואָס האָט מיך אַהערגעבראַכט. דער פּאָלקאָווניק האָט מיט צײַן־קריצעניש אויסגעסיקעט:

— פירט זי אָפּ!

אין מוח איז מיר דורכגעלאָפן אַ געדאַנק: קאַרצער. אין דמיון זענען מיר אויפגעקומען די קאַרצערס פון די צאַרישע צײַטן וועגן וועלכע כ׳האָב אַזוי פיל געלייענט. די הײַנטיקע קאַרצערס האָב איך נאָך נישט געקענט. ווען כ׳האָב פאַרלאָזט דעם פּאָלקאָווניק זענען מיר אין זכרון אויך אויפגעקומען דאָסטאָיעווסקיס ווערטער פון די „זכרונות פון טויטן הויז״. ס׳האָט זיך פאַרגעדענקט אומגעפער אַזאַ פראַזע: „טיראַניע ווערט אַ געוווינהייט, אַנטוויקלענדיק זיך קאָן זי ווערן אַ קראַנקייט. דער בעסטער מענטש איז מסוגל, אויב ער געוווינט זיך צו צו רציחה, פאַרוואַנדלט צו ווערן אין אַ ווילדער חיה. בלוט פונקט ווי מאַכט פאַרשיכּורט. בײַ אַ מענטשן, וואָס פאַרוואַנדלט זיך אין אַ טיראַן, איז שווער ס׳זאָל זיך אויפוועקן חרטה, געוויסן. אַ ווידערגעבורט בײַ אַזאַ מענטש איז כמעט אוממעגלעך״. כ׳האָב די „זכרונות פון טויטן הויז״ געהאַט געלייענט צוויי מאָל. כ׳האָב דאָסטאָיעווסקין דעם מענטש נישט ליב געהאַט, געהאַלטן נאָר פונעם שרײַבער, פון זײַן טאַלאַנט. אָבער די איצט־ציטירטע, פאַרגעדענקטע ווערטער האָבן מיר אַמאָל אויסגעזען ווי שפּראָצן פון שרײַבערס קראַנקער פאַנטאַזיע. איך האָב יאָ געגלייבט

אין ווידערגעבורט פֿון ערגסטן מענטש. איך האָב נישט געגלייבט, אַז אַ נאַר־מאַלער מענטש זאָל זיך קאָנען צוגעווינען צו רציחה, זאָל קאָנען פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַ ווילדער חיה. הײַנט הייב איך אָן צו גלייבן, אַז דאָסטאָיעווסקי איז אַפֿנים גערעכט געווען.

פֿאַרזונקען אין מײַנע טראַכטענישן האָב איך נישט באַמערקט מיט וועלכן וועג דער סאָלדאַט פֿירט מיך. נישט צו קיין קאַרצער האָט ער מיך געבראַכט, נאָר צו מײַן קאַמער. ערשט דאָ האָב איך דערפֿילט די דערשעפּונג, די ברעכעניש אין די ביינער, די דרייעניש אין די געדערים, דעם פֿאַרשטאַרקטן רויש אין קאָפּ. דורכן הויכן פֿענצטערל האָט אַרײַנגעקוקט דער גרוי פֿון פֿרימאָרגן. כ׳האָב זיך דאָך געוואָרפֿן אַזוי ווי איך שטיי און גיי אויפֿן בעטל. כ׳ווייס נישט צי כ׳בין אײַנגעשלאָפֿן מיט אַ האַרטן שלאָף, צי כ׳בין פֿאַרחלשט געוואָרן. אַזוי ווי דורכן שלאָף האָב איך געהערט ווי מען באָמבאַרדירט מײַן קאַמער, ווי מ׳רײַסט פֿון מיר שטיקער. אַ שווערע האַנט, אַ סיקעניש האָבן מיך אַרויסגעריסן פֿון דער אײַנזינקעניש. ס׳איז געשטאַנען לעבן מיר די וועכטערין, זי האָט מיך געוועקט. כ׳האָב נישט געהערט איר באַפֿעל דורכן „אויגל״.

— ס׳איז גרויסער טאָג און איר אויפֿן בעט; שנעל, שנעל אַראָפּ!

כ׳האָב זיך געוואַקלט אויף די פֿיס, דערזען מײַן „פֿרישטיק״, אויסגעטרונקען מיט איין שלונג דאָס שוואַרצע וואַסער, צומאָל פֿאַרגעסן אַרײַנצוטאָן דאָס שטיקל צוקער, זיך אַוועקגעזעצט אויפֿן דיל, מיט דער פּלייצע אָנגעשפּאַרט אין דער בעטאָנענער, קאַלטער וואַנט און ווידער אַרײַנגעפֿאַלן אין אָנמאַכטיקייט. כ׳האָב דעם גאַנצן טאָג כמעט נישט געגעסן. כ׳בין געווען אויסגעליידיקט פֿון די כוחות, אַן אָנמעכטיקע צו נעמען דעם לעפֿל אין האַנט און צוטראָגן צום מויל. אויך דעם הונגער נישט געפֿילט יענעם טאָג. איין באַגער געהאַט: ס׳זאָל קומען דער אָוונט, אַרײַנקריכן אונטער דער דעק און שלאָפֿן, שלאָפֿן. ווען ס׳איז געקומען די שעה, האָב איך מיך געלייגט אין אָנטועכץ. ווען האָט מען מיך אויפֿגעוועקט? מסתמא אין דער זעלבער שעה וואָס די פֿאָריקע נאַכט. דער זעלבער סאָלדאַט. גערעכט זיך אָנצוקומען צום זעלבן פּאָלקאָווניק און דאָ אַ סורפּריז: אַן אַנדער צימער. אַן אַנדערער פֿונקציאָנאַר פֿאַר אַ ביוראָ־טיש. אויך אַ פּאָלקאָווניק. אַ ביסל אַן עלטערער פֿון פֿריערדיקן; אַ ברייטפּלייציקער, שיטערע האָר אַרום קײַלעכדיקן פּליך אויפֿן קאָפּ, אַ פֿול, אָנגעפּאַקט פּנים. פֿאַר אים, אויפֿן טיש אַ פּעקל פֿאַרשריבענע בויגנס.

— זעצט אײַך, איר זענט זיכער מיד, נישט אויסגעשלאָפֿן. מיר וועלן דאָס מאַכן שנעל, איר זאָלט קאָנען צוריקגיין שלאָפֿן.

ס׳ווילט זיך נישט גלייבן. צי האָבן דאָס מײַנע אויערן געהערט? ער רעדט

העפלעך, זאָגט צו צו מאַכן שנעל, איך זאָל קאָנען צוריקגיין זיך לייגן שלאָפן. איך דערזע אָבער זייער גיך, אַז ער איז אַזאַ פרומע קאַץ, וואָס וויל דערשטיקן אַן צו פאַרגיסן בלוט.

— ס'איז נישט נייטיק צו זיצן דאָ אַ גאַנצע נאַכט; ס'איז אָפּהענגיק בלויז פון אײַער גוטן ווילן. איר קאָנט אונדז צוהעלפן.

איך שווײַג. ער קוקט אַרײַן אין די פּאַפּירן, פירט שנעל מיט די אויגן איבער די שורות און הייבט אָן צו שטעלן די זעלבע פראַגן נאָר אויף אַן אַנדער אופן.

— כ'האָב שוין געענטפערט דערויף.

— ניין, איר האָט נישט געענטפערט ווי ס'באַדאַרף צו זײַן. מיר ווילן האָבן קלאָרע ענטפערס, ס'וועט אַ סך פאַרלײַכטערן אייער „דיעלאָ". ס'קאָן פאַרקלע־נערן אײַער „סראָק".

ס'האָט ווידער געדויערט שעהען־לאַנג. מיט דער פּויסט אין טיש האָט דער נײַער פּאָלקאָווניק נישט געזעצט, נאָר פאַרויסגעזאָגט שווערע קאָנסעקווענצן אויב איך וועל ווײַטער אויסבאַהאַלטן דעם „אמת", נישט מודה זײַן זיך, נישט ענטפערן אַזוי ווי ס'פּאַדערט זיך. ס'זענען צוגעקומען נײַע פראַגן וועגן חברים מיט וועלכע כ'האָב געאַרבעט. ווער איז דער? ווער איז יענער? וואָסערע פאַרבינדונגען האָבן זיי געהאַט? ניין, דער נײַער, „סימפּאַטישער" פּאָלקאָווניק איז אויך נישט צופרידן פון מיר. כ'האָב אויך דאָס מאָל דעם פּראָטאָקאָל נישט אונטערגעשריבן.

פּופצן אָדער זעכצן נעכט. איין נאַכט נאָך דער אַנדערער, האָט מען מיך געוועקט, געפירט צו די „דאָפּראָסן", וואָס האָבן געדויערט אָפּטמאָל ביז פאַרטאָג, טיילמאָל ביז פרימאָרגן. צי קאָן זײַן אַ מער ראַפינירטע רישעות ווי אַוועקנעמען פּלאַנמעסיק בײַ מענטשן דעם שלאָף? אין מיטלאַלטער האָט די אינקוויזיציע בעתן אויספאַרשן די „הערעטיקער", די פאַרדעכטיקע צו האָבן פאַרבינדונגען מיטן טײַוול, אויך אָנגעוואַנדן דאָס מיטל פון אַוועקנעמען דעם שלאָף. פאַראַן אַ השערה, אַז ווען די אינקוויזיציע האָט אין 1633 געהאַלטן אין אירע קעלערן אויפן פאַרהער גאַלילײַ, האָט זי לגבי דעם זקן, צוזאַמען מיט אַנדערע רציחותדיקע מעטאָדן, אָנגעוואַנדן דאָס זעלבע מיטל. דער שטאָלצער, איבערצײַגטער מענטש פון ווי־סנשאַפט, אַן איינזאַמער, אין אַנבליק פון אַ גרוי־זאַמער מאַכט, אַ באַרויבטער פון שלאָף, האָט נישט אויסגעהאַלטן. דער זקן האָט אין אַ לײַוונטענעם העמד, אויף די קני אָפּגעלייקנט זײַן „הערעזיע"; דערנאָך, בלויז עטלעכע יאָר, אַ בלינדער וועגעטירט גיכער ווי געלעבט אין איינזאַמקייט. טראַכטנדיק דערוועגן האָב איך אויפסנײַ חרטה געהאַט אויפן שפּיי אין פּנים, וואָס כ'האָב געגעבן ראַשפּעסן פאַר זײַן מודה זײַן זיך צו נישט באַגאַנגענע פאַרברעכנס.

דער פיזישער און מאָראַלישער כוח פונעם מענטש האָט אַ געוויסע גרענעץ. אַ פּאַראַיינזאַמטער אין זײַנע פיזישע און מאָראַלישע יסורים און אין אָנבליק פון דערנידערונג, שינאה, שרעק, פון ברוטאַלן צוואַנג קאָן דער שטאַרקסטער מענטש זיך פאַרוואַנדלען אין אַ שטויבעלע, זיך פאַרלירן.

אין יענע לאַנגע נעכט בעת די „דאַפּראָסן״ האָט זיך מיר טיילמאָל געדוכט איך ווער „צעשטויבט״. טיילמאָל האָב איך געהאַט דעם איינדרוק איך ווער דול. אַט רײַס איך מיך אויף און באַפאַל מיט די לעצטע כוחות דעם פאַלקאָווניק און זאָל עס נעמען אַ סוף, אַן עק. אַן עקשנותדיקער ווילן האָט מיך געהאַלטן אויף דער וואַך. כ׳האָב געקעמפט מיט זיך, געקנײַפּט זיך די הענט, נישט אײַנצושלאָפן. אין אַ דרימל קאָן איך פאַרלירן די וואַכזאַמקייט און ענטפערן אַזוי ווי דער פאַלקאָווניק פאַרלאַנגט. אויך דער גרויסער אָנשטרענג זיך צו האַלטן אויף דער וואַך האָט אויסגעצאַפּט פון מיר די כוחות. כ׳בין אַוועקגעפאַלן. ס׳איז געווען נאָך אַ סך שעהען. כ׳בין געזעסן אויף דער טאַבורעטקע פאַרן פאַלקאָווניק, געהאַט שוין אויפסנײַ איבערגעחזרט אַלע ענטפערס ווי בײַם אָנהייב; דער פאַלקאָווניק האָט אַ שטרענגערער, ווי שטענדיק נאָכן פאַרענדיקן דעם פאַרהער, געהאַלטן אין פאַרשרײַבן ווי אַלץ אַרום מיר האָט זיך אָנגעהויבן דרייען אין אַ קאַראַהאָד. דאָס צימער, דער פאַלקאָווניק זענען צעשוווּמען געוואָרן. כ׳האָב דערהערט ווי דער סופיט איבער מיר שפּאַלט זיך, דער דאַך איז מיט אַ טראַסק אַראָפּגעפאַלן אויף מיר. כ׳בין צעשטויבט, צענישט געוואָרן.

כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט אין מײַן קאַמער. אַ נאַסע, אַ ציטערנדיקע פון קעלט, מיט אַ שטאַרקן ווייטיק אין די ביינער, אין גאַנצן קערפּער. כ׳האָב זיך דערוווּסט, אַז כ׳האָב געחלשט, אַראָפּגעפאַלן פון דער טאַבורעטקע. צוויי סאָלדאַטן האָבן מיך געבראַכט צו שלעפּן אין מײַן קאַמער. מ׳האָט מיך אויפגעמינטערט מיט קאַלט וואַסער. יענעם טאָג האָט מען מיר דערלויבט צו בלײַבן אויפן בעטל ביז מ׳האָט געבראַכט דעם „מיטאָג״. אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען מיך ווידער אויפגעוועקט בײַנאַכט, אונטערצושרײַבן דעם פּראָטאָקאָל. כ׳האָב נישט אונטער־געשריבן. כ׳בין אָפּגעקומען בלויז מיט דראָונגען. מסתמא האָט מײַן פיזישער צושטאַנד, מײַן אויסזען זיי געצוווּנגען מיך אַ ביסל צו „שוינען״. מ׳דאַרף אַ מענטש נישט לאָזן שטאַרבן בעת דער אויספאָרשונג, ער איז נאָך בייטיק. דעריבער מסתמא ווערט נישט דערלאָזט ס׳זאָל דערגיין צו אַ זעלבסטמאָרד, וואָס ווערט באַטראַכט פאַר אַ קאָנטררעוואָלוציאָנערן אַקט...

די טעג, די נעכט אין לוביאַנקאַ האָבן זיך ווײַטער געשלעפּט אומענדלעך. אין איזאָלירטקייט שטעלט זיך פולשטענדיק אָפּ די צײַט. דאָס פּײַנלעכסטע — די טויטע שטילקייט. איר האָט שוין געהערט אַ שטילקייט זאָל שרײַען? אין אַן

איזאָלירט, זיַיטיק קעמערל שריַיט די פאַרשטאַרטע שטילקייט מיט באַנומענע, ווילדע קולות. זי צעלעכערט דעם מוח. כ׳בין געווען אָפּגעשוואַכט פון די נישט־דורכגעשלאָפענע נעכט, פון די אויסמאַטערנדיקע פאַרהערן, פונעם הונגער. ס׳האָבן זיך באַוויזן די ערשטע סימנים פון געשווילעכץ אויף די פיס. מיַינע פיס זענען געוואָרן שווער ווי קלעצער, אָפּגעוווינט פון באַוועגונג. כ׳האָב דאָך פון מאָל צו מאָל אָנגעהויבן זיך דרייען ווי אַ געפאַנגענע חיה אין אַ שטיַיג, געפּרווט קלאַפּן מיט די פיס צו פאַרטומלען דעם אויסטערלישן, שטומען געשריי פון דער בית־עולמדיקער שטילקייט אין מיַין קעמערל. ווי לאַנג בין איך געזעסן אין דער לוביאַנקער שטיַיג? כ׳האָב נישט געהאַט נישט קיין זייגער, נישט קיין קאַלענדאַר. מיר האָט זיך געדוכט איך זיץ שוין יאָרן־לאַנג אין דער „אָדינאָטשקע״. כ׳האָב זיך אין גיכן אַרומגעזען, אַז בלויז אַ פיר חדשים. אַריַין אַהער אין רעכטן ווינטער, אין יאַנואַר. דורכן פענצטערל הייבט אָן אַריַינקוקן דער פרילינג. נישט די זון. די זון שיקט אַהער קיינמאָל נישט אַריַין דעם מינדסטן שטראַל. די שויב איז אָבער נישט פאַרקאָוועט מיט פראָסט. כ׳האָב מיך אַרויפגעשטעלט אויף דער טאַבורעטקע, פאַרריסן דעם קאָפּ און דערזען אַ שטיקל אויסגעליַיטערטן הימל. אַ פאַרבלאָנקעט שוועלבעלע האָט דערנאָך אָנגעקלאַפּט אין שויב צווישן די קראַטעס, עטלעכע מאָל אַ קלאַפּ געטאָן מיטן שנאָבעלע און אַנטלאָפן ווי מיַין שטיַיג וואָלט זי אָפּגעשראָקן.

✶

...ס׳איז שיִער נישט געשען אַן אומגליק. ס׳האָט ווייניק געפעלט כ׳זאָל אַריַינפאַלן. מיַין עמפּינדלעך אויער האָט מיך מציל געווען. היַינט אָנגעהויבן שריַיבן פריִער ווי געוויינלעך. אינדערפרי געהאַט בלויז אַן אָנדערהאַלבן שעה אַרבעט אין קאַנטאָר. וואַסילי האָט ווייניק וואָס געהאַט פאַר מיר צו טאָן. געוויינלעך שמעקט קיינער נישט אַריַין אין די שעהען אין מיַין באַראַק. אַנדראָנאָוואַ די לאַמע, אָדער די לאָמע ווי מיר רופן זי טיילמאָל אין פאַרקירצונג, מאַכט שטענדיק די אינספּעקציע איבער די באַראַקן אין די פריִע פרימאָרגן־שעהען. זינט איך געפין מיך דאָ איז נאָך נישט געשען זי זאָל אינדערפרי אַריַינפאַלן נישט אין „אירע״ שעהען. זי איז אַ פּינקטלעכע, אַן אָרגאַניזירטע, די אַנדראָנאָוואַ. זי איז די הויפּט־באַלעבאַסטע פון דעם פרויען־לאַגער. איבער זיך האָט זי אַ באַלעבאַס, אַ שטרענגן משגיח, דעם קאָמענדאַנט פון נאָענסטן מענער־לאַגער. זי דינט אים מיט גרויס אונטערטעניקייט, אָבער דאָ, אויפן אָרט, איז זי הויפּט־באַלעבאָסטע. פון ערשטן קוק אויף איר נעמט איַיך אָן אַ שרעק. נישט זי זאָל גרייט זיַין באַלד עמעצן צו באַפאַלן, נאָר פון איר אויסזען. פּשוט אומאָנ־

געגעם צו קוקן אויף איר. אַ הויכע, אַ דאַרע, מיט אַן איַינגעבויגענער פּלייצע, אַ פּלאַכן בוזעם און אַ ביסל אַן אַרויסשטאַרצנדיקן בויך. איין פוס איז ביַי איר אַ ביסל אַ קירצערער צוליב וואָס זי לאָמט צו. דאָס שטערט איר נישט צו גיין שנעל, צו זיַין שטענדיק אין באַוועגונג, נאָר גייענדיק הוידעט זי זיך קאָמיש. מען דערהערט איר גאַנג פון דער וויַיטנס וואָס אַלאַרמירט אונדז. דאָס אַלץ איז גאָרנישט אַנטקעגן איר פּנים. אַ פּנים — אַ שטראָף פון גאָט. די באַקן ביז אַרויף געשטופּלט, צייכנס פון אַמאָליקע פּאָקן, אַ מויל אַ ברייטס, די אונטערשטע ליפּ אַ גראָבע, ציין לאַנגע, אויגן קיילעכדיקע ווי ביַי אַ סאָווע, דער שטערן אַ שמאָלער, די שיטערע, שטרויענע האָר פאַרנומען אין אַ קליין גרעקל.

ווי אַלט איז זי, די אַנדראַנאַוואַ ? דאָס פּנים, די געשטאַלט זאָגן דאָס נישט אויס. זי אויך נישט. אַפילו דעם דאָקטער, צו וועלכן זי קומט אַן פון ציַיט צו ציַיט, זאָגט זי נישט אויס איר אמתע עלטער. מ׳איז זיך משער, אַז זי איז צווישן 40—50. ווען איך קוק אויף איר, נעמט מיר אָן אַ רחמנות אויף איר פאַר איר אויסזען. דער דאָקטער זאָגט אָבער, אַז זי איז געזונט און שטאַרק ווי אַ פערד. פאַרוואָס זי וויל נישט מ׳זאָל וויסן איר עלטער איז אַ סוד. מ׳ווייסט אָבער, אַז אַלס יונג מיידל האָט זי געטראָגן אַ ביקס אויף דער פּלייצע און אַ סאַניטאַרן־קעסטעלע, פאַרוואָרפן פאַרגט אויפן ברוסטקאַסטן, באַדינט דערמיט די רויטאַר־מייער, וואָס האָבן זיך געשלאָגן קעגן דעניקינס באַנדעס ; זיך אויסגעלערנט אַן איַיזערנע, מיליטערישע דיסציפּלין, דערנאָך אויסגעפּירט אין דער פּאַרטיי אַלץ ווי אַ סאָלדאַט. פאַר אירע פאַרדינסטן, פאַר איר דיסציפּליגירטקייט איז זי שפּעטער עולה לגדולה געוואָרן אַנצופירן מיט אַ לאַגער.

מ׳זאָגט, אַז אַ בעל־מום איז פון דער נאַטור אַ פאַרביטערטער, שלעכטער מענטש. כ׳וואָלט דאָס נישט געזאָגט וועגן דער אַנדראַנאַוואַ, בפרט אין פאַרגלייך מיט אַנדערע לאַגער־ און תפיסה־אויפזעער. איז זי אַ גוטע ? אַ באַרעמהאַרציקע ? אויך נישט. זי איז אַ פּאַרטייאיש־דיסציפּלינירטע אין אַלע טיילעכלעך פון איר וועזן. דער בלינדער גלויבן אין דער ריכטיקייט פון אַלץ, וואָס די פּאַרטיי טוט, די איַיזערנע דיסציפּלין, האָבן אָפּגעטעמפּט די מענטשלעכע געפילן, יעדן טראָפּן רחמנות. זי האָט אין איר רשות געוויסע רפואות פאַר די לאַגער־אויפזעער. מעג אַן אַרעסטאַנטקע שטאַרבן פאַר אירע אויגן, ווי דאָס איז שוין נישט איין מאָל געשען, וועט דער דאָקטער נישט פועלן אַרויסצובאַקומען אַ רפואה צו ראַטעווען דעם מענטש, כאָטש פאַרן דאָקטער האָט זי אַ געוויסע אַכטונג ; הגם אַ לאַגערניק, פאָרט אַ מענטש מיט אַ טיטל. אָבער געבן אים אַ טיַיערע רפואה פאַר אַ פאַר־מישפּעטן, אַ לאַגערניק ? דאָס טאָר זי נישט. די פּאַרטיי־דיסציפּלין דערלויבט נישט. אַ זעק, בפרט אַ פּאָליטישער איז אַ מענטש, וואָס איז באַגאַנגען אַ פאַרברעכן

קעגן דער פּאַרטיי. ער דאַרף באַצאָלן פאַר זײַן פאַרברעכן. דאַקעגן דאַרף מען אים געבן, וואָס אים קומט, מ׳שטיינס געזאָגט. די אַנדראַנאָוואָ היט שטרענג צו אין מאַגאַזין, אין קיך, די גישטיקע שפּײַזן זאָלן ערלעך פאַרטיילט ווערן, זיי זאָלן נישט צעגנבעט ווערן פון די קוכערס און פאַרטיילערס, וואָס האָבן זי דער־פאַר פײַנט בתכלית השינאה. די „אַביסקן״ אין די באַראַקן פירט זי דורך רעגולער אין באַשטימטע שעהען. נישטאָ קיין סורפּריזן. הײַנט איז געווען אַן אויסנאַם. מסתמא גאַנץ פרי געוועזן בײַם הויפּט־קאָמענדאַנט. ווען כ׳האָב דער־הערט גיין, האָב איך אויף גיך אַרײַנגערוקט די בייגעלעך פּאַפּיר מיטן בלײַפעדער אין בוזעם.

— וואָס זיצט איר בײַם טישל ווי אַ הון אויף די אייער?

— וואָס דען האָב איך צו טאָן? וואַסילי האָט הײַנט וויניק אַרבעט געהאַט פאַר מיר.

— וואַסילי וואָלט אַליין געקאָנט מאַכן די גאַנצע אַרבעט. דער דאָקטער וואָלט אײַך בעסער אויסגעלערנט מאַכן אײַנשפּריצונגען, אַרומגיין אַרום די קראַנקע.

— דער דאָקטער וועט דאָס נישט טאָן. ער ווייסט גוט, אַז איך קאָן לאַנג נישט שטיין אויף די פיס, איך קאָן עפּעס טאָן נאָר זיצנדיק.

— אַן אומגליק, איר עסט בײַ אונדז ברויט אומזיסט.

— איר קאָנט צולייגן אַ האַנט איך זאָל נישט דאַרפן בײַ אייך עסן ברויט אומזיסט. איר ווייסט, דער דאָקטער האָט בײַגעלייגט צו מײַן בריוו קיין מאָסקווע אַן אַטעסטאַט, אַז כ׳בין אַ שווער־קראַנקע; אויב איר וואָלט געטאָן דאָס זעלבע, וואָלט מען מיך אויפן סמך פון אַרטיקל 458 אפשר באַפרײַט, אָדער איבער־געשיקט ערגעץ אַנדערשווו.

— וועט איר ערגעץ אַנדערשוו דען נישט עסן ברויט אומזיסט?

זי האָט דאָס נישט געזאָגט מיט כעס, נאָר ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך. זי גלייבט, אַז איך באַגיי איצט אַ נײַ פאַרברעכן וואָס איך עס אומזיסט ברויט.

ווי גיך זי איז אַוועק, האָב איך אַרויסגעצויגן דאָס פּאַפּיר מיטן בלײַפעדער פונעם בוזעם. זי וועט זיך שוין הײַנט אַהער נישט אומקערן, צופיל פאַרנומען. איך קער מיך אום קיין לוביאַנקאַ.

איך זיץ אויף דער טאַבורעטקע אין מײַן איזאָלירט קעמערל און טרוים וועגן אַ זייגער. וואָסער שעה קאָן איצט זײַן? טעג, נעכט קומען, גייען אַוועק, אָבער די צײַט שטייט, געבליבן שטיין אין דעם לעבעדיקן קבר. ווען איך וואָלט כאָטש געקאָנט צו עמעצן אַ וואָרט אַרויסרעדן. ווען ס׳וואָלט עמעצער צו מיר

אַרויסגערעדט אַ מענטשלעך וואָרט. כ׳וועל מיך אָפּגעוווינען פֿון רעדן. כ׳וועל פֿאַרגעסן דאָס לשון אין מויל. נישטאָ אויסער די תּפֿיסות קיינער פֿון די מײַניקע, קיינער וואָס זאָל אָנפֿרעגן וועגן מיר. אַליין אויף אַ וויסטער וועלט; ווי אַן אָפּגעריסענער בלאַט געשליידערט פֿון אַ שטורעם־ווינט. חוץ דעם „אויגל״, וואָס עפֿנט זיך פֿון מאָל צו מאָל, אין גאַנצן אַליין, אין אַ פּוסטן חלל. אויף מײַן בקשה געהאַט באַקומען פּאַפּיר און אַ פֿעדער, געהאַט אָנגעשריבן צוויי בריוו, איינעם צום פּראָקוראָר, אַ צווייטן צום נאַטשאַלניק פֿון דער תּפֿיסה. קיין ענטפֿער איז נישט געקומען. ס׳איז געווען נאָך די לאַנגע פֿאַרהערן. געהאַט דאָך אַ שטיקל באַשעפֿטיקונג, אַ שמץ האָפֿענונג. כ׳האָב געוואַרט. אויף וואָס וואַרט איך איצט? אין דער איזאָלירטער שטײַג בין איך אַרומגערינגלט מיט סודות, מיט בייזע רעטעניש, וואָס לויערן אויף מיר. ס׳פֿאַרלירט זיך דאָ די גרענעץ צווישן ווירקלעכקייט און האַלוציִנאַציע. אָט דוכט זיך מיר, אַז די ענגע ווענט, דאָס בעטל, די „פּאַראַשאַ״ הייבן אָן שטומערהייט זיך באַוועגן, דרייען זיך אין אַ קאַראַהאָד און איך דריי מיך צוזאַמען מיט זיי.

כ׳האָב אַ צאַפּל געטאָן. די טראַכטענישן, די האַלוציִנאַציעס האָבן זיך איבערגעריסן. די טיר האָט זיך ראַפּטעם געעפֿנט. אַ וועכטערין האָט באַפֿוילן:

— קומט! נעמט אײַער פּעקל און קומט מיט מיר!

— וווּהין?

— פֿרעגט נישט נאָר קומט!

כ׳בין געגאַנגען ווי אַן אויטאָמאַט. ווו פֿירט מען מיך ווידער? ס׳איז בײַטאָג, אין דער צײַט גייט מען נישט אויף אַ פֿאַרהער; אין דער צײַט שיסט מען אויך נישט. אפֿשר וועט מען מיר טוישן די שטײַג? מ׳האָט דאָך געהייסן נעמען דאָס באַגאַזשל. אומגעריכטערהייט האָב איך מיך געפֿונען אויפֿן הויף. איבער מײַן קאָפּ אַ שטיק ברייטער הימל. די זון לײַכט, שײַנט, וואַרעמט. איך זופּ די לופֿט. כ׳פֿיל מיך ווי אַ פֿיש, וואָס מ׳האָט געהאַט אַרויסגעוואָרפֿן אויף דער יבשה און צוריק אַרײַנגעוואָרפֿן אין וואַסער. אײדער וואָס־ווען פֿאַלט אַ באַפֿעל:

— שטײַגט אײַן, אָט דאָ!

כ׳האָב דערזען דעם „טשאָרני וואָראָן״. די „שוואַרצע קראָ״. אויסנווייניק אַ נאָרמאַלער, פֿאַרמאַכטער לאַסטוואָגן איבערצופֿירן פּראָדוקטן; אויף זײַנע ווענט זענען אויסגעמאָלן ברויט, מילך, פֿיש, אַנדערע פּראָדוקטן; אינעווייניק קליינטשיקע פֿאַרמאַכטע קעמערלעך, ווי בודעס פֿאַר הינט. כ׳בין אַרײַן אין אַזאַ בודע. דאָס טירל האָט זיך פֿאַרקלאַפּט. אויס הימל, אויס זון, אויס לופֿט. כ׳האָב געהערט ווי מ׳האָט אַרײַנגעפֿירט צוויי אַנדערע אַרעסטירטע. יעדערן באַזונדער. נישט צו זען זיך. נישט צו קאָנען אויסטוישן אַ וואָרט. יעדערער אין זײַן בישע. און אין

דער נישע איז פינצטער, נישטאָ קיין ברעקל לופט. די ווענט פוןביידע זײַטן באַמאָלן מיט איילפאַרב, וואָס לאָזט נישט דורך קיין לופט. כ׳הייב אָן מיך שטיקן. ס׳באַפאַלט מיך אַ שוויס. כ׳וואַרט דער וואָגן זאָל זיך רירן פון אָרט. ער רירט זיך נישט. פון די שכנישע נישעס קלאַפּט מען, אַלע מאָל שטאַרקער. איך דערהער אַ פאַרשטיקט געשריי: לופט, לופט! מ׳ווערט דערשטיקט! כ׳הייב אויך אָן צו זעצן אין טירל, מיטן גאַנצן כוח. ס׳טירל עפנט זיך. „זײַט שטיל, באַלד וועט קומען דער שאָפער". דער וועכטער שטעקט מיר צו אַ פלעשעלע צום נאָז. זעט אויס ער האָט דערפאַרונג: מענטשן חלשן. פון פלעשעלע ווערט מיר אַ ביסל לײַכטער. ער פאַרקלאַפּט דאָס טירל און נעמט זיך צו אַנדערע נישעס. ס׳העלפט נישט אויף לאַנג. כ׳שטיק מיך אַלץ מער און מער. אין דער שכנישער נישע סאַפּעט עמעצער, וואַרפט זיך ווי אַ געשאָכטן עוף. איך סאַפּע שוין אויך. איך ווער דערשטיקט, כ׳פיל ווי דער שווייס ריינט מיר פון פנים. ס׳קומען מיר אויפן זינען די אַלטע ווערטער: באו מים עד נפש. אין דעם גיב איך מיך אַ שטאַרקן טרייסל. כ׳האָב אָנגעקלאַפּט דעם קאָפּ אין ווענטל. דער לאַסטוואָגן האָט זיך האַסטיק אָפּגעריסן פון אָרט. כ׳טרייסל מיך, קאָן נישט אײַנהאַלטן דאָס גלײַכ־געוויכט, דער קערפּער איז ווי פון וואַטע. וווהין פירט מען מיך? ווי לאַנג וועט דויערן די טרייסלעניש? וועל איך נישט דערשטיקט ווערן ביז כ׳וועל אָנקומען אויפן אָרט?

כ׳בין נישט דערשטיקט געוואָרן. מיר זענען לאַנג נישט געפאָרן. מיר זענען אָנגעקומען אין דער מאָסקווער תפיסה בוטירקי. אַן אַלטע גרויסע געביידע, וואָס שטאַמט פון די צײַטן פון יעקאַטערינאַ די צווייטע. דורות רוסישע רעוואָלוציאָנערן זענען פאַר די צאַרישע צײַטן דאָ אָפּגעקומען שטראָפן. הײַנט איז זי אָנגע־פּראָפט ווי נאָך קיינמאָל נישט. אַ וועכטערין פירט מיך אַרײַן אין אַ גרויסן, העלן צימער פול מיט נאַקעטע, האַלב־נאַקעטע פרויען. יונגע, עלטערע, אַלטע. דאָ און דאָרט פאַרדעקן די עלטערע פרויען מיט אַ שטיקל אונטערוועש זייער פאַרוועלקט לײַב.

— טוט אײַך אויס! אין גאַנצן נאַקעט!

צי וועט מען אונדז פירן זיך אויסבאָדן? אפשר צו אַ מעדיצינישער אונטער־זוכונג? קיינער ווייסט נישט. קיינער פאַרשטייט נישט וואָס מ׳וויל פון אונדז, וואָס ס׳וועט ווײַטער געשען. מ׳הייבט אָן פאַרדעקן דאָס נאַקעטע לײַב.

— אַלץ אַראָפּצײַען פון זיך! צעלאָזן די האָר!

ס׳באַווייזן זיך עטלעכע פרויען אין ווײַסע שירצן. זיי טרעטן צו באַזוכן.

— מאַכט אויף דאָס מויל! הייבט אויף די אָרעמס! צעשפּרייט די פיס! דרייט אײַך אום! בייגט אײַך אָן!

— איך בין שוין דורכגעגאַנגען אַזאַ אָביסק אין לוביאַנקאַ. מ׳האָט בײַ מיר שוין אַלץ צוגענומען, כ׳האָב...

— מ׳פֿרעגט אײַך נישט, טוט וואָס מ׳הייסט אײַך!

שוין נישט געווען וואָס צוצונעמען בײַ מיר ווי בײַ אַנדערע. אויף אַ לאַנגן טיש, וואָס איז געשטאַנען בײַ אַ וואַנט האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ גרויסער שטויס מיט גאַרטלען, ביוסטהאַלטערס, שיך־בענדלעך, בראַשקעס, און אַ שיעור גאַטיץ־ביכלעך, פּעדערס, ווײַל דער גרעסטער טייל פֿון די פֿרויען זענען געווען פּראָפֿעסאָרן, לערערס, סטודענטינס, אַנדערע אינטעלעקטועלע.

— נעמט אײַער פּעקל!

ווו פֿירט מען מיך ווידער? איבעריק צו פֿרעגן. אַלץ איז בסוד. דער מענטש איז מער קיין לעבעדיקער מענטש נישט. אַ טויטער געגנשטאַנד, אָדער אַ בהמה: מען וואַרפֿט מיך, מען שלעפּט מיך, מען טוט מיט מיר וואָס מ׳וויל. כ׳האָב גאָרנישט צו זאָגן איבער זיך. אויך פֿרעגן פּשוט לשם אינפֿאָרמאַציע טאָרסטו נישט. אָט פֿירט מען מיך ערגעץ־ווו. כ׳פֿאַל אַרײַן אין אַ צימער. ס׳זיצן עטלעכע פֿרויען. מ׳איז שטום. מ׳האָט מורא צו פֿרעגן וואָס מ׳וועט דאָ טאָן מיט אונדז. מ׳רופֿט מיך אין אַ צווייטן צימערל, אַ פֿאַרטונקלטן. מ׳פֿאָטאָגראַפֿירט מיך, איין מאָל, אַ צווייט מאָל, אַ דריט מאָל; מ׳נעמט מײַנע פֿינגער־צייכנס, ווידער איין מאָל, אַ צווייט מאָל, אַ דריט מאָל פּונקט ווי׳ איך וואָלט געווען אַ געפֿערלעכער באַנדיט, וואָס איז עלול דורכצוברעכן קראַטעס צו אַנטלויפֿן און ווײַטער צו באַגיין מערדערײַען. צוליב אַזאַ פֿאַרברעכער ווי איך, ענלעכע ווי איך, מוז מען מאָביליזירן אַלע מלוכהשע כוחות, אויפֿשטעלן ריזיקע אַפּאַראַטן. ווען וועט מען מיך שוין אַרײַנפֿירן אין אַ קאַמער? איך פֿאַל פֿון די פֿיס. כ׳האָב קוים געפֿונען אַן אָרט זיך אַוועקצוזעצן. זיץ איך ווי אויף שפּילקעס מיט מײַן באַגאַזשל און וואַרט.

— קומט!

— וווהין איצט?

מ׳האָט מיך געפֿירט און געפֿירט ווו מ׳דאַרף און אַרײַנגעפֿירט אין אַ שפּריץ־באָד. אויך אַ סוד. דער אַרעסטירטער טאָר נישט וויסן, אַז מ׳פֿירט אים זיך אויסבאָדן. אונטער דער שפּריץ האָב איך אויפֿגעלעבט. אָבער נישט לאַנג קאָנסטו זיך קוויקן מיטן וואַרעמען וואַסער. כ׳פֿאַרלאָז די שפּריץ און וויל מיך אָנטאָן. כ׳האָב נישט וואָס אָנצוטאָן. ווו זענען מײַנע קליידער? דאָס טאָרסטו אויך נישט וויסן. שטיי נאַקעט, האַלב נאַס און פֿרעג נישט. ברענגט מען צוריק דאָס אָנטועכץ ווערט אַ דרענגעניש, אַ כאַפּעניש, יעדערע וויל וואָס פֿריִער כאַפּן דאָס איריקע. ערשט ווען דו קריגסט אַרײַן דאָס דײַניקע כאַפּסטו זיך, אַז דאָס אָנטועכץ איז

געווען אין דעזינפעקציע, ס׳איז צעקנאָדערט, פּײַכט, שטינקט מיט קאַרבאָל. איצט וועט מען מיך מסתמא אַרײַנפירן אין אַן „אָדינאָטשקע״. אַלע צוגרייטונגען זענען שוין געמאַכט. צום אַרומפירן נעמט אָבער נישט קיין סוף. איין וועכטערין גיט מיך איבער אַ צווייטער. כ׳שלעפּ מיך מיט די לעצטע כוחות. כ׳בין דורשטיק. דער הונגער דרייט אויס די געדערים. כ׳בין נאָך נישט צוגעוווינט געווען צו הונגער ווי הײַנט, די געדערים, דער מאָגן זענען נאָך נישט געווען אײַנגעצויגן. די וועכטערין גיט מיך ווידער איבער אַ צווייטער. נישטאָ מסתמא קיין אָרט פאַר אַלע. אַט זענען מיר אין דעם „ספּעציעלן סעקטאָר״. מסתמא וועט מען דאָ געפינען פאַר מיר עפּעס אַ שטײַגל. ווי דען אַנדערש ווי אַן „אָדינאָטשקע״? ווי איבערראַשט בין איך געוואָרן ווען ס׳האָט זיך געעפנט פאַר מיר אַ טיר און כ׳בין אַרײַן אין אַ גרויסן צימער ווו ס׳האָט גערוישט, געברומט מיט מענטשלעכע קולות, געשרייען, גערעדערײַען אין פאַרשידענע שפּראַכן. אַן אמתער אינטערנאַציאָנאַלער יאַריד פון געפאַנגענע פרויען־שקלאַפינס. מען רעדט דײַטש, פּויליש, איטאַליעניש, רומעניש, אויך רוסיש; מען טײַטשט זיך איבער איינע דער אַנדערער, מען ברעכט זיך די צונג אין רוסיש עפּעס אויפצוקלערן אָדער צו פרעגן. איינע זיצן אויף טאַבורעטקעס, אַנדערע אויף דער ערד, איינע דרימלען אָנגעשפּאַרט אין וואַנט, כאַפּן זיך אויף מיט אַ געשריי, אַנדערע זענען פאַרטאָן אין אַ שטילן שמועס. איך קוק מיך אַרום, זוך אַן אָרט ווו זיך אײַנצוקוואַרטירן און געפין נישט. מ׳רינגלט מיך אָבער באַלד אַרום. כ׳בין אַ „נײַע״, כ׳קום מסתמא פון דרויסן. וואָס הערט זיך? וואָסערע נײַעס ברענג איך? איך ענטפער אין עטלעכע שפּראַכן: ניין, איך קום נישט פון דער פרײַ. איך קען נאָך ווייניקער נײַעסן פון זיי, כ׳בין געווען אין איזאָלאַציע. מײַן מידקייט, דערשלאָגנקייט טרעטן אָפּ פאַרן נייגיר, פאַרן אויסטערלישן ספּעקטאַקל. מײַנע קענטענישן פון שפּראַכן מאַכן פון מיר אַ פּריווילעגירטע. צוויי פרויען רוקן זיך באַלד פונאַנדער אויף אַן אויסגעשפּרייט טוך אויפן דיל און מאַכן מיר אַן אָרט צווישן זיי. פון איין זײַט אַן אַכט און דרײַסיק יאָריקע פּוילישע פרוי, דאָס ווײַב פון אַ פּוילישן קאָמוניסטישן פירער, פון דער צווייטער זײַט — אַ זעקס און צוואַנציק־יאָריקע, בלאָנדע שיינהייט, אַ דײַטשישע קאָמוניסטקע. זי איז צו 16 יאָר אַרײַנגעטראָטן אין דער קאָמוניסטישער יוגנט, שפּעטער געווען אין דער אָנפירערשאַפט. די געסטאַפּאָ האָט זי געזוכט. מיט צוויי יאָר צוריק האָט זי זיך אַרויסגעקריגן פון היטלעריסטישן דייטשלאַנד, לאַנג געוואַנדערט ביז זי איז אָנגעקומען אין אויסגעטרוימטן לאַנד.

די אַכט און דרײַסיק יאָריקע קריסטינאַ זיצט ווי אויף שפּילקעס, דרייט זיך איבער פון איין זײַט אויף דער צווייטער. איך קוק אויף איר אויסגעבלאַסט

פּנים, אויף די רייפֿן אונטער די אויגן, ווײַל פֿרעגן און פֿרעג נישט. גערטרודאַ קלערט מיר אויף די רעטעניש: זי איז נישט לאַנג צוריק געקומען פֿון פּוילן, אָפּגעזעסן אַן אורטייל אין תּפֿיסה, דערנאָך געגנבֿעט די גרענעץ און איר מאַן שוין דאָ נישט געטראָפֿן. אין דער פּוילישער תּפֿיסה איז קריסטינאַ אַ סך אויס־געשטאַנען און איצט האָט זי נאָך מער דאָ אויסצושטיין. קריסטינאַ פֿאַרשאַרט דאָס ברייטע קליידל און ווײַזט אויפֿן ווייכן לײַב פֿון איין זײַט רויטע צייכנס, פֿון דער צווייטער זײַט פֿרישע בלויע פֿלעקן.

— זעסט, דאָס איז פֿון דער פּוילישער דעפֿענסיווע און דאָס איז פֿון דאַנען.

— מען שלאָגט?

— וועסט הערן בײַ נאַכט ווי מען וויל צווינגען די אַרעסטירטע מיט פּײַניקונ־גען זיך מודה זײַן, אונטערצושרײַבן; מ׳זאָגט זיי האָבן דאָ צומאָל אַ גאַנצע אָפּטיילונג מיט טאָרטור־אינסטרומענטן.

קריסטינאַ הייבט אויף די אויגן צו מיר, פֿרעגט שטילערהייט:

— ביסט עלטער פֿון אונדז, ביסט אַ היגע, זאָג וואָס קומט דאָ פֿאָר? זאָל דאָס אמת זײַן וואָס מ׳זאָגט: פֿאַשיסטן זאָלן זיך האָבן אַרײַנבאַקומען אין דער זיכערהייטס־פּאָליציי? די פּאַרטיי זאָל גאָרנישט וויסן פֿון דעם אַלעמען?

זי גיט באַלד צו:

— מיך וועלן זיי מיט פּײַניקונגען נישט צווינגען צו מאַכן פֿון מײַן מאַן אַ שונא, אַ שפּיאָן פֿון פּוילן און פֿון מיר — אַן אַרײַנגעשיקטע פֿון דער פּוילי־שער דעפֿענסיווע.

גערטרודאַ איז ווײַניקער פֿעסט בײַ זיך:

— ס׳העלפֿט סײַווי נישט. זיי האָבן מיטלען צו צווינגען. איך וויל נישט אויסשטיין קיין פּײַניקונגען. כ׳וועל זיי גלײַך זאָגן: איר צווינגט מיך צו זאָגן ליגנט, וועל איך אײַך זאָגן ליגנס וויפֿל איר ווילט; כ׳וועל אײַך דערציילן דעם גרעסטן ליגנט, וואָס קאָן נאָר געמאָלט זײַן: כ׳בין היטלערס אַ שפּיאָן, ער אַליין, היטלער, האָט מיך געשיקט אַהער. אויב זיי זענען נישט אין גאַנצן פֿאַרטעמפּט, וועלן זיי זיך אפֿשר כאַפּן, אַז איך חוזק אָפּ פֿון זיי. יעדנפֿאַלס העלפֿט נישט דאָס אײַנשפּאָרן זיך, זיי האָבן מיטלען אַרויסצובאַקומען דאָס, וואָס זיי ווילן. מ׳האָט מיר אין דער פֿריִערדיקער קאַמער דערציילט, אַז זיי האָבן ווינטער אַ דײַטשישן קאָמוניסט געפּײַניקט ביז ער האָט געחלשט. האָבן זיי אים אַרויסגע־שלעפּט אין דרויסן. ער איז צו זיך נישט געקומען. האָבן זיי אים באַגאָסן מיט וואַסער, געלאָזט ביז ער איז פֿאַרפֿרוירן געוואָרן. אַ פֿאַרפֿרוירענעם ווי אַ שטיק אײַז האָט מען אים צוריק געבראַכט אין ביוראָ. ער האָט ווײַטער אָפּגעזאָגט אונטערצושרײַבן. האָט מען אים אַ גאַנצן טאָג נישט געגעבן קיין עסן,

נישט קיין טרונק. ביינאַכט, אויפֿן פֿאַרהער האָט מען אים מיט געוואַלד אַריינגעגאָסן אין האַלדז, אויפֿן ניכטערן מאָגן אַ ליטער ספּירט־בראָנפֿן. אַ שיכורער האָט ער אונטערגעשריבן. איז צו וואָס לאָזן זיך פּײַניקן?

קריסטינאַ שאָקלט מיטן קאָפּ אין דער ברייט:

— ניין, ניין, כ'וועל נישט, נישט לאָזן אויסטראַכטן אויף מײַן מאַן, אויף מיר אַזעלכע ווילדע זאַכן.

איך גלעט איר די האַנט, די האָר, ווי זי וואָלט געווען מײַן קינד. זי איז מיר אַזוי גיך געוואָרן אייגן־נאָענט. זי איז נישט קיין סך עלטער פֿון מײַן פֿריידלען, זעט אויך אויס אַ סך ייִנגער ווי אויף איר עלטער. אַזוי ווי מײַן פֿריידל. וווּ ביסטו איצט, טאָכטער מײַנע? צי האָט מען דיך געפּײַניקט ווי קריסטינען? צי פֿאַרשטייסטו כאָטש, אַז כ'האָב גאָרנישט געקאָנט טאָן פֿאַר דיר? נישט געקאָנט זיך אַפֿילו דערוויסן ווו דו געפֿינסט זיך. אין דמיון שטײַגט מיר אויף פֿריידל אין תּפֿיסה, אויף אַ פֿאַרהער, אַ פֿאַרפּײַניקטע. מיט צייכנס אויפֿן לײַב וואַרפֿט מען זי צוריק אַרײַן אין קאַמער. ס'פֿאַלט מיר אײַן אַן אַכזריותדיקער געדאַנק. אַכזריותדיק לגבי מיר גופֿא: הלוואי זאָל מען מיך שלאָגן, פּײַניקן, כ'וועל אַזוי אַרום זײַן סאָלידאַריש מיט פֿריידלען, מיט קריסטינען, מיט אַלע געפּײַניקטע און פֿאַרפּײַניקטע. צי האָב איך דען, נישט ווילנדיק, נישט צוגעלייגט אַ האַנט אויפֿצושטעלן די מאָנסטרועזע מאַכינע?

— וועגן וואָס טראַכסטו? האָסט נישט געענטפֿערט אויף מײַן פֿראַגע.

קריסטינאַ פֿאַרלאַנגט אַן ענטפֿער. גערטרודאַ וואַרט אויך. איך בין עלטער פֿון זיי, דערצו אַ היגע. וואָס זיי ענטפֿערן? גוט וואָס מ'האָט פּונקט געבראַכט די זופּ. ס'איז געוואָרן אַ טומל, אַ גערודער. כ'האָב מיך דערמאָנט, אַז כ'בין שטאַרק הונגעריק. ווען ס'איז געקומען מײַן ריי, האָב איך דערזען די ריזיקע „פּאַראַשאַ" אין קעגנאיבערדיקן ווינקל. אַן עלטערע, קליינטשיקע, אײַנגעדאַרטע פֿרוי האָט אויפֿגעהויבן דאָס דעקל, אַוועקגעזעצט זיך.

— איר האָט נישט געקאָנט פֿריִער? פּונקט ווען מ'דאַרף עסן די זופּ דאַרפֿט איר פֿאַרשטינקען די קאַמער? ווייניק שטינקט?

מ'האָט עס געזאָגט אין רוסיש. די נישט־רוסישע האָבן פֿאַרשטאַנען, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. די קליינוווּקסיקע, דאַרע פֿרוי האָט געטאָן אירס. „ס'האָט מיך אָנגעכאַפּט", האָט זי זיך פֿאַרענטפֿערט. אָבער קענטיק זי האָט זיך שטאַרק געאַרט. איך האָב ערשט דעמאָלט דערפֿילט דעם ריח פֿון דער „פּאַראַשאַ", באַגריפֿן די שאַנדע, וואָס מ'טוט אָן מיט איר דעם מענטש. כ'האָב דאָך די זופּ געגעסן מיט גרויס אַפּעטיט, צומאָל דערקענט, אַז זי איז בעסער, געדיכטער ווי די זופּ אין לוביאַנקאַ.

★

צום לייגן זיך שלאָפן ווערט ערשט אַ גערודער. וויפל זענען מיר דאָ? ס'גע־לינגט מיר נישט איבערצוציילן, אַלע זענען אין באַוועגונג. מ'זאָגט מיר: איבער צוויי טויז. אין אַ צימער, באַשטימט אַפילו נישט פאַר אַ העלפט. מיר געלינגט איבערצוציילן די בעטלעך: פיר און צוואַנציק. די גרויסע תפיסה איז אָנגע־פראָפט, מ'שטופט אַריין אין אַ קאַמער וויפל ס'לאָזט זיך. באַלד ווייַזט זיך אַרויס, אַז נישטאָ פאַר מיר קיין „קאָיקע״. כ'בין נישט די איינציקע אָן אָן אייַזערן בעטל. מ'האָט היינט אַהער אַרייַנגעשטופּט דרייַ גייַע. איך די דריטע, די לעצטע. איך קלאַפּ אין טיר. ס'באַווייַזט זיך אַ וועכטערין.

— מיר האָבן נישט ווו צו שלאָפן, נישטאָ פאַר אונדז קיין בעטלעך.

— ווער מיר? רעדט פאַר אייַך, נישט פאַר אַנדערע! מאָרגן וועט איר האָבן אַ בעטל, איין נאַכט קאָן מען איבערשלאָפן מיט עמעצן.

אָפּגעזאָגט און פאַרשוווּנדן. גערטרודאַ לייגט מיר פאָר צו שלאָפן מיט איר. קריסטינאַ דאַרף אָפּרוען. מ'רופט זי איין נאַכט נאָך דער אַנדערער. פאַני, די רומענישע, אַ הויכע, שוואַרץ־חנעוודיקע, יונגע פרוי רעדט זיך צונויף מיט מיר אין פראַנצויזיש. לייגט מיר פאָר איר בעטל. זי קאָן סייַווי נישט שלאָפן. מ'וועט זי מסתמא בייַנאַכט רופן. געוועזן שוין עטלעכע מאָל. זי ווייַזט איר לינקע האַנט: די פינגער ווי צעדרייט, אויפגעלאָפן, די האַנט געשוואָלן. זי פאַרשאַרט דעם אַרמל פון רעכטן אָרעם: בלוי־שוואַרצע פלעקן. דאָ איז דער גרעסטער טייל שוין ווייַט אין פאַרהער, אַ טייל פון זיי זענען געווען אין אַנדערע תפיסות. דאָ פאַרענדיקט מען די אויספאָרשונג. דאָ שטעלט מען צונויף דעם באַשולדיקונגס־אַקט. עטלעכע שעה בלויז און איך ווייס שוין כמעט אַלץ וועגן בוטירקי.

שפּעטער אָוונט. דו לופט אין צימער איז געדיכט, כאָטש די צוויי פענצטער פאַר די קראַטעס זענען אָפן. אַן עקשנטע, אַ גייַע, האָט זיך אייַנגעשפּאַרט: זי וויל נישט מיט קיינעמען אין איין בעטל. זי לייגט אונטער איר מאַנטל, ציט זיך אויס אין דער גאַנצער לענג אויפן דיל. אַ וועכטערין פאַלט אַרייַן ווי אַ באָמבע, צעשרייט זיך מיט גאַל אויף דער אויסגעצויגענער:

— אויפשטיין! פאַרבאָטן צו שלאָפן אויפן דיל!

— נישטאָ קיין בעטל פאַר מיר.

— מ'קאָן איין נאַכט איבערזיצן אויף אַ בענקל. מאָרגן וועט איר האָבן אַ בעטל.

די שווייַגנדיקע, פאַראומערטע, מיטליאָריקע רוסישע פרוי האָט זיך אויפ־געהויבן, אָנגעטאָן דעם מאַנטל, אָוועקגעזעצט זיך אויף אַ טאַבורעטקע.

— קומט אַהער, לייגט אייַך פון דער צווייטער זייַט, לייגט אונטער דעם מאַנטל אונטערן קאָפּ.

דאָס האָט מאַיאַ, די לעטישע, אין אַ שלעכטן רוסיש, געראָפן זי צו זיך. ווי גיך ס׳האָט זיך איַינגעשטילט, בין איך איַינגעשלאָפן. דער טאָג איז געווען אַ לאַנגער, אַ פאַרמאַטערנדיקער. גערטרודאַ האָט זיך איַינגעקאָרטשעט, געמאַכט זיך וואָס קלענער צו לאָזן פאַר מיר אַ שטיקל גרעסער אָרט אין דער קאָיקע. אַ האַרצרייַסנדיקער געשריי האָט אָנגעקלאַפּט אין די אויערן, פאַריאָגט דעם שלאָף. דורך די אָפענע פענצטער, דורך די קראַטעס זענען אין צימער אַריַינגעפאַלן פאַרשטיקטע קולות, העשעניש, כליפּעניש, אַ ווילד רעווען פון די סלעדאָ־וואַטיעלס. גערטרודאַ, באַמערקנדיק ווי כ׳בין וואַך געוואָרן, האָט זיך אָנגעבויגן צו מיר:

— דו ציטערסט. מיר זענען שוין צוגעוווינט צו דעם. דער גאַנצער נעבנדי־קער אָפּטייל איז אַזאַ. מ׳זאָגט, אַז זיי האָבן דאָרט ספּעציעלע אינסטרומענטן, „בעסערע״ ווי ס׳איז פאַראַן אין דער געסטאַפּאָ.

— הערט אויף צו רעדן! שלאָפט און לאָזט אַנדערע שלאָפן.

אַ פרוי פון אַ דערנעבנדיק בעטל האָט אין רוסיש מיט אַ שווערן, פרעמדן אַקצענט געמוסרט. די פאַרשטיקטע קולות האָבן זיך פון מאָל צו מאָל איבער־געחזרט. כ׳האָב פאַרקריצט די ציין, פאַרמאַכט די אויגן. כ׳האָב אויפסניַי איבער־געקוקט דעם סך הכל פון מייַנע אָפּגעפלאָסענע 15 יאָר...

— שלאָפסט נישט? כ׳האָב געהערט אַ שאָרכן ביַי די טירן. ס׳איז מסתמא 4—5 אַזייגער.

— עמעצער פון דאַנען אויך?

— ווען ביסט געשלאָפן האָבן זיי געראָפן קריסטינאַ און פאַני. צווישן פיר און פינף אַזייגער פאַרענדיקן זיי די שיינע אַרבעט.

ס׳האָט נישט לאַנג גענומען ווי מ׳האָט דערהערט טריט, אַ גרילץ אין דער טיר. כ׳האָב די אויגן נישט געעפנט, נישט געזען אָבער געפילט ווי עמעצער איז אַריַינגעשטופּט געוואָרן, געבליבן שטיין, פאַמעלעך זיך צוגעשלעפּט צו דער קאָיקע און שווער אָוועקגעפאַלן. נאָך אַ גרילץ אין טיר. מען פירט עמעצן אַריַין, פון דעם עמעצן טראָגט זיך אַ שטילע שטאַמלדיקע פּלאַפּלעריַי. איך עפן די אויגן, שפּיץ אָן די אויערן, כ׳דערהער אין פּויליש: כ׳בין נישט קיין שפּיאָן, כ׳בין נישט קיין שפּיאָן, כ׳בין נישט. גערטרודאַ שפּרינגט אַרויס פון בעטל.

— קריסטינאַ, מייַן ליבכען, מייַן ליבכען.

איך קריך אויך אַראָפּ פון בעטל. גערטרודאַ האַלט קריסטינען אין אירע אָרעמס. זי וויַיזט מיר:

— זע, זע וואָס זיי האָבן געמאַכט פון איר.

קריסטינאַ זיצט מיט אַן אָפן, פאַרבלוטיקט מויל. פון נאָז גיסט זיך אַ שטראָ־

מיִקל בלוט. דאָס פּנים איז אָנגעדראָלן, די אויגן אויסבאַלושעט. זי ציטערט אויפֿן גאַנצן קערפּער. זי שטאַמלט אַרויס:

— וואַסער, אַ טרונק.

ווּ נעמט מען איצט אַ ביסל וואַסער? איך קלאַפּ מיט די פֿויסטן אין טיר. דאָס אויגל עפֿנט זיך.

— ווער סמייעט ביַי נאַכט צו קלאַפּן? איר וועט אַלע גיין אין קאַרצער!

— וואַסער פֿאַר אַ געחלשטע, שנעל וואַסער, די געחלשטע קאָן שטאַרבן.

דער נאַכט־וועכטער האָט זיך דערשראָקן. מ׳טאָר דאָך נישט לאָזן שטאַרבן די, וואָס זענען אויפֿן פֿאַרהער. זיי זענען דאָך נייטיק צו דער אויספֿאָרשונג. ער האָט געבראַכט אין אַ קענדל וואַסער. מאַיאַ, די לעטישע איז געקומען צו הילף. זי טרענט אויף אַ שטיקל פֿאַדשעווקע פֿון איר מאַנטל, רײַסט אַרויס אַ שטיק וואַטע. כ׳האָב מיט דער נאַסער וואַטע אַרומגעוואַשן קריסטינעס פֿאַרבלוטיקט מויל, אָנגעדראָלן פּנים.

— טרינקען, טרינקען...

דאָס וואַסער האָט זי אויפֿגעפֿרישט. זי האָט אָנגעשפּאַרט אין מיר דעם קאָפּ. מיר האָבן אַראָפּגענומען פֿון איר דאָס פֿאַרבלוטיקטע קלייד, געהאָלפֿן איר זיך לייגן אין בעטל. זי איז אײַנגעשלאָפֿן. אין שלאָף האָט זי געמורמלט: „כ׳בין נישט קיין שפּיאָן, מײַן מאַן נישט קיין שפּיאָן, נישט קיין שפּיאָן״.

דער פֿרימאָרגן האָט מיר געבראַכט אַ שלעכטן סורפּריז. ווי נאָר מיר זענען אויפֿגעשטאַנען, נאָך איידער מ׳האָט אַרויסגעטראָגן די „פּאַראַשאַ״, האָב איך צווישן טומל דערהערט מײַן נאָמען.

— פֿרומקינאַ! ווּ איז זי? וועלכע?

— דאָס בין איך.

— נעמט אײַער פּעקל און קומט! גיך!

כ׳האָב קוים באַוויזן קריסטינען אַ קוש צו געבן אין קאָפּ. מען יאָגט מיך אונטער. שנעל! שנעל! זיי האָבן קיין צײַט נישט. אַלץ ווערט דאָ געטאָן אויף גיך. אַ קלייניקייט, אַזוי פֿיל באַשעפֿטיקונגען. איך גיי ביַי דער זײַט פֿון אַ וועכטערין. ווּ פֿירט מען מיך איצט? צו פֿרעגן האָט נישט קיין זין. אָדער זי וועט נישט ענטפֿערן, אָדער זי וועט מיר אָפּבאָדן דעם קאָפּ פֿאַר מײַן „חוצפּה״. די צעשיידונג מיט די יונגע פֿרויען איז אַ שווערע. כ׳האָב זיי אין דער גאָר קורצער צײַט ליב באַקומען ס׳לעבן. זיי האָבן זיך געטוליעט צו מיר ווי צו אַ מאַמע. וואָס וועט פֿון זיי ווערן? וועט מען זיי נאָך לאַנג פּײַניקן? קריסטינאַ, גערטרודאַ, פֿאַני, מאַיאַ, צי וועל איך אײַך נאָך אַמאָל זען? ווי נאָענט און טײַער איר זענט מיר אַלע געוואָרן! ווי שטאַרק דערמאָנט איר מיר מײַן אייגן קינד,

מײַן פֿריידלען. דער קורצער אויפֿהאַלט אין דער אַנגעפּראַפּטער קאַמער מיט אײַך האָט מיך מער אויסגעלערנט, געגעבן מער דערפֿאַרונג ווי לאַנגע יאָרן שטודירן. אָ, די נאַכט, די נאַכט, ווער ווייסט וואָס מען טוט נאָך דאָ אָפּ? ס׳קומט מיר אויפֿן זינען דאָס וואָס סאָקראַטעס האָט געזאָגט וועגן העראַקליטן: „דאָס, וואָס איך פֿאַרשטיי פֿון דײַנע ווערטער איז גרויסאַרטיק; כ׳שטעל מיר פֿאָר, אַז דאָס וואָס איך פֿאַרשטיי נישט, וואָס איז פֿאַרהוילן פֿאַר מיר, איז נאָך מער גרויסאַרטיק״ איך פּאַראַפֿראַזיר: דאָס וואָס כ׳האָב געזען, געהערט, געפֿילט אויף מײַן הויט איז גרויזאַם; דאָס, וואָס איז נאָך פֿאַרהוילן פֿאַר מיר איז זיכער אָן אַ שיעור גרויזאַמער.

— איר זענט בלינד? איר קוקט נישט ווי אַזוי איר גייט!

כ׳האָב גאָרנישט געזען פֿאַר זיך, שיער נישט אָרויף אויף דער וואַנט פֿון לאַנגן קאָרידאָר. אין מײַנע טראַכטענישן בין איך געווען ווי אין האַלוצינאַציע. דער לאַנגער קאָרידאָר האָט זיך איצט פֿאַרדרייט אויף לינקס. די וועכטערין האָט מיך איבערגעגעבן צו אַ צווייטער וועכטערין, געזאָגט איר אַ נומער. זי האָט אויפֿגעשלאָסן אַ טיר, אַדורכגעשטופּט מיך דורך אַ רומל פֿרויען, אַנגעוויזן אויף אַ בעטל און אַוועק. דאָ בין איך צווישן „אייגענע״; אַלע רעדן רוסיש, איינע רעדט איבער, שרייט איבער דער אַנדערער. ס׳איז אָבער באַלד אַ ביסל שטילער געוואָרן. מ׳האָט מיך אָפּגעמאָסטן פֿון קאָפּ ביז די פֿיס. מ׳קוקט זיך איבער. דאָ און דאָרט שושקעט מען זיך. אַ יונג מיידל, כמעט אַ קינד, ברענגט מיר צו אַ טאַבורעטקע. כ׳זעץ מיך אַוועק, גיב איר אַ גלעט איבערן קאָפּ.

— ווי רופֿט מען דיך?

— זינקאַ, זינאַ.

— ווי אַלט ביסטו?

— 16. כ׳בין געוואָרן 16 יאָר.

— שוין לאַנג ווי דו ביסט דאָ?

פֿינף וואָכן. כ׳האָב קיין שום שלעכטס נישט געטאָן. מ׳האָט אַרעסטירט מײַן טאַטן, דערנאָך מײַן מאַמען, דערנאָך איז מען געקומען נאָך מיר.

— ווו זענען דײַנע עלטערן?

— כ׳ווייס נישט.

— זינאַ, פּלאַפּל נישט!

איך באַמערק נישט פֿון וועמען ס׳קומען די רייד, די וואָרענונג צו זינקען. כ׳באַמערק אָבער ווי מ׳ווינקט צו איר. פּנימער ווערן ערנסט. ס׳איז נײַגיר מיט פֿאַרדאַכט.

— זינקאַ, וואָס ווילן זיי פֿון דיר?

— מ׳האָט מורא ווען ס׳קומט אַרײַן אַ נײַע. ס׳זאָל נישט זײַן קיין „שעפּס״, איר ווייסט, אַן אַרײַנגעשיקטע. נאָכצושפּיאָנירן. איך האָב נישט וואָס מורא צו האָבן. און איר זעט נישט אויס אויף קיין „שעפּס״.

צוויי פרויען קומען צוריק מיט דער „פּאַראַשאַ״. מ׳ברענגט אַרײַן אין אַ קעסל דעם „פרישטיק״, דאָס שוואַרצע וואַסער און די פּאַיאָקן. צוויי אַרעסטאַנט־קעס טיילן אויס. איך שטופּ מיך נישט, וואַרט. זינקאַ ברענגט מיר צו מײַן פּאַיאָק, אַ צווייטע טראָגט מיר צו דאָס שוואַרצע וואַסער מיטן שטיקל צוקער.

— זינקאַ, ווילסט אַ שטיקל ברויט?

— ניין, אַ דאַנק. איר דאַרפט אַ טייל באַהאַלטן, ס׳איז אויף אַ גאַנצן טאָג.

זינקאַ גיט מיר די ערשטע אינפאָרמאַציעס. זיי זענען דאָ 29 און בעטלעך פֿאַראַן דרייסיק. איינס געווען אַ ליידיקס. איצט איז מען אין קאָמפּלעט. מ׳קאָן שוין מער נישט אַרײַנשיקן.

— מ׳קאָן, מ׳קאָן. ווען מ׳ברענגט נײַע און ס׳איז נישטאָ גענוג ערטער, שיקט מען דערווײַל אַרײַן ווו ס׳זאָל נישט זײַן. מ׳שטעלט דערנאָך צו אַ בעטל.

ס׳האָט דאָס געזאָגט אַ בלאָנדע, מיטלאַריקע פרוי מיט צעפּ, פֿאַרלייגטע אַרום קאָפּ, ווי אַ קרוין. זי זיצט אויפן טאַבורעט, קײַט פּאַמעלעך דאָס ברויט און טרינקט לאַנגזאַם נאָך די „קאַווע״, ווי זי וואָלט געוואָלט פֿאַרציִען דאָס עסן צו קוויקן זיך דערמיט וואָס לענגער. זי זעט מיר אויס צו זײַן זייער נײַגיריק. זי וויל מסתמא דערגיין וואָס פֿאַראַ פויגל איך בין. זי רוקט זיך איבער נענטער מיט דעם טאַבורעט, כלומרשט צו זינקאַ. דרייט זיך אָבער באַלד אויס צו מיר.

— פון מאָסקווע?

— פון מאָסקווע.

— לאַנג שוין אַרעסטירט?

איך לייג צו אַ ביסל. אַ נײַטיקער ליגנט. ער קאָן אַראָפּנעמען פון מיר אַ מעגלעכן פֿאַרדאַכט.

— לאַנג שוין.

— ווו געווען ביז איצט?

— אין לוביאַנקאַ.

זי שווײַגט. טראַכט נאָך. לוביאַנקאַ האָט מסתמא געהויבן אין אירע אויגן מײַן אָנזען. זיצן דאָך דאָרט מערסטנטייל גרויסע „יחסנים״. זינקאַ פֿאַרלאָזט אונדז. זי פליט ווי אַ שמעטערלינג פון איינער צו דער אַנדערער. זי וואַשט פֿאַר דער, פֿאַר יענער אויס דאָס טעפּל. מײַן שכנטע רוקט זיך צו נאָך נענטער.

— מסתמא נישט קיין פּאַרטייאישע?

— יאָ אַ פּאַרטייאישע.

— אַ פּאַרטייאישע טאַקע ?

זי ווערט גאָר אויפגעריכט. רעדט צו מיר שטילער, ווי זי וואָלט מיר איבער־געגעבן אַ וויכטיקן סוד אירן :

— איך אויך אַ פּאַרטייאישע. אַן אַנגעשטעלטע אין אַ האָטעל פאַר אויסלענ־דער. כ׳קען דײַטש און ענגליש. איר ווייסט ? מ׳דאַרף פאַרזיכטיק זײַן צווישן אַזוי פיל אַרעסטירטע. צום גרעסטן טייל אומפּאַרטייאישע. מ׳קאָן נישט וויסן ווער ס׳איז יאָ און ווער ס׳איז נישט אַ שונא פון פאָלק. מיר, פּאַרטייאישע, זיצן זיכער צוליב אַ טעות. ס׳וועט זיך אויפקלערן, וואָס נישט ? ווי מיינט איר, לאַנג קאָן מען אונדז נאָך האַלטן ?

— כ׳ווייס נישט.

— שוין לאַנג אין דער פּאַרטיי ?

— זייער לאַנג...

— פאַראַן דאָ אַ סך צו וועלכע כ׳האָב נישט קיין צוטרוי. איר זעט, יענע ? די אַלטע פרוי מיט דער אײַנגעהויקערטער פּלייצע איז אַמאָל געווען אַן אַנאַר־כיסטקע. זי האָט אַליין דערציילט. נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז זי דאָ געזעסן מיט די אַנאַרכיסטן. זי האָט דערציילט, אַז ווען קראָפּאָטקין איז אין 1921 געשטאָרבן, האָט לענין דערלויבט אַלע אַרעסטירטע אַנאַרכיסטן צו גיין צו דער לוויה. דערנאָך זענען זיי אַליין צוריקגעגאַנגען אַהער, אין בוטירקי. דערנאָך האָט מען אַ סך באַפרייט. די, וואָס האָבן צוגעזאָגט נישט צו פירן קיין קאָנטררע־וואָלוציאָנערע אַרבעט. זי זאָגט, אַז זי האָט געהאַלטן איר צוזאָג. נאָר ווער קאָן דאָס וויסן ? פאַר גאָרנישט וואָלט מען זי נישט אַרעסטירט, וואָס נישט ? אפשר איז זי געווען אין דער טראָצקיסטישער אָפּאָזיציע ? די ראַטנמאַכט מוז זיך פאַרטיידיקן קעגן די שונאים פון פאָלק, וואָס נישט ?

— איר, איך, זענען נישט קיין שונאים פון פאָלק. פאַרוואָס האָט מען אונדז אַרעסטירט ?

— כ׳בין זיכער, אַז צוליב אַ טעות. די פּאַרטיי מוז זײַן אויף דער וואַך. און אַז מען האַקט האָלץ פאַלן שפּענער.

— מענטשן זענען דען האָלץ ? מיר זענען דען שפּענער ?

כ׳האָב באַלד באַדויערט מײַנע ווערטער. ס׳לוינט נישט. אַזאַ מוח איז שוין אַזוי אויסגעקנאָטן, אַז ס׳וועט צו אים גאָרנישט דערגיין. זי האָט טאַקע באַלד מיך איבערגעפרעגט :

— איר זענט טאַקע אַ לאַנג־יאָריקע פּאַרטייאישע ? איר ווייסט, מיט קיין אומפּאַרטייאישע רעד איך נישט וועגן די זאַכן. כ׳האָב נישט קיין צוטרוי. דאָ דאַרף מען זיך אויך אויסהיטן.

*

דער אומצוטרוי האָט געהערשט אויך דאָ, אין תפיסה, כאָטש פון מיר איז אַראָפּגעפאַלן דער פאַרדאַכט ווען מ׳האָט זיך דערוווּסט, אַז כ׳בין לאַנג געזעסן אין לוביאַנקאַ. ווי אַנדערש זענען דאָ פון אָנהייב די באַציִונגען ווי אין דער ערשטער אַלגעמיינער קאַמער. חוץ מיט זינקאַ, וואָס איז גלײַך ווי אַ קינד צוגעפאַלן צו מיר, האָבן גענומען עטלעכע טעג ביז כ׳האָב מיך אײַנגעלעבט מיט די דרײַ צענדליק פרויען, אַלע צעטרייסלטע, דערשלאָגענע, פאַרהונגערטע ווי איך. ביסלעכווײַז האָבן זיך פאַרקנופּט נאָענטע פרײַנדשאַפטן. און ווו נאָך קאָן אַנטשטיין אַזאַ איבערגעגעבענע פרײַנדשאַפט ווי אין תפיסה? נאָך דער איזאָלאַציע, דער טויטער שטילקייט אין לוביאַנקאַ, בין איך געווען אויסגעבענקט נאָך מענטשן און גלײַכצײַטיק געווען אָפּגעוווינט פון מענטשן, פונעם גערודער. ס׳האָט זיך אײַנגעשטעלט אַ טומלדיק, מאָנאָטאָן — נודנע לעבן. אינדערפרי טראָגט מען, לויט אַ ריי, אַרויס די „פּאַראַשאַ״, מען שטייט אין דער ריי אַרײַנצוגיין אין קלאָזעט, דערנאָך זיך אַ ביסל אײַנצוואַשן. דערנאָך „פרישטיק״. מען פירט אונדז אונטער אַ שטאַרקער שמירה אַרויס אויף אַ האַלבער שעה אויפן הויף. מ׳ברענגט דעם קעסל מיט דער זופּ, מ׳וואַשט די שיסעלעך, די לעפל; די, יענע וואַשט אויס אַ ביסל וועש. מען רייניקט די קאַמער, מען טרעט זיך איינע די אַנדערע אויף די פיס, מ׳וואַרט אויף דעם דריטן „מאָלצייט״, מ׳גרייט זיך צו גיין שלאָפן. אַ „לײַכטער״ רעגולאַמין. אַ מער „הומאַניטאַרער״ ווי אין לוביאַנקאַ. מ׳קאָן צומאָל באַקומען, ווער עס וויל, אַ בוך צו לייענען. נאָר אַמאַטאָרן זענען כמעט נישטאָ. ווער קאָן לייענען אין אַזאַ טומל? ווען איז דער קאָפּ צום לייענען? אַלע וואַרטן אויף דעם „דאָפּראָס״, אויף דער אויספאָרשונג. איך וואָלט גערן געלייענט. האָט מען אָבער מיר נישט צוריקגעגעבן די ברילן. קיינער האָט די ברילן נישט צוריקבאַקומען. גייט דער טאָג אַוועק אין געפילדער. אַ טאָג נאָך אַ טאָג, אַ נאַכט נאָך אַ נאַכט. טיילמאָל שנײַדט דורך די נאַכטיקע שטילקייט אַן אָפּקלאַנג פון אַ געברום ווי פון אַ געקוילעטער בהמה, אָדער פון אַ טויב געשריי, וואָס הייבט זיך אויף און רײַסט זיך אָפּ. די אויספאָרשונגס־אָפּטיילונג איז, זעט אויס, ווײַטלעך פון דאַנען. עס דערגייען פון מאָל צו מאָל בלויז אָפּקלאַנגען, אָבער אויך די ווײַטע אָפּקלאַנגען רײַסן איבער דעם אומרויִקן שלאָף, פאַרגליווערן דאָס בלוט אין די אָדערן. פון דאָ און דאָרט דערהערסטו פון אַ קאָיקע אַ מורמלעניש, אַ קרעכצעניש נאָך אַ פאַרהער, דעם באַרימטן „דאָפּראָס״, און דערפילסט ווי דער פרעמדער מענטשלעכער פּײַן וואָלט זיך אײַנגעשניטן אין דײַן אייגענעם לײַב. ס׳איז דאָך אַן אָנצוהערעניש וואָס עס דערוואַרט יעדערער פון אונדז. צי

דערגייען נישט די ווייגעשרייען פון די געפּײַניקטע מחוץ די תּפיסה־מויערן? מחוץ די גרענעצן? צי ווייסן דערפון גאָרנישט מענטשן אין דרויסן?

שוין אין 16טן, 17טן און 18טן יאָרהונדערט, ווען מ׳האָט אין רוסלאַנד אָנגעוואַנדן פיזישע שטראָף און פּײַניקונגען בעת אויספאָרשונגען האָט דאָס אַרויסגערופן פּראָטעסטן. יעקאַטערינע די צווייטע איז געצוווּנגען געווען אַרויסצוגעבן אַ דעקרעט קעגן קערפּערלעכער שטראָף. דער פאַרבאָט איז נישט אָפּגעהיט געוואָרן, דער עיקר נאָכן אויפשטאַנד פון פּוגאַטשעוון און די פּראָטעסטן קעגן איזדיעקעווען זיך איבער אַרעסטירטע האָבן ווײַטער אויפגערודערט די גרעסטע גײַסטער פון רוסלאַנד. אַלעקסאַנדער דער ערשטער איז אין 1801 ווידער געצוווּנגען געווען צו פּראָקלאַמירן אַ פאַרבאָט קעגן פּײַניקונגען בעתן אויספאָרשן אַן אַרעסטירטן. אויך דער פאַרבאָט איז פאַרבליבן טיילווײַז אויפן פּאַפּיר, אָבער געווען כאָטש אַן אָפיציעלער פאַרבאָט. איצט האָבן מיר זיך אומגעקערט מיט הונדערטער יאָרן צוריק. צו די ווײַטע, צו די פינצטערסטע צאַרישע צײַטן. דאָס שרעקלעכסטע וואָס קיין שום שטים הייבט זיך נישט אויף, קאָן זיך נישט אויפהייבן קעגן דעם מיטלאַלטערלעכן, ווילדן פּײַניקן מענטשן.

יעדערע פון אונדז לעבט מיטן געדאַנק, אַז אַ ליאַדע נאַכט וועט מען זיך נעמען צו איר. מיר זענען איצט אין דער קאַמער דרײַסיק פרויען פון פאַרשידענעם עלטער. אַ צענדליק פּראָפעסאָרן פון אוניווערסיטעטן, אַ דאָקטער מעדיצין. אַזוי פיל נוצלעכע מענטשן, אַזוי פיל כּוחות גייען פאַרלוירן, ווערן פאַרניכטעט. זיי וואָלטן אַזוי פיל געקאָנט געבן דעם לאַנד, דעם פאָלק. אַזוי פיל יונגע מענטשן קומען אום. פאַרוואָס?

יעדערע פון אונדז וואַרט אויף אַ רוף אין דער נאַכט. יעדערער מאַטערט מסתּמא די זעלבע פראַגע: צי וועל איך אויסהאַלטן? צי וועל איך קאָנען בײַקומען די יסורים און זיך נישט מודה זײַן צו נישט־באַגאַנגענע פאַרברעכנס? יעדערע פרעגט זיך אויך: פאַרוואָס רופט מען נאָך נישט מיך? וואָס באַדײַט דאָס אָפּלייגן דאָס לאָזן מיך וואַרטן? די בלאָנדע, מיט די פאַרלייגטע צעפּ, האָט איר אויפקלערונג. זי רוימט מיר אײַן אויפן אויער:

— ביז וואָס־ווען וועט זיך דאָרט אויפקלערן דער טעות. די פאַרטייאישע, אומשולדיקע וועט מען זיכער אין גיכן אַרויסלאָזן. נישט מעגלעך זיי זאָלן איבערגעגעבענע פאַרטייאישע מענטשן האַלטן דאָ לאַנג, אָדער נעמען אויף „אַזאַ״ פאַרהער, ווי מען נעמט שונאים פון פאָלק, וואָס נישט? איך האָב שוין אָוועקגעשיקט אַ בריוו צום פאַרטיי־סעקרעטאַר פון מײַן קאַמערל. כ׳האָב געבעטן פּאַפּיר און אַ פעדער, דעם בריוו געגעבן דער וועכטערין אָוועקצושיקן. איר דאַרפט טאָן

דאָס זעלבע. דאָס בעסטע איז צו שרײַבן צום סעקרעטאַר פֿון קעמערל. ער קען גוט יעדן פּאַרטייאישן...

דאָקטער אָרלאָוואַ, אַ 50־יאָריקע פּעדיאַטרין, וואָס איז שוין דורכגעגאַנגען אַ פּראָווינץ־תּפֿיסה, אויך אַ פּאַרטייאישע, איז מער קלאָרזעעוודיק: די תּפֿיסה איז אָנגעפּראָפּט. מען ברענגט יעדן טאָג נײַע. די סלעדאָוואַטיעלס האָבן פֿולע הענט אַרבעט, דעריבער וואַרט מען לאַנג ביז מ׳ווערט אַרויסגערופֿן. זי זיצט אין אַ ווינקל, דאָקטער אָרלאָוואַ, אַרום איר אַ רומל פּרויען־פּראָפֿעסאָרן. זי גיט זיי „מעדיצינישע” עצות:

— נישט פֿאַרשטשירן די ציין, נאָר שרײַען, געוואַלדעווען. אַ געשריי מאַכט לײַכטער דעם ווייטיק, חוץ דעם וואָס ס׳איז אַ פּראָטעסט. זיך נישט מאַכן שטײַף, אַ פֿאַרשטײַפֿטער קערפּער איז עמפּפֿינדלעכער. נישט לאָזן זיך אָפּשרעקן מיט זידלערײַען, אָפּענטפֿערן, זיך נישט לאָזן אַרײַנציִען אין זייערער אַ פּראָוואָקאַציע.

די נאַכט איז געקומען מיט אַן אָנזאָג אויף אַ שטורעם. דורך די צוויי אָפֿענע פֿענצטער האָט דער פֿרילינג אַרײַנגעשיקט אַן אָפּפֿרישנדיק ווינטל, לײַכטער געמאַכט די געדיכטע לופֿט, דעם ריח וואָס האָט זיך געטראָגן פֿון דער „פּאַראַשאַ”. אַ בליץ איז דורכגעלאָפֿן פֿאַרן פֿענצטער. דער ווינט אין דרויסן האָט אָנגעהויבן וואָיען, אַרײַנרײַסן זיך אין צימער מיט אַ ברומעניש.

— מ׳דאַרף פֿאַרמאַכן די פֿענצטער, ס׳וועט רעגענען, ס׳וועט זיך אויפֿרײַסן אַ שטורעם.

— מ׳דאַרף נישט, מ׳ווערט אַזוי אויך דערשטיקט פֿון דער דושנעקייט.

די בלאָנדע מיט די פֿאַרלייגטע צעפּ האָט קיינעמען נישט געפֿרעגט, קיינעמען נישט געהאָרכט און פֿאַרמאַכטביידע פֿענצטער. זי האָט באַלד טריִומפֿירט. אַ שלאַקס־רעגן האָט אָנגעקלאַפּט אין די פֿענצטער, אַרײַנגעריסן זיך דורך די קראַטעס. גראָבע טראָפּנס ווי מענטשלעכע טרערן אין בוטירקי האָבן זיך געקײַקלט איבער די שויבן. אונדזער קאַמער האָט אויסגעזען ווי אַ צעבראָכן שיפֿל אויף אַ שטורעמדיקן ים. די מאַנשאַפֿט איז דאָך אײַנגעשלאָפֿן. פֿון די קאָיקעס האָט זיך געהערט אַ סאָפּעניש, אַ סמאָרעניש, ווי דער רעגן וואָלט זיי אַלע אײַנגע־שלעפֿערט. מיך האָט דער רעגן נישט געלאָזט שלאָפֿן. דער שלאָף איז געקומען שפּעט. גאָרנישט געהערט ווען מ׳האָט גערופֿן די בלאָנדע מיט די פֿאַרלייגטע צעפּ. כ׳האָב זיך אויפֿגעכאַפּט ווען ס׳האָט געגעבן אַ טראַסק אויף דעם דיל. אַ יאָמערלעך העשעניש האָט זיך געטראָגן צו מײַנע אויערן. דאָקטער אָרלאָוואַ האָט זיך אויפֿגעריסן די ערשטע.

— העלפֿט מיר זי אַרויפֿטראָגן אויף דער קאָיקע.

זינאַ איז ווי אַ יונגע סאַרנע אַ שפּרונג־צו געטאָן, אָנגענומען ביי די פֿיס,

דאָקטער אָרלאָוואַ האָט דער געפאַלענער אונטערגעהויבן דעם קאָפּ. אויפן דיל זענען פאַרבליבן רויטע פלעקן. דאָקטער אָרלאָוואַ האָט זיך לאַנג געפּאָרעט אַרום דער צעמזיקטער, אויפגערודערט די גאַנצע קאַמער, גענומען ביַי איינער אַ ריין טיכל, ביַי אַן אַנדערער אַן אַנדערע שמאַטקע, ביַי אַ דריטער האָט זיך געפונען אין אַ בלעכן טעפּעלע אַ ביסל וואַסער. דאָס העשעניש פון דער בלאָנדער איז איבערגעגאַנגען אין אַ יאָמערלעך געוויין. מיטן געוויין האָבן זיך פון האַלדז אַרויסגעריסן נישט דייַטלעכע ווערטער:

— איך... איך... אין האָטעל איבערגעגעבן... מיט די אויסלענדער שפּיאָנירט... איך מיט זיי שפּיאָנירט... האָבן געפּייַניקט אַזוי לאַנג ביז כ׳האָב... נישט אמת, וואָס כ׳האָב געזאָגט...

אַ נייַער אויסברוך פון אַ געיאָמער. דאָקטער אָרלאָוואַ נעמט זי איַין. גלייַכצייַטיק שרייַט זי אַן אויף איר. זי דאַרף ליגן רויִק. דאָס בלוט, וואָס רינט פון נאָז, פון די ציינער זאָל זיך פאַרהאַלטן. מיר אַלע גלייבן איר, אַז זי האָט נישט איבערגעגעבן די אויסלענדער אין האָטעל קיין מלוכה־סודות. זאָל זי שלאָפן, וועט זי קומען צו די כוחות.

★

דער טאָג האָט זיך אויפגעהויבן אַן אומעטיקער, אַ פאַרוויינטער. אַלע האָבן גערעדט שטיל ווי ס׳וואָלט געלעגן אַ מת אין קאַמער. די בלאָנדע האָט אין גאַנצן נישט גערעדט. זי האָט געפאָלגט דאָקטער אָרלאָוואַ, געלעגן רויִק, מיט פאַרמאַכטע אויגן. איז זי געשלאָפן? ווער ווייסט? אפשר האָט זי געטראַכט וועגן די פאַרלוירענע האָפענונגען? וועגן דעם ווי זי האָט זיך אַליין גענאַרט? איך האָב יענעם טאָג כלל נישט געטראַכט. דער קאָפּ איז געווען אויסגעליידיקט. דורכלויפנדיקע, אָפּגעריסענע געדאַנקען האָבן זיך שווער צוזאַמענגעבונדן. לעבן מיר איז געזעסן די 60־יאָריקע יעקאַטערינאַ ניקאָלאַיעוונאַ, אַ פּראָפעסאָר פון ביִאָלאָגיע און פאַרגעהאַלטן ווי אַזוי מע באַגראָבט הייַנט ביַי אונדז די ביִאָלאָגישע ווייסנשאַפט. ס׳איז איר נאָך אַלץ מער אַנגעגאַנגען, ווי ס׳האָט מיר אויסגעזען, דער גורל פון דער ביִאָלאָגיע, ווי איר אייגענער גורל. איך בין קיינמאָל נישט געווען קיין בקי אין ביִאָלאָגיע. איצט איז מיר דאָס נישט געקראָכן אין קאָפּ, געהערט זי גיכער אויס העפלעכקייט, אָבער קיין סך נישט פאַרשטאַנען פון אירע אויפקלערונגען. אויך אין אָוונט, נאָכן אָוונט־„מאָלצייַט״, האָבן זיך לויזע מחשבות געשפּינט אין מוח, אַן אַ פאַרבינדונג. שפּעטער האָב איך נישט געקאָנט איַינשלאָפן. פּונקט דעמאָלט ווען מ׳דאַרף שלאָפן האָט אין מוח אָנגעהויבן זיך טומלען. וואָס איז מיר אַלץ נישט געקומען אויפן זינען? וואָסערע חשבונות האָב איך דען נישט דורכגעפירט מיט זיך אין די עטלעכע שלאָפלאָזע שעהען? ערשט ווען די

טיר האָט זיך געעפנט און כ'האָב דערהערט מײַן נאָמען, האָב איך צוזאַמענגענומען די געדאַנקען, געוואָרן וואַכזאַם.

די וועכטערין גיט מיך איבער אַ סאָלדאַט. ער פירט מיך איבער לאַבירינטן. די בוטירקי־תּפיסה איז גרויס. דער וועג צו דער אויספאָרשונגס־אָפּטיילונג אַ געדרייטער. דער סאָלדאַט אַ שווײַגנדיקער, אַן אָנגעכמורעטער ווי ער וואָלט נישט געוווען אויסגעשלאָפן. ער אײַלט זיך נישט, גייט פּויל, יאָגט מיך נישט אונטער. איך שלעפּ מיך אויך פּויל ווי נישט אויף מײַנע פיס. דער קאָפּ אָבער הייבט אָן צו אַרבעטן. ניין, כ'וועל מיך נישט אונטערגעבן! מײַן לעבן איז סײַווי גאָרנישט ווערט. אַ פאַרשפּילט לעבן. ס'בלײַבט בלויז איין זאַך: אומקומען מיט ווירדע. נישט אונטערגעבן זיך! די יסורים פון גוף טאָרן נישט נעמען די איבערמאַכט איבער מיר. זאָל איך נאָר נישט פאַרלירן דעם באַוווסטזײַן. זאָלן זיי נאָר נישט אַרויסבאַקומען אַן אונטערשריפט אין אַן אומבאַוווסטזיניקן צושטאַנד.

זיי זענען דרײַ. איינער, אַ יונגער נאָך, הינטערן ביוראָ־טיש. פאַר אים אַ שטויס פאַרשריבענע בויגנס פּאַפּיר. צוויי גאַנץ יונגע, איינער אפשר נישט מער ווי אַ צוויי און צוואַנציק יאָר, זיצן בײַ דעם דערנעבנדיקן טישל. אויפן טישל אַ פּעקל ציגאַרעטן, שוועבעלעך. דער ייִנגסטער, אַ הויכער, אַ פעסטער שטעלט זיך אויף, ווי ער וואָלט מיר געוואָלט ווײַזן זײַן כוח, קוקט צו מיר מיט אַ טעמפּן קוק, מיט פּראָסטיק־קאַלטע אויגן, וואָס זיצן אין אַ מאַרמאָרנעם פּנים. ער שטעקט אַרײַן די הענט אין די הויזן־קעשענעס, שפּאַרט זיך אָן אַן אויסגעצויגענער אין וואַנט. נעמט נישט אַראָפּ פון מיר די שפּיזיקע אויגן. דער פון הינטערן ביוראָ הייבט אויף דעם קאָפּ.

— זעצט אײַך. מיר קאָנען אײַער „דיעלאָ" פאַרענדיקן באַלד איצט. ס'דאַרף נישט נעמען קיין סך צײַט.

ער נעמט זיך ווידער צו אַ בויגן פּאַפּיר, קענטיק ער לייענט אויפמערקזאַם. איך קוק מיך אײַן אין אים, אין זײַן פּנים: אַ לײַביקער, אַ פעטער, כאָטש נאָך אַ יונגער. פולע, רויטע באַקן. זײַן שטימע אַ רויִקע, אָבער אַ זיכערע, אַ קלוגעוו־דיקע. צי קען איך אים נישט? וווּ האָב איך אַזעלכן באַגעגנט? ווייניקסטנס איז ער ענלעך צו עמעצן וואָס כ'האָב שוין אַמאָל געהאַט באַגעגנט. ווי אַ פײַל פון בויגן לויפט מיר דורך אַ געדאַנק אין מוח: ער איז ענלעך צום פּאַרוטשניק זשערעביאַטניקאָוו פון דאָסטאָיעווסקיס „זכרונות פון טויטן הויז". יענער האָט ליב געהאַט די קונסט פון שלאָגן אַרעסטאַנטן, די קונסט פון קאַטעווען. זשערע־ביאַטניקאָוו האָט געהאַט גרויס פאַרגעניגן זיך צוצוקוקן מיט די אייגענע אויגן ווען ער פלעגט פאַראָרדענען האַרב צו באַשטראָפן אַ „פאַרזינדיקטן" אַרעסטאַנט. דער איז פון אַ העכערן טשין, אַ פּאָלקאָווניק, און דאָך ענלעך, אַפילו די זיכערע,

קלינגעוודיקע שטימע. ער האָט מיר איבערגעריסן די טראַכטעניש מיט זײַן מעטאַלענער, באַפעלערישער שטימע:

— דאָ, דאָ, אַלץ שוין קלאָר. מיר קאָנען גיך פאַרענדיקן, אויב איר וועט ווײַטער זיך נישט פאַרעקשנען צו לייקענען. וואָס מער איר וועט לייקענען, אַלץ ערגער פאַר אײַך. פאַר יעדן פאַרברעכן באַזונדער קומט אײַך טויט־שטראָף. מודה זײַן זיך, אויסדריקן חרטה, פאַרלײַכטערט אַ סך אײַער שטראָף. ס׳איז אין אײַער אינטערעס.

— כ׳בין קיין שום פאַרברעכן נישט באַגאַנגען! כ׳האָב נישט צו וואָס זיך מודה צו זײַן!

כ׳האָב אים נישט איבערראַשט. ער איז געבליבן זיצן שטײַף, ווידער זיך אַנגעבויגן צו די בויגנס פּאַפּיר. די צוויי באַהעלפער האָבן געקוקט צו אים פאַרשעריש, געוואַרט מסתמא אויף אַ צייכן. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ מיט די קורץ־געשוירענע, שטרויענע האָר, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַן אָפּגעקאָסעט תבואה־פעלד, געוואָנדן זיך בלויז צו מיר:

— וועגן אײַער אָנגעהעריקייט צום רעכטן בלאָק פון די פאַררעטער בוכאַרין־ריקאָוו און וועגן אײַערע פאַרבינדונגען מיטן אויסלענדישן שפּיאָנאַזש האָבן מיר גענוג באַווײַזן. ס׳זענען פעסטגעשטעלטע זאַכן. אָן עדות דערויף אויך פאַראַן. איצט גייט אונדז בלויז אין דער יידישער, נאַציאָנאַליסטישער נעץ, וואָס איר האָט פאַרלייגט איבערן גאַנצן לאַנד. ווער זענען געווען די דירעקטע מיטאַרבעטער פון דער דאָזיקער נעץ, רופט אָן נעמען! נעמען גיט אַהער!

— כ׳ווייס נישט פון קיין רעכטן בלאָק. כ׳ווייס נישט פון קיין שום נאַציאָנאַ־ליסטישער נעץ!

— צי ווייסט איר, אַז מיר האָבן מיטלען איר זאָלט ענטפערן קלאָר אויף פראַגן? אַז מיר קאָנען אײַך צווינגען צו זאָגן דעם אמת?

— איך האָב שוין געענטפערט במשך פון אַ סך לאַנגע דאָפּראָסן אין לוביאַנ־קאַ. אויף אַלע פראַגן געענטפערט. קיין שום זאַך, וואָס מ׳וואַרפט מיר פאָר, איז נישט אמת. צו קיין ליגנס וועט מען מיט קיין שום מיטלען מיך נישט צווינגען. איך פאַרטיידיק נישט מײַן לעבן, איך פאַרטיידיק דעם אמת; איך האַלט נישט פון בלײַבן לעבן, איך וויל נישט בלײַבן לעבן, אויב מען קאָן אויסטראַכטן אַזעלכע זאַכן, אויב...

— שווײַג!! דו אַלטע גבֿלה, דו יידישע פאַררעטערין, דו וואַגסט צו זאָגן אויף דער ראַטנמאַכט, אַז זי טראַכט אויס ליגנס?!

כ׳האָב געוווּסט, אַז מ׳טאָר נישט אַראָפּבייגן דעם קאָפּ פאַר געמיינע זיד־לערײַען. געוווּסט, אַז זיי קאָנען צעטרעטן מיט דער צונג אַ מענטש ווי אַ וואָרעם.

מ׳טאָר זיך נישט לאָזן. כ׳האָב אים געקוקט מיט פאַראַכטונג אין די אויגן, אָפּגעשלאָגן יעטוועדן אָנגריף.

— נישט פאַר דער ראַטנמאַכט שטיי איך ווי אַ באַשולדיקטע, נאָר פאַר אײַך.

— שווײַג! איך פאַלעמיזיר נישט מיט דיר, נאָר שטעל פראַגן און דו מוזט ענטפערן אויף די פראַגן!

די געמאַכטע רויִקייט איז אויסגערונען, די אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן ווי בײַ אַ וואָלף.

— ווער זענען געווען די דירעקטע מיטהעלפער אין דער נאַציאָנאַליסטישער, פאַרלייגטער נעץ? מיט וועמען האָסטו געמאַכט פּלענער אָפּצורײַסן קרים פון ראַטנפאַרבאַנד?

— איך פּראָטעסטיר קעגן דוצן מיך. איך פּראָטעסטיר קעגן באַליידיקן מיך.

ער האָט זיך הילכיק צעלאַכט. ער האָט מיר איצט נאָך מער דערמאָנט דעם פּאָרוטשניק זשערעביאַטניקאָוו. יענער פלעגט לאַכן מיט אַ הילכיק געלעכטער ווען מ׳פלעגט קאַטעווען אַ באַשטראָפטן. ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו זײַנע צוויי קאָלעגן:

— זי פּראָטעסטירט. שיינע ווערטער, האַ? זי האָט זיך באַליידיקט, די ייִדישע באַרינע און זי פּראָטעסטירט.

ס׳האָבן אָנגעהויבן זיך שיטן פראַגן, איינע נאָך די אַנדערע. אויך אַזעלכע וואָס מ׳האָט מיר געשטעלט אין לוביאַנקאַ, נאָר אַ ביסל אַנדערש פאָרמולירט.

— איך וואַרט אויף אײַערע ענטפערס. איר האָט דריי מינוט זיך צו באַטראַכטן.

— איך האָב נישט וואָס זיך צו באַטראַכטן, איך האָב נישט וואָס צו ענטפערן, כ׳האָב אויף אַלץ שוין געענטפערט אין לוביאַנקאַ, כ׳האָב נישט וואָס צוצוגעבן.

כ׳האָב די ווערטער אַרויסגעזאָגט אין איין אָטעם. מיט אַ הייזעריקער, מידער שטימע. אויך מײַן האַלדז איז פאַרמאַטערט געווען, אָפּגעזאָגט צו ענטפערן.

— טרוקן אײַך אין האַלדז, האַ? ס׳איז שווער צו ענטפערן צו דער זאַך, האַ? אַ טרונק?

ער האָט אָנגעוויזן אויף אַ גרויסער גלאָז ביר, וואָס איז געשטאַנען אויפן ביוראָ. כ׳האָב געדרייט מיטן קאָפּ, אין דער ברייט. ניין. כ׳האָב אינסטינקטיוו אָנגעשפּאַרט דעם עלנבויגן אין ביוראָ־טיש. מיט איין שפּרונג איז צו צו מיר דער הויכער, פעסטער יונג, אָנגעכאַפּט מיך בײַ דער האַנט, צוגעלייגט אַ ברע־נענדיקן ציגאַרעט און צוגעדריקט מיטן גאַנצן כוח צו דער האַנט. כ׳האָב אַרויס־געלאָזט אַ שאַרפן געשריי. כ׳האָב נישט געוווּסט, אַז אַ ברי פון אַ ציגאַרעט איז אַזוי יסורימדיק. איידער וואָס־ווען איז צו צו מיר דער צווייטער באַהעלפער,

אַנגעכאַפּט מײַן אַנדערע האַנט, דורכגעפּירט די זעלבע פּראָצעדור. כ׳האָב ווידער אַרויסגעלאָזט אַ מוראדיק געשריי. כ׳האָב זיך דערנאָך ערשט דערמאָנט אין דער עצה פון דאָקטער אָרלאָווא: מ׳דאַרף שרײַען. איז מיר לײַכטער געוואָרן? כ׳ווייס נישט. דער ווייטיק איז געווען אַ ברענענדיקער. אָפּגעטאָן זייערס זענען די צוויי באַהעלפערס אַוועק אויף זייער אָרט אָן אַ וואָרט צו זאָגן. אויף דער הויט פון מײַנע הענט זענען פאַרבליבן בראַנדוווּנדן, צייכנס זענען פאַרבליבן ביזן הײַנטיקן טאָג. אויפן לײַב איז מיר דעמאָלט אַרויסגעטראָטן אַ קאַלטער שווייס. כ׳האָב געפילט ווי מײַן פּנים האָט זיך באַדעקט מיט אַ בלאַסקייט. דער סלעדאָוואַטיעל האָט אויסגעשטרעקט צו מיר די גלאָז ביר.

— נעמט, איר זענט בלאַס געוואָרן. גיט אַ טרונק וועלן מיר ווײַטער קאָנען אָנגיין מיט דער אויספאָרשונג.

כ׳האָב נישט געענטפערט. די גלאָז נישט גענומען. ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צו זײַן באַהעלפער. יענער האָט גענומען די גלאָז, דערנענטערט זיך צו מיר:

— גיט אַ טרונק, זאָגט מען אײַך!

ס׳איז מיר צומאָל נישט פאַרבליבן קיין צײַט זיך צו פאַרטראַכטן יאָ אָדער נישט אָנצונעמען דעם אָנבאָט. דער חברה־מאַן האָט מיטן גאַנצן כוח מיט דער גלאָז אַ זעץ געטאָן מיר אין מויל. פון די ציין, פון נאָז, פון מויל האָט אַ פליייץ געטאָן בלוט. דאָס פּנים, דער האַלדז, די אויגן זענען פאַרגאָסן געוואָרן מיטן ביר. כ׳האָב אַרויסגענומען אַ נאָז־טיכל און אָפּגעווישט דאָס פּנים.

— איצט וועט איר ענטפערן אויף פראַגן?

— איצט ווייס איך, אַז כ׳בין אין די הענט פון פאַשיסטן. איר קאָנט מיך דערמאָרדן אויפן אָרט. כ׳האָב מער נישט וואָס צו זאָגן.

— אין קאַרצער!

די צוויי יונגען האָבן ווי אמתע קיילער־יונגען מיך אַ כאַפּ געטאָן אונטער די אָרעמס, געשלעפּט מיך ווי אַ געבונדענעם שעפּס צו דער שחיטה, אַראָפּגעשלעפּט איבער די שטיגן, אויפגעשלאָסן אַ קעמערל, אַרײַנגעוואָרפן מיך און פאַרשלאָסן. כ׳האָב מיך געוואָקלט אויף די פיס, אָנגעקלאַפּט מיטן קאָפּ אין וואַנט, אין סופיט און דאָך באַלד דערטאַפּט אין דער פינצטער אַ זאַק מיט אַ ביסל שטרוי אויף דער ערד. כ׳האָב זיך אַוועקגעזעצט. כ׳בין געווען נאַס, געהאַט אַ פול מויל מיט בלוט. כ׳האָב געוווּסט: ווינטער קאָן מען פאַרפרוירן ווערן אין קאַרצער. איצט איז פרילינג, ס׳דראָט נישט פאַרפרוירן צו ווערן. ס׳איז אָבער זייער קאַלט, ס׳שוידערט מיך. וואָס וועלן זיי ווײַטער טאָן מיט מיר? ווי אויסלייזעריש וואָלט געווען דער טויט! אָבער אויך די פּריווילעגיע נעמט מען אַוועק. נישטאָ קיין שום מעגלעכקייט

אַליין צו ברענגען אויף זיך דעם טויט. כ׳האָב זיך דערמאָנט אין פריידלען. ס׳איז מיר באַפאַלן אַ חרפה פאַר מײַנע געדאַנקען וועגן טויט. ס׳איז מיך אויך באַפאַלן אַ מידקייט צוזאַמען מיט אַ שלעפעריקייט, כאָטש די אויסגעברענטע הויט האָט געשטאָכן, געבריט. די קילקייט, די פינצטערניש האָבן געהאַלטן מײַן גוף אין אַ פאַנצער. איז נאָך נאַכט? מסתמא שוין פריִער טאָג. כ׳פיל ווי דער קאָפּ ווערט מיר שווער. רויטע רינגען הייבן אָן גיין פאַר די אויגן. דער קאַרצער דרייט זיך אין אַ ראָד. באַלד גאָרנישט. כ׳פיל מער גאָרנישט. כ׳בין אַרײַנגעפאַלן אין אַ תהומדיקער פאַרגעסנקייט. צי בין איך אײַנגעשלאָפן? אַרײַנגעפאַלן אין פאַרחלשטקייט? אפשר איןביידע צוזאַמען. ס׳איז שוין געווען גרויסער טאָג, ווען כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט אויף מיין קאָיקע, אין דער געמיינזאַמער קאַמער. לעבן מיר איז געזעסן דאָקטער אָרלאָווא. אַלע אויגן זענען געווען געוואָנדן צו מיר. פרײַנדלעכע אויגן, זאָרגפעלטיקע פנימער. וואָס איז געשען? ווי אַזוי בין איך צוריקגעקומען אין קאַמער? ווען די וועכטערין האָט אינדערפרי מיר געבראַכט די קאַרצער־פּאָרציע ברויט מיט וואַסער האָט זי מיך געפונען אָן אומבאַוועגלעכע, פאַרשטײַפטע, אַ שטומע. אין גסיסה אָדער שוין טויט? זי האָט אַלאַרמירט. מ׳האָט באַפוילן מיך אַרײַנצוטראָגן אין קאַמער. לאָזן מיך שטאַרבן דאַרף מען נישט. די אויספאָרשונג איז נאָך נישט פאַרענדיקט. איך האָב נאָך נישט אונטערגעשריבן. דאָס אַרײַנפאַלן אין חלשות, אין אָנמאַכט, האָט מיך אָפּגעראַטעוועט, אפשר פון עטלעכע טעג קאַרצער. אָפּגעראַטעוועט פון דערשעפונג האָט מיך די פרײַנדשאַפט פון די אויסגעמאַטערטע אַרעסטאַנטקעס.

— נעמט בײַ מיר אַ שטיקל צוקער, ס׳וועט אײַך שטאַרקן.

— נעמט, נעמט בײַ מיר דאָס שטיקל ברויט, איר דאַרפט קומען צו די כוחות.

נישט איינע איז גרייט געווען אָפּצונעמען פון הונגעריקן מויל אַ ביסן ברויט, אַ שטיקל צוקער, אַ לעפל זופּ צו העלפן מיר צו קומען צו די כוחות. אַפילו די בלאָנדע מיט די פאַרלייגטע, גראָבע צעפּ אויפן קאָפּ איז נישט אָפּגעטראָטן פון מיר. זינט זי האָט נישט אויסגעהאַלטן די קלעפּ און געפּלאָפּלט נישט־געשטויגן נישט־געפלויגן איז זי געוואָרן אַן אַנדערער מענטש, באַקומען אַ ביסל צוטרוי צו די אַנדערע, געוויינט אויף איר אומגליק וואָס זי האָט זיך „מודה געווען" צו האָבן געהאָלפן די אויסלענדישע געסט אין האָטעל פירן שפּיאָנאַזש.

...אויף דעם־אָ אָרט געווען דרײַ בלעטלעך מיט אויסגעבלאַסטער, אָפּגעריבענער שריפט. נישט לייענבאַר געווען...

★

מ׳האָט מיך ווידער גערופן. ביי טאָג. אַ פאַרהער אין מיטן, העלן טאָג? וואָס קאָן דאָס זיין? אפשר פירט מען מיך צו דערשיסן? „פאַר יעדן פאַרברעכן, פאַר יעדן פאַרראַט קומט אייך דערשאָסן צו ווערן״. אַזוי האָט ער בפירוש געזאָגט, דער סלעדאָוואַטיעל. איי מ׳האָט מיך נאָך נישט פאַרמישפּעט? וואָס טויג זיי אַ מישפט? מיר זענען דאָ אַלע אויסער יעטוועדן געזעץ. ס׳איז לית דין ולית דיין. אַ קויל און פאַרטיק. זאָל נאָר די קויל גוט טרעפן, כ׳זאָל זיך נישט מאַטערן.

צום טויט געווען שוין אין גאַנצן גלייכגילטיק. אַ שאָד מיר בלויז געווען וואָס איך קאָן נישט לאָזן קיין שום צוואה, קיין שום פאַרשריבן וואָרט. כ׳האָב אינסטינקטיוו פאַרלאַנגזאַמט די טריט, זיך אַרומגעקוקט.

— וואָס זוכט איר? אַהער, גייט אַריין!

כ׳בין אַריין אין אַ ליכטיקן, זוניקן צימער. אין פענצטער האָט אַריינגעקוקט אַ נאָך־ווינטערדיק נאַקעטער בוים, אָבער שוין באַדעקט מיט יונגינקע פרילינגדיקע בלעטעלעך, מיט פונאַנדערגעעפנטע קנאָספּן. ס׳האָט מיר געדוכט ער מונטערט מיך דער בוים. אַזוי לאַנג שוין ווי כ׳האָב נישט געזען קיין מינדסטע פלאַנץ. איך האָב אַזוי שטאַרק ליב יעדעס גרעזעלע, יעדן בוים. דער מאַן, וואָס איז געזעסן פאַרן ביוראָ, האָט אַוועקגענומען די מנוחה, וואָס ס׳האָט געגעבן דער בוים. אַ מאַן אין ציוויל. נישט קיין יונגער, נישט קיין אַלטער. אָן אַ באַשטימטער עלטער. אַ פּנים אָן ענלעכס צו די אַנדערע: אָן ערנסט, אַ קאַלטס. זיין שטימע אָבער אַ געלאַסענע, אַ רויִקע.

— אייער פאַרנאָמען, פאַטראָנים־נאָמען, פאַמיליע־נאָמען? דאַטע פון געבוירן? כ׳האָב אויסרעציטירט.

— זעצט אייך, דאָ, דאָ, ביים טישל. אָט איז דער באַשולדיקונגס־אַקט. לייענט דורך און שרייבט אונטער.

כ׳האָב געלייענט איין מאָל, אַ צווייט מאָל. די זאַצן זענען געשפּרונגען צו די אויגן ווי פייערדיקע זיילן. אַלץ איז פאָרמולירט אין אַ האַמעטנעם, שלעכטן רוסיש. דער צוזאַמענשטעלער פון דער שיינער פּראָזע איז אָן עכטער עם־הארץ. אַפילו די פּונקטואַציע־צייכנס שלעכט געשטעלט. חוץ דעם האַמעטנעם רוסיש קיין שום נייעס נישט געפונען.

— כ׳וועל דאָס נישט אונטערשרייבן, איך אַנערקען נישט די באַשולדיקונגען, הוילע אויסטראַכטענישן.

— די אויספאָרשונג האָט דאָס אַלץ פעסטגעשטעלט, פאַראַן גענוג באַווייזן.

— די אויספאָרשונג האָט דאָס בשום אופן נישט געקאָנט פעסטשטעלן, כ׳האָב אַלץ געלייקנט.

— איר פאַרערגערט אייַער סיטואַציע.

— מ׳האָט מיר דאָס שוין געזאָגט.

— איך ראָט אייַך פאַר אייַער גוטס אונטערצושרייַבן. דאָס קאָן ראַטעווען אייַער לעבן.

— אפילו צו ראַטעווען מייַן לעבן וועל איך נישט אונטערשרייַבן קיין פאַלשן דאָקומענט.

— רעכנט אייַך מיט די ווערטער, איר זענט אין אַ סאָוויעטישן אַמט.

— אין אַ סאָוויעטישן אַמט דאַרף מען זאָגן דעם אמת.

— ווילן מיר דאָס לאָזן אויף מאָרגן. איר ווילט זיכער לעבן, איר וועט זיך באַטראַכטן.

כ׳האָב מיך שוין באַטראַכט.

כ׳האָב נישט באַמערקט ווי ער האָט אָנגעדריקט אויפֿן קנעפּל. ס׳איז אַרייַן אַ וועכטער.

— פירט זי צוריק!

וויפל צייַט לעבן געווין איך נאָך? פאַרוואָס מאַכן זיי אַזעלכע צערעמאָניעס מיט מיר? זיי ווילן מיך פאַרניכטן ווי אַ סך אַנדערע. פאַרוואָס גייט זיי אין לעבן צו האָבן מייַן באַשטעטיקונג דערצו? פאַרוואָס? צוליב וואָס? אָבער ווי אַזוי איז דערצו דערגאַנגען? אַ טיראַניע פאַלט דאָך פלוצלינג נישט אַראָפּ פון הימל. נישט אַנדערש נאָר דער מיקראָב פון דעם גרויסן בייז האָט געשטעקט אין וואָרצל. טיראַניע איז, משמעות, אַ קראַנקייט, וואָס האָט אירע סיבות אין סיסטעם פון הערשאַפט. דער סיסטעם האָט אויסגעהאָדעוועט אַזעלכע אינדיווידו־אומס, וואָס פאַרשן אומשולדיקע מענטשן, צווינגען זיי זיך מודה צו זייַן צו נישט־באַגאַנגענע פאַרברעכנס. ווער ס׳פּרוווט אויס, משמעות, זייַן הערשאַפט צו דערנידעריקן, צעטרעטן אַ צווייטן מענטש, צו ווערן דער אַבסאָלוטער באַלע־באָס איבער אַ מענטשלעך לעבן, ווערט אַנטמענטשלעכט.

מיט אַזעלכע געדאַנקען בין איך אַרייַן אין אונדזער געמייַנזאַמער קאַמער. די מאַנשאַפט פון אונדזער צעבראָכן שיפל אויפֿן צעשטורעמטן ים האָט זיך דערפרייט מיט מיר. זינאַ איז צוגעלאָפן צו מיר און אָפּגעשטעקט מיר אַ קוש. יעווגעניאַ, די אַלטע, אַמאָליקע אַנאַרכיסטקע האָט מיר אונטערגעטראָגן אַ טאַ־בורעטקע. מ׳האָט מיך מיט נייגיר אַרומגערינגלט. אַלע האָבן געוואָלט וויסן וואָס מ׳האָט ווידער געפאָדערט פון מיר, דערצו בייַ טאָג.

— כ׳האָב אָפּגעזאָגט אונטערצושרייַבן.

— בראַוואָ! בראַוואָ! מאָלאָדיעץ!

אַזוי האָט אויסגערופן פּראָפעסאָר יעקאַטערינאַ ניקאָלאַיעוונאַ. יעדע גוטע

אויפפירונג פון עמעצן פאַררעכנט זי אויפן חשבון פון דער גאַנצער מאַנשאַפט. זי האָט שטענדיק אין אַ וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט געאַרבעט אין אַ געמיינשאַפט און היט אויך דאָ אָפּ דאָס גוטע צוזאַמענלעבן. די בלאָנדע מיט די פאַרלייגטע צעפּ האָט איר נישט איין מאָל פאַרשאַפט עגמת־נפש. נאָר זינט מ׳האָט זיך איזדעקעוועט איבער איר, איז זי איר אַלץ מוחל געווען.

— ווען מען פּײַניקט אַ מענטש קאָן ער נישט אַלע מאָל פאַראַנטוואָרטלעך זײַן פאַר זײַנע רייד, האָט זי פאַרטיידיקט די בלאָנדע.

ס׳זענען דורך צוויי טעג. כ׳בין ביידע נעכט כמעט נישט געשלאָפן. ס׳האָט מיר געעקבערט דער געדאַנק: וועלן זיי מיר נאָך לאַנג שענקען דאָס לעבן? כ׳וואָלט שטאַרק געוואָלט עפּעס אָנשרײַבן, עפּעס איבערלאָזן פאַר די לעבעדיקע. שרײַבן איז שטענדיק געווען בײַ מיר אַן אינערלעכע באַדערפעניש. וואָס שווערערע איבערלעבענישן כ׳האָב געהאַט, אַלץ שטאַרקער איז געוואָרן דער באַגער צו שרײַבן, צו פאַרשרײַבן. קיינער פאַרמאָגט אָבער דאָ נישט קיין שטיקל פּאַפּיר, קיין פעדער, בלײַפעדער. מ׳האָט אונדז אַלץ אָוועקגענומען. אויב, אויב ס׳וועט געשען אַ נס, אויב ס׳וועט דורך אַ צופאַל מיר געשענקט ווערן דאָס לעבן, וועל איך זוכן מיטלען, כ׳וועל פון אונטער דער ערד אויסגעפינען מיטלען צו שרײַבן, צו פאַרשרייבן, צו...

— פּרומקינאַ, קומט, נעמט אײַער פּעקל און קומט, שנעל!

אַלע שטעלן אַן אויף מיר די אויגן מיט גרויס מיטלייד. כ׳וויל כאַטש אַ קוש געבן זינאַ, די וועכטערין יאָגט מיך אָבער אונטער, זי טרײַבט פון קאַמער.

— געגאַנגען! שנעלער! צופיל געפּאָרעט זיך מיטן פּעקל.

בײַם טויער איז געשטאַנען די „שוואַרצע קראָ״. מ׳האָט מיר נישט געלאָזט קיין צײַט כ׳זאָל אַליין אַרײַנקריכן. מ׳האָט מיך אונטערגעהויבן, אַרײַנגעשטופּט, דערנאָך אַרײַנגעטריבן אין דער הינטישער בודע, פאַרקלאַפּט דאָס טירל. כ׳האָב גלײַך דערפילט דעם מאַנגל אין לופט. אָנגעהויבן ציִען די קאַרגע לופט מיט דער נאָז, מיטן מויל. דאָס מאָל איז דער שאָפער געווען אויפן אָרט. די „שוואַרצע קראָ״ האָט זיך געלאָזט אין וועג. וווּהין? אין וואָסער גיהנום פירט מען מיך איצט? אפשר דאָס מאָל טאַקע צום דערשיסן? אפשר גאָר בלויז צו טוישן די תּפיסה? צוליב וואָס וואָלטן זיי אָבער מיך געשלעפּט פון איין תּפיסה אין דער אַנדערער? ווײַל אין בוטירקי איז אַן ענגשאַפט? אפשר ווײַל נישטאָ קיין איזאָ־לאַטקע? כ׳האָב שוין אַזוי פיל מאָל שלום געמאַכט מיטן טויט, אַזוי פיל מאָל געשטאָרבן! כ׳בין שוין אַזוי היימיש מיטן מלאך המוות און טיף אין מיר טליִעט נאָך אַן אויסבאַהאַלטענער געדאַנק: אפשר וועלן זיי לאָזן לעבן? אפשר וועל איך נאָך האָבן אַ מעגלעכקייט עפּעס צו זאָגן פאַר די, וואָס וועלן לעבן בלײַבן?

באַלד ווערט דער פּונק האָפֿענונג פֿאַרלאָשן פֿון אַ פֿינצטערער מחשבה: ניין, מאַך דיר נישט קיין אילוזיעס, נאָר זיך נישט אַליין. האָסט זיך אַזוי פֿיל גענאַרט. כמעט פֿופֿצן יאָר זיך און אַנדערע גענאַרט.

כ׳בין אונטערגעשפּרונגען. די „שוואַרצע קראָ״ האָט זיך האַסטיק אָפּגע־שטעלט. ווי לאַנג האָט געדויערט דאָס פֿאָרן אין דער שטיקעניש? אַ שעה? צוויי? דריי? ווער קאָן דאָס אין דער הינטישער בודע באַרעכענען? ווי כ׳האָב מיך שפּעטער משער געווען האָט דאָס נישט געדויערט לאַנג. מ׳האָט געעפֿנט מײַן נישע די ערשטע. כ׳בין אַרויס און מיט פֿאַרזשמורעטע אויגן פֿון דער פֿינצטערניש אין דער בודע זיך אַרומגעקוקט. ווו בין איך? די זוניקע ליכטיקייט האָט מיך פֿאַרבלענדט. כ׳האָב איבערגעחזרט מײַן פֿראַגע העכער: ווו זענען מיר? „לעפֿאָרטאָוואָ״, האָט געזאָגט דער שאָפֿער אַזוי שטיל, אַז כ׳האָב קוים דערהערט.

ס׳האָט מיר געגעבן אַ שטאַרקן קלאַפּ אין האַרץ. ווען כ׳האָב געזוכט מײַן פֿריידלען, האָט מיר אַ באַהאַוונטער מענטש בסוד געראָטן אַרײַנצוטראָגן אַ פּעקל אין לעפֿאָרטאָוואָ. דאָס פּעקל האָט מען נישט אָנגענומען, אָבער וועגן דער תּפֿיסה האָב איך בײַ דער געלעגנהייט זיך דערוווּסט איינצלהייטן: אַן אַלטע תּפֿיסה פֿון די צאַרישע צײַטן, איינע פֿון די שווערסטע. זי איז געווען אַמאָל אַזאַ שרעק־וואָרט, אַז באַלד נאָך דער רעוואָלוציע האָט מען זי פֿאַרמאַכט. מ׳האָט זיך אָבער גענייטיקט אין איר. דאָ האָט געאַרבעט די טשעקאַ, די ג.פּ.או., איצט די נ.ק.וו.ד. דאָ, אין די לעפֿאָרטאָווער קעלערן, האָט מען דורכגעפֿירט און מען פֿירט דורך אומצאָליקע עקזעקוציעס. זינט דעם פֿיר און דרײַסיקסטן יאָר האָט די תּפֿיסה „אויפֿגעלעבט״. זי האָט באַקומען איר אַמאָליקע רענאָמע. די גרויסע געבײַדע זעט אויס ווי אַ פֿעסטונג. די פֿיל שטאָקיקע גאַלעריעס, ווו ס׳געפֿינען זיך די קעמערלעך זענען געבויט אין אַ קרײַז, ווי אַ צירק, אַ טראַגישער צירק. פֿון דעם מיטלדיקן פּלאַץ קאָן מען האַלטן אויג אויף דער גאַנצער תּפֿיסה. מיר האָט זיך בײַם אַרײַנגיין געדוכט, אַז ווו איך וועל מיך נאָר געפֿינען, וועט פֿון זעלבן אָרט שטענדיק קוקן אויף מיר דער מלאך המוות. נישקשה, דער נייער רעזשים האָט איבערגענומען פֿון צאַריזם אַ פֿײַנע ירושה. און ער היט זי די ירושה. לאָזט זי נישט אָפּוועלקן. פֿאַרקערט.

★

לעפֿאָרטאָוואָ האָט אויך איר אייגענעם, שטרענגן רעזשים. דאָ הערשט אומע־טום שטומקייט און שטילקייט. אַ טויטע שטילקייט. דאָ פֿילט מען אויך דעם טויט לויערן. דער טויט און די שטילקייט האָבן דאָ געמאַכט יד־אחת. די דילן זענען אומעטום פֿון צעמענט אָבער מען הערט נישט קיין טריט. די דילן אין די קאָרידאָרן זענען אויסגעפּלאַסטערט מיט דיקע קאַרפּעטן, וואָס שלינגען אײַן דעם קלאַנג

פון די טריט. די טירן בײַם עפענען און זיך פאַרמאַכן גיבן נישט אַרויס קיין קלאַנג. די וועכטער און וועכטערינס הערט מען קיינמאָל נישט, נישט זייער גיין, נישט זייער שטימע. זיי פאַרשטענדיקן זיך מער אויף שטום־לשון; אַפילו זייערע באַפעלן זענען קורצע און שטילע. כ׳האָב מיך דערנאָך דערוווּסט, אַז אַפילו דאָס דערשיסן אין די קעלערס די פאַרמישפּטע מאַכט מען אויך אין דער שטיל. ספּעציעלע רויש־מאָטאָרן פאַרטויבן דעם אָפּהילך פונעם שאָס.

נאָכן דורכפירן בײַ מיר אַ נײַע רעוויזיע, אין מײַן באַגאַזשל און איבער מײַן לײַב, האָט מען מיך אַרײַנגעפירט אין אַן איינצל־קאַמער. צוריק אין אַן „אַדינאָטשקע״. אַן אײַזערן בעטל צוגעשמידט צום וואַנט, אַן אײַזערן טישל, אַ טאַבורעטקע, אין אַ ווינקל אַ קליינע „פּאַראַשאַ״ און דאָס צימערל איז פול. איך קאָן בלויז מאַכן דרײַ טריט אין דער ברייט און פיר טריט אין דער לענג. די בעטאָנענע ווענט ווײַס־גרוי, דער דיל אַ שטיינערנער. כ׳בין צווישן שטיין און בעטאָן. דאָס קליינע פענצטערל אויבן, באַדעקט מיט אַ געדיכטער קראַטע, לאָזט נישט דורך קיין סך טאָג־ליכט און נישט קיין ביסל וואַרעמקייט פון דרויסן. ס׳איז אַ שיינער, זוניקער פרילינג אין דרויסן. אין מײַן קעמערל איז ווינטער. די ווענט און דער דיל גיבן אַרויס פון זיך אַ קעלט.

כ׳האָב אין אָוונט באַקומען מײַן ערשטן, לעפאָרטאָווער „מאָלצײַט״. אין אַ משונהדיקער בלעכענער, האַלב־פאַרזשאַווערטער כלי איז געווען אַ פּליסיקייט מיט קאַרגע גרויפּן פון אַן אומבאַשטימטן מין, מיט אַ בלעטל פון קרויט. כ׳האָב איצט געבענקט נאָך דער געדיכטער זופּ אין בוטירקי. צום שלאָפן גיין האָב איך אויסגעטאָן די אייבערשטע קליידער, אַרויפגעלייגט אויף דער דעק מײַן ווינטערדיקן מאַנטל און מיט דעם אַלעמען נישט געקאָנט זיך דערוואַרעמען. ווי גיך כ׳האָב זיך אײַנגעדרענגט, אַרונטערגערוקט די הענט אונטער דער דעק, האָב איך דערהערט ווי דורכן „אויגל״ רעדט אַרײַן מיט אַ טויבער שטימע דער וועכטער, ווי אַ נישט־גוטער: „די הענט אויף דער דעק״. דאָס זעלבע מושטרירן ווי אין לוביאַנקאַ, נאָר דאָ באַפעלט מען אין דער שטיל, די שטימע קומט ווי פון יענער וועלט.

כ׳בין די נאַכט ווייניק געשלאָפן. דער דינער, אומרויִקער שלאָף האָט זיך כסדר געריסן, איבערגעריסן זיך ווי שפּינוועבס. דער פרימאָרגן הייבט זיך אָן מיטן באַקאַנטן רעגולאַמין: אַרויסטראָגן די „פּאַראַשאַ״, די פּריווילעגיע צו גיין אין קלאָזעט, אײַנוואַשן זיך אין דער גיך, פאַרמאַכן דאָס בעטל. איך כאַפּ מיך גלײַך, אַז כ׳בין דאָ אין אַ שטרענגערער איזאָלאַציע ווי אין לוביאַנקאַ. דעם „פרישטיק״ ברענגט מען מיר אַרײַן נישט קוקנדיק אויף מיר, אַן אַ וואָרט אַרויס־צוזאָגן. קורץ נאָכן אויסטרינקען דאָס וואַרעמע, שוואַרצע וואַסער מיטן לעפעלע

צוקער, נאָכן אויפֿעסן כמעט אַ העלפֿט פֿונעם פּאַיאָק, עפּנט זיך שטיל, אָן דעם מינדסטן סקריפּ די טיר.

— קומט!

— צי דאַרף איך נעמען מײַן באַגאַזשל?

— שטעלט נישט קיין פֿראַגן! קומט!

די וועכטערין גיט מיך איבער צוויי סאָלדאַטן. דער מוח הייבט אָן אַרבעטן, עפּעס טרעפֿן. אויף אַ נײַעם „דאַפּראָס״? מסתּמא נישט. דאָס מאַכט מען דאָך אומעטום בײַנאַכט. טוישן דאָס קעמערל? וואָלט זי דאָך געהייסן נעמען דאָס פּעקל. רעווידירן? מ׳האָט עס שוין געכטן געטאָן. דערשיסן? צו וואָס דען פֿירן מיך צוויי סאָלדאַטן אויב נישט צום שיסן? וויפֿל מאָל האָב איך מיך שוין געזעגנט מיטן לעבן? אַ פֿאָלקס־ווערטל זאָגט: מען שטאַרבט נאָר איין מאָל. דאָ שטאַרבט מען אַ סך מאָל.

די סאָלדאַטן האָבן מיך געפֿירט און געפֿירט און אַרײַנגעפֿירט אין אַ ציכטיקן צימער. בײַ די ווענט עטלעכע בענק, שטולן.

— זעצט אײַך. דער טריבונאַל איז נאָך פֿאַרנומען.

דער סוד האָט געפּלאַצט. מ׳שטעלט מיך פֿאַר אַ טריבונאַל. צי האָט זיך דעם סאָלדאַט אַראָפּגעגליטשט פֿון צונג, צי דאָ איז דאָס שוין מער קיין סוד נישט? גיי ווייס וואָס און ווען אין אַזאַ טײַוולאָנישער פּלאָנטערניש ווערט אַ סוד אויס סוד. איך וואַרט מיט האַרצקלאַפּעניש. איצט פֿאַרשטיי איך פֿאַרוואָס מ׳האָט מיך גערופֿן פֿאַרן פֿאַרלאָזן בוטירקי איבערצולייענען און אונטערשרײַבן דעם באַשולדיקונגס־אַקט. ס׳איז געווען מיך צו שטעלן פֿאַרן טריבונאַל. וואָלט איך דאָס פֿאַרשטאַנען פֿריִער, וואָלט איך צוגעגרייט מײַן פֿאַרטיידיקונג. נאָר וואָלט עס דען געהאָלפֿן? סײַווי איז דער אורטייל שוין אַ פֿאַרטיקער. פֿאַר די אַלע „פֿאַרברעכנס״ קומט מיר נישט אײן טויט־אורטייל. מ׳האָט עס מיר נישט איין מאָל אָפֿן געזאָגט. איך זיץ ווי אויף הייסע קוילן. כ׳וויל צונויפֿנעמען די געדאַנקען, איבערלייגן זיך וואָס מ׳דאַרף זאָגן. אויך ווי אַזוי אויפֿצונעמען דעם אורטייל. מײַנע געדאַנקען בלאָנקען אַוועק ערגעץ ווײַט. כ׳קאָן זיך נישט קאָנ־צענטרירן אַרום דער איצטיקער געשעעניש. ס׳קומט מיר אויפֿן זינען ווערא פֿיגנער. זי האָט פֿאַרן צאַרישן טריבונאַל, וואָס האָט זי פֿאַרמישפּעט צו טויט, געהאַלטן אַ לאַנגע, מוטיקע רעדע. אַזוי פֿיל אַנדערע רעוואָלוציאָנערן האָבן פֿאַר די צאַרישע טריבונאַלן פֿון באַשולדיקטע זיך פֿאַרוואַנדלט אין באַשולדיקער. וועט מען מיר דערלויבן צו זאָגן וואָס איך טראַכט? מיר איז דאָך שוין אַלצאיינס. אַזוי צי אַזוי וועלן זיי מיך פֿאַרמישפּטן. זאָל איך כאָטש פֿאַרן טויט זיי וואַרפֿן

דעם אמת און זייער שאַנדע אין פּנים. ס׳וואָלט געווען אַ פאַרלײַכטערונג פאַר מיר. אפשר אויך פאַר אַנדערע.

— קומט!

מײַן ריי איז געקומען. די עסקאָרט באַוואַכט מיך פון בײדע זײַטן, פירט מיך אַרײַן אין אַ געראַומיקן, זוניקן טריבונאַל־צימער. הינטער אַ לאַנגן טיש, באַדעקט מיט אַ רויטן טוך, זיצן דרײַ אָפיצירן. איך קוק מיך אײַן: אַ גענעראַל און צוויי פּאָלקאָווניקעס. אַ טראַיקע. בײַ דער זײַט זיצט אַ מענטש אין אַ מונדיר. איך דערקען נישט זײַן טשין. ער האַלט אַ פעדער אין האַנט, גרייט צו פּראָטאָקאָלירן אויפן בויגן פּאַר אים. אויבן, אויפן וואַנט אַ גרויסער פּאָרטרעט פון „פאָטער פון די פעלקער״. זײַן פּנים איז באַצויגן מיט אַ ברייטן, פאָטערלעכן שמייכל. אַ פּנים אין גאַנצן אַן אַנדערש ווי כ׳האָב געהאַט געזען פון דער נאָענט. כ׳האָב זיך דערמאָלט געטראַכט: ווי אַ מענטש קאָן זײַן געבענטשט און געשטראָפט פון דער נאַטור. זײַן אַזוי באַגאַבט אינערלעך, און אויסערלעך זײַן אַזוי אָפּשטויסנ־דיק, פאַרמאָגן אַזאַ מיאוס פּנים. אויפן בילד דאָ, אויף דער וואַנט פון טריבונאַל, איז סטאַלינס פּנים אויסערסט מילד און שיין. אונטערן בילד הענגט אַ פּירקאַנטי־קער וואַנט־זייגער. ס׳איז פּינקטלעך נײַן אַ זייגער. די צוויי סאָלדאַטן באַוואַכן מיך פון בײדע זײַטן. מיר שטייען אַנטקעגן טריבונאַל. די ריכטער זיצן ווי מומיעס. אויף זייערע פּנימער קיין שום מענטשלעכער אויסדרוק. שטיינערנע, קאַלטע פּנימער. מומיעס אין אָפיצירישע מונדירן. עס קײַקלט זיך אַרויס אַ פלעגמאַטישע שטימע ווי פון אַ ליידיק פעסל פון דער מיטלסטער מומיע אין אַ מונדיר פון אַ גענעראַל:

— נאָמען, עלטער...

איך רעציטיר אויס שוין צום וויפלסטן מאָל.

— באַשולדיקטע, צי האָט איר זיך באַקענט מיטן באַשולדיקונגס־אַקט?

— יאָ, אָבער כ׳האָב נישט...

ער לאָזט מיר נישט פאַרענדיקן.

— ענטפערט נאָר אויף דעם וואָס מען פרעגט אײַך. צי זענט איר זיך מודה אין אײַערע פאַרברעכנס?

— ניין! כ׳בין זיך נישט מודה צו קיין פאַרברעכנס, וואָס כ׳בין קיינמאָל נישט באַגאַנגען. מ׳האָט מיך געפּײַניקט און כ׳בין זיך נישט...

אַ מאַך מיט דער האַנט, וואָס רײַסט מיר איבער.

— באַשולדיקטע, ענטפערט בלויז אויף דעם וואָס מען פרעגט אײַך!

— ניין, כ׳בין מיך נישט מודה. כ׳בין נישט באַגאַנגען קיין שום פאַרברעכנס.

— ס׳זענען פאַראַן באַווייַזן. דער אַרעסטירטער ראַשפּעס האָט אין אַ קאָנפראָנ־טאַציע מיט אײַך באַשטעטיקט.

— נישטאָ קיין שום באַווייַזן. דער אַרעסטירטער ראַשפּעס האָט גאָרנישט באַשטעטיקט. מ׳האָט אַרויסגעריסן פון אים מיט פּײַניקונגען, מיט...

ער רײַסט מיר איבער מיט אַן ענערגישן זשוסט פון דער האַנט, פּאָרט מיר אַרײַן אין די רייד.

— באַשולדיקטע, איר האָט צו ענטפערן קורץ אויף פראַגן! איך פרעג צום לעצטן מאָל: זענט איר זיך מודה צו דעם וואָס דער באַשולדיקונגס־אַקט וואָרפט אײַך פאָר?

— ניין! טויזנט מאָל ניין. דער גאַנצער באַשולדיקונגס־אַקט איז אויסגע־זויגן פון פינגער. איך בעט דעם הויכן טריבונאַל מיך אויסצוהערן. כ׳וויל אויפווייַזן, אַז כ׳בין קיינמאָל...

דער גענעראַל האָט זיך האַסטיק אויפגעריסן. די צוויי פּאַלקאָווניקעס־ריכטער האָבן זיך אויפגעשטעלט ווי מאַריאָנעטן, וואָס מ׳גיט אַ צי פאַרן שטריקל. די מיטלסטע מאַריאָנעטקע אין גענעראַלישן מונדיר וואַרפט אַרויס פון זיך ווערטער ווי ער וואָלט אָפּגעזאָגט אַ ליטאַניע:

— דער העכסטער מיליטערישער טריבונאַל האָט פאַרענדיקט די געריכטס־פאַרהאַנדלונג. די באַשולדיקטע וואַרט אויפן אורטייל.

די קאָמעדיע איז פאַרענדיקט. די דרײַ מאַריאָנעטן זענען אַוועק, פאַרשוואונדן הינטער אַ דערנעבנדיקער טיר. מײַנע בליקן פאַלן אויפן זייגער. ס׳איז 9 מינוט נאָך ניין. דער פּראָצעס האָט געדויערט נײַן מינוט. די צוויי סאָלדאַטן זעצן זיך אַוועק, הייסן מיך אויך זיך אַוועקזעצן. איך וואַרט אויפן אורטייל. צי קאָן ער זײַן אַן אַנדערער ווי אַ טויטאורטייל? אָדער — אָדער. בין איך שולדיק, קומט מיר לויטן סאָוועטישן קאָדעקס טויטשטראָף. בין איך אומשולדיק, ווי כ׳האָב דאָס געוואָלט באַווײַזן, דאַרף מען מיך באַפרײַען. דער מאַריאָנעטן־טריבונאַל וועט מסתמא האָבן אַ שווער שטיקל אַרבעט בײַם פּסקענען. ווער ווייסט ווי לאַנג זיי וועלן מיך לאָזן דאָ וואַרטן?

כ׳האָב מיך אויך דאָס מאָל טועה געווען. כ׳האָב קוים באַוויזן צו דערציִען מײַנע געדאַנקען ביזן סוף ווי דאָס געריכט איז געווען צוריק. די צוויי סאָלדאַטן זענען אויפגעשטאַנען, אויסגעצויגן זיך אין אַ מיליטערישער פּאָזיציע, געהייסן מיר אויך אויפשטיין. דער סעקרעטאַר, וואָס האָט געהאַלטן אין איין פּראָטאָ־קאָלירן, האָט זיך אויך אויפגעהויבן. מיר שטייען אַלע, ווי אַ מלחמה־בריגאַדע, וואָס דאַרף אַוועק אין שלאַכט. דאָס האַרץ קלאַפּט בײַ מיר ווי ס׳וואָלט געוואָלט אַרויסשפּרינגען פון ברוסטקאַסטן. דער גענעראַל הייבט אָן אַרויסלייענען פון אַ פּאַפּיר:

— אין נאָמען פון פאַרבאַנד פון די סאָוויעטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן... אויפן סמך פון אַרטיקל 58, פּאַראַגראַף... און פּאַראַגראַף... און פּאַראַגראַף... דער מיליטערישער העכסטער געריכט פאַרמישפּעט די באַשולדיקטע מאַריאַ יאַקאָוולעוונאַ פרומקינאַ צו צען יאָר... אין איזאָלאַציע...

דער קאָפּ דרייט זיך ביי מיר. פאַר די אויגן גייען פייערדיקע רינגען. איך כאַפּ נישט אַלץ אויף. חוץ דעם אַרטיקל 58 האָט ער נאָך דערמאָנט פּאַראַגראַפן. צען יאָר. דוכט מיר תפיסה. אין איזאָלאַציע. פאַרט נישט טויטשטראָף. צי וועל איך אָבער אויסהאַלטן צען יאָר אין איזאָלאַציע? וואָס איז איצט ווערט דאָס געשאָנקענע לעבן? ס'באַפאַלט מיר אַ פאַרדרוס אויף מיר. איך שעם מיך פאַר זיך אַליין. כ'האָב בלויז געענטפערט אויף פראַגן אַזוי ווי דאָס קאָמעדיע־געריכט האָט געפאָדערט. יידן זענען אַמאָל געגאַנגען אויף קידוש־השם פאַרן גלויבן. מענטשן זענען געגאַנגען מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ צום טויט פאַר דער וויסנשאַפט ווי דזשיאָרדאַנאָ ברונאָ; רעוואָלוציאָנערן האָבן אויסגענוצט די פראָ־צעסן זיך אָפּצורעכענען מיט די באַדריקער און פאַרפאָלגער. פאַרוואָס האָב איך נישט אַ שמייס געטאָן אין פּנים דעם קאָמעדיע־טריבונאַל דעם פאַלשן באַשול־דיקונגס־אַקט? דעם אמת וועגן פאַבריצירטן פּראָצעס? צי ווייל מ'האָט מיר פאַרמאַכט דאָס מויל און כ'האָב נישט געהאַט קיין געלעגנהייט דערצו, צי ווייל כ'האָב נישט געהאַט גענוג מוט דערצו? מסתמא צוליבביידע.

מיר פאַרלאָזן דעם טריבונאַל־זאַל. כ'הייב אָן פלאָנטערן מיט די פיס. כ'זע נישט דעם וועג. די צוויי סאָלדאַטן נעמען מיך אונטערן אָרעם. די קאָרידאָרן זעען מיר אויס אומענדלעך. זיי וועלן זיך קיינמאָל נישט ענדיקן. די סאָלדאַטן פירן מיך לסוף צו צו אַ וועכטערין; איינער רוימט איר עפּעס איין אויפן אויער. זי ברענגט מיך אין דער זעלבער קאַמער.

— אויב איר ווילט קאָנט איר זיך איצט אָפּרוען אויפן בעטל. אין אַ שעה אַרום איז אַ „באַניאַ". אייך קומט אַ באָד. אויב איר וועט וועלן.

כ'האָב מסתמא געהאַט אַ שיינעם אויסזען אויב זי האָט מיר פאַרגעלייגט זיך אָפּצורוען ביי טאָג אויפן בעטל. כ'האָב טאַקע געפילט ווי דאָס האַרץ גייט ביי מיר ווי אַן אַלטער, קלאַקיקער וואַנט־זייגער. כ'האָב זיך געוואַקלט אויף די פיס. פונדעסטוועגן וועט גוט זיין צו נעמען אַ שפּריץ. כ'בין גוט שמוציק, מיין לייב איז אויסגעווייקט אין שווייס. אַ שפּריץ וועט מיך אָפּפרישן. זעט אויס, אַז די וועכטערין האַלט מיך שוין פאַר אַ היגע. ווי וואָלט איך געוואָלט זיך צוריק אומקערן קיין בוטירקי, צום געמיינזאַמען קאַמער, צו זינאַ, צו דאָקטער אָרלאָוואַ, יעווגעניאַ ניקאָלאַיעוונאַ, דער אַלטער אַנאַרכיסטקע, צו דער בלאָנדער מיט די פאַרלייגטע, גראָבע צעפּ, צו אייך אַלע. ווי נאָענט זענט איר מיר אַלע געוואָרן!

אויך איר, קריסטינאַ, גערטרודאַ, פֿאַנ׳, איר אַלע פֿאַרהונגערטע, געפּייַניקטע. אייַערע לייַדן לאָזן מיר נישט קיין רו. ווי איך וואָלט מיט מייַנע הענט געהאָלפֿן אויפֿשטעלן די תּפֿיסות, די גאַנצע טייַוולאָנישע מאַכינע. און האָב איך מיך דאָך פֿון דער פֿריסטער עלטער געשלאָגן מיט אַלע בייזע כּוחות, אַז דער מענטש זאָל דערהויבן ווערן, אַז ער זאָל באַפֿרייַט ווערן פֿון צוואַנג און יאָך. בייַ געטען אין „פֿאַוסט" ווערט געזאָגט: „דאָס איז אַ טייל פֿון יענער קראַפֿט, וואָס וויל שטענדיק דאָס שלעכטע און שאַפֿט שטענדיק דאָס גוטע". זע איך איצט, אַז ס׳קאָן געשען פּונקט פֿאַרקערט.

— ס׳גייט בעסער? איר קאָנט נעמען אַ באָד?

כ׳האָב נישט געהערט, נישט באַמערקט ווי די וועכטערין איז אַרייַן אין קעמערל. איך בין גאַרנישט צוגעוווינט צו אַזעלכע פֿראַגן, צו אַזאַ מענטשלעכן טאָן. זעט אויס די וועכטער און וועכטערינס ווייסן, אַז נאָך אַ משפּט איז מען צוזאַמענגעבראָכן, מען פֿאַלט פֿון די פֿיס נישט פֿון מידקייט נאָר פֿון יאוש.

די באַרימטע „באַניאַ", די היגע שפּריץ־באָד איז ענלעך צו דער אין בוטירקי. צו די ווייניקע שפּריצן שטופּן זיך צענדליקער דערשעפּטע פֿרויען. יעדע וויל כאַפּן אויפֿן לייַב אַ ביסל וואַרעם וואַסער. מ׳רייַבט זיך אייגע אין דער אַנדערער. איך קאָן מיך הייַנט נישט שטופּן. אַ יונגע פֿרוי העלפֿט מיר אַרויס, ציט מיך אַרייַן אינעם רומל אונטער אַ שפּריץ. קוים וואָס מען באַוויַזט זיך צו באַנעצן ווי מ׳שטופּט אונדז אַרויס. דערווייַל מאַכט מען באַקאַנטשאַפֿט.

— אַ נייַע? אַ געמישפּעטע שוין?

— יאָ, הייַנט.

— וויפֿל?

— צען.

— גוט אָפּגעשניטן. נישט קיין סך.

— צען נישט קיין סך?

— זייַט צופֿרידן, אַז נישט 20.

— און איר?

— אויך צען, נאָר שוין פֿון לאַנג. פֿון אָנהייב זיבן און דרייסיק. איצט אַ סך ערגער. זינט סוף זיבן און דרייסיק אַ סך צוואַנציקער, פֿינף און צוואַנציקער, די איבעריקע שיקט מען אין די קעלערן, צום ווענטל, אפֿשר גאָר אָן אַ ווענטל. געהערט פֿון אַן אַרעסטאַנטקע אונטערן שפּריץ, אַז דער טריבונאַל אַרבעט גאַנצע טעג. געהערט, אַז מ׳וועט די פֿאַרמישפּעטע שיקן אין אַרבעטס־לאַגערן.

— די פֿאַרמישפּעטע צו איזאָלאַציע אויך?

— כ׳ווייס נישט. איר זענט מסתּמא צו אַלט צו אַרבעטן. ווי אַלט?

— 58.

— נישט מער? כ'האָב געמיינט...

אויב כ'האָב נישט געקאָנט זיך אָנקוקן אין אַ שפּיגל, האָב איך מיך פון איר דערוווּסט ווי איך זע אויס. זי האָט מיך געגעבן אַ צי נאָך זיך. אונטער אַ שפּריצער איז לויזער געוואָרן. זי האָט זיך אַריינגעשטופּט אין סאַמן מיטן, געצויגן מיך נאָך זיך. נאָר לאַנג האָט מען אונדז נישט געלאָזט אין דעם שווילטאָג. מיר האָבן אויך דאָס מאָל געוואַרט אויף אונדזער אָנטועכץ. דאָס וואַרטן איז מיר דאָס מאָל ליב געווען. איין קלייניקייט, קאָנען זיך דורכרעדן מיט אַ מענטש, בפרט ווען מ'איז נאָכן משפּט, מ'דאַרף זיך אַזוי פיל נישט היטן. מיר רעדן כמעט מיט אַ פליסטער, נישט קוקנדיק איינע צו דער אַנדערער. איר נאָמען האָב איך נישט דערהערט, כ'האָב זי מער נישט באַגעגנט, אָבער זי איז פאַרבליבן אין מיין זיכרון ווי אַ יינגערע שוועסטער, אַ גורל־שוועסטער.

★

...היינט פאַר מיטאָג באַגעגנט אין לאַגער און פאַרשמועסט זיך מיט סערגיי דעם קברן, אָדער סערגיי מלאך המוות. ער האָט זיך אומגעקערט פון אַ שווערער אַרבעט, געמוזט אונטער אַ וואָך פונאַנדערגראָבן די פאַרפרוירענע ערד אויף דער צווייטער זייט לאַגער. מיט אַ קירקע אין איין האַנט, מיט אַ לאָפּאַטע אין דער צווייטער האַנט, האָט ער אַן אומצופרידענער, מיט אַ פאַרשוויצטן שטערן, געטראָטן פויל, לאַנגזאַם. קענטיק געווען, אַז ס'טיאַכקעט אים עפּעס, ער דאַרף זיך אַראָפּרעדן פון האַרץ. און מיט מיר איז סערגיי אַ גאַנצער שמעלקע. ער האָט באַדאַרפט אָנשרייבן אַ בקשה אין די הויכע פענצטער קיין מאָסקווע מ'זאָל זיין עלף־יאָריקן זון, וואָס איז געבליבן אַ יתום, אַריינגעמען אין אַ קינדער־היים. זיין אַלטע מאַמע קאָן זיך מיט אים קיין עצה נישט געבן. דאָס יינגל האָט זיך גענומען צו גנבענען. דער סוף וועט זיין די תפיסה, אָדער אַ לאַגער. סערגיי האָט באַקומען פּאַפּיר און אַ פעדער נאָר ווי אַזוי זיך צו נעמען צום עסק האָט ער נישט אָנגעהויבן וויסן. אים איז לייכטער פונאַדערצוגראָבן די פאַרפרוירענע ערד, אַריינצוואַרפן אַ צענדליק מתים, פאַרשיטן זיי, דערנאָך אויסגלייכן די ערד, ווי פירן מיט דער האַנט די פעדער איבערן פּאַפּיר, בפרט צוזאַמענשטעלן עפּעס רעכטס. סערגיי איז אַ פּריווילעגירטער אין לאַגער. ער איז דאָך נישט קיין פּאָליטישער „פאַרברעכער" נאָר אַ קרימינעלער. קיין חוצפּהניק, קיין פּאַדליעץ, ווי ס'זענען די פון זיין ס'גאַל, איז ער נישט. דערהרגעט אַ מענטש האָט ער דאָך נישט ווילנדיק, האָט דערנאָך געווייַנט, חרטה געהאַט. כ'האָב אים אָנגעשריבן דעם בריוו. ער איז געווען אין זיבעטן הימל: „אַזוי אַקוראַטנע, אַזוי גוט, ס'אַלץ צונויפגעשטעלט". ער האָט געדאַנקט און צוגעזאָגט, אַז אויב כ'וועל דאָ שטאַרבן,

וועט ער מיך לאַנג נישט לאָזן ליגן, נישט אַריינוואַרפן ווי ס׳זאָל נישט זיין אין אַ גרוב אַבי פּטור צו ווערן. מיט איין וואָרט: ער וועט מיר אָפּדינען, כ׳קאָן רעכענען אויף זיין פריינדשאַפט. היינט אינדערפרי, דערזעענדיק מיך אויפן לאַגער־הויף, האָט ער צוגעלייגט די רעכטע האַנט צו דער פּאַפּאַכע, דערגענטערט זיך און זיך פאַרקלאָגט:

— מ׳הייסט גראָבן, מוז כ׳גראָבן. די אַנדר׳נאָוואַ זאָגט ס׳גייט צ׳פרילינג. מ׳דאַרף נישט לאָזן ליגן ד׳מתים. ווען ס׳ברענט דער פראָסט, זאָגט זי, שאַט ג׳נישט. ווען ס׳וועט לינדער ווערן, זאָגט זי, קאָן ס׳אַנמאַכן צרות. איך זאָג איר די ערד ז׳נאָך גוט פאַרפרוירן, פאַרקאָוועט. נישט די לאָפּאַטע, נישט די קירקע נעמט ז׳נישט. נאָר איך מיינס און ז׳ אירס. גייט טענהט מיט דער אַנדר׳נאָוואַ. ס׳גייט צ׳פרילינג, זאָגט זי. טו וואָס מ׳הייסט דיר. מ׳דאַרף דעם גאַנצן שטויס, וואָס ליגט דאָרט, באַגראָבן וואָס גיכער. נישט ווי ס׳זאָל נישט זיין, נאָר טיף, זאָגט זי. גייט טענהט מיט דער אַנדר׳נאָוואַ, אַז ד׳ערד איז נאָך פאַרקאָוועט, אַז ד׳קירקע נעמט ז׳ נישט. זי וועט קומען זען דעם גרוב, זאָגט זי. ס׳דאַרף זיין טיף פאַר אַזאַ ראַמש, זאָגט זי.

— וויפל דאָרט פאַראַן? אַ סך?

— ווער האָט געציילט? מ׳הייסט אַרויסטראָגן, טראָג כ׳אַרויס. מ׳הייסט באַגראָבן, באַגראָב איך. ס׳האָט זיך אָנגעזאַמלט. אפשר אַ צענדליק. אפשר מערער. אפשר ווייניקער. כ׳צייל נישט. דאָרט, אין יענעם לאַגער, ביי ד׳מאַנסבילן, זאַמלט זיך אָן אַ סך מערער. פון דער האַראָוואַניע אין ד׳גרובן. פון ד׳פּאַסקודנע שלאָפּקייטן. ס׳איז נישט ווי דאָ, ב׳אונדז. האָ, האָ, דאָרט קומט אַ מענטש אָפּ אַ סך מערער. ד׳האַראָוואַניע אין ד׳גרובן צעקוועטשט גיך אַ מענטש. כ׳על דאָ פאַרענדיקן, על איך מסתמא אַהין מוזן גיין פונאַנדערגראָבן ד׳פאַרקאָוועטע ערד. ס׳גייט צ׳פרילינג זאָגט די אַנדר׳נאָוואַ.

האָב איך מיך פון סערגייס דערוווּסט, אַז עס גייט צו פרילינג. ס׳האָט זיך מיר געדוכט, אַז אויך דאָ, פּונקט ווי פריִער אין די תפיסות, איז די צייט שטיין געבליבן. און פאַרט גייט זי, די צייט. איך בין אַהער געקומען סוף זומער. ס׳איז גיך געקומען דער ווינטער. דער איבערגאַנג פון זומער צו ווינטער איז אַ גיכער, אַ באַלדיקער. שנייען, זאַווערוכעס, ברענענדיקע פרעסט. איצט גייט צו פרילינג. די ערד איז נאָך פאַרקאָוועט, אָבער דער הימל איז שוין צו ביסלעך אויסגע־לייטערט. מ׳וואַרט דאָ אויף פרילינג ווי אויף אַ דערלייזונג. איך וואַרט אויך אויפן פרילינג און האָב מורא פאַר אים. אין די קעלטן זענען די טירן, די פענצטער פון די באַראַקן, פון דער אַדמיניסטראַציע פאַרמאַכט. די לאַגער־באַדינער, די באַאַמטע, די אַנדראַנאָוואַ דרייען זיך נישט אין דרויסן. דער פראָסט, אַ זאַווערוכע

האַלטן זיי צווישן פיר ווענט, ביי זייערע באַשעפטיקונגען. איך קאָן זיצן שעהען־לאַנג ביי אַ מ׳שטייגס געזאָגט טישל אין מיין באַראַק, ווי אַ בער ווינטער אין זיין נאָרע און מיט אַ משוגהדיקער שנעלקייט פאַרשרייבן בייגעלעך פּאַפּיר. מיטן אָנקומען פון פרילינג וועט מען אויפמאַכן די פענצטער, אפשר אויך אַ טיר. ווער איך דען דעמאָלט קאָנען טאָן אַזאַ געפערלעכע, פאַרבאָטענע זאַך? כ׳מוז זיך איילן. ס׳בלייבט נישט קיין סך צייט. כ׳וואָלט געוואָלט פאַרענדיקן די בלעטלעך פון מיין לעבן. ס׳קומט מיר מיט ביטערער איראָניע אויפן זינען די פראַזע, וואָס מיין טאַטע פלעגט איבערחזרן: היום קצר והמלאכה מרובה. אַפילו אין נײַנטן קרייז פון גיהנום מוז איך מיך איילן. ס׳וועט מיר מסתמא אויספעלן צייט. אויך כוחות. צי האָבן דאַנטעס פאַרשווינען אין גיהנום געטראַכט וועגן צייט?

סערגיי האָט מיר דערמאָנט, אַז די צייט גייט. אַז ס׳גייט צו פרילינג. ער האָט מיר דערמאָנט, אַז כ׳מוז מיך איילן. איך מוז מיך אָבער נאָך פאַרהאַלטן אויף לעפּאַרטאָווע. דאָס שרעק־וואָרט האָט זיך לאַנג געדרייט אין מיין מידן קאָפּ, געפּיקט מיר מיטן לאַנגן, שפּיציקן שנאָבל דעם מוח, פּונקט ווי דער אָדלער האָט מיטן שנאָבל געפּיקט די לעבער פון צוגעבונדענעם צום פעלדז פּראָמעטיי. פּראָמעטייען האָט באַפרייט הערקולעס, די לעבער איז אים צוריק אָנגעוואַקסן. מיך וועט פון לעפּאַרטאָווע קיינער נישט קומען באַפרייען, האָב איך מיר געטראַכט. דער מוח, דאָס האַרץ זענען צעזעצט געוואָרן. ס׳איז געווען בעת די ערשטע פיר טעג נאָכן משפּט, צווישן די ענגע, קאַלטע ווענט אין מיין איזאָלאַציע־קעמערל. יעדער טאָג, יעדע שעה אַן אייביקייט. כ׳האָב צומאָל נישט געפילט דעם הונגער; בלויז געפילט ווי דאָס האַרץ פלאַטערט אין ברוסטקאַסטן ווי אַ פויגל אין אַן ענגער שטייג. הינטערן האַרץ האָט גענאָגט אַ שווערע באַגעניש. הונגער? דורשט? כ׳האָב אויסגעליידיקט די בלעכענע כלים, פאַרמאַכט די אויגן ס׳זאָל מיך נישט עקלען, אַלץ אויפגעגעסן, אַלץ אויסגעטרונקען צו דערהאַלטן דאָס חיות, אָבער די כוחות זענען אויסגערונען. די איזאָלירטקייט, די אַליינקייט האָט מיך ווידער געהאַלטן אין אַן אייזערנעם פּאַנצער.

✶

— נעמט אייער באַגאַזש, קומט!

כ׳האָב אַ קוק געגעבן אויף דער וועכטערין מיט דאַנקבאַרקייט. דער פּאַנצער, וואָס האָט געדריקט מיין גאַנץ וועזן האָט נאָכגעלאָזט. מען פירט מיך זיכער צוריק קיין בוטירקי. אַפילו אין אַן איזאָלאַציע־קעמערל וועל איך אויך פילן די נאָענטשאַפט פון די, וואָס כ׳האָב דאָרט איבערגעלאָזט. זאָל אַפילו זיין אין אַן אַנדער תפיסה אַבי נישט דאָ. לעפּאַרטאָווע דערמאָנט כסדר די קעלערס, ווו

מע דערשיסט אין דער שטיל. אין לעפּאַרטאָווע איז מען נאָענט צו די אויסבאַהאַל־טענע קברים, צו אַ געהיימען בית־עולם, צווישן קאַנדידאַטן דערשאָסן צו ווערן. אפשר בין איך נאָך אַליין אַ קאַנדידאַט? אין לעפּאַרטאָווע שוועבט אַרום דער טויט, כאַפּט אײַך אָן ביַים האַלדז, שטיקט אײַן, שטיקט. אַבי ווײַטער פון דאַנען. מײַנע נערוון זענען דאָ געוואָרן אָנגעצויגן ווי דראָטן. זיי פּלאַצן.

כ׳האָב אָנגעהויבן גיך צונויפקלײַבן מײַנע עטלעכע צעוואָרפענע שמאַטעס, שנעל פאַרפּאַקט מײַן ביסל אָרעמשאַפט, גרייט געוועזן.

— נעמט מיט אײַער ברויט!

כ׳האָב גאָר פאַרגעסן אין מײַן האַלבן פּאַיאָק, וואָס כ׳האָב געלאָזט אויף שפּעטער צו שטילן די נאָגעניש אונטערן האַרץ. כ׳האָב דאָס שטיקל ברויט מיט ציטערנדיקע הענט אַרײַנגעשטופּט אין מײַן באַגאַזשל. כ׳האָב פאַרלאָזט מיט אַ פונק האָפענונג אין האַרצן די לעפּאַרטאָווער „אָדינאָטשקע״. מיר זענען געגאַנ־גען און געגאַנגען דורך לאַנגע קאָרידאָרן. צי בין איך מיך נישט טועה? אָנשטאָט אַראָפּצוגיין, גייען מיר ווײַטער. מ׳גיט מיך שוין איבער אין די הענט פון אַ צווייטער וועכטערין. דער פונק האָפענונג אין האַרצן הייבט אָן זיך אויסלעשן. ס׳פאַלט אַראָפּ אויף מיר אַ שוואַרצע נאַכט.

— וווּ פירט איר מיך?

— שטיל! פאַרבאָטן צו רעדן!

ס׳עפנט זיך שטיל אַ שווערע טיר. אָן אַ סקריפּ, אָן אַ שאָרך. די וועכטערין שטופּט מיך אַהין אַרײַן, ווײַזט אָן אויף די שמאַטעס אויפן בעטל:

— אײַערע תפיסה־קליידער; טוט אײַך איבער. כ׳וועל קומען צונעמען אייערע ציווילע קליידער.

כ׳הער נישט ווי זי פאַרשליסט די טיר. כ׳בלײַב שטיין מיטן באַגאַזשל אין האַנט. ווי אַ צוגעשמידטע צום אָרט. אין קאָפּ לויפן דורך ווערטער, וואָס כ׳האָב אַמאָל געקענט אויף אויסנווייניק און געהאַט פון לאַנג פאַרגעסן: כלו כל הקיצין. איך שטיי ווײַטער ווי איך וואָלט פאַרשטיינערט געוואָרן, פונקט ווי די גריכישע, מיטאָלאָגישע מאַמע ניאָבע, וואָס האָט זיך גאָכן אומקום פון אַלע אירע קינדער פאַרוואַנדלט פון ווייטיק אין אַ פעלדז איבער וועלכן ס׳האָבן גערונען אירע טרערן. כ׳זע נישט ווי דאָס „אויגל״ עפנט זיך. אַ פאַרטויבטע שטימע, ווי זי וואָלט געקומען פון אַ טויטער וועלט, רײַסט מיך אַרויס פון דער פאַרגליווערטקייט.

— שטייט נישט מיט דער פּלייצע צו דער טיר! טוט אײַך איבער!

כ׳דריי מיך אויס, הייב מיך אָן אַרומקוקן. יענע „אָדינאָטשקע״ איז געווען אַ זויבערע, די ווענט קאַלטע אָבער העלע. דאָ זענען די ווענט שמוציק־גרוי ביז דער העלפט. פון דער העלפט ביז אונטן אַ רויטער קאָליר ווי בלוט. צי האָט

מען נישט פאַרשמירט מיט רויטער פאַרב צו פאַרדעקן פלעקן פון בלוט? דאָס בעטל, דאָס קליינטשיקע טישל צוגעשמידט. די טאַבורעטקע אַ קליינע, אַ נידע־ריקע. איבערן פאַרקראַטעוועטן קליינעם פענצטערל אַ הילצערנע קלאַפּע. צו וואָס דען דינט עס אויב נישט צו פאַרשטעלן אַ פּאַסיקל הימל? דאָס קאַרגע טאָג־ליכט? פון דעם שטיינערנעם דיל, פון די משונהדיק געפּאַרבטע ווענט יאָגט נישט נאָר אַ קעלט נאָר אויך אַן אימה. וואָס מער כ׳קוק מיך אַרום אַלץ אימהדיקער ווערט מיר. כ׳בין דאָ באַגראָבן לעבעדיקערהייט אין אַ קבר. די טויטע שטילקייט הייבט שוין אָן זיך אַרײַנבײַסן אין די ביינער. פונעם „אויגל״ קומט ווידער אַן אימהדיקע שטימע ווי פון אַ קבר אַרויס:

— טוט אײַך איבער זאָגט מען אײַך!

כ׳לייג אָפּ דאָס באַגאַזשל, נעם מיך צו די אַרעסטאַנטסקע קליידער. אַ ברייטע, לאַנגע זשופּעצע מיט אַ שפּענצער פון גראָבן, ברוינעם לײַוונט מיט משונהדיקע זיגזאַגן און אַן אויבער־קאַפּטאַן אין פּאַסן; בײַם בעטל אַ פּאָר גראָבע, האַרטע, אומגעלומפּערטע שיך. איך טו מיך איבער. כ׳דערפיל ווי מ׳האָט אַרויסגעריסן פון מיר מײַן „איך״, מײַן אייגענע פּערזאָן. איך ווער פרעמד צו זיך אַליין. כ׳קאָן זיך נישט זען. מ׳האָט בײַ מיר באַלד פון אָנהייב צוגענומען דאָס טאַשן־שפּיגעלע. איך פיל אָבער, אַז איך זע אויס נישט נאָר ווי אַ קרימינעלע, נאָר ווי אַ פּאַיאַץ, אָדער אַ גרויסע סטראַשידלע, וואָס פּויערים שטעלן אַוועק אָפּצושרעקן די פייגל. איך פּרוּוו אָנטאָן די אַרעסטאַנטסקע שיך. זיי זענען האַרט ווי בלעך. אין די פיס רופט זיך אָפּ אַ טעמפּער ווייטיק. איך באַמערק צום ערשטן מאָל ווי דאָס געשווילעכץ אויף די פיס איז שטאַרק קענטיק. כ׳טו אָן צוריק מײַנע אייגענע שיך.

— פּאַרטיק? און די שיך?

מ׳הערט נישט ווען די טיר עפנט זיך. שטיל ווי אין אַ קבר. די וועכטערין איז געקומען אַוועקנעמען מײַנע קליידער, שטייט צו כ׳זאָל אָנטאָן די תּפיסה־שיך.

— מײַנע פיס זענען געשוואָלן, די שיך רײַבן דאָס געשווילעכץ, ס׳טוט וויי.

— איינע באַקלאָגן זיך, אַז די שיך זענען צו גרויס, אַנדערע, אַז צו קליין. מ׳קאָן אײַך נישט צוטרעפן. איר פאַרגעסט, אַז איר זענט נישט בײַ זיך. אויך נישט אין קיין האָטעל.

— אַז די געשווילעכץ וועט אָפּגיין, וועל איך זיי אָנטאָן. לאָזט מיר דער־ווײַל מײַנע שיך.

— אויף צוויי טעג. נישט מער!

דאָס געשווילעכץ איז נישט אָפּגעגאַנגען. ס׳זענען אַוועק עטלעכע טעג. מײַנע שיך זענען אויך אַוועק. כ׳האָב די אַרעסטאַנטסקע שיך אָנגעטאָן און אויסגעטאָן.

מ׳שענקט דיר אָבער צוואַנציק מינוט טעגלעכן „שפּאַציר״. ווי אַזוי זאָגט מען זיך אָפּ פון אַ ביסל לופט? פון באַוועגן זיך אַ ביסל? כ׳גיי אין די אַרעסטאַנטסקע שיך און זע פונקען פאַר די אויגן. דער „שפּאַציר״ ווערט אַן אָפּקומעניש. דער אַרום אויך נישט קיין הימלעכער. אַ שטיינערנער הויף מיט הויכע מויערן. קיין פּיצל גרינס. דאַרפסט דאָרט גיין מיטן אָנגעצייכנטן וועג הין און צוריק מיט די הענט פאַרלייגט אויף הינטן. נאָר גיי ווען בײַ יעדן טריט פאַרקלעמט זיך דאָס האַרץ פון ווײַטיק. נישטאָ ווו זיך אַוועקצוזעצן. און די שמירה נעמט נישט אַראָפּ די אויגן פון דיר. אַט שטעל איך מיך אָפּ און אַט גיי איך ווידער, שלעפּ די געשוואָלענע פיס, וואָס זענען אַרײַנגעשטופּט אין האַרטע, ענגע שיך. כ׳שטעל מיר פאָר וואָס פאַר אַן אָפּקומעניש ס׳איז אויך פאַר די, וואָס האָבן אַ קליינעם פוס.

כ׳בין איבערגעקומען דעם ערשטן „שפּאַציר״, אַראָפּגעצויגן די פּײַניקונגס־שיך. ס׳איז געוואָרן לײַכטער. די לופט האָט מיך פאָרט אָפּגעפרישט, אײַנגעשלעפערט. ווי גיך כ׳האָב מיך אַוועקגעזעצט אויף דער נידעריקער טאַבורעטקע, איז מיך באַפאַלן אַ שווערע שלעפעריקייט. כ׳האָב זיך נאָכגעגעבן: צוגערוקט די טאַבורעטקע צו דער וואַנט און אײַנגעדרימלט מיט אַ קראַנקן, אומרויִקן דרימל. כ׳האָב זיך באַלד אַ טרייסל געטאָן מיטן געפיל, אַז איך בין אין לוביאַנקאַ.

— נישט שלאָפן! פאַרבאָטן בײַ טאָג צו שלאָפן!

אין לוביאַנקאַ פלעג איך כמעט דערהערן, ווען דאָס „אויגל״ האָט זיך אויפגעמאַכט. צו מײַן שאַרפן אויער איז דערגאַנגען אַ לײַכטער צוק. דאָ געשעט אַלץ אין דער שטיל. דערהער איך פּלוצלינג אַ שטימע פון אַ וועכטערין, דוכט זיך מיר, אַז זי קומט פון אַ קבר. כ׳גיב מיך אַ טרייסל, רײַס אויף די אויגן. דערנאָך נעמט די דערשעפּונג ווידער די איבערמאַכט. כ׳דרימל ווידער אײַן.

— מ׳האָט אײַך געזאָגט: פאַרבאָטן צו שלאָפן בײַ טאָג! גיין איבערן צימער!

איך הייב אָן שפּאַנען. דרײַ טריט אין דער ברייט, פיר טריט אין דער לענג. איך שפּאַן אָן שיך. אין דרויסן איז פרילינג, כמעט זומער. דער שטיינערנער דיל דאָ איז נאָך פראָסטיק קאַלט. און די לופט אין קאַמערל איז שטיקנדיק. דאָס פענצטערל לאָזט מען אָפן אַ 15—20 מינוט אינדערפרי, ווען מען גייט דערליידיקן אַלע באַדערפענישן. וואָס טאָן מיט זיך? איך דערוואַרט מיך קוים אויפן אָוונט, די צײַט זיך צו לייגן שלאָפן. אָבער דאָס עלעקטרישע לעמפּל ברענט ווײַטער אויס די אויגן.

מײַנע פיס ווילן בשום אופן זיך נישט צופּאַסן צום תפיסה־רעגולאַמין. זיי זאָגן אָפּ צו שטעלן אַ טריט אין די האַרטע, צו ענגע שיך. איך פּרוּוו די שיך ווייכער מאַכן. איך קנעט זיי מיט די הענט, פּרוּוו זיי צעציִען. עס העלפט נישט.

איך מוז אָפּזאָגן צו גיין אויפן „שפּאַציר”. די וועכטערין ברעכט אויס מיט כעס. דאָ רעדט מען נישט הויך, אָבער עס קאָכט אין איר דער כעס, זי רעדט מיט שוים אויף די ליפּן:

— איר מאַכט אַ שטרײַק? אין תּפיסה ווילט איר אויך פירן קאָנטררעוואָלו־ציאָנערע אַרבעט?!

איך ווײַז איר מײַנע געשוואָלענע פיס, פאָדער מיך צו פירן צום דאָקטער, צום תּפיסה־נאַטשאַלניק.

— זעט די באַריניע, פירט זי שוין, נאָך עטלעכע טעג, צום דאָקטער, צום נאַטשאַלניק.

כ'האָב דאָך באַקומען אַ פּעדער און אַ בייגעלע פּאַפּיר, אָנגעשריבן אַ בריוו צום תּפיסה־נאַטשאַלניק. נאָך עטלעכע טעג האָב איך צוריק באַקומען מײַנע שיך. אָבער אויך אין מײַנע אייגענע שיך איז שווער געווען צו גיין. זיי זענען צו ענג געוואָרן פאַר די געשוואָלענע פיס. ווי זאָגט מען זיך אָבער אָפּ פון אַזאַ לוקסוס ווי 20 מינוט פרילינגדיקע לופט אויפן הויף? איך פאַרבײַס די ליפּן און גיי יעדן טאָג אויפן „שפּאַציר”. מיט מײַנע אייגענע שיך זיך פאַרט אַן עצה געגעבן. זיי האָבן אַ ביסל נאָכגעלאָזט, די אָפּגענוצטע שוין, די ווייכע לעדער האָט נאָכגעגעבן, זיך אויסגעשפּרייט, צו ביסלעך זיך צוגעפּאַסט צו די געשוואָ־לענע פיס.

וואָס פּײַניקט מער אין אַזאַ תּפיסה? דער הונגער? די איזאָלאַציע? דאָס פעלן פון לופט אָדער די טויטע שטילקייט? ס'וועט ווער זאָגן: אַלץ צוזאַמען. און דער עמעצער וועט מסתּמא זײַן גערעכט. צו הונגער, צו קעלט, צו שלאָפלאָ־זיקייט האָב איך מיך אָבער כמעט צוגעוווינט. דאָס נאָגעניש אונטערן האַרץ, דאָס דרייעניש אין די געדערים זענען שטענדיקע. ס'ווערט כמעט אַ „נאָרמאַלע” זאַך. כ'האָב זיך אויך אָנגעהויבן צוגעוווינען צו ווייטיקן אין מײַן לײַב, צו אַ כסדרדיקן רויש אין קאָפּ. איך קאָן מיך נישט צוגעוווינען צו דער איזאָלאַציע און צו דער טויטער שטילקייט. זי פּײַניקט מיך, די שטילקייט, שטעכט, בריט מער ווי די ווייטיקן אין מײַן גוף. אין דער טויטער שטילקייט ווערט דער רויש אין קאָפּ ווי דער רויש פון אַ מאָטאָר, וואָס גייט אומאויפהערלעך. אין דער שטילקייט רוישן אַלע טויטע זאַכן, אַפילו די קאַלטע, שמוציקע ווענט פילדערן, ליאַרעמען, שרײַען. און אין דעם געפילדער פון דער טויטער שטילקייט שטייט די צײַט. זי רוקט זיך נישט פאָרויס. זי איז פאַרגליווערט געוואָרן.

דער ווינטער איז אַוועק. ס'איז פרילינג. ס'וועט אין גיכן זײַן זומער. ס'וועט ווידער קומען דער ווינטער, נאָר די צײַט אין לעפאָרטאָווער שטײַג שטייט. די

שטילקייט און די פארהאלטענע צייט מאכן פון מיין לעבעדיקן קבר א טאר־טורן־קאמער.

און אט האבן זיך די שטילקייט, די איזאלאציע איבערגעריסן. די צייט האט זיך א ריר געטאן, אנגעהויבן גיין. די שמוציקע ווענט האבן אנגעהויבן רעדן. פון דער צווייטער זייט וואנט, פון א קעמערל, האט א מענטשלעך וועזן, א פארפייניקטער מענטש אנגעהויבן רעדן צו מיר: — טוק—טוק—טוק—טיק—טיק—טיק... דאס שטיל־שטילע אויסקלאפן מיט די פינגער פון דער צווייטער זייט וואנט האט מיך עלעקטריזירט. ס'האט אויפגעוועקט אין מיר אן א שיעור זכרונות. אין אלע צארישע תפיסות, צומאל אין די שווערסטע, אין פיאטרא־פאוולאווסקער פעסטונג, אין שליסעלבורגער פעסטונג האבן ארעסטירטע רעוואלו־ציאנערן גערעדט דורך די ווענט, געשלאסן באקאנטשאפטן, איבערגעגעבן זיך ידיעות, געפירט לאנגע שמועסן. דער דעקאבריסט בעסטוזשעוו האט, זיצנדיק אין תפיסה, דערפונדן דעם אלף־בית פון קלאפן דורך דער וואנט. כ'האב זיך אמאל, אין די צארישע תפיסות, באנוצט מיטן קלאפ־אלף־בית. נאר דעמאלט האט מען געקאנט קלאפן דייטלעך. מ'איז נישט באשטראפט געווארן דערפאר מיט שווערע שטראפן. צי געדענק איך נאך דעם קלאפ־אלף־בית? כ'האב צוגע־לייגט דאס אויער צו דער וואנט, געמאכט דאס אזוי אויב דאס „אויגל" וועט זיך אויפמאכן, זאל איך אויסקומען מיטן פנים צו דער טיר, צום „אויגל", לויטן רעגו־לאמין. ס'זאל אויסזען ווי כ'וואלט געווען אנגעשפארט אין וואנט. דאס קלאפן פון דער צווייטער זייט איז זייער א שטילס. איך צייל די קלעפלעך, שטרענג אן דעם מוח, דעם זכרון. נישט פארן ערשטן, נישט פארן צווייטן מאל כאפ איך אויף. פון דער צווייטער זייט וואנט חזרט זיך כסדר איבער דאס זעלבע. איך הייב אן מיך צו דערמאנען. דער אלף־בית באשטייט פון זעקס שורות. צו פינף בוכשטאבן אין יעדער שורה. יעדער בוכשטאב האט צוויי סארטן קלאנג־קלאפן. איין סארט ווייזט אן די שורה, דער צווייטער דאס ארט פונעם בוכשטאב. מ'דארף גוט אויפפאסן, זיך איינהערן: וו־ע־ר ז־ע־נט א־י־ר? א־י־ך ש ו ר א א־ל־ע־ק־ס־א־נ־ד־ר־א־וו־נ־א; כ'הער ווייטער: זשורנאליסטקע. ווער זענט איר? ס'קומט מיר אן שווער אפצוענטפערן. כ'פלאנטער מיך. כ'קלאפ לסוף אויס ריכטיק. כ'באקום אן ענטפער: „איך קען אייך. מיין זון האט געלערנט אין אינסטיטוט פון אויסלענדישע שפראכן. ארעסטירט צוליב מיר". ס'גייען פראגן און ענטפערס:

— שוין פארמישפעט?

— יא, פופצן יאר.

— דער זון?

— כ׳ווייס נישט.

כ׳האָב אַראָפּגעלאָזט די האַנט, געבליבן זיצן אויף דער טאַבורעטקע ווי פּאַרגליווערט, אָבער מיטן פּנים צו דער טיר. דאָס „אויגל" האָט אַרײַנגערעדט:

— וואָס זיצט איר ווי אַ גולם? איר וועט אײַנשלאָפן. גייט אַ ביסל.

איך מאַך פיר טריט אין דער לענג, דרײַ טריט אין דער ברייט. זעץ מיך צוריק אָוועק צו דער וואַנט. גיב צו וויסן: כ׳בין דאָ, כ׳הער. איך דערוויס מיך וועגן דער בעסטער צײַט צו קלאַפּן: באַלד נאָך די דרײַ „מאָלצײַטן", ווען די וועכטער עסן. זינט דעמאָלט פּאַרטיק איך מיך זייער גיך אָפּ מיטן „מאָלצײַט", זעץ מיך אויף דער טאַבורעטקע אין אַן אויסגעשטודירטער פּאָזיציע. כ׳ווער אַלע מאָל מער געניטער, היימישער מיט דעם קלאַפּ־אלף־בית. ס׳קלאַפּט אָבער דער עיקר שוראַ. זי קען גוט די קלאַפּ־קונסט: פּאַר דער רעוואָלוציע געזעסן אין צאַרישע תפיסות, דרײַ יאָר אין פּוגאַטשעוו־טורעם, כאָטש זי איז מיט צוויי יאָר ייִנגער פון מיר. אונטערן נײַעם רעזשים געווען דאָס ערשטע מאָל אַרעסטירט אין 1934, נאָכן קיראָוו־מאָרד. מ׳האָט איר דעמאָלט דערמאָנט אירע סימפּאַטיעס צו טראָצקין. אָנהייב 1937 אַרעסטירט געוואָרן ווי אַ געוועזענע אַרעסטירטע.

פון שוראַ דערוויס איך מיך אַן אַ שיעור נײַעסן. פון לעפאָרטאָוואָ שיקט מען אָדער אין לאַגערן, אָדער אין די קעלערס. מיר זענען שוין נאָכן מישפּט. ס׳דראָט שוין נישט דערשאָסן צו ווערן. אין די קעלערס, צו דערשיסן, טראָגט מען אויך אַראָפּ קראַנקע אויף טראָג־בעטלעך. די תפיסה איז איבערפולט. אין קאַמערן פון פינף זיצן צען, פופצן מענטשן. מיר האָבן אַ „גליק" וואָס מיר זענען נישט אין אַזאַ ענגשאַפט. מיר וועלן מסתמא דאָ לאַנג נישט בלײַבן. מ׳וועט אונדז שיקן אין אַ לאַגער. שוראַ איז אַ קוואַל פון ידיעות. אַלצאיינס מיר צי ריכטיקע ידיעות, צי נישט, אַבי עס רעדט צו מיר אַ מענטשלעכע שטימע. אַבי עס דערגייט צו מיר עפּעס אין מײַן איזאָלאַציע.

די צײַט שטייט שוין נישט אויף אַן אָרט. איך וואַרט מיט שפּאַנונג אויף דער אָפּגערעדטער שעה פון קלאַפּן. איך בין שוין נישט אַליין. שוראַ ווערט מיר אַ נאָענטער פרײַנד. מיר דוצן זיך אין מיר וואָלטן זיך געקענט פון אַ סך יאָרן. שוראַ גיט מיר עצות. אויף איר עצה בעט איך פּאַפּיר און אַ פעדער צו שרײַבן אַ בריוו צו משפחה. צו וועמען זאָל איך אָבער שרײַבן? צו רחמיאלס ייִנגלעך? זיי זענען מסתמא אין מיליטער. זענען אויך געווען קאָמפּראָמיטירט צוליבן פאָטער. צו האָדלען? כ׳האָב נישט איר אַדרעס. זי האָט זיך איבערגעטראָגן אין אַן אַנדער שטאָט מיטן טעאַטער ווו זי איז אַקטריסע. אפשר צו לידיאַ? יאָ, צו לידיאַ. „מיר איז שוין אַלצאיינס", האָט זי מיר געהאַט געזאָגט. אויב זי איז נישט אַרעסטירט צוליבן מאַן, וועט זי ענטפערן.

נאָך דרײַ חדשים האָב איך באַקומען פון איר אַ פּעקל און אַ קורץ בריוול: „טײַערע מאַריאַ יאַקאָװלעװנאַ, מיר איז זײַער טרויעריק. איך װײס, אַז איך דאַרף אײַך טרייסטן, אָבער איך װײס נישט װי אַזױ. איך קאָן זיך אַלײן נישט טרייסטן. איר זענט מיר שטענדיק געװען אַ מאַמע און איך קאָן פאַר אײַך גאָרנישט טאָן. ס׳האָט לאַנג גענומען ביז כ׳האָב צונויפגעשטעלט פאַר אײַך דאָס פּעקעלע. פאַר־נוצט עס געזונטערהייט״... סײַ דאָס בריוול, סײַ דאָס פּעקל האָבן מיר פאַרשאַפט עגמת־נפש. איר געמיט איז אַ שװערס. דערצו האָט לידיאַ זיכער זיך אָפּגענומען פון מויל צו מאַכן פאַר מיר אַ פּעקל. אין אַ סאָליד, בלעכן, פאַרמאַכט שעכטל איז געװען אַ גאַנצער אוצר: אַ ביסל צוקער, סוכאַרן, אַ שטיקל טרוקן װורשט, אַ סלאַיִקל מאַרמעלאַדע און אַ קלײן זעקעלע צוקערלעך. נאָך מער װי דער גאַנצער אוצר לוקסוס־שפּײַז איז װערט געװען דאָס בלעכענע שעכטל. ס׳האָט מיר געגוצט אין תּפיסה. ס׳איז מיטגעגאַנגען מיט מיר אין לאַגער. ערשט דאָ געװאָרן די טײַערסטע זאַך, װאָס איך פאַרמאָג. דעמאָלט זיך נישט פאַרגעשטעלט. אַז דאָס שעכטל קאָן אויך נוצן עפּעס אויסצובאַהאַלטן. דעמאָלט בלויז געטראַכט װי אַזױ צו צעטײלן די גוטע זאַכן מיט שוראַ. אָבער פּונקט דעמאָלט האָט שוראַ אויפגעהערט צו קלאַפּן. שוין צװײ טעג. װאָס איז געשען מיט איר? זי ענטפערט נישט אויף מײַן אומרויִקן קלאַפּן. זאָל זי זײַן איבערגעפירט אין אַ צװײט קעמערל? קאַרצער? אפשר שוין געשיקט אין אַ לאַגער? דאָס פּעקל, די איבערגעריסענע פאַרבינדונג מיט שוראַ האָבן מיך אין גאַנצן צערודערט.

פלוצלינג: טוק—טוק—טוק — טיק—טיק—טיק. שוראַ האָט געגעבן צו װיסן װעגן זיך. דרײַ טעג געװען אין קאַרצער. מ׳האָט געמאַכט בײַ איר אַ שטרענגן „אָביסק״, אַנטדעקט אין אַ געהײמער קעשענע אין מאַנטל עטלעכע בײגעלעך פּאַפּיר, אַ בלײַפעדער, װאָס זי האָט געהאַט פאַרשטעקט. צום ערגסטן: אַ בריװל, װאָס זי האָט אָנגעשריבן צו מיר, געמאַכט דערפון אַ קנױלעכל און אַראָפּגעלאָזט אויפן שפּאַציר מיט דער אויסרעכענונג, אַז איך װעל דאָס אויפהײבן, װי ס׳איז געװען אָפּגערעדט. אַ נס װאָס ס׳איז נישט געװען מײַן נאָמען. לויטן פאַרברעכן זענען די דרײַ טעג קאַרצער געװען אַ מילדע שטראָף. איצט איז זי אָפּגעשװאַכט. װי שטאַרק האָב איך באַגערט דעמאָלט זיך צו טײלן מיט שוראָן מיטן אוצר פונעם פּעקל! ס׳װאָלט איר געהאָלפן צו קומען אַ ביסל צו די כּוחות. כ׳האָב אײַנגעשטעלט:

— איך לײַד אויפן מאָגן, כ׳קאָן נישט עסן קײן װורשט. די מאַרמעלאַדע שאַדט מיר אויך. זײַט אַזױ גוט, גיט איבער אַ שטיקל װורשט און די מאַרמעלאַדע דער אַרעסטאַנטקע פון לינקס...

די װעכטערין האָט אויסגעגלאָצט אויף מיר אַ פּאָר בײזע אויגן:

— אויך אין תפיסה ווילט איר זײַן פֿאַרבונדן מיט אַנדערע שונאים פֿון פֿאָלק? ווייניק אײַך געווען אויף דער פֿרײַ? אויב איך וואָלט געמאַכט אַן אָנקלאַגע, וואָלט איר מער קיין פֿעקלעך נישט באַקומען.

די לוקסוס־שפּײַזן זענען מיר נישט באַקומען, בפֿרט כ׳האָב געוווּסט, אַז לידיאַן איז אָנגעקומען מיט גרויסע צרות דאָס צו שיקן. שוראַ האָט מיך געמוסרט פֿאַרן ווענדן זיך צו דער וועכטערין:

— האָסט אין לעפֿאַרטאָוואָ געוואָלט וועקן מיטלייד צו מיר? געזוכט יושר? נאָך גוט וואָס מ׳האָט דיר פֿאַר אַזאַ זינד, ווי וועלן זיך טיילן מיטן פֿעקל מיט אַ צווייטער אַרעסטאַנטקע, נישט באַצאָלט מיט קאַרצער. ס׳האָט אויך געקאָנט ווערן דערפֿון אַ צווייטע „דיעלאָ". ווער ווייסט וואָסערע כוונות, אָדער קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע פּלענער עס שטעקן אין אַזאַ פּרווו איבערצוגעבן אַ שטיקל ווורשט, אַ ביסל מאַרמעלאַדע אַ צווייטער אַרעסטאַנטקע? צי שמעקט דאָס נישט מיט שפּיאָנאַזש? מיט צוגרייטן אַ מלוכה־אַטענטאַט?

שוראַ האָט נאָך אַ סך הומאָר. אין אירע קלאָפּ־רייד חוזקט זי פֿון דער טעמפּער רישעות. זי האָט אויפֿסנײַ געפֿונען אַ גינסטיקע צײַט צו שמועסן: ווען מען ליגט אין די בעטלעך. אונדזערע בעטלעך שטייען בײַ דער זעלבער וואַנט. ס׳פֿאָדערט זיך אַ געניטע טעכניק. מ׳דאַרף זײַן צוגעטוליעט צו דער וואַנט. שוראַ איז אויסערסט געניט. זי לערנט מיך די געניטשאַפֿט. ליגנדיק קלאַפּט זי שטיל מיט די פֿינגער. איך הער מיך אײַן, דעשיפֿריר. זי דערציילט מיר לאַנגע געשיכ־טעס, ביז זי זאָגט מיר אַ גוטע נאַכט.

צי ווייסט איר, צי באַנעמט איר וואָס עס באַדײַטן אַזעלכע געהיימע שמועסן? ס׳איז אַן אמתדיק רעטונגס־ברעטל. פֿאַר ביידע. מיר זענען שוין נישט אַליין. די שטילקייט אין דער אַליינקייט דערהרגעט שוין נישט. אַ חיה, וואָס פֿאַרשטעקט זיך אין אַ נאָרע בעת אַ יאַגד, פֿילט זיך מסתמא אויך זיכערער, ווען זי טרעפֿט דאָרט אַ צווייטע חיה פֿון איר מין. דער בעל־חי, וואָס מיר זענען, איז מסתמא דעמאָלט געוואָרן אַ מענטש, ווען ער האָט אָנגעהויבן רעדן צו אַזאַ צווייטן בעל־חי. וואָס נאָך אונטערשיידט אונדז אַזוי פֿון דער חיה ווי די אַרטי־קולירטע שפּראַך? ווי דאָס אויסדריקן געפֿילן און געדאַנקען פֿון איינעם צום אַנדערן? די סלעדאָוואַטיעלס האָבן פֿאַרלוירן אין מײַנע אויגן דעם צלם אלוקים, ווײַל זיי רעדן נישט מיט קיין אַרטיקולירטער, מענטשלעכער שפּראַך, זיי רעווען. ווײַל אין זיי האָבן אויסגעטריקנט די געפֿילן, די מחשבות, וואָס דאַרפֿן נאַטירלעך פֿליסן פֿון מענטש צו מענטש. מ׳ווערט מסתמא אַמאָל פֿאַרשן ווי אַזוי ס׳דערגייט, אַז אַ מענטש, וואָס האָט געזאָלט ווערן אַ דערלייזער, זאָל ווערן אַ פּײַניקער, אַ פֿאַרשקלאַפֿער.

דער ווינטער האָט זיך געשטעלט מיט גרויסע קעלטן. בײַטאָג טראָג איך אין קאַמער דעם מאַנטל. צום שלאָפֿן גייען, אין אָוונט, לייג איך אַרויף דעם מאַנטל אויף דער דעק. דאָס ערגסטע איז מיט די פֿיס. שווער זיי צו דערוואַרעמען. אָבער שוראַס אַרײַנקלאַפּן דורך דער וואַנט אין די ווינטערדיקע אָוונטן דערוואַרעמען מיך. דאָס טרײַבט אויך די צײַט פֿאַרויס. שוראַ איז סתם אַ בריה צו פֿאַרטרײַבן די צײַט. זי האָט אויסגעפּועלט צו באַקומען יעדע צווייי וואָכן אַ בוך. איר איז אַלציינס וואָס זי לייענט, אַבי צו האָבן אַ צײַטפֿאַרטרײַב. כ׳האָב איר נאָכגעטאָן. אויך צוריקבאַקומען די ברילן. וואָס קומט אָבער אַרויס, אַז די ראיה איז דורך דער צײַט שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרן. די ברילן זענען מיר צו מײַנע אויגן אַזוי, ווי אויך זיי, די ברילן, וואָלטן קראַנק געוואָרן פֿון תּפֿיסה־רעזשים. בײַטאָג איז אויך טונקל אין מײַן „אָדינאָטשקע“. די קלאַפּע איבערן פֿענצטערל פֿאַרשטעלט דאָס קאַרגע ביסל ליכט. וואָס פֿאַראַ אידיליע, אין פֿאַרגלײַך צו דעם אַלעמען, זעט מיר איצט אויס די אַמאָליקע, שווערע צאַרישע תּפֿיסה, וואָס איז דעמאָלט געווען פֿאַר אונדז אומדערטרעגלעך, אוממענטשלעך. כ׳וואָלט הײַנט גערן געלייענט וועראַ פֿיגנערס מעמואַרן פֿון שליסעלבורגער פֿעסטונג, דאָסטאָיעווסקיס „פֿון טויטן הויז“, די זכרונות פֿון די נאַראָדאָוואָלצעס, פֿון אַנדערע פֿאַרמישפּעטע רעוואָלוציאָנערן. די גאַראָדאַוואָלצעס אין דער שוועדער שליסעלבורגער פֿעסטונג פֿלעגן אויסשרײַבן די ביכער, וואָס זיי האָבן געוואָלט לייענען, וואָס זענען זיי נייטיק געווען צו שטודירן. דאָ מוזסטו, אין בעסטן פֿאַל, לייענען דאָס, וואָס מ׳שטעלט דיר צו. און גיי דערצייל זיי אַ מעשה, אַז דאַרפֿסט טוישן די ברילן. אָבער אַלץ פֿאַרגיטיקן שוראַס מעשיות, וואָס זי קלאַפּט אויס דורך דער וואַנט. זי ווערט נישט מיד צו קלאַפּן, איך ווער נישט מיד צו הערן. ווען שוראַס שטיל קלאַפּן רײַסט זיך פּלוצלינג איבער, איז אַ סימן דאָס „אויגל“ האָט זיך געעפֿנט אָדער דאַרף זיך עפֿענען. אונדזער חוש השמיעה איז געוואָרן אַזוי שטאַרק עמפּפֿינדלעך, אַז מיר דערהערן דעם מינדסטן, דעם שטילסטן שאָרך. מיר דערפֿילן בחוש דאָס עפֿענען זיך פֿונעם „אויגל“. פֿאַראַן אַ טעאָריע אין דער נאַטור־וויסנשאַפֿט, אַז לעבעדיקע באַשעפֿענישן פּאַסן צו זייער קאָליר צום קאָליר פֿון דער סבֿיבֿה, אָנגרײַפֿער זאָלן זיי נישט דערקענען. פֿאַראַן באַשעפֿענישן, וואָס דערהערן אַ קלאַנג פֿון גאָר ווײַט, פֿילן פֿאַרויס אַ רעגן, אַ שטורעם. בײַ מיר און שוראַן — מסתּמא אויך בײַ אַנדערע — איז אין לעפֿאָרטאָוואָ אויפֿגעקומען אַ זעקסטער חוש. מיר האָבן אָנגעהויבן דערפֿילן ווען ס׳דאַרף זיך עפֿענען דאָס „אויגל“, אָדער די טיר, וואָס גיט נישט אַרויס קיין קלאַנג. בלויז קעגן הונגער איז שווער אויסצוגעפֿינען אַ מיטל.

# V

מיר האָבן דערצויגן צום פרילינג. מיט אָפּגעשוואַכטע כוחות, אָבער מיט דער האָפענונג געשיקט צו ווערן אין אַ לאַגער. קאָן דען אַ פאַרהונגערטער, פאַרפּייניקטער מענטש אויסהאַלטן, אָנהאַלטן זיך ביים לעבן אָן אַ פונק האָפע־נונג? אין לעפּאַרטאָווע, אין דער „אָדינאַטשקע", האָבן מיר זיך אויסגעמאָלן אַן אַרבעטס־לאַגער ווי אַ פאַרלייכטערונג, אַ פאַרבעסערונג. און וואָס קאָן דען זיין בעסער ווי צו זיין מיט שוראַן צוזאַמען? כ'האָב געטרוימט זי צו זען, צו זיין מיט איר צוזאַמען. ס'איז אויך געווען איר טרוים. צוזאַמען, נישט אָפּגעטיילט מיט ווענט, וועלן מיר זיך נאָך מער שטאַרקן, אונטערהאַלטן איינע די אַנדערע, העלפן איבערטראָגן דעם הונגער. „אין פרילינג וועלן זיי אונדז זיכער שיקן אין אַ לאַגער, זאָל נאָר אַריבער דער ווינטער". אַזוי פלעגט זי מיך, דורך דער וואַנט, מיט קלאַפּ־ווערטער, טרייסטן, וועקן האָפענונג אין מיר.

ס'איז געווען דער צווייטער מאַי. אַ טאָג פריִער האָט דער תפיסה־פּערסאָנאַל מיט גרויס פּאָמפּע געפייערט דעם ערשטן מאַי. שוראַ האָט אַריינגעקלאַפּט: „זיי פאַרשוועכן אונדזער ערשטן מאַי, די רוצחים!" אויף צומאָרגנס האָב איך מיט מיין זעקסטן חוש געפילט, אַז ביי שוראַן אין קעמערל טוט זיך עפּעס. כ'האָב באַלד דערנאָך צוגעלייגט דאָס אויער צו דער וואַנט. פון דער צווייטער זייט אַ שטומעניש. כ'האָב געפּרוווט שטיל קלאַפּן. קיין ענטפער איז נישט געקומען. פלוצלינג די וואַנט הייבט אָן רעדן. איידער וואָס־ווען זי ווערט צוריק שטום. דעם זעלבן טאָג איז זי געגעזלעגט שטום געוואָרן, די וואַנט. שטום געוואָרן פאַר מיר אויף שטענדיק. מיין קלאַפּן איז געווען אומזיסט. שוראַ איז יענעם טאָג מסתמא אַרויסגעשיקט געוואָרן אין אַ לאַגער. זי האָט נישט באַוויזן מיר מודיע צו זיין. זיך צו געזעגענען מיט מיר. נישטאָ שוראַ. ווידער אַליין מיט דער אימהדיקער שטילקייט. ווו ביסטו היינט, שוראַ? וואָס איז מיט דיר געוואָרן? ווי טראָגסטו איבער דעם הונגער, די קעלט, די קאַטאָרגע־אַרבעט? אויב מ'וועט דיך אין אַ ווינטערדיקן, פראָסטיקן טאָג, אויב מ'וועט מיך אין אַזאַ טאָג, נישט אַרויס־

וואַרפֿן אויף אַ שטויס מתים, צי וועל איך דיך אַמאָל באַגעגענען? צי וועל איך אַמאָל הערן פֿון דיר?

דער לעפּאַרטאָוווער תּפיסה־רעזשים האָט זיך ווידער איינגעשניטן אין מײַן לײַב ווי די שאַרף פֿון אַ מעסער. די צײַט האָט זיך ווידער אָפּגעשטעלט. צום וויפֿלסטן מאָל שוין? איך פֿיל ווי די כּוחות רינען אויס פֿון מיר ווי מ׳וואָלט זיי יעדן טאָג, יעדע נאַכט אויסגעפּאָמפּעט מיט אַ פּאָמפּע. דער ווינטער האָט געהאַט פֿאַרוואַנדלט מײַן קעמערל אין אַ קיל־קאַסטן; די קעלט האָט אויסגעזויגן דאָס לעצטע ביסל וואַרעמקייט פֿונעם קערפּער. אויך די לעצטע טראָפּנס כּוחות. זומער האָב איך מיך געפֿילט אין דער לעפּאַרטאָוווער שטײַג ווי כ׳וואָלט געווען אין אַ קאַלך־אויוון. אַפֿילו דער שטיינערנער דיל קילט מער נישט. די היץ, דער מאַנגל אין לופֿט, טריקענען אויס דעם מאַרך אין די ביינער. כ׳האָב געפֿילט באַשײַנפּערלעך ווי דער מאָגן, די געדערים ווערן פֿון הונגער אײַנגעשרומפּן. דאָס נאַגעניש אונטערן האַרץ איז געוואָרן שאַרפֿער. די פֿיס זענען אַלע מאָל מער אויפֿגעבלאָזן געוואָרן, באַדעקט מיט פֿיאָלעטענע פֿלעקן. כ׳בין אַראָפּ־געפֿאַלן פֿון לײַב. די הויט אויף מײַן קערפּער האָט אָנגעהויבן אַראָפּהענגען ווי אַ ליידיקער זאַק. מײַן ראיה איז אַלע מאָל מער שוואַכער געוואָרן. נישט ווייניקער ווי די פֿיזישע דערשעפּונג מאַטערט די אָנמעכטיקייט פּנים אל פּנים מיט דער רישעות. ווערסט צעטראָטן ווי אַ וואָרעם און קאָנסט אין דער מינדסטער מאָס זיך נישט קעגנשטעלן. מ׳האָט פּאַרט עטלעכע מאָל באַוויליקט צו געבן מיר פּאַפּיר און אַ פּעדער. כ׳האָב געשריבן בריוו צו דער תּפיסה־דירעקציע, געפֿאָדערט אַ וויזיט בײַ אַ דאָקטער, געבעטן מיך שיקן אין אַ לאַגער. כ׳האָב קיינמאָל נישט געקריגן קיין ענטפֿער. אָבער אָט איז איין מאָל אַרײַנגעקומען אַ דאָקטער. וואָלט ער נישט געטראָגן קיין ווײַסן כאַלאַט, וואָלט איך געווען זיכער, אַז ס׳איז איינער פֿון די באַרימטע סלעדאָוואַטיעלס. אַ יונגער מענטש מיט אַ פּנים אָן אַלטס פֿון ערנסטקייט. ליפּן פֿאַרביסענע, אויגן קאַלטע, בייזע, אַ קאָפּ אַ פֿאַררייסענער, ווי ער וואָלט געווען אָן אויבערמענטש אין פֿאַרגלײַך צו מיר דעם מענטש פֿון אַ נידעריקערן מין. נישט אַנדערש נאָר ער איז אויך דורכגעגאַנגען אַ ספּעציעלע שולע ווי אַזוי זיך צו באַציִען צו די פּאָליטישע „פֿאַרברעכערס", פּונקט ווי די סלעדאָוואַטילעס.

— טוט אײַך אויס!

כ׳נעם אַראָפּ דעם שפּענצער. כ׳דערזע ווי די הויט הענגט אַראָפּ פֿון מײַנע אָרעמס. איך טו אויס די שיך, ווײַז מײַנע געשוואָלענע פֿיס.

— טוט אײַך אויס אין גאַנצן!

כ׳נעם אַראָפּ די זשופּעצע. כ׳ווײַז ווידער די געשוואָלענע, פּיאָלעטענע פיס. ס׳פּאַלט אַ שטרענגער באַפעל:

— גייט אַרויף אויף דער טאַבורעטקע!

כ׳בלײַב שטיין מיט אַראָפּהענגענדיקע אָרעמס. כ׳פיל מײַנע אָרעמס ווי זיי וואָלטן לײַכט געווען צוגעטשעפּעט צו די אַקסלען. כ׳בין צו אַ וויזיט קיינמאָל נישט אַרויפגעקראָכן אויף אַ בענקל. ער וויל מיך זיכער דערנידעריקן. ניין, איך וועל נישט. ער קאָן זיך אָנבייגן צו מײַנע פיס. ער חזרט איבער זײַן באַפעל.

— כ׳קאָן נישט אַרויפגיין אויף דער טאַבורעטקע. כ׳קאָן אַרויפלייגן אויף איר דעם פוס. כ׳האָב געבעטן אַ דאָקטער אויך צוליב דעם דיאַבעט.

— איר בונטעוועט זיך אין אַ סאָוויעטישער תפיסה?

ער כאַפּט אַ קוק אויף מײַנע פיס, רירט צומאָל נישט צו צו זיי די האַנט.

— איר וועט באַקומען אַ רפואה צו די פיס. צום דיאַבעט זענען די תפיסה־שפּײַזן צוגעפּאַסט.

די טיר האָט זיך באַלד געעפנט פאַר אים. ער איז פאַרשוווּנדן. אויף צומאָרגנס האָט מיר די וועכטערין געבראַכט אַ שטינקנדיקע שמירעכץ צו די פיס. איידער זי גיט מיר איבער די רפואה וואַרפט זי שטיל אַרויס פון זיך אַ בינטל שטראָף־ווערטער:

— איר האָט רעוואָלטירט קעגן דאָקטער. ווען נישט אײַערע קראַנקע פיס... נישט געגנוג מ׳שיקט אײַך אַרײַן אַ דאָקטער, פירט איר אײַערע קאָנטררעוואָלוציאָ־נערע שטיק.

דאָס שמירעכץ האָט נישט געהאָלפן. די פיס האָב איך אַלע מאָל מער געפילט, ווי מ׳וואָלט אָנגעזעצט אויף זיי פּיאַווקעס, וואָס ציִען אַרויס דאָס בלוט. דער דיאַבעט מאַטערט. עס ברענט אַ דורשט. דער רויש אין קאָפּ פאַר־שטאַרקט זיך. אָבער דער מוח אַרבעט. דער מוח איז פאַרט נישט באַשעדיקט. שרײַבן, ווי ס׳פלעגן עס אַמאָל טאָן אין צאַרישע תפיסות פאַרמאַכטע רעוואָלוציאָנערן, איז שטרענג פאַרבאָטן. ס׳איז נאָך אָבער נישט פאַרבאָטן צו טראַכטן, צו שרײַבן, פאַרשרײַבן אין זכרון. וואָלט מען געהאַט דערפינדן אַזאַ אַפּאַראַט דורכצו־לויכטן וואָס דער מוח טראַכט, וואָלט שלעכט געווען. וואָלט געווען אַזאַ מעכאַ־ניזם, וואָס וואָלט געקאָנט פאַרבאָטן, אויסלעשן דאָס שפּינען געדאַנקען, וואָלטן זיי פאַרלאָשן די מענטשלעכע מחשבה, אָדער פאַרבאָטן צו טראַכטן. אַזאַ מעכאַ־ניזם איז נאָך נישטאָ. איך קאָן טראַכטן, פאַרצייכענען אין זכרון די טראַכטענישן. כ׳האָב זיך גענומען דורכצוטראַכטן מײַן גאַנץ לעבן, נאָכצוגיין און נאָכצוקוקן דעם וועג מיט וועלכן כ׳האָב פון מײַן ייִנגסטער יוגנט אַזוי אימפּעטיק, דרייסט געשפּאַנט. ווי אַזוי בין איך אַראָפּ פונעם פריִערדיקן וועג? ווי אַזוי?! פאַרוואָס?!

שפּעטער איז שוין אוממעגלעך געווען צו פאַרקערעווען. שפּעטער מיינט דער עיקר ווען כ׳האָב שוין געפילט דאָס בייז אויף מײַן אייגענער הויט. פרײַער האָב איך דאָך געגלייבט. אַ גלוביקער זעט נישט די רעאַליטעט. ווײַל נישט זען. אויף קאַפּרי שטעכן די יעגערס אויס די געפאַנגענע נאַכטיגאַלס די אויגן, צוליב זייער געזאַנג. מיט אויסגעשטאָכענע אויגן זינגט אַ נאַכטיגאַל אומאויפהערלעך. און שענער. אַ גלוביקער איז גרייט אַליין זיך אויסצושטעכן די אויגן נישט צו זען דאָס, וואָס מ׳דאַרף נישט זען. מיט בלינדע אויגן זעט ער דאָס און וואָס ער גלייבט. מיט בלינדע אויגן האָבן מיר, ייִדישע קאָמוניסטן, געזען אויך די ייִדישע רעאַליטעט אין ראַטנלאַנד. דער גורל פון די רוסישע ייִדן? שטרעבן אויסצובילדן אַ געמיינשאַפט מיט אַ נאַציאָנאַלן כאַראַקטער? צו וואָס? מיר, ייִדן, פאָדערן דען עפּעס אַזעלכעס פון דער רעוואָלוציע פאַר זיך? מיר דאַרפן קודם כל דינען דער רעוואָלוציע, באַדינען דאָס ראַטנלאַנד, אונטערשטעלן אַ פּלייצע אויפצובויען אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט. מיר זענען געוואָרן דאָס מיסט פאַר די פעלדער אויף וועלכע ס׳דאַרף אויפגיין די נײַע וועלט. פּונקט ווי דער מענטש איז בײַ אונדז כלל געוואָרן דאָס מיסט צו באַמיסטיקן דאָס פעלד פון דער געשיכטע.

אַזעלכע און ענלעכע געדאַנקען זענען מיר געקומען אין קאָפּ אין מײַן לעפאָרטאָווער שטײַג, כאָטש זיי האָבן שוין געפיקט אין מוח לאַנג פאַר מײַן אַרעסט. כ׳האָב באַקומען אַ צײַט־פאַרטרײַב: כ׳האָב טאָג און נאַכט געטראַכט, דורכגעטראַכט, פאַרשריבן אין זכרון, געמאַכט חשבונות מיט זיך, דורכגעפירט אַ האַרבן חשבון־הנפש. איצט קאָפּיר איך אייגנטלעך צו ביסלעך דאָס, וואָס כ׳האָב פרײַער אַזוי זאָרגפעלטיק געניי פאַרשריבן אין זכרון.

כאָטש איך פלעג שטענדיק שרײַבן מיט אַ גרויסער לײַכטקייט, פלעג איך מיך נוהג זײַן פרײַער אָנצווואַרפן מיט דער האַנט אויפן פּאַפּיר און דערנאָך עס איבערשרײַבן, איבערקאָפּירן. בײַם איבערשרײַבן פלעגט אויפקומען אַ נײַע מחשבה; דאָס וואָרט, דער זאַץ איז געוואָרן אויסגעשליפן. איצט טו איך דאָס פאַרקערטע. איך קאָפּיר איבער ווי ס׳זאָל נישט זײַן, אויף גיך דאָס, וואָס כ׳האָב לאַנגזאַם דורכגעטראַכט, אויסגעשליפן, פאַרצייכנט אין יענע צײַטן אין זכרון. דעמאָלט האָב איך געהאַט אַ סך צײַט. קיינער האָט מיך נישט געקאָנט כאַפּן בײַ דער האַנט, נישט געקאָנט דערגיין וואָס איך טראַכט, וואָס איך פאַרצייכן אין זכרון. איצט לויערן געפאַרן. די צײַט יאָגט. דער פרילינג וועט אָנקומען און כ׳וועל מיך נישט קאָנען פאַרשטעקן אין אַ ווינקל. איך ווייס אויך נישט ווי לאַנג מײַנע קנאַפּע כוחות וועלן אויסהאַלטן, ביז ווען דאָס פלעמעלע לעבן אין מיר וועט נאָך ברענען. ווער ווייסט צי ס׳וועט זיך אַ ליאַדע טאָג נישט אויסלעשן.

אין מײַן לעפּאַרטאָווער שטײַג איז מײַן זכרון געוואָרן „אָנגעשטופּט“ מיט אַ גרויסן שטויס פאַרשריבענע בלעטלעך. אין מײַן דמיון זענען אויפגעשטיגן בילדער, אימאַזשן, ס'האָבן זיך אָפּגעשפּילט סצענעס פון אַ האַלבן יאָרהונדערט יידיש לעבן, יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין וועלכער איך בין געווען אַרײַנגעשפּינט, צוזאַמענגעוואַקסן ווי דער שטאַם פון בוים מיט זײַנע וואָרצלען, מיט זײַנע צווײַגן און בלעטער. האָב איך דאָך ווי אַ בוים, וואָס ציט זײַן יניקה מיט די וואָרצלען פונעם באָדן, געצויגן מײַן גײַסטיקע יניקה מיט מײַנע יידישע וואָרצלען פונעם יידישן באָדן, פונעם יידישן גורלדיקן לעבן. ווי גיך די יידישע וואָרצלען האָבן אָנגעהויבן דאַרן, די יניקה האָט געטריקנט, האָט דער בוים זיך אויסגעקרימט, אַרויסגעגעבן בלאַסע, קראַנקהאַפטע שפּראָצן. דאָס איבעריקע האָט געטאָן די האַק פון פאַלשן גואל.

*

...כ'האָב זיך פיל מאָל געזאָגט: נישט לאָזן אָפּלענקען מײַן געדאַנק, אָפּציִען מײַן אויפמערקזאַמקייט פונעם שרײַבן דורך די טעגלעכע געשעענישן אין לאַגער. אין מײַן באַראַק גייט אַלץ „נאָרמאַל“. דער באַראַק נומער 13 ווערט פאַררעכנט פאַרן רויִקסטן, „געמיטלעכסטן“. מיר זענען דאָ אַלע „אַכט און פופציקער“, פאָליטישע „פאַרברעכער“. נישטאָ דאָ קיין „פינף און דרײַסיקער“, קיין גנבטעס, קיין קרימינאַליסטקעס. מיר לײַדן נישט פון קיין גנבות ווי אין די אַנדערע באַראַקן, וווּ אַ געביִפטע אַרעסטאַנטקע קאָן קונציק אַרויסשלעפּן דאָס אויסבאַהאַלטענע שטיקל פּאַיאָק אָדער אַ פּאָר וואַרעמע שטרימפּן פון אַן אַכט און פופציקסטער. די טעגלעכע, „נאָרמאַלע“ געשעענישן אין אונדזער באַראַק קענען מיר אויף אויסנווייניק. כ'וויל נישט זאָגן „צוגעוווינט“. ווי קאָן מען זיך צוגעוווינען דערצו? מיר ווייסן, אַז 6 אַזייגער וועט דער גאָנג אונדז וועקן. אין דרויסן איז נאָך נאַכט. אַ פראָסטיקע, ווײַסע נאַכט. די אויסגעמאַטערטע, אויסגעדאַרטע, נישט אויסגעשלאָפענע, פאַרהונגערטע ווייסן, אַז נאָכן אויסזופּן דאָס וואַרעמע, שוואַרצע וואַסער, צובײַסנדיק אַ טייל פון פּאַיאָק, וועט זײַן די „פּאָווערקע“, דערנאָך וועט דער קאָנוואָי, באַגלייט מיט הינט, זיי טרייבן צו דער קאַטאָרזשנער אַרבעט.

אַלץ גייט „נאָרמאַל“ אין מײַן באַראַק. אין אָוונט, נאָך 12 שעה שווערער האָרעוואַניע אויפן פראָסט קומען זיי צוריק, מײַנע שכנטעס, אָפטמאָל מיט אָפּגעפרוירענע פינגער ביי די פיס און הענט, מיט אָנגעדראָלענע פנימער, מיט שוואַרצע פלעקן אויף אָפּגעפרוירענער הויט. בײַ דער און יענער רײַסט זיך דער סקאָרבוט אַרײַן אין לײַב, רופט אַרויס אַ „נאָרמאַלע“ בלוטיקונג פון די יאַסלעס, „נאָר־

מאַלע״ אײַטערדריקע וווּנדן אויף די אָרעמס, די פֿיס. דער דאָקטער איז אָבמעכטיק. עטלעכע שכנטעס וויקלען איבער אין אָוונט די וווּנדן וואָס אײַטערן, בלוטיקן, גיבן אַרויס אַ שלעכטן גערוך. די און יענע קרימט זיך, שרײַט, זידלט זיך, ווײַל ס׳עקלט, ס׳מאַכט אָן אַן עיפּוש. ס׳איז „נאָרמאַל״. די און יענע וואַרפֿט פֿאַר עמעצן, וואָס פֿאַרנעמט צופֿיל און צו לאַנג אַן אָרט בײַם אויוון, אָדער וואָס עמעצער טריקנט צו לאַנג אויפֿן וואַרעמסטן אָרט די אָניצעס. די און ענלעכע געשעענישן זענען „נאָרמאַלע״, טאָג־טעגלעכע זאַכן. פֿון מאָל צו מאָל ברענגט עמעצער אַרײַן אין באַראַק אַ נײַעס פֿון דרויסן.

— דו ווייסט, — האָט מיר לענאַ אַנומלט אָנגעזאָגט די נײַעס, — אַ פֿערד איז הײַנט געפֿאַלן בײַ דער אַרבעט. ער איז געשטאָרבן פֿון קעלט, פֿון דער שווערער אַרבעט, פֿונעם שלעפּן די משׂאות. אַ פֿערד האַלט נישט אויס, כאָטש ער איז גוט דערנערט, אַ סך בעסער פֿון אונדז. אַ מענטש איז מסתמא די שטאַרקסטע חיה. אַ מענטש מוז אויסהאַלטן אין אַ סך ערגערע באַדינגונגען ווי אַ פֿערד. נאָר ווי לאַנג קאָן מען אויסהאַלטן?

די דרײַסיק יאָריקע אַרעסטאַנטקע יעוודאָטיאַ פּאַוולאָוונאַ פֿון באַראַק נומער צוויי, האָט שוין נישט געקאָנט, שוין נישט געוואָלט אויסהאַלטן די קאַטאָרזשנע האָראָוואַניע אויפֿן בויפּלאַץ. דאָס האָט זי אַרײַנגעבראַכט אַ גײַע נײַעס אין לאַגער, אויפֿגערודערט, אָנגעמאַכט אַזאַ האַרמידער, אַז ס׳איז דערגאַנגען צו מײַן „געמיטלעכן״ באַראַק. אין מיטן טאָג האָט זיך נעכטן דערהערט אַ גערײַטשערײַ ווי פֿון אַ געקוילעטן אָקס. כ׳בין אַרויס פֿון באַראַק, מיט מי און מאַטערניש זיך געשלעפּט און פֿון ווײַטן געזען ווי מען פֿירט יעוודאָטיאַ מיט אַ פֿאַרבלוטיקטער שמאַטע אַרום דער לינקער האַנט, וואָס זי האָט אונטערגעהאַלטן מיט דער צווייטער האַנט און מיט אַן אָפֿן מויל, וואָס האָט געיאָמערט אויפֿן קול.

אין אָוונט האָט זיך די מעשה אויפֿגעקלערט: לויט מײַנע שכנטעס, וואָס זענען אויס צו זײַן גוט אינפֿאָרמירט אין די זאַכן, האָט יעוודאָטיאַ אַליין אַרונטערגערוקט די פֿינגער פֿון דער לינקער האַנט אונטער דער האַק פֿון איר שותּפֿטע בײַ דער אַרבעט. צי זי האָט די האַנט אַרונטערגערוקט צופֿיל, צי די שותּפֿטע האָט אַ האַק געטאָן צו ווײַט, אָדער נישט געשיקט, גענוג אַז ס׳האָט איר אָפּגעהאַקט אַלע פֿינגער. זי איז נישט די ערשטע, יעוודאָטיאַ, מיטן אייגענעם ווילן זיך צו מאַכן פֿאַר אַ קאַליקע, כדי פּטור צו ווערן פֿון דער קאַטאָרזשנער אַרבעט. מ׳זאָגט, אַז אין אַלע לאַגערן געפֿינען זיך אַזעלכע בעלנים; לויטן אַרטיקל 458 פֿונעם לאַגערן־קאָדעקס דאַרף דאָך אַן אינוואַליד באַפֿרײַט ווערן פֿון לאַגער. ווער דאַרף באַשטימען אויף וויפֿל פּראָצענט דער אַרעסטירטער איז אינוואַליד אָדער קראַנק? דער דאָקטער, אָדער אַ קאָמיסיע פֿון דאָקטוירים. איז צווישן

דאָקטער און דער לאַגער־דירעקציע אַ שטענדיקע מלחמה. נישט יעדער דאָקטער וויל זיך אויסשטעלן אויף אַ מלחמה. נישט איין דאָקטער איז דורך די קרימינעלע דערמאָרדעט געוואָרן פאַרן נישט געגוג אין אַכט נעמען זייער מום אָדער קראַנקייט.

ציַ וועט יעוודאָטיאַ מיט די אָפּגעהאַקטע פינגער פון דער לינקער האַנט באַפרייַט ווערן פון לאַגער, איז אַ גרויסער ספק. קודם האָט דער בריגאַדיר דערשמעקט, אַז זי האָט אַלייַן אַרונטערגערוקט די האַנט אונטער דער האַק. ער האָט שוין דערלאַנגט צו דער אַנדראָנאָוואַ אַ „ספּראַווקע" דערוועגן. אָבער דער־ווייַל איז יעוודאָטיאַ באַפרייַט פון אויפשטיין פאַרטאָג, פון גיין אַרבעטן אויף דער וויסטער קעלט. זי איז פאַרבליבן אין שפּיטאָל, אין דער וואַרעמקייט, ווו די „באַלאַנדאַ" איז אַביסל געדיכטער, דער פּאַיאָק אַ גרעסערער. נישט ווייניק אַרעסטאַנטקעס זענען איר מקנא. נישט איינע וואָלט יעוודאָטיאַן נאָכגעטאָן, ווען זי וואָלט געהאַט איר מוט. מיר האָט יעוודאָטיאַ איבערגעריסן מייַן לעפּאָרטאָ־ווער געשיכטע.

✶

ס'איז זומער 1939. דער חודש אויגוסט איז אַ הייסער. פון דער שטיקנדי־קער היץ אין לעפּאָרטאָווער קאַמערל ווערט דאָס בלוט אין די אָדערן פאַרקאָכט. אויף דער וועלט קאָכט זיך אויך. אָט־אָט ברעכט אויס די מלחמה. איך פיל עס מיט מייַן זעקסטן חוש. ס'האָבן זיך אויך אַרייַנגעגנבעט צו מיר ידיעות פון דער וועלט. די אַרעסטאַנטקעס זענען שמוציק פון שווייס. אויסצומייַדן אַן עפּידעמיע, פירט מען אונדז אין דער אויסטערלישער באָד, ווו רומלען נאַקעטע קערפּערס שטופּן זיך אונטער יעדער שפּריץ, דערנאָך, נאָך אַ לאַנגן וואַרטן, ווערט אַ כאַפּעניש פון אַנטועכץ.

— איר דערקענט מיך נישט?

— אַ באַקאַנט פּנים, נאָר... נאָר איך דערמאָן מיך נישט.

— נאַטאַליאַ, מיר האָבן זיך שוין דאָ באַגעגנט; שוין זייער לאַנג. איר דערמאָנט זיך נישט?

כ'האָב זיך דערמאָנט אָבער נישט דערקענט. דער נאַקעטער קערפּער אויס־געדאַרט, דאָס פּנים אויסגעצויגן, אויסגעבלייַכט.

— איך האָב אייַך אויך קוים דערקענט. איר האָט זיך זייער געענדערט.

— שטיל! נישט רעדן צווישן זיך!

דער וועכטערינס באַפעל רייַסט איבער אונדזער שטילן שמועס, אָבער נישט אונדזער פרייַנדשאַפט. פרייַנדשאַפט, צוגעבונדנקייט אין תפיסה ווערט פאַר־זיגלט מיט געמייַנזאַמע לייַדן. מיר נעמען זיך אָן פאַר די הענט, ווי דאָס ערשטע

מאָל, גייען צוזאַמען אונטער דער שפּריץ. זי, נאַטאַליאַ, קאָן זיך נאָך שטופּן. מיר דעראָבערן פֿאַר זיך אַ שטיקל אָרט. זי וואַשט מײַן פּלייצע, איך וואַש אירע.

— איר קענט שוין די נײַעס?

— וואָסערע נײַעס?

כ׳האָב אָנגעשפּיצט דאָס אויער. וואַשנדיק מיר די פּלייצע האָט נאַטאַליאַ זיך אָנגעבויגן צו מיר, אײַנגערוימט אויפֿן אויער:

— אונדזער רעגירונג געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט היטלערן, סאָוויעטרוסלאַנד און היטלער־דײַטשלאַנד גייען צוזאַמען...

— פֿון וואַנען ווייסט איר דאָס?

— אין מײַן קאַמער געקומען אַ נײַע, געווען מיט אונדז עטלעכע טעג. זי האָט דערציילט. ס׳רודערט זיך אויף דער וועלט. סטאַלין זיך פֿאַרבונדן מיט היטלערן...

זאָל דאָס אמת זײַן? איז דאָס מעגלעך? כ׳האָב פֿון שטענדיק אָן געוווּסט, אַז אין תּפֿיסה „גייען אַרום" מעשׂיות. כ׳האָב חשק געהאַט איבערצופֿרעגן נאַטאַ־ליאַ, זיך דערוויסן מער איינצלהייטן, נאָר כ׳האָב באַמערקט ווי עטלעכע אַרעס־טאַנטקעס שטעלן אָן די אויערן. און צי ווייס איך דען ווער די נאַטאַליאַ איז? אין תּפֿיסה פֿאַרבינדט זיך גיך פֿרײַנדשאַפֿט. איר פֿרײַנדשאַפֿט צו מיר רירט מיך, אָבער צי קען איך זי ווירקלעך? צי קאָן מען האָבן צוטרוי? אויף דער צונג האָבן זיך פֿאַרט געשטופּט פֿראַגן. כ׳בין אָפּגעשלאָסן פֿון דרויסן. פֿון דער וועלט. דערווײַטערט אַפֿילו פֿון די אַרעסטאַנטקעס. כ׳בין דאָ ווי אויף אַ פֿאַרוואָרפֿן, ווײַטן, אומבאַפּעלקערטן אינדזל. דער נײַגיר, דער באַגער זיך עפּעס צו דערוויסן ברענען אַלע צוימען.

— וואָס האָט זי נאָך דערציילט, די נײַ־געקומענע?

— אונדזערע צײַטונגען שרײַבן, אַז די אימפּעריאַליסטן ווילן דורכוס מלחמה. בלויז ראַטנפֿאַרבאַנד און דײַטשלאַנד שטעלן זיך קעגן...

כ׳האָב אַראָפּגעשלונגען די געבראַכטע ידיעה פֿון די צײַטונגען, ווי מען שלינגט אַראָפּ אַ ביין, וואָס בלײַבט שטעקן אין האַלדז; געמאַכט אַן אָנשטעל פֿון רויִקייט און ווײַטער געפֿרעגט:

— וואָס בײַ אונדז אין לאַנד? וואָס מיט בוכאַרינען, מיט די אַנדערע?

— אַלע פֿון לאַנג דערשאָסן. מ׳אַרעסטירט ווײַטער.

זי האָט נאָך עפּעס געמורמלט, נאָר כ׳האָב שוין נישט געהערט. פֿאַר מיר איז גענוג געווען די נײַעס וועגן בוכאַרינען. ס׳האָט מיר אַ זעץ געגעבן אין האַרץ. ווען מ׳האָט אים אַרעסטירט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף מיר אַ שוואַרצע נאַכט. ס׳האָט מיר געדוכט, אַז כ׳בין פֿאַרקראָכן דורך אַ פֿינצטערניש אויף

צעדרייטע װעגן. איצט װײס איך װוּ די בלאָנדזשעניש האָט געפֿירט. װי קומט עס אָבער װאָס מ׳האָט מיך נישט דערשאָסן ? בין איך דאָך כלומרשט, חוץ אַנדערע זינד, געװען פֿאַרבונדן מיט זײַן כלומרשטן „בלאָק״. איז דען פֿאַר זיי צו שפּעט ? װעלן זיי זיך דורכװיס האַלטן בײַם אַרויסגעטראָגענעם אורטייל ? אַזוי לאַנג װי איך בין אין לעפּאַרטאָװאָ איז דער װעג צו די קעלערס נישט פֿאַרמאַכט פֿאַר מיר. אין מײַן אָפּגעשלאָסענעם קעמערל האָט מיך אָנגעהויבן אַלע מאָל מער באַאומרויִקן דער גורל פֿון די ייִדישע חברים. װוּ זענען זיי ? צי לעבן זיי נאָך ? ס׳איז אַ גאַנצער דור מסירת־נפשדיקע ייִדישע אַרבעטער־טוער, קולטור־טוער און פֿאַרשידענע גײַסט־מענטשן. אַ גאַנצער דור עלטערע און אויך נישט װייניק יונגע מענטשן, װאָס װערן פֿאַרניכטעט. פֿאַרװאָס ?! צוליב װאָס ?!

✶

ס׳איז אַװעק כמעט אַ יאָר װי כ׳האָב זיך דערװוּסט נײַעסן פֿון נאַטאַליאַ. אַ לאַנג, אַן אומענדלעך לאַנג יאָר. כ׳האָב אויפֿגעהערט צו ציילן די טעג, די חדשים. כ׳בין געהאָנגען אין אַ פּוסטן חלל װוּ דער באַגריף צײַט עקזיסטירט נישט. װאָלט איך מיך שפּעטער נישט דערװוּסט די גענויע דאַטע, װאָלט איך נישט געגלייבט, אַז ס׳איז אַװעק בלויז איין יאָר.

די דאַטע: יולי 1940. באַלד אינדערפֿרי האָב איך געפֿילט די שטיקנדיקע היץ. דורך דער נאַכט האָט זיך מײַן שטײַג נישט אָפּגעקילט. כ׳האָב אויסגעטרונקען די „קאַװע״ מיט איין שלונג געהאַלטן אין צופּן שטיקלעך פֿון דער ליימיקער פּיידע ברויט, װי די װעכטערין איז אַרײַן אין קאַמער מיט אירע טויטע טריט:

— מאַכט אײַער פּעקל! זײַט גרייט צו פֿאַרלאָזן די קאַמער!

— װוּהין ? װוּהין ?

די צװייטע פֿראַגע האָב איך אַרויסגעװאָרפֿן פֿון זיך, װען זי איז שוין געװען אין דער אָפֿענער טיר. כ׳האָב אָנגעהויבן פֿונאַנדערקלײַבן זיך אין אירע װערטער: „מאַכט אײַער פּעקל״. צו פֿירן מיך אין די קעלערס װאָלט זי נישט געהייסן מיר מאַכן דאָס פּעקל. אַהין נעמט מען נישט מיט קיין פּעקל. מסתמא עפּעס אַן אַנדער דערפֿינדונג. אפֿשר טוישט מען מיר די קאַמער ? אפֿשר שיקט מען מיך ?...

כ׳האָב נישט באַװיזן צו דערצײלן מײַנע טראַכטענישן ביזן סוף.

— קומט! נעמט אײַערע זאַכן!

מ׳האָט מיך אַרײַנגעפֿירט אין אַ האַלב־פֿינצטערן צימער. מ׳האָט מיך װידער פֿאָטאָגראַפֿירט, װידער אַראָפּגענומען די פֿינגער־צייכנס. אין אַ צװייטן, אין אַ ליכטיקן צימער האָט מען אויפֿגעמאַכט מײַן באַגאַזשל, אַלץ דורכגענישטערט.

אַ פרוי אין אַ ווײַסן פאַרטעך האָט זיך דערנענטערט צו מיר. כ׳האָב פאַרשטאַנען: אַן אָביסק איבער מײַן קרעפּער; קענטיק געווען, אַז זי אײַלט זיך; זי האָט מיך בלויז באַזוכט, באַטאַפּט פון אַלע זײַטן; נישט געהייסן זיך אויסטאָן.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ שעכטעלע?

— כ׳האָב אין דעם געהאַט באַקומען פון משפחה אַ פּעקעלע שפּײַז. מ׳האָט מיר דערלויבט דאָס שעכטל צו פאַרהאַלטן.

— ס׳איז נישט נייטיק עס מיטצונעמען אין וועג.

— ס׳איז מיר נייטיק, זייער נייטיק. ס׳דינט מיר ווי אַ כלי. מ׳קאָן אויך עפּעס אויסוואַשן אין שעכטל. לאָזט עס מיר. בײַם נאָר וואָס פריִערדיקן אָביסק האָט מען מיר עס געלאָזט.

אַ ווײַלע האָט זי געהאַלטן דאָס שעכטל אין האַנט, געשישובט זיך. צי צוליב דער אייַלעניש, צי ווײַל דער פריִערדיקער אָביסק האָט דאָס דורכגעלאָזט, זי האָט דאָס שעכטל צוגעוואָרפן צו מײַנע צעשאָטענע זאַכן.

— פּאַקט אײַך אײַן! שנעלער!

דערווײַל האָב איך מיך דערוווּסט פון איר, אַז איך לאָז מיך אין וועג. וווּהין האָב איך נאָך אַלץ נישט געוווּסט. אין אַן אַנדערער תפיסה, צי אין אַ לאַגער? דאָס נישט וויסן וואָס מען באַשטימט פאַר אײַך, וואָסער גורל עס דערוואַרט אײַך, מאַטערט שטאַרק. דערנידעריקט אויך. אויפן הויף האָט זיך דאָך דאָס געמיט אויסגעלײַטערט. ס׳איז מיר ליכטיק געוואָרן אין די אויגן. כ׳האָב דערזען איבער זיך אַ רחבותדיקן, בלויען הימל. די זון שטייט נאָך נידעריק, זי בריט נאָך נישט, נאָר זי צעשפּרייט שוין אַ שפע וואַרעמע שטראַלן. זי שיקט אירע שטראַלן אויך צו אונדז, די אַרעסטאַנטקעס. אויב די מאַכטהאָבערס דאָ וואָלטן זיי געקאָנט אָוועקנעמען פון אונדז, וואָלטן זיי מסתמא אָוועקגענומען. אָ, ווי לאַנג ס׳איז שוין ווי כ׳האָב נישט געזען אַזאַ הימל! ווי כ׳האָב נישט געזען די זון! אין מײַן „אָדינאָטשקע” איז פון זומער אַרײַנגעפלאָסן בלויז אַ היץ, וואָס האָט אָנגעהייצט די שטײַג אָן אַ ביסל לופט.

אויפן הויף האָב איך דערזען אין אַ ווינקל אַ גרופּע פרויען מיט אײַנגעפאַלענע באַקן און מיט טלומיקלעך אין די הענט. כ׳האָב אָנגעהויבן זוכן נאַטאַליאַ, איבערגעטראָגן די אויגן פון איין אַרעסטאַנטקע אויף דער אַנדערער. ניין, נאַטאַליאַ איז דאָ נישטאָ. וואָס פאַראַ שאָד! דאָס געמיט איז פאָרט לײַכטער. איך פאַרלאָז לעפאָרטאָוואָ. איך פאַרלאָז די שטײַג. איך בין שוין נישט אַליין. וווּהין אָבער פירט מען אונדז? נעבן מיר שטייט אַן עלטערע פרוי מיט אַ צעאַקערט פנים פון אַש־קאָליר. איז זי אַזוי אַלט אָדער איז זי דאָ פאַר צײַט אַזוי פאַרעלטערט געוואָרן? אפשר זעט מײַן פנים אויך אַזוי אויס? אויף די ליפּן פונעם

אײַנגעפּאַלענעם מויל באַווײַזט זיך אַ שמייכל. איך צאָל איר אָפּ מיט אַ שמייכל, פּרוּוו אַ פרעג טאָן:

— וווּהין פירט מען אונדז?

זי הייבט מיט די אַקסלען, מורמלט צו מיר שמייכלענדיק.

— מ׳ווייסט נישט. מסתמא נישט אין קיין תפיסה. מסתמא אין אַ לאַגער.

די באַקאַנטשאַפט איז געשלאָסן. מיר האַלטן זיך שוין צוזאַמען. מיר זענען ווי פאַרלוירענע קינדער, וואָס זוכן צו עמעצן זיך צוצוטוליען.

— צו פינף! אײַנשטעלן זיך צו פינף!

מיר האָבן נישט באַמערקט ווי די צוויי פאַרמאַכטע לאַסטאויטאָס האָבן זיך געעפנט. אַ צוויי צענדליק ציווילע, וועכטער אָדער באַאַמטע, מושטרירן אונדז, לאָדן אונדז אויף ווי סחורה. ס׳איז בעסער ווי אין די נישעס פון די „שוואַרצע קראָען". מיר האָבן אָבער נישט ווו זיך צו זעצן. ווער ס׳איז פלינקער פאַרכאַפּט אַן אָרט אויפן דיל, אַנדערע שטייען אין געדרענגעניש. דער לאַסטאויטאָ ווערט באַלד הערמעטיש פאַרמאַכט, פון ביידע זײַטן באַוואַכט. מיר ווייסן נישט דורך וואַנען מיר פאָרן און וווּהין מיר פאָרן. אין דער געדרענגעניש ווערט די לופט געדיכט. ס׳באַפאַלט אונדז די היץ. בײַ מיר רופט זיך גלײַך אָפּ אַ ברענענדיקער דורשט. דאָס גיט מיר דער דיאַבעט צו וויסן, אַז ער בושעוועט אין מיר.

— וווּהין פאָרן מיר?

קיין ענטפער קומט נישט. עטלעכע אַרעסטאַנטקעס ווערן דרײַסטער, העלפן אונטער דער עלטערער פרוי:

— וווּהין פירט איר אונדז? זאָגט אונדז וווּהין! מיר ווערן דערשטיקט.

— איר וועט נישט דערשטיקט ווערן. שטיל! פאַרבאָטן צו רעדן! מיר וועלן באַלד זײַן אויפן אָרט.

די עלטערע פרוי לאָזט זיך נישט אָפּשרעקן:

— ווו אויפן אָרט?

— שווײַגן! אויב איר ווילט נישט מ׳זאָל אײַך צוריקפירן אין קאַרצער...

מיר זענען שווײַגנדיקע אָנגעקומען אויף אַ הינטערשטאָטישן, וויסטן פעלד. אויף אַ זײַטיקער באַן־ליניע, וואָס איז אָפּנים פאַראייניקט מיט צענטראַלע באַן־ליניעס, איז געשטאַנען אַ פראַכטצוג. די עלטערע פרוי, וואָס האָט זיך געהאַלטן בײַ מײַן זײַט, האָט אויסגערופן:

— אַ סטאָליפּין־צוג! זעט, זעט, אין יענעם וואַגאָן האַלטן זיי אָנגעבונדן די דרעסירטע הינט. מ׳פירט אונדז אין אַ לאַגער. נאָר אין וועלכן?

טאַטיאַנאַ ניקאָלאַיעוונאַ האָט נאָך גוט געדענקט די צאַרישע פאַרפאָלגונגען פון נאָכן יאָר 1905, נאָכן דורכפאַל פון דער דעמאָלסטיקער רעוואָלוציע. די

פראַכטצוגן אין וועלכע מ׳האָט געפירט די אַרעסטירטע רעוואָלוציאָנערן אויף סיביר, אַנדערע פאַרשיקונגען, האָט מען גערופן אויפן נאָמען פון גרויזאַמען מיניסטער סטאָליפּין. אפשר זענען דאָס די זעלבע צוגן? אויב נישט די זעלבע צוגן, פּאַסט זיך אָבער צו זיי דער זעלבער נאָמען.

אין אַ האַלבן טוץ וואַגאָנען איז שוין געווען אויפגעלאָדן „לעבעדיקע סחורה״. ס׳איז געקומען אונדזער ריי. מ׳האָט אונדז באַפוילן זיך ווידער אויסצושטעלן צו פינף. ס׳מוז זײַן אָרדענונג. מ׳האָט יעדערער פון אונדז אונטערגעהויבן און אַרײַנגעשטופּט אין וואַגאָן. צו וויפל אין אַ וואַגאָן? ווער האָט געציילט? מיר זענען געווען מיד, דורשטיק, דערשוויצט. די זון איז געשטאַנען כמעט אין זעניט. פון הימל האָט געשאָטן אַ פײַער. ווי גיך אַ וואַגאָן איז געוואָרן אָנגעפּולט, האָט מען פאַרמאַכט, באַפעסטיקט די טיר מיט אַן אײַזערנער שטאַבע.

— לופט! לופט! לאָזט אָפן, מיר ווערן דערשטיקט. מיר זענען דורשטיק. וואַסער, וואַסער!

אונדזערע מידע הענט האָבן געזעצט אין דער הערמעטיש־פאַרמאַכטער טיר פון וואַגאָן. מיר האָבן דערהערט ווי אונדזערע באַגלייטער לויפן אַרום ווי פאַרסמטע מײַז. ס׳האָט זיך דערהערט אַ בילן, אַ האַווקען פון הינט, אַ סקריפּע פון דער אײַזערנער שטאַבע. די טיר פון וואַגאָן האָט זיך אַ ביסל פונאַנדערגערוקט. די הינט זענען געשפרונגען צו דער שמאָלער עפענונג, גרייט צו וואַרפן זיך אויף אונדז. אַ מיטליאָריקע, אויסגעדאַרטע פרוי האָט זיך היסטעריש צעשריִען:

— הינט, הינט, זיי רייצן זיי אָן אויף אונדז, זיי ווילן אונדז צערײַסן!

אין דער עפענונג האָט זיך באַוויזן אַ רויט פּנים פון אַ באַגלייטער, ער האָט געסיקעט פון כעס:

— אויב איר וועט נישט אויפהערן זיך בונטעווען, ווילן מיר אַרײַנלאָזן צו אײַך די הינט; איר... איר וועט גיין אין קאַרצער. דאָ אויך פאַראַן אַ קאַרצער. זײַט שטיל, וועט איר אין אַ שעה אַרום באַקומען וואַסער און עסן.

די שמאָלע עפענונג האָט ער פאַרט געלאָזט.

דער צוג הייבט אָן גיין, אַלע מאָל גיכער. די רעדער קלאַפּן און אַלע רעדן צוזאַמען. ס׳דוכט מיר, אַז מ׳רעדט נישט נאָר צווישן זיך, נאָר אויך צו זיך אַליין. מ׳איז אויסגעהונגערט זיך אויסצורעדן, אויסצודערציילן, צו דערוויסן זיך עפּעס וואָס. אָבער די מידקייט באַפאַלט אונדז אַלע מאָל מער. מיר זענען דורשטיק, דערשוויצט. די קליידער קלעפּן זיך צום לײַב. מ׳ציט אַראָפּ די שמוציקע קליידער. די און יענע בלײַבט אין העמד, אַנדערע אין די מײַטקעס. פון לײַב רינט אַ שמוציקער שווייס. מיר לייגן זיך פונאַנדער אויף די באַרעס, צוגעפּעסטיקטע איינע איבער דער אַנדערער, באַדעקטע מיט אַ ביסל שטרוי. ס׳איז שוין לײַכטער

זיך צו אָריענטירן וויפל מיר זענען דאָ. טאַטיאַנאַ ציילט עטלעכע מאָל; זי איז זיך יעדעס מאָל טועה. פּאַרט אַנגעציילט אַ קנאַפּע פופציק. די היסטערישע, מיטליאָריקע פרוי הייבט אָן קרעכצן. זי כאַפּט זיך אָן ביים בויך. ס׳דרייט איר אין די געדערים: שילשול. זי לויפט כסדר צו דער „פּאַראַשאַ״. די לופט אין וואַגאָן ווערט פאַרסמט. ס׳איבלט. איינע האַלט זיך ביי דער נאָז, אַן אַנדערער שטויסט צום ברעכן, נאָך אַנדערע ליגן אויף די נאַרעס פאַרחלשטע. איך שטיי ביי דעם שמאָלן שפּאַלט, זופּ מיט דער נאָז, מיטן מויל די לופט, דערקוויק דאָס אויג מיט אַ גרינעם בוים, מיט באַגראָזטן פעלד. האָב איך ווען געטראַכט, אַז אַ בוים, אַ גרין געוויקס, אַ גרעזל קאָן אַזוי דערקוויקן, שטאַרקן, העלפן אויסצוהאַלטן?

דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט. די טירן האָבן זיך מיט אַ סקריפּעריי אויפגעמאַכט. מ׳הייסט אַרויסטראָגן די „פּאַראַשעס״. אַרום פּוסט. ס׳זעט אויס, אַז מיר שטעלן זיך אָפּ דאָרט, ווו קיין מענטשלעך אויג קאָן נישט זען דעם אויסטערלישן טראַנספּאָרט. ביי יעדן וואַגאָן עטלעכע באַגלייטער מיט היגט. זיי פאַרהאַלטן זיך איצט אָנשטענדיק, די פיר־פיסיקע באַגלייטערס, בילן נישט, שפּרינגען נישט צו אונדז, זיי זעען אויס מענטשלעכער ווי די צוויי־פיסיקע באַגלייטערס. מיר דוכט זיך צומאָל, אַז אַ גרויסער, דרעסירטער, דייטשישער בערנאַרדינער האָט פאַרשנורעוועט דעם פּיסק מיט אַ שמייכל. אפשר לאַכט דער הונט גאָר אָפּ פון דער מענטשלעכער געפאַלנקייט? פון דער מענטשלעכער שאַנדע?

אַ צוויי־פיסיקער באַגלייטער, מסתמא דער קאָמאַנדיר פון דער עסקאָרט, האַלט פאַר אונדז אַ דרשה: מיר וועלן באַקומען דריי מאָל אין טאָג עסן, פאַרשטייט זיך, אַזוי ווי ס׳איז מעגלעך אין וועג. אינדערפרי וועט אפילו זיין געקאָכט וואַסער צו „קאַווע״. אַ צוגאָב אַ גלאָז וואַסער אַ טאָג. אויף מער וועט נישט סטאַיען. וועלן מיר זיך אויפפירן אָנשטענדיק, לויטן רעגולאַמין, וועט מען ביים אָפּשטעלן זיך אויף אַ פּוסטן פעלד עפענען די טירן. מ׳וועט אַפילו דערלויבן אַראָפּצוגיין פון וואַגאָן. דאַקעגן ווען מ׳פאָרט דורך אַ סטאַציע, אַ באַוווינט אָרט, מוזן די טירן זיין הערמעטיש פאַרמאַכט. ס׳איז דעמאָלט פאַרבאָטן צו רעדן, צו לאַכן, צו זינגען...

— פאַרבאָטן אויך צו וויינען? — האָט טאַטיאַנאַ שטיל געפרעגט.

— ס׳מוז זיין שטיל! אַבסאָלוטע שטילקייט!

מיר האָבן באַקומען דעם מיטאָג־„מאַלציַיט״: געטריקנטע שטיקלעך פיש, ברויט און אַ טעפּעלע וואַסער. אויף אָוונט האָט מען אונדז צוגעזאָגט אַ דעליקאַטעס: אַ זופּ. כ׳האָב פון אָוונט־„מאַלציַיט״ אַראָפּגעשלונגען קוים עטלעכע לעפל. דאָס איבעריקע אָפּגעגעבן טאַטיאַנען. ס׳איז מיר נאָך די געטריקנטע פיש באַפאַלן אַ ברענענדיקער דורשט. דער דורשט האָט אַלע טעג און נעכט פון דער רייזע

אויסגעבערענט מיר די געדערים. אַ פֿײַער האָט זיך אָנגעצונדן אין מיר, געברענט אינעווייניק און ס׳איז נישט געווען מיט וואָס אים צו לעשן. כ׳בין געלעגן אויף דער אונטערשטער נאַרע אַ פֿאַרשׂרפֿעטע, מיט פֿאַרברענטע ליפּן, מיט אַ בריִענדיקן ווייטיק אין די פּיס. ס׳האָט זיך מיר געדוכט די פּיס מײַנע ווערן שווערע קלעצער, כ׳וועל זיי נישט קאָנען רירן. כ׳האָב געפּרוווט אַ באַוועג טאָן מיט אַ פֿוס און געמוזט רעזיגנירן. אין קאָפּ האָט געררוישט ווי אין אַ מיל. אַ ווייטיק האָט געהאַקט אין די שלייפֿן. מײַן נײַע, אָקאָרשטיקע פֿרײַנדין, טאַטיאַנאַ ניקאָלאַיעווונאַ איז געזעסן נעבן מיר אויף דער נאַרע, געקוקט אויף מיר מיט צעשראָקענע אויגן און געפּרוווט מיך טרייסטן:

— ס׳וועט קומען די נאַכט וועט קיל ווערן. איר וועט אײַנשלאָפֿן. כ׳וועל דאָך רופֿן אונדזער דאָקטער.

— פֿאַראַן דאָ אַ דאָקטער?

— פֿאַראַן, פֿאַראַן דאָ אַלע סאָרטן געלערנטע מענטשן. אַ דאָקטער אויך. אַ יונגע. מ׳האָט איר נישט געלאָזט קיין סך צײַט אויף פּראַקטיצירן.

טאַטיאַנאַ איז אַוועק צו דער צווייטער זײַט וואַגאָן, אַראָפּגעשלעפּט פֿון דער אויבערשטער, דריטער נאַרע די ייִנגסטע צווישן אונדז, זאָפּיאַ איוואַנאָוונאַ, אָדער ווי זי האָט זי גערופֿן, זאָפּיטשקע, און געבראַכט זי צו מיר. אַ בלייך, בלאָנד מיידל מיט קינדערשע אויגן און אַ צעקנייטשט פּנים. די העל־בלויע אויגן פּאַסן זיך נישט צו די טונקעלע ראָמען אונטער זיי, צו די פֿריצײַטיקע קנייטשן אויפֿן פּנים. זאָפּיטשקע לייגט צו די האַנט צו מײַן שטערן, נעמט אין האַנט מײַן פּולס, שטעלט אַ דיאַגנאָז:

— הויכער פֿיבער. איר לײַדט אויף דיאַבעט?

— יאָ. מיר ברענט אינעווייניק. כ׳בין זייער דורשטיק.

ווען דער צוג שטעלט זיך אָפּ, פּוילט זיך נישט טאַטיאַנאַ, קלאַפּט מיטן גאַנצן כּוח אין טיר:

וואַסער! וואַסער! פֿאַר אַ קראַנקער. מ׳דאַרף ראַטעווען אַ קראַנקע!

זאָפּיטשקע קומט איר צו הילף. זי זעצט מיט די קליינע פֿויסטן אין דער פֿאַרמאַכטער וואַגאָן־טיר. די טיר רוקט זיך לסוף פֿונאַנדער. ס׳באַווײַזט זיך דער עלטסטער מיט אַ הונט אויף אַ רימען.

— אַ בונט? אַ קאָנטררעוואָלוציאָנערער בונט? דאָ אויך פֿאַראַן אַן איזאָלאַטאָר.

מ׳ווײַזט אים אָן אויף מיר: הויכע טעמפּעראַטור; אַ דיאַבעטיקערין, מ׳דאַרף געבן צו טרינקען. אויב ס׳זענען נישטאָ קיין מעדיקאַמענטן, זאָל זײַן וואַסער. ער צישעט אַרויס דורך די ציין ווי אַ שלאַנג:

— מיט דער־אָ האָט מען שטענדיק צוממיינסטן צרות.

— מיר זענען אַלע אַזעלכע. מיר פֿאָדערן וואַסער פֿאַר דער קראַנקער! פֿאַר אַלע!

אויסגעשריִען האָט דאָס טאַטיאַנאַ. די אַרעסטאַנטקעס זענען פֿאַרשטומט געוואָרן, געוואָנדן די צעשראָקענע אויגן צו טאַטיאַנאַ, צום קאָמאַנדיר מיטן הונט. דער קאָמאַנדיר האָט אַרויסגעהאַוקעט אַ דראָונג צו טאַטיאַנען און אַוועק. די אײַזערנע טיר האָט זיך פֿאַרקלאַפּט. די אַרעסטאַנטקעס אויף די נאַרעס האָבן זיך אויף רעכט צערעדט, קאָמענטירט די געשעעניש:

— מ׳דאַרף זיי נישט פּראָוואָצירן; זיי זענען אויף אַלץ פֿעיִק, קאָנען פֿאַר־מאַכן אין וואַגאָן־קאַרצער, קאָנען אָנרייצן די הינט אויף אונדז.

— זאָל מען לאָזן אויסגיין אַ קראַנקע פֿון דורשט? מיר זענען אַלע דורשטיק. מ׳דאַרף פֿאָדערן וואַסער פֿאַר אַלע.

— פֿאַרוואָס פֿאָדערט איר אַליין נישט? פֿאַרוואָס האָט איר געשוויגן?

— זיי וועלן סײַווי קיין וואַסער נישט ברענגען, זיי האָבן אויסגערעכנט אויף איין גלאָז אין טאָג.

טאַטיאַנאַ האָט זיך נישט אָפּגערופֿן. זי איז געזעסן מיט זאָפּיטשקען נעבן מיר. אויף מײַן נאַרע. אין וואַגאָן איז שטיל. די פֿרויען דרימלען, אָדער ליגן פֿאַרשמאַכטע. די היץ אין פֿאַרמאַכטן וואַגאָן שטײַגט. די אײַזערנע ווענט זענען אָנגעגליט. זאָפּיטשקע, אַ באַרוועסע, אין אונטערוועש, סאָפּעט שטיל. זי לייגט ווידער צו די האַנט צו מײַן שטערן און חזרט איבער:

— אַ הויכע טעמפּעראַטור, אָבער אויך פֿון דער היץ.

— ווי אַלט זענט איר, זאָפּיטשקע?

— 28 יאָר, נאָר איך זע מסתמא אויס...

טאַטיאַנאַ העלפֿט איר אַרויס:

— אַלציינס ווי דו זעסט איצט אויס, נאָר סײַווי דאַרף מען צו דײַנע יאָרן צוגעבן דאָס יאָר בוטירקי, וואָס איז גלײַך ווייביקסטנס צו צען יאָר און דאָס יאָר לעפֿאָרטאָוואָ, וואָס מיינט אַ 15 יאָר.

זאָפּיטשקע לאַכט. ווען זי לאַכט דערקענט מען ווי דער סקאָרבוט מאַכט אַן אַ חורבן אין אירע ציין.

— זע איך אויס אויף איבער 50 יאָר, נישט אמת?

טאַטיאַנאַ האָט אויפֿגעמאַכט דאָס מויל, געקליבן זיך איר צו ענטפֿערן, אָבער די שווערע טיר פֿון וואַגאָן האָט אַ שטאַרקן סקריפּע געטאָן. ס׳האָט זיך באַוויזן אַ וועכטער, אָן אַ פֿיר־פֿיסיקן היטער:

— וועלכע איז די...? אָט איז וואַסער פֿאַר איר.

— זי האָט אַ נאָמען, די קראַנקע.

ס'האָט זיך ווידער אָפּגערופֿן טאַטיאַנאַ. צי דער אויפֿזעער האָט יאָ אָדער נישט דערהערט, ער איז אַוועק. באַלד דערנאָך האָט דער צוג מיט דער לעבעדיקער סחורה זיך געלאָזט אין וועג. זאָפּיטשקע איז געוואָרן באַלעבאָסטע איבערן קענדעלע וואַסער, נישט געלאָזט מיר אויסטרינקען מיט איין מאָל, צוגעטיילט מיר קלײנע פּאָרציעס, וואָס האָבן נאָר צײַטווײַליק געלאָשן אַ ביסל דאָס פֿײַער, וואָס האָט געברענט אין מיר. דאָס ביסל קילקייט פֿון דער נאַכט האָט נישט געבראַכט קיין פֿאַרלײַכטערונג. אינדערפֿרי האָב איך מיך אַרומגעזען, אַז מײַנע פֿיס זענען אויפֿגעבלאָזן, באַדעקט מיט טונקל פּיאָלעטענע, צעגאָסענע פֿלעקן. כ'האָב באַנומען, אַז כ'בין כמעט געליימט. צו דער „פּאַראַשאַ" האָבן אַ סך טעג טאַטיאַנאַ אָדער זאָפּיטשקע געמוזט מיך צופֿירן. דערנאָך... דערנאָך... כ'ווייס נישט וואָס ס'איז לסוף מיט מיר פֿאָרגעקומען. כ'בין צו זיך געקומען אין לאַגער־שפּיטאָל, אין קאַראַגאַנדינסקאַיאַ אָבלאַסט. דאָקטער זאָפּיאַ איוואַנאָוונאַ איז אַהער נישט דערפֿאָרן. מ'האָט זי אַראָפּגענומען מיט אַנדערע אויף אַ טראַנזיט־פּונקט, געשיקט מסתמא דאָרט, ווו מ'האָט זיך גענייטיקט אין אַ דאָקטער. טאַטיאַנאַ האָט געוואַכט איבער מיר ביז אין לאַגער־שפּיטאָל. פֿון איר האָב איך מיך דערוווּסט, אַז כ'האָב אויף דער וואַגאָן־נאַרע גערעדט פֿון היץ. טיילמאָל לעפּעטשעט, טיילמאָל אויסגעטענהט זיך מיט די מושלים, אַרײַנגעזאָגט זיי אין דער זיבעטער ריפּ. אַ נס וואָס זיי האָבן דאָס נישט געהערט. ס'וואָלט געוואָרן דערפֿון אַ נײַע „דיעלאָ". דאָס אַלץ האָט מיר אין אַ זונטיקדיקן טאָג, ווען מען טרײַבט נישט צו דער אַרבעט, טאַטיאַנאַ איבערגעגעבן, אין לאַגער־שפּיטאָל. טאַטיאַנאַ, טײַערע טאַטיאַנאַ, דו, אַזאַ דרײַסטע, אַזאַ ענערגישע, האָסט אויס־געהאַלטן בלויז קוים פֿיר חדשים אין לאַגער. כ'האָב געזען ווי סערגיי מלאך־המוות האָט דיך אין אַ פֿראָסטיקן דעצעמבער־טאָג אַרויסגעפֿירט, ווי אַ בינטל האָלץ צוגעוואָרפֿן דיך צו אַנדערע מתים. כ'האָב געוואָלט דיך באַגלייטן און נישט געקאָנט, נישט געטאָרט. באַגלייט דיך בלויז מיט די אויגן פֿון דער ווײַטנס. און דו, זאָפּיטשקע, ווו ביסטו איצט? פֿירסט זיכער אויס די שווערע אַרבעט פֿון אַ דאָקטער צווישן געפֿײַניקטע. טראָגסט אויף דײַנע יונגע פּלייצעס מער לאַסט און אחריות ווי דו האָסט מעגלעכקייטן צו לינדערן די מענטשלעכע לײַדן. דו, זאָפּיטשקע, ביסט אָבער יונג, כאָטש לויט טאַטיאַנען איז דיר צוגעקומען טאָפּלט יאָרן; וועסט אויסהאַלטן, אָבער נישט איך. איך וועל דיך שוין נישט זען.

וואָס איז דאָס אַזעלכעס דער מענטש? דער מין מענטש? אַזאַ פֿראַגע האָבן נישט איין מאָל געשטעלט פֿילאָזאָפֿן, פּסיכאָלאָגן, אַנדערע דענקער. האָבן געזוכט צו פֿאַרשטיין, צו דערגרונטעווען זיך צו דער רעטעניש. אין די היגע תּפֿיסות, אין אַן אָנגעפּראָפּטן פֿראַכטצוג בעת אַ זומערדיקער היץ, אין אַ היגן לאַגער

דערשיינט אין זײַן גאַנצער נאַקעטקייט, פּילזײַטיקייט דער „ענין מענטש". איז ער דער צוממיינסטן גרויזאַמער בעל־חי, ווי ער דערשײַנט נישט איין מאָל? זאָל דאָס באַדײַטן, אַז אין בעל־חי, וואָס מען רופט מענטש, ליגט טיף אינערלעך דאָס שלעכטס? אַז דער מיקראָב פון בייז שטעקט אין דער מענטשלעכער טבע אַזוי, אַז ס'איז גענוג ס'זאָלן אַנטשטיין באַדינגונגען זיי זאָלן אַרויסרופן די חולאת פון היטלערישער רציחה און רישעות? אָבער האָבן מיר דען נישט געזען ווי אין דער זעלבער צײַט, ווען דער מענטש קאָן זינקען אין טיפער געפאַלנקייט ביז פאַרלירן פולשטענדיק דעם גײַסטיקן און מאָראַלישן צלם אלוקים, קאָן אויך דער מענטש אין די שווערסטע באַדינגונגען זיך דערהייבן צו די העכסטע הייכן פון נאָבלקייט? אין דעם אָפּגרונט פון רציחה האָב איך דאָך אַליין מיך באַגעגנט מיט אַזאַ הויכער דערהויבנקייט, מסירת־נפשדיקייט, טיפער מענטשלעכקייט.

*

...כ'בין געלעגן אין שפּיטאָל־בעטל, דאָ, אין קאַראַגאַנדער לאַגער, און נישט געקאָנט זיך פונאַנדערקלײַבן פון וואַנען כ'האָב זיך אַהער גענומען. ווי אַזוי האָב איך אַהער אַרײַנגעטראָפן? פאַר מיר איז געשטאַנען אַ הויכער, אײַנגעבויגענער, מיטליאָריקער מאַן אין אַ ווײַסן פאַרטעך און געמורמלט צו מיר:

— מאַריאַ יאַקאָוולעוונאַ, איר זענט אַרויס פונעם קריזיס, פון אַ שווערער קראַנקייט. מאַריאַ יאַקאָוולעוונאַ, איך בין דאָקטער קאַלעמבערג. צי דערמאָנט איר זיך איליאַ קאַלעמבערג? יאָסל, יאָסעלע קאַלעמבערג פון מינסק? צי דערמאָנט איר זיך דאָס יונגוואַרג, וואָס האָט אײַך פאַרערט?

אין רוישיקן קאָפּ, אין אָפּגעטעמפּטן זכרון דורך דער קראַנקייט, האָבן אָנגעהויבן דורכשוועבן אַנונגען, ברעקלעך דערינערונגען: קאַלעמבערג, יאָסעלע קאַלעמבערג... דאָס יונגוואַרג... געגרייט זיי פאַר אַ נײַער וועלט...

— מאַריאַ יאַקאָוולעוונאַ, איך פלעג איבערטראָגן אײַערע מאַנוסקריפּטן אין דער געהיימער דרוקערײַ. דעמאָלט אַ יונג ייִנגל געווען.

— וווּ איז דאָס געווען?

— אין מינסק. שוין זייער לאַנג.

— ווי הייסט איר?

— קאַלעמבערג. הײַנט דאָקטער קאַלעמבערג. מ'האָט מיך אַמאָל גערופן יאָסעלע. יאָסעלע קאַלעמבערג. מײַן שוועסטער חנה, אַננאַ קאַלעמבערג.

אַ דערמאָנונג האָט ראַפּטעם אָנגעקלאַפּט אין מוח, ווי אַ שטיינדל אין שויב: חנהלע קאַלעמבערג, יאָסעלע קאַלעמבערג... יאָ, יאָ, איך דערמאָן מיך. דאָס זענט איר?!

— דאָס בין איך, מאַריאַ יאַקאָוולעוונאַ. כ'האָב אײַך געהאַט געשריבן, ווען כ'האָב געענדיקט מעדיצין.

— איר, דאָקטער קאָלעמבערג, דאָ? גאָט מײַנער, ווער וואָלט זיך געריכט?!

— איך האָב מיך אויך נישט געריכט צו האָבן אײַך דאָ פֿאַר אַ פּאַציענטקע. ווען נישט אײַער אויפֿגעשריבענער נאָמען וואָלט איך נישט געוווּסט, נישט אָריענטירט זיך, אַז דאָס זענט איר.

— שוין לאַנג ווי איך בין דאָ?

— זינט קרוב צוויי וואָכן. זינט מ'האָט אײַך אַהער געבראַכט זענט איר מײַן פּאַציענטקע.

זייענע אַ פּאַציענטקע בין איך געוואָרן אַ שטענדיקע. דאָקטער קאָלעמבערג האָט עטלעכע וואָכן אײַנגעלייגט וועלטן, געקעמפֿט ווי אַ לייב מיך צו שטעלן אויף די פֿיס. ער איז געוואָרן מײַן דאָקטער, מײַן איבערגעגעבענער פֿרײַנד, מײַן באַשיצער, מײַן פֿאַרטרויאונגס־מאַן. ער אײנער ווייסט וועגן מײַן ריזיקאַלישער אונטערנעמונג צו שרײַבן די בלעטלעך פֿון מײַן לעבן. אין אים איז אויך די האָפֿענונג מײַן ווידוי זאָל דערגיין צו די לעבעדיקע. נאָך דעם ווי טאַטיאַנאַ האָט אין דער שטיל אויסגעהויכט די נשמה, האָב איך דעם דאָקטער איבערגעגעבן דאָס, וואָס מען זאָגט אין באַראַק:

— „פֿון דאַנען גייט מען נישט אַרויס, פֿון דאַנען טראָגט מען אַרויס". איר וועט אַרויסגיין, איר זענט אַן אַרצט, איר וועט אַלץ איבערקומען. איז מײַן הייסער באַגער, אַז ווען איר וועט אַרויסגיין, זאָלט איר מיטנעמען מײַנע בלעטלעך. זאָגט עס מיר צו.

— מאַריאַ יאַקאָוולעוונאַ, איך וועל אַלץ טאָן איר זאָלט אויך אַרויס פֿון דאַנען, נאָר מיטצונעמען אײַערע בלעטלעך, אויב ס'וועט נאָר זײַן די מינדסטע מעגלעכקייט, זאָג איך אײַך צו. ביז אונדזער אורטייל וועט זיך ענדיקן, קאָן זיך נאָך אַ סך ענדערן אין לאַנד, אויף דער וועלט.

דאָקטער קאָלעמבערג איז אַן אָפּטימיסט. ער וואַרט אויף ענדערונגען. ער איז אָבער אַן אַרצט און ווייסט, אַז איך וועל אין לאַגער קיין סך יאָרן נישט אויסהאַלטן. ווער נאָך ווי ער ווייסט ווי די קראַנקייט גייט פֿאָרויס? ווער נאָך ווי ער ווייסט וואָס פֿאַראַ חורבה איך בין, וואָס קאָן זיך יעדן טאָג אײַנברעכן?

— מאַריאַ יאַקאָוולעוונאַ, אין דער מעדיצין געשען צײַטנווײַז נישט פֿאָרויס־געזעענע זאַכן. פֿאַראַן מענטשן, וואָס בדרך הטבע, לויט די דיאַגנאָזן פֿון דער מעדיצין, זענען זיי פֿון לאַנג פֿאַרמישפּעט, און זיי לעבן ווײַטער. איך זע דאָס דער עיקר דאָ. וואָלט איך געווען אַ גלויביקער, וואָלט איך געזאָגט: עס געשען

נסים. איך זאָג: פֿאַראַן גוטע סורפּריזן. פֿאַרוואָס זאָל מיט אײַך נישט געשען אַ גוטער סורפּריז?

איך גלייב נישט אין נסים. נישט אין מעדיציניִשע סורפּריזן. איך ווייס: כ׳וועל קיין סך יאָרן אין לאַגער נישט אויסהאַלטן. ביז הײַנט האָט מיר געהאָלפֿן אויסהאַלטן מײַן שטאַרקער ווילן, די מסירת־נפֿשדיקייט פֿון צופּעליק באַגעגנטע, איבערגעגעבענע מענטשן. דאָקטער קאַלעמבערגס מסירת־נפֿשדיקייט איז נישט גענוג געווען מיך צו האַלטן לענגער אין שפּיטאָל. כ׳האָב געמוזט אַ קראַנקע פֿאַרלאָזן דעם לאַגער־שפּיטאָל. די אַנדראָנאָוואַ איז אומעטום. זי האַלט אויף אַלץ אַן אויג. אויך אין שפּיטאָל האָט זי מער צו זאָגן ווי דער דאָקטער.

— ווי לאַנג וועט איר זיך צאַצקען מיט דער נײַער אַרעסטאַנטקע? ווי לאַנג איז דער שיעור? איר זאָגט ז׳איז אַן אינוואַליד? אוממעגלעך זי זאָל גיין צו דער אַרבעט? פֿאַרפֿאַלן. מ׳וועט אפֿשר געפֿינען פֿאַר איר עפּעס אַ לײַכטע אַרבעט אויפֿן אָרט. ז׳וועט אפֿשר פֿאַרטרעטן דעם צווייטן האַלבן טאָג די דניעוואַלנאַיאַ נאָך דעם ווי יענע רוימט אויף דעם באַראַק. זאָל זי נאָר נישט פֿאַרנעמען אַזוי לאַנג אַ בעטל אין דער באָלניצע. איר אָרט איז אין באַראַק! די באָלניצע איז נישט קיין האָטעל!

נאָך אַ טאָג אויפֿשטיין פֿון שפּיטאָל־בעטל בין איך אַרויס אין לאַגער כ׳האָב זיך געלערנט גיין. די געשוואָלענע פֿיס זענען אָפּגעוווינט געווען פֿון באַוועגן זיך. כ׳האָב געטראָטן לאַנגזאַם מיט וואַקלענדיקע טריט, ווי אַ קינד, וואָס הייבט אָן צו גיין. ס׳האָט מיר צוגעגליקט: דער סוף אויגוסט־טאָג אַ מילדער, דער הימל אַ ווײַסבלויער, אַ הויכער. כ׳האָב אויפֿגעהויבן די אויגן צו אים. אַזאַ ברייטער הימל! אַזוי פֿיל לויטערקייט! איך ווער פֿון איר פֿאַרבלענדט. נאָך קאַרגע דרײַ יאָר זײַן פֿאַרשפּאַרט אין אַ שטײַג צו דערזען אַזאַ רחבֿותדיקן הימל. כ׳האָב מיך אַרומגעקוקט: ווײַט מחוץ די פֿאַרצוימונגען מיט שטעכל־דראָטן ברייטע שטחים, נאָך גרינע ערד, דאָ און דאָרט איז די ערד געל. די זומערדיקע, גליִענדיקע זון האָט, זעט אויס, אויסגעברענט דאָס גראָז, די געוויקסן; דאָ און דאָרט קוסטעס. אַרום און אַרום אומענדלעכער סטעפּ. אַ ווילדע נאַטור. זי פֿאַנגט דאָס אויג. מײַנע בליקן וואַנדערן העט ווײַט, צו די ווײַטע, ברייטע שטחים, צו די ווילדע געוויקסן. ס׳כאַפּט מיך אַרום אַ בענקשאַפֿט. פֿון קינדווײַז אָן האָב איך ליב געהאַט מיט גרויסער ליבשאַפֿט די נאַטור, איר אורשפּרינגלעכקייט, רחבֿות־דיקייט. כ׳האָב אַמאָל געטרוימט צו זען דעם סטעפּ. כ׳האָב נאָך אין יענעם מאָמענט נישט געוווּסט, נישט באַגריפֿן ווי אַזוי דער סטעפּ דאָ איז געוואָרן דאָס אָרט פֿון קאַטאָרזשנער האָראָוואַניע, וואָס צאַפּט אויס דאָס לעצטע ביסל כּוחות פֿון מענטשן, פֿאַרקירצט זיי די יאָרן. כ׳האָב נאָך רעכט נישט געהאַט באַנומען,

אַז די רויע ערד דאָ איז דורכגעווייקט מיט מענטשלעכע טרערן, אַז זי ווערט פאַרזייט מיט הונדערטער טויזנטער קרבנות. דער דאָקטער האָט מיר, וואָס אַן אמת, געגעבן אין דער שטיל אָנצוהערן, אָנבייגנדיק זיך צו מיר אויפן בעטל, כמעט אויפן אויער מיר אײַנגערוימט:

— מאַריאַ יאַקאָוולעוונאַ, דער סטעפּ דאָ האָט אַ פּרוכטבאַרע ערד, גרויסע אוצרות אין אירע אינגעווייד, דאָס אַלץ וואָלט געקאָנט ברענגען גרויסע שפע ווען מ׳וואָלט דאָס באַאַרבעט מענטשלעך, מיט שכל, מיט פאַרשטאַנד, דורך פרײַע מענטשן און נישט מיט שקלאַפן.

דאָך בין איך אין יענעם ערשטן מאָמענט, ווען כ׳האָב זיך געפונען אונטערן פרײַען, רחבותדיקן הימל באַרוישט געוואָרן פונעם ווײַטן אַרום. ס׳האָט מיך געצויגן צום פעלד. ווי גוט וואָלט געווען צו וואַנדערן, אָנצוזעטיקן דאָס אויג מיט דער ווילדער שיינקייט, מיט דער לויטערקייט פונעם ברייטן הימל! ווען ס׳וואָלט נישט געווען קיין פאַרצוימונג פון שטעכל־דראָטן, וואָלט איך אַפילו מיט די געשוואָלענע פיס געפּרוווט אַ שפּאַן טאָן אַ ביסל. כ׳האָב געקוקט אַרום זיך און דערזען אַלע מאָל מער ווי די פאַרצוימונגען, די וואַכטורעמס פאַרמאַכן פאַר מיר גאָטס וועלט, זיי פאַרשפּאַרן דעם מענטש ווי אַ ווילדע חיה אין אַ שטײַג. איך בין ווי אַ קראַנק פייגעלע, וואָס מ׳האָט לאַנג געהאַלטן געפאַנגען אין אַן ענג שטײַגל און וואָס מ׳האָט אַרויסגעלאָזט מיט שטאַרק צעבראָכענע פליגלען אין אַ פאַרמאַכטן אָרט. איך קאָן קוים אויסמעסטן אַ ביסל דעם אַרומגעצוימטן שטח.

פון דעם ווילדן, שיינעם אַרום האָבן מײַנע בליקן זיך איבערגעטראָגן צו די צעוואָרפענע באַראַקן, פונאַנדערגעשפּרייטע, גרויע, צעכראַסטעטע. פון דער ווײַטנס האָבן זיי מיר אויסגעזען ווי צעוואַקסענע, אויפגעבלאָזענע ראָפּוכעס, וואָס האָבן דעם קאָליר פון בלאָטע. כ׳האָב אָנגעהויבן זוכן דעם נומער דרײַצן. דאָס דאַרף זײַן מײַן באַראַק. כ׳בין געוואָרן אַבערגלויביבעריש. ווען די אַנדראָנאָוואַ האָט מיר געזאָגט, אַז דער באַראַק נומער דרײַצן איז מײַנער, האָב איך מיך דער־מאָנט ווי בײַ ייִדן אין מינסק האָט מען דעם נומער דרײַצן געהאַלטן פאַר אַ נישט־מזלדיקן. כ׳וואָלט צופרידן געווען מײַן באַראַק זאָל טראָגן אַן אַנדער נומער... כ׳האָב מיך געשלעפּט אויף די געשוואָלענע פיס צווישן די באַראַקן, געקוקט אויף די נומערן. אָט איז דער נומער דרײַצן. אַן אָפּגעזונדערטער באַראַק, אַ זײַטיקער. איך גיב אַ שטופּ די טיר און בין אינעווייניק. ס׳הענגען זיך גלײַך אָן אין מיר אַ פּאָר וואַסערדיקע, אומהיימלעכע אויגן. כ׳האָב פריִער דערבליקט די אויגן, גיכער דערפילט זיי אויף זיך, דערנאָך ערשט דערזען די געשטאַלט. אַ פרוי אָן אַן עלטער, אין אַ משונהדיקן הולך. אַ פּנים אַ פינצטערס, אַן ערנסט, אָבער מיט קענטיקן נײַגיר.

— איר זענט דאָס די נײַע? פון שפּיטאָל?
— די נײַע. און איר?
— איך בין הײַנט די דניעוואַלנאַיאַ.
— דניעוואַלנאַיאַ?
— די וואָס בלײַבט צו רייניקן אינדערפרי דעם באַראַק, דערנאָך אים צו היטן.
— איר, יעדן טאָג?
— אַהאַ, ס׳וואָלט געווען צו גוט פאַר מיר. יעדן טאָג אַן אַנדערע פון באַראַק. מ׳זעט איר זענט אַ פרישע. אַן אַכט און פופציקער?
— אַן אַכט און פופציקער. און איר?
— דער טשאָרט ווייסט זיי! קיינמאָל זיך נישט פאַרנומען מיט פּאָליטיק. נאָר סײַווי ווער איך פאַררעכנט צו די „קאָנטראַקי״. איר ווייסט נישט וואָס דאָס איז? קאָנטערעוואָלוציאָנערן. נײַן, נישט פאַרנומען זיך מיט פּאָליטיק. כ׳קום אָפּ פאַר „באָלטאָוואַניע״, פאַר נישט האַלטן די ציין צווישן דער צונג. צופּיל געפּלאַפּלט.

אַז זי איז אַ פּלאַפּלערין דערקענט מען גלײַך. צום גליק אײַלט זי זיך. די אַנדראָנאָוואַ האָט איר אָנגעזאָגט צו קומען אויסוואַשן די דילן. די דילן זענען איר פּערדל; אין ביוראָ, אין קיך מוזן זיי זײַן יעדן טאָג ריין אויסגעוואַשן, אַפילו ווען ס׳איז אין דרויסן אַ בלאָטע און ס׳טראָגט זיך באַלד אָן. צוצוהיטן דעם באַראַק, פאַרלאָזט זי זיך אויף מיר. כ׳בלײַב אַליין. קוק מיך אַרום. ס׳באַפאַלט מיך גלײַך אַ גרויסער אומעט. אַ לענגלעכע, גרויסע שאָפּע. בײַ די ווענט דרײַ־גאָרנדיקע, הילצערנע נאַרעס. אויף זיי אָנגעוואָרפענע שמאַטעס. אין דער מיטן באַראַק — אַ בײַכיקער, אײַזערנער אויוון בײַ וועלכן מען טריקנט נאָך דער אַרבעט די שמאַטענע מלבושים, צו וועלכן מען שטופּט זיך אָנצוואַרעמען די פאַרפרוירע־נע פיס. דעמאָלט, בײַ מײַן אָנקום, איז דער אויוון געשטאַנען אַ קאַלטער, אַ פאַרלאָזענער.

אין דרויסן איז זוניק, וואַרעם, דאָ, אין באַראַק, איז דעמערדיק, קאַלט. כ׳האָב לײַכט אָפּגעפונען מײַן נאַרע. די אַנדראָנאָוואַ האָט געהאַלטן וואָרט: זי איז אין דער נידער. אין מײַן שלאַבעריקייט וועל איך נישט דאַרפן מיך דראַפּן אין דער הייך. איך זעץ מיך צו אויף דער נאַרע, רו מיך אָפּ, כאַפּ נאָך אַמאָל אַרום מיטן אויג דעם אומעטיקן באַראַק, וואָס זעט אויס ווי אַ משונהדיקער לאַזאַרעט, און אײַל מיך אונטער צו זײַן וואָס גיכער צוריק אין דרויסן אונטערן לויטערן, אויס־געבענקטן הימל. איך קוק און קוק, קאָן מיך צו דער זעט נישט אָנקוקן. אַלץ איז פאַר מיר אַזוי נײַ. אויסטערליש און נײַ. אַזוי אַנדערש ווי ביז איצט, אין די תפיסות. מײַנע בליקן הערן נישט אויף צו וואַנדערן אין דער ווײַט.

קיין סך שפּאַנען אויף מײַנע געשוואָלענע פיס האָב איך נישט געקאָנט. כ׳בין אויך געווען אָפּגעוווינט פון באַוועגן זיך, פון גיין. בין איך געשטאַנען צווישן די באַראַקן און געקוקט, געקוקט, ווי דאָס אויג וואָלט מיט איין מאָל געוואָלט אַלץ אַרײַננעמען אין זיך. מײַנע בליקן האָבן זיך איבערגעטראָגן דאָ און דאָרט. וואָס איז דאָרטן? אין דער אָפּגעזונדערטקייט? זאָל דאָרט זײַן אַ בודע פאַר הינט? אַזאַ פאַרמאַכטע בודע? אַזאַ גרויסע? איך דערנענטער מיך אַ ביסל. ס׳זעט אויס ווי אַ קליינטשיקער באַראַקל, נאָר אָן אַ פענצטער. צי איז דאָס נישט אַמאָל אַ קאַרצער? זאָל איך צוגיין נענטער זען? דער נײַגיר טרײַבט, אָבער די פיס זאָגן אָפּ. געגנוג פאַרן ערשטן מאָל! כ׳קער מיך אום צום באַראַק נומער דרײַצן. דער טאָג הייבט אָן אָפּטרעטן דאָס אָרט פאַרן ערב־אָוונט. די דעמערונג אין באַראַק ווערט אַלע מאָל געדיכטער. מײַן ערשטער שפּאַציר צווישן די באַראַקן האָט מיך שטאַרק פאַרמאַטערט. כ׳האָב מיך צוגעלייגט אויף מײַן נאַרע. אַ דערשעפטע, אַ פאַרשיכורטע פון דער דרויסנדיקער לופט בין איך אײַנגעשלאָפן.

ס׳האָט געדונערט. די ווענט האָבן זיך געטרײַסלט. עמעצער האָט מיך אויפ־געהויבן אין דער הייך. כ׳האָב אָנגעהויבן פאַלן, אַראָפּפאַלן. כ׳בין אַראָפּגעפאַלן אויף אַ שטיינערנעם דיל, צעקלאַפּט די קראַנקע פיס. איצט איז אַ סוף צו מיר! כ׳וועל שוין אין גאַנצן נישט קאָנען גיין. העלפט מיר זיך אויפהייבן! העלפט מיר גיין! כ׳וויל גיין!

כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט. לעבן מיר איז געשטאַנען טאַטיאַנאַ, געטרײַסלט מיך פאַרן אָרעם, געוועקט מיך:

— שטייט אויף! מ׳דאַרף גיין עסן די זופּ. איר האָט זיכער געהאַט אַ שלעכטן חלום. שטייט אויף.

— זי וועט אונדז נישט לאָזן שלאָפן! זי שרײַט פון שלאָף. מ׳דאַרף בעטן די אַנדראָנאָוונאַ זי זאָל זי אַרײַנגעבן אין אַן אַנדער באַראַק. מ׳דאַרף נאָך הײַנט.

— זי וועט זײַן אין דעם באַראַק! דאָ בין איך און דאָ וועט זי זײַן, איר הערט?

טאַטיאַנאַ האָט דאָס געזאָגט מיט אַזאַ טאָן און אַזוי קאַטעגאָריש, אַז די שיסל־לעקערקע, די ערשטע, וואָס כ׳האָב דאָ באַגעגנט, האָט זיך מער נישט אָפּגערופן.

כ׳האָב זיך אויפגעזעצט, אויסגעריבן די אויגן. ערשט איצט דערזען ווי טאַטיאַנאַ האָט זיך געענדערט. די פריִערדיקע קנייטשן טיפער אײַנגעשניטן, די באַקן אײַנגעפאַלן, די שוואַרצע האָר אין וועלכע ס׳זענען געווען בלויז זילבערנע פעדים, זעען אויס ווי באַשאָטן מיט גרויעם אַש. אויף די אַנטקעגנאיבערדיקע

נאַרעס זיצן אַ צוויי צענדליק שקלאַפן־פּרויען; זיי זענען גלײַכגילטיק צו מיר, דער נײַער, זעען אויס ווי זיי וואָלטן געזעסן אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם. אַנדערע פּאָרען זיך אַרום זייערע שמאַטעס. בײַ אייניגע זענען די פּנימער רויט, אָנגעדראָלן, בײַ אַנדערע די באַקן טיף אײַנגעפאַלן, בײַ דער און יענער אויף דער אָנגעדראָ־לענער הויט שוואַרצע פלעקן ווי די בראַנד־פלעקן אויף מײַנע הענט פון די ציגאַרעטן־ברייען. בײַ איינע די אויגן גלײַענדיקע, בײַ אַנדערע אויסגעלאָשענע. די קליידער בײַ אַלע שמוציק, צעקנאָדערט, צעריסן, בײַ אייניקע הענגען אַראָפּ צויטן. אין וואָסער עלטער קאָנען זיי זײַן? זייער מיזערנער אויסזען לאָזט נישט דערקענען די אמתדיקע עלטער. זיי זענען אַלע אַלט אָן יאָרן.

— וואָס זענען די שוואַרצע פלעקן אויפן פּנים? אַזאַ הויט־קראַנקייט?

טאַטיאַנאַ שמייכלט טרויעריק, ענטפערט שטיל:

— פון פראָסט. פאַרגאַנגענעם ווינטער געווען איבער 40 גראַד אונטער זעראָ. דער גרעסטער טייל פון זיי האָבן אָפּגעפרוירענע פינגער בײַ די פיס. איך האָב דאָס נאָך נישט פאַרזוכט. אויב איך וועל דערלעבן... וועל איך עס פאַרזוכן.

ס'ווערט מיר טאָפּלט קאַלעמוטנע אויפן האַרצן. איך שעם מיך פאַר זיי. איך שעם מיך פאַר זיך גופא. איך וועל דאָ זײַן פּריווילעגירט: איך וועל נישט גיין צו דער קאַטאָרזשנער אַרבעט אויפן בויפּלאַץ, אָדער צו דער „סניעגאָזאַ־דערזשאַניע", אונטער פראָסט און שנײַדנדיקן ווינט צונויפנעמען דעם שניי אין האַרטע בערגלעך צו קאַנאַליזירן אין פרילינג דאָס וואַסער. איך וועל נישט געצוווּנגען זײַן צו אַנדערע איבערמענטשלעכע האַרעוואַניעס, וועל נישט געפּלאָגט זײַן צו מאַכן די נאַרמע, צו מאַרשירן אונטער אַ קאָנוואָי, באַגלייט מיט הינט, אַ וואָסערע אַכט־נײַן קילאָמעטער הין און צוריק, ווי די קראַנקע האָבן מיר דערציילט אין שפּיטאָל. וואָס טאָן כדי נישט אויסצוקומען לכל הפחות אין זייערע אויגן ווי אַ פּריווילעגירטע?

טאַטיאַנאַ האָט מיר איבערגעריסן די שווערע מחשבות:

— חברה, מיר גייען עסן, מיר ווילן דערנאָך זיך לייגן שלאָפן און לענאַ איז אין איזאָלאַטאָר, אין קאַרצער. אפשר גייען מיר אַלע צו דער אַנדראָנאָוואַ?

— ס'וועט גאָרנישט העלפן. ס'איז נישט קאַלט, זי וועט איבערקומען די נאַכט.

— די אַנדראָנאָוואַ וועט זאָגן, אַז ס'איז אַ קאָנטררעוואָלוציאָנערער בונט.

— איר, טאַטיאַנאַ, זענט דאָ אַ קורצע צײַט, אַ גרינע, איר ווייסט נישט מיט וואָס מיר קאָנען אָפּשנײַדן.

ס'הערן זיך נאָך עטלעכע הייזעריקע, נישט דײַטלעכע שטימען. טאַטיאַנאַ ענטפערט נישט. זי בייגט זיך אָן צו מיר, רעדט שטיל ווי זי וואָלט מיר אײַנגע־רוימט אַ סוד:

— פאַר זיי אַלע בין איך אַ גרינגע, אָן דערפאַרונג, זיי קענען בעסער פון מיר די היגע פּאַראַנדקעס.

— וואָס איז געשען מיט דער, ווי הייסט זי? מיט דער לענאַ?

— לענאַ איז אַ פּיאַניסטין. אירע פינגער זענען אויסגעאיבט צו קלאַפּן אויף די קלאַווישן, אָבער נישט צו האַלטן אין די הענט אַ שווערע לאָפּאַטע, אָנצוגיין מיט אַ זעג, דערצו אַ טעמפּע. זי מאַכט זעלטן ווען די נאָרמע. זינט אַ צוויי וואָכן בלויז 25—30 פּראָצענט. פון אָנהייב באַקומען נאָר אַ פאַרקלענערטע פּײַקע, אַ „שטראַפנאָי" פּאַיאָק. דער בריגאַדיר, כאָטש אַ געוועזענער גנב, האָט אַוועקגע־קוקט. דער „דיעסאַטניק", וואָס האָט די אויפזיכט איבער דער אַרבעט, אַ הונט מיט אויערן, וויל פון גאָרנישט וויסן. הײַנט איז ער אַרויס מיט לשון, מיט זייער גאַנצן אַרסענאַל: זי מאַכט סאַבאָטאַזש, קאָנטררעוואָלוציאָנערע טעטיקייט צו געבן אַנדערע אַ בײַשפּיל. וואָס האָט ער אַלץ נישט אויסגערעכנט? לענאַ האָט אים אָפּגעענטפערט, געהייסן אים אַליין נעמען די קירקע. זי באַצאָלט דערפאַר מיט קאַרצער. פאַראַן דאָ אַזאַ פינצטער באַראַקל, ווו די באַשטראָפטע בלײַבן אויף אַ האַרטער נאַרע, אויף ברויט מיט וואַסער. פון דער אַרבעט האָט מען זי אַהין אַרײַנגעפירט. מ'זאָל זי כאָטש נישט לאָזן אויף איבערמאָרגן, זונטיק, ווען מ'גייט נישט צו דער אַרבעט. ס'איז אַ טאָג ווען מ'קאָן אָפּכאַפּן דעם אָטעם, זיך אַרומ־וואַשן, עפּעס אויסוואַשן.

כ'האָב זיך דערמאָנט אין דעם קליינטשיקן באַראַקל, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ גרויסע בודע פאַר הינט. ס'איז מיר ווידער באַפאַלן אַ חרפּה פאַר זייער פּײַן, פאַר זייערע עינויים. צי האָט מיר ווען אין אַ בייזן חלום געקאָנט עפּעס אַזעלכעס חלומען? מיר האָבן געגעסן דעם אָוונט־„מאָלצײַט", די „באַלאַנדאַ", אין דער שטיל, ווי יעדערע וואָלט געוועןן אַרײַנגעטאָן בלויז אין דעם וואָס זי האָט אין דעם שיסעלע, אין דעם שטיקל פּאַיאָק, וואָס זי האָט געלאָזט אויפן אָוונט. אין מײַן מוח האָבן זיך געקרייצט געדאַנקען ווי שאַרפע שפּיזן. דאָס געפיל צו זײַן צווישן זיי אַלע אַ פּריווילעגירטע האָט מיך געדריקט. איך, אסתר פרומקין, בין דאָ צווישן זיי פאַרט אויף בעסערע באַדינגונגען. כ'האָב דאָ געפונען אַ געוועזענעם תלמיד מײַנעם, דעם הײַנטיקן לאַגער־דאָקטער, וואָס נעמט זיך אָן פאַר מיר, זאָרגט פאַר מיר, וואַכט איבער מײַן רויִנירטן געזונט. אמת, ער האָט נישט קיין אינסולין צו מײַן שווערער דיאַבעט־קראַנקייט, קיין רפואות צו מײַנע קראַנקע, געשוואָלענע פיס, אָבער ער באַשיצט ווי נאָר ער קאָן. איך וועל נישט פאַרמוטשעט ווערן פון דער שווערער האַרעוואַניע ווי זיי אַלע. וועלן זיי נישט קוקן אויף מיר ווי אויף אַ פּריווילעגירטער?

✶

...ס׳איז דורך אַ וואָך זינט כ׳האָב באַשריבן מײַן ערשטן טאָג אין לאַגער אויף אייגענע פּיס, נאָכן אַרויסגיין פון לאַגער־שפּיטאָל. בײַנאַכט, די ערשטע נאַכט אויף דער באַראַק־נאַרע, האָט אויסגעבראָכן אַ שטורעם. ס׳איז אַראָפּ אַ רעגן. אינדערפרי איז די ערד געווען דורכגעווייקט. אַ פײַכטע קעלט האָט אָנגעזאָגט דעם פריִען ווינטער. לענאַ איז זונטיק אַרויס פון קאַרצער. אין באַראַק האָט מען געזאָגט, אַז זי איז אָפּגעקומען מיט אַ קליינער שטראָף. אָבער איר פּנים איז געווען פינצטער, דאָס אײַנגעפאַלענע מויל פאַרשלאָסן. די אויגן האָבן געפלאַמט פון צאָרן.

זי איז מײַן שכנטע, לענאַ. אויף דער צווייטער נאַרע איבער מיר. די דריטע נאַרע האָט דעמאָלט פאַרנומען טאַטיאַנאַ. לענאַ האָט מיר דעמאָלט, בײַ אונדזער ערשטער באַקאַנטשאַפט, געזאָגט: „פון דאַנען גייט מען נישט אַרויס, פון דאַנען טראָגט מען אַרויס״. שפּעטער האָט זי מיר דאָס נישט איין מאָל איבערגעחזרט. דעמאָלט איז געווען ערב ווינטער 1940. הײַנט איז ערב פרילינג 1941. די צײַט האָט אָנגעהויבן בײַ מיר זיך רוקן שנעל. איך דאַרף מיך אײַלן און קאָן נישט מער. זינט אַ וואָך־צײַט נישט געקאָנט זיך נעמען צום שרײַבן. הײַנט אויך שווער. די האַנט טרײַסלט זיך בײַ מיר. פון אונטער דעם בלײַפעדער קומען אַרויס קאַטשערעס און לאַפּעטעס. די טרײַסלעניש מאַכט אַ תל פון מײַן דראָבנער שריפט, אַ סוף פון דער עקאָנאָמיע אין פּאַפּיר. זאָל דאָס זײַן אַן אָנהייב פון אַ נײַער קראַנקייט? אָדער אַ קאָמפּליקאַציע פון דער דיאַבעט־קראַנקייט? ס׳באַפאַלט מיך אַ נײַע שרעק. צי איז דאָס די שרעק נישט צו קאָנען פאַרענדיקן, אָדער די מורא פאַר אַ נײַער קראַנקייט? מסתמאביידע. נישט צו באַגרײַפן: איך ווייס פון לאַנג ווי עס האַלט מיט מײַן געזונט, איך ווייס, אַז כ׳וועל לאַנג נישט אויסהאַלטן און דאָך שרעקט מיך יעדער סימן פון פאַרערגערונג.

*

...מיר ווערט אַלע מאָל שווערער צו נעמען דעם בלײַפעדער אין האַנט. אַוועק די „גוטע״ צײַט ווען כ׳האָב געקאָנט זיצן שעהען־לאַנג פאַרשטעקט אין מײַן באַראַק און שרײַבן, פאַרשרײַבן אין איין אָטעם. ס׳איז אַפּריל. אַרום איז נאָך אַ ווײַסע וועלט, כאָטש דער פראָסט לאָזט שוין נאָך אַ ביסל. כ׳האָב גערעכנט ביזן אָנקומען פון פרילינג צו פאַרענדיקן די כראָניק פון מײַן לעבן. ער איז זייער אַ שפּעטער דער פרילינג דאָ. מײַנע גורל־שכנטעס בעטן אויפן זומער. איך בעט ס׳זאָל זיך נאָך פאַרציִען דער ערב־פרילינג. כ׳האָב נאָך אַ סך צו פאַרצייכענען, צו דערציילן. ס׳קומט מיר ווידער אויפן זינען דאָס רוסישע שפּריכוואָרט: אַ חיה לאָזט די פעל נאָך זיך, אַ מענטש באַגערט צו לאָזן נאָך זיך אַ

נאָמען, אַ וואָרט. איך באַגער צו לאָזן מער ווי אַ וואָרט. אפשר וועלן די בלעטלעך פֿון מײַן לעבן דינען ווי אַ לערע? איז עס דען נישט מײַן חוב? וועלן אָבער די פֿראַגמענטן פֿון מײַן לעבן דערגיין צו די לעבעדיקע?

די האַנט טרײַסלט זיך הײַנט אַלע מאָל מער. די קניִען ציטערן. איך פֿיל איצט אַ קאַלטן שווייס אויף מײַן לײַב. צי סקריפּעט נישט ערגעץ־ווו דער שניי אונטער פֿיס? מיר דוכט ס'הערט זיך פֿון דער ווײַטנס אַן אָפּהילך פֿון טריט. די דניעוואַלנאַיאַ? די אַנדראַנאָוואַ? מ'דאַרף איבעררײַסן...

## ביכער פון זעלבן מחבר

1. **עסייען און סקיצן** (ליטעראַטור־קריטיק)
פאַרלאַג „יידיש בוך", וואַרשע 1965.

2. **פון הײנט און נעכטן** (נאָוועלן)
פאַרלאַג „יידיש בוך", וואַרשע 1965.

3. **נאָכן מבול** (ראָמאַן), פרעמירט דורכן „יעקב ווייסליץ־פאָנד
פאַר ליטעראַטור, קונסט און יידישער מחשבה".
„יידיש בוך", וואַרשע 1967.

4. **אָפגעריסענע צווייגן** (נאָוועלן)
פאַריז 1970.

5. **צווישן שטורעמס** (ראָמאַן)
פאַרלאַג „פרײַנדשאַפט", בוענאָס איירעס 1974 ;

6. **אין גאַנג פון צייט** (עסייען — שאַפערס און שאַפונג)
פאַריז 1976.

7. **פון ווייט און נאָענט** (נאָוועלן און דראַמאַטורגישע סקיצע
וועגן יאַנוש קאָרטשאַק — „דער לעצטער טאָג"), פרעמירט דורכן
„פערנאַנדאָ כענאַ־פאָנד" אין מעקסיקע.
פאַריז 1978.

### אין דער פוילישער שפּראַך

8. **דאָס וויעטנאַמישע פאָלק אין קאַמף** (עסייען)
פאַרלאַג „קזשאַנזשקאַ אי וויעדזאַ", וואַרשע 1954.

9. **יידישע ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין פראַנקרייך** (עסיי).
פאַרלאַג „דאָם קזשאַנזשקי", וואַרשע 1960.

### איבערזעצונגען דערשינענע אין בוך־פאָרם

10. **בריוו פון טויטן־הויז** פון עטל און יוליוס ראָזענבערג.
„יידיש בוך", וואַרשע 1953.

11. **דער וועג צום הימל** (אויסגעווײלטע ווערק פון אַדאָלף רודניצקי,
פאַרזען מיט אַ גרעסערער אָפּהאַנדלונג וועגן דער שאַפונג פונעם
שרייבער).
פאַרלאַג „יידיש בוך", וואַרשע 1962.

## פאַרלאַג „ישׂראל־בוך"

### הילפספאַנד פאַר יידיש־שאַפונגען

### לעצטנס דערשינענע ביכער


אברהם סוצקעווער / דאָרט ווו עס נעכטיקן די שטערן, דערציילונגען.
ציַיכענונגען: יאַני פּײַן

הירש אשעראָוויטש / בלויע בומעראַנגען, לידער און פּאָעמעס

חיים זעלצער / שאָטנס אין מדבר, לידער און באַלאַדן

דב סדן / טויערן און טירן, עסייען און עטיודן

דאָרע טייטלבוים / ביים טויער פון מעת־לעתן, לידער

דוד ספארד / שפּאַצירן אין דער נאַכט, לידער

ישראל אייזענבערג / פאַרוואָס גראָד איך?

מ. אליצקי / לידער פון פריער און פון איצט

משה שטאַרקמאַן / געקליבענע שריפטן, בוך 2, צוזאַמענגעשטעלט: י. צ. שאַרגעל

שלמה שנהוד / לידער פון הייליקן עפּלפעלד. ציַיכענונגען: פנחס שער

ישעיהו שפּיגל / געשטאַלטן און פּראָפילן — עסייען. באַנד צוויי

חנה שליט / אין שטענדיקן צאַפּל, לידער

מנוחה ראָם / שטיינער, ח"י דערציילונגען

שרה שבת / פון היים צו היים, לידער

יעקב צבי שאַרגעל / קוואַלן אַרום געצעלט — צווישן שרייבער און ווערק.
בוך צוויי.

יצחק יאַנאַסאָוויטש / אברהם סוצקעווער זײַן ליד און זײַן פּראָזע

יעקב י. מייטלים / פון ווײַטן אַמאָל ביזן היינט, פאָרשונגען און עסייען

הדסה רובין / אין צוגווינט, לידער.

הירש אשעראָוויטש / ביים עץ הדעת, לידער.

עלי שעכטמאַן / רינגען אויף דער נשמה — ערשטער און צווייטער בוך

חיים זעלצער / זיבן פון איין שיף — באַלאַדעס און באַלאַדיש

דב סדן / צווישן ווײַט און נאָענט — עסייען, שטודיעס, בריוו

משה יונגמאַן / מײַן טאַטנס פּרנסות — ליד און באַלאַדע

אסיא / ניט קיין אַלבאַטראָס — לידער

אברהם סוצקעווער / פון אַלטע און יונגע כתב־ידן.

רבקה באַסמאַן / צעשאָטענע קרעלן, לידער. הילע און פּאָרטרעט: מולא בן־חיים